# סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## חֵלֶק י׳

## אִידִישׁ

שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע בְּרִיוְון גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, פוּל מִיט הִתְחַזְּקוּת וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם קֶען זוֹכֶה זַיין מַצְלִיחַ צוּ זַיין אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וֶועלְכֶע מַצָּב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, מִיט עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת אוֹיפְ'ן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן,

אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵינוּ וְרַבֵּנוּ

**רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, וּכְתוּבִים,

אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא

אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ


אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב

עִיר הַקֹּדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם תובב"א

מכון עצתו אמונה

הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
### וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
### בארא פארק
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
### בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
### מאנסי
**34 Union Rd.**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
### ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
### בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

## קרן הדפסה
## היכל הקודש

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

סדר ועימוד, כריכה ושערים:
**א.י.ש. אשדוד**
08-8650078
0527627127

# לְזֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה צַדִּיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרֵב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"ת - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וְהֵפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֶה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

## רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטֹּאקַאי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקַטִּיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א

וזוגתו

**אסתר גיטל** תחי',

וילדיהם

**שלמה ומשפ',**

**אלחנן חיים ומשפ',**

**מרים העניא זיסל ומשפ',**

**שמעון ומשפ',**

**נחמן נתן, יצחק דוד, צבי, רחל לאה,**

**יוסף, מנחם, יחזקאל, מלכה**

הקדוש ברוך הוא ימלא

את כל משאלות לבם לטובה

ויתברכו מפי אל עליון

בבני חיי ומזוני רויחי

ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם,

אמן כן יהי רצון

# אַ וָוארְט פוּן דִי אַרוֹיסְגֶעבֶּער

מִיר קֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן גְרוֹיסְן צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, צוּ בַּאלַייכְטְן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן עֵצוֹת. וָואס מִיט זֵיי קֶען יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם, פוּנֶעם קְלֶענְסְטְן בִּיזְ'ן גְרֶעסְטְן, זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּקוּמֶען צוּ דִי מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען נָאר צוּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שנ"ח): "מִיט יֶעדֶע תּוֹרָה אָדֶער שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ זָאג, קֶען מֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַזוֹי וִוי אִיךְ וֵוייס וָואס עֶס מֵיינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", וַוייל יֶעדֶע תּוֹרָה אוּן שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען צוּנִיץ קוּמֶען סַיי פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס עֶר קֶען פוּן דֶעם אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין מַדְרֵיגָה; אוּן עֶס קֶען אוֹיךְ צוּנִיץ קוּמֶען פַארְ'ן נִידְרִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ, עֶס וֶועט אִים אוֹיךְ וַוייזְן אַ וֶועג אִין זַיין מַצָב, וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ר"ט) אַז דִי אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, זֶענֶען נִישְׁט גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן נָאר פַאר זַיין דוֹר, נָאר אוֹיךְ פַאר דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת. אוּן דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן עֵצוֹת אוֹיךְ פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ עַד סוֹף כָּל הַדוֹרוֹת. אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם) מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים ד, ט) "וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ" - "אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטָאן!"

נָאךְ דִי הִסְתַּלְּקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט זַיין בַּאלִיבְּטֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִיךְ וַוייטֶער מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט דִי הֵיילִיגֶע לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, עֶר פְלֶעגְט אַרוּמְפָארְן אוּן רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אוּן מְחַדֵשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אַלֶעס נָאר גֶעבּוֹיעֶט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת, וָואס פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וַוייטֶער אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין עִיקָר צִיל אִין לֶעבְּן. זַיין מִיה אוּן פְּלָאג אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט, בָּרוּךְ ה', נָאר דוּרְךְ אִים אִיז גֶעבְּלִיבְּן דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶס וֶוערְט וַוייטֶער צוּשְׁפְּרֵייט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אוּן בְּרִיוו וָואס זֶענֶען מְחַיֶ' אוּן מְחַזֵק הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶענְטֶער אִידְן אִיבֶּער אַלֶע עֶקְן וֶועלְט. דִי סְפָרִים זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל, זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אִין וֶועלְכֶע מַצָּב עֶר זָאל נָאר זַיין, אוּן אִים אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אִים מְחַיֶ' אוּן מְחַזֵק זַיין, אַז עֶר קֶען נָאךְ אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען אִין יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַ שִׂמְחַת הַחַיִּים, אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, מֶען זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיט גֶעשְׁמַאק, צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מְקַיֵים זַיין זַיינֶע מִצְוֹת מִיט פְרֵייד.

אִין דֶעם בִּיטֶערְן טָאג י"ז שְׁבַט תשע"ה לפ"ק, הָאבְּן מִיר פַארְלוֹירְן דִי גְרוֹיסֶע אֲבֵידָה שֶׁאֵין לָהּ תְּמוּרָה, וֶוען כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן לְחַיֵי הָעוֹלָם הַבָּא. מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן מוֹהֲרָא"שׁ, דָאס אִיז אַ בִּיטֶערֶע אֲבֵידָה וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שִׁיעוּר... 

לִמּוּדִים מִיט וָואס מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער שְׁטַארְקְן אוּן אָנְגֵיין, מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן מִיט דֶעם, מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער פִירְן אִין דִי וֶועגְן וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוּן דַאן וֶועט זַיין אַזוֹי וִוי עֶר לֶעבְּט נָאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אַז דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק לִיגְט אִין זַיינֶע סְפָרִים, אוֹיב לֶערְנְט מֶען דִי סְפָרִים אוּן מֶען פְּרוּבִּירְט מְקַיֵים צוּ זַיין וָואס דָארְט שְׁטֵייט, דַאן אִיז דָאס אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק אִיז נָאךְ דָא צְוִוישְׁן אוּנְז.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת שְׁלוּחִין, הֲלָכָה ה', אוֹת י"א-י"ב) אוֹיף דֶעם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן (דְבָרִים ל"א, כ"ט) "כִּי יָדַעְתִּי אַחֲרֵי מוֹתִי כִּי הַשְׁחֵת תַּשְׁחִתוּן, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ אָפְּקֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְדֶעם וָואס עֶר וֶועט שְׁטַארְבְּן, זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י אַז מִיר זֶעעֶן דָאךְ אַז דִי אִידְן זֶענֶען יָא גֶעוֶוען ווָאויל אוּן עֶרְלִיךְ אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאר פוּן דֶעם לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס אַז וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד לֶעבְּט, אִיז דָאס נָאךְ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי לֶעבְּט. וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן הָאט גֶעלֶעבְּט, אִיז דָאס גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַלֵיין הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט. פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם רֶבִּי נָתָן וִוי אַזוֹי קֶען מֶען בִּכְלַל זָאגְן אַז אַ צַדִיק אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן? חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (בְּרָכוֹת י"ח.) "צַדִיקִים בְּמִיתָתָן נִקְרְאוּ חַיִים", אֲפִילוּ וֶוען אַ צַדִיק גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, אִיז עֶס נָאךְ אַזוֹי וִוי עֶר לֶעבְּט.

נָאר דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, קע"ד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְבָרִים ל"ד, ה') "וַיָמָת שָׁם מֹשֶׁה עֶבֶד ה'", וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן? נָאר בֶּאֱמֶת אִיז עֶר טַאקֶע נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאר בַּיי אוּנְז אִיז עֶס אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז בֶּאֱמֶת שְׁטַארְבְּט אַ צַדִיק קֵיינְמָאל נִישְׁט, זַיינֶע תּוֹרוֹת אוּן לִמּוּדִים בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג; נָאר אוֹיב מִיר לֶערְנֶען נִישְׁט זַיין תּוֹרָה, מִיר גֵייעֶן נִישְׁט אִין זַיינֶע וֶועגְן, דַאן אִיז עֶס אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן בַּיי אוּנְז. וִוי לַאנְג עֶס

לֶעבְּט אָבֶּער אַ תַּלְמִיד וָואס עֶר גֶעבְּט וַוייטֶער אִיבֶּער דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, עֶר אִיז מְעוֹרֵר אוּן מְחַזֵק אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן מִיט דִי לִמּוּדִים פוּנֶעם צַדִיק, דַאן לֶעבְּט דֶער צַדִיק וַוייטֶער בַּיי אוּנְז. אוּן דֶערִיבֶּער, וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן הָאט גֶעלֶעבְּט, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אוּן מְחַזֵק גֶעוֶוען דִי אִידְן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּ דֶעם וָואס משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אִיז דָאס גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נָאכְאַלְץ גֶעלֶעבְּט.

זָאגְט דָארְט וַוייטֶער רֶבִּי נָתָן אַז דָאס אִיז נִישְׁט נָאר גֶעוֶוען אִין יֶענֶעם דוֹר, נָאר דָאס גֵייט וַוייטֶער אָן בִּיז'ן הַיינְטִיגְן טָאג, אַז אֲפִילוּ וֶוען דֶער צַדִיק אִיז שׁוֹין אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אַז ס'אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן אֵיינְס אָדֶער מֶערֶערֶע תַּלְמִידִים פוּנֶעם צַדִיק, וָואס זֵיי הָאבְּן דֶעם כֹּחַ וַוייטֶער אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן דִי לִמּוּדִים פוּנֶעם צַדִיק. דִי אֱמֶת'עֶ תַּלְמִידִים פוּנֶעם צַדִיק, זֶענֶען אַזוֹי וִוי עֶר אַלֵיין (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ז'), אוּן וֶוען זֵיי גֶעבְּן וַוייטֶער אִיבֶּער דִי תּוֹרָה פוּנֶעם צַדִיק, אִיז דָאס אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק אִיז דָא מִיט אוּנְז, עֶר וֶועט נִתְלַבֵּשׁ אִין דֶעם תַּלְמִיד'ס דִיבּוּרִים, אוּן עֶס אִיז מַמָשׁ וִוי דֶער צַדִיק לֶעבְּט מִיט אוּנְז אוּן רֶעדְט צוּ אוּנְז, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת צ"ז:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ס"א, ה') "אָגוּרָה בְאָהָלְךָ עוֹלָמִים", אַז וֶוען מְ'זָאגְט נָאךְ אַ דְבַר הֲלָכָה פוּן אַ תַּלְמוּד חָכָם, רֶעדְן מִיט זַיינֶע לִיפְּן אִין קֶבֶר.

אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז אוֹיפְצוּזוּכְן דֶעם תַּלְמִיד וָואס קֶען אוּנְז אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי לִמּוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, וָואס קֶען אוּנְז וַוייטֶער מְחַזֵק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין צוּ זַיין צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת, מִיט דִי אַלֶע גֶעוַואלְדִיגֶע אוּן הֵיילִיגֶע עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

אִין יָאר תשס"ט לפ"ק אִיז גֶעעֶפְנְט גֶעוָוארְן דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה "יְשִׁיבָה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה", דוּרְכְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה הרה"ג מוה"ר יוֹאֵל רָאטְה שְׁלִיטָ"א,

דֶער תַּלְמִיד חָבִיב פוּן כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהַרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מִיטְ'ן צִיל אַז דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה זָאלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי לִמּוּדִים אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי מוֹהַרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

כָאטְשׁ וָואס אִין אָנְהוֹיבּ אִיז דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען פִילֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן, הָאט זִיךְ עֶס אָבֶּער צֶעוָואקְסְן אוֹיף גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פַארְנֶעם, נִישְׁט נָאר אִין דִי רַאמֶען פוּן דִי יְשִׁיבָה לֶעבְּן דִי בָּחוּרִים מִיט דִי לִמּוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, נָאר עֶס הָאט זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, פוּן אִיבֶּעראַל הֶערְט מֶען דִי דְרָשׁוֹת וָואס וֶוערְן גֶעזָאגְט אִין יְשִׁיבָה, טוֹיזְנְטֶער אִידְן אִיבֶּער דִי גָארֶער וֶועלְט שֶׁעפְּן הִתְחַזְקוּת פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע דְרָשׁוֹת. בַּיי דִי דְרָשׁוֹת זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּלוֹיז אִיבֶּער דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן לוֹיט וִוי מוֹהַרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, נָאר עֶר בְּרֶענְגְט עֶס מֶער אַרָאפּ אַז סְ'זָאל זַיין פַּאסִיג פַארְ'ן הַיינְטִיגְן דוֹר, מִיט דִי הַיינְטִיגֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁוֶוערִיקֵייטְן, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין יֶעדְן מַצָב, וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ קֶענֶען בַּאנוּצְן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אִין אוּנְזֶער הַיינְטִיגְן לֶעבְּן.

אַזוֹי וִוי דֶער נָאמֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז צֶעשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן אִיבֶּער דִי וֶועלְט, הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּמֶען בְּרִיוו פוּן אִיבֶּעראַל אָנְצוּפְרֶעגְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת, וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט מַצָבִים, מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דִי בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט הָאט זִיךְ אוֹיךְ גָאר שְׁטַארְק צֶעשְׁפְּרֵייט אוּן וֶוערְן גֶעלֵיינְט דוּרְךְ טוֹיזְנְטֶער אִידְן, וֶועלְכֶע גֶענִיסְן דֶערְפוּן גָאר אַסַאךְ הִתְחַזְקוּת אוּן הַדְרָכוֹת.

עֶס אִיז גְרוֹיס אוּנְזֶער פְרֵייד אַז מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף הָאבְּן מִיר צוּזַאמְגֶענוּמֶען דִי אַלֶע בְּרִיוו, אוּן עֶס אָפְּגֶעדְרוּקְט אוֹיף אַ שֵׁיינֶעם

פָּארְמַאט, אַז יֶעדֶער אִיד זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַיֶ' זַיין דֶערְמִיט. דֶער סֵפֶר וֶועט זִיכֶער אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוּן מְחַזֵק זַיין פִילֶע אִידִישֶע קִינְדֶער. מִיר הָאבְּן אוֹיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט דִי שְׁאֵלוֹת אוֹיף יֶעדְן בְּרִיוו, כְּדֵי מֶען זָאל בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין אוֹיף וָואס דִי תְּשׁוּבוֹת בַּאצִיעֶן זִיךְ. כָאטְשׁ וָואס דִי בְּרִיוְו זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן פַאר פְּרִיוַואטֶע מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶע בְּרִיוְו אִיז גֶעשְׁרִיבְּן לוֹיט דִי פְּרַאגֶע וָואס יֶענֶער הָאט אָנְגֶעפְרֶעגְט, אִיז עֶס אָבֶּער גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אוֹיף אַזַא וֶועג אַז יֶעדֶער אִיד וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַן עֶנְלִיכְן מַצָב זָאל קֶענֶען טְרֶעפְן זַיין עֵצָה אוּן הִילְף ווִי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין זַיין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, אַז דֶער סֵפֶר זָאל טוּן דִי רִיכְטִיגֶע פְּעוּלָה, אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגְן אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז יֶעדֶער זָאל ווִיסְן, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אוֹיף דֶער וֶועלְט קַיין שׁוּם עֵצָה, נָאר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען הָאט, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע סָארְט צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז מִיר וֶועלְן שׁוֹין בְּקָרוֹב גֵיין קֶעגְן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.

**הַמוֹצִיאִים לָאוֹר**

# תּוֹכֶן הָעִנְיָנִים


תתקסד וִוי אַזוֹי קֶען זִיךְ אַ מְלַמֵּד שְׁטַארְקְן אִין שְׁמִירַת הַזְּמַנִּים?.................... יז
תתקסה וָואס אִיז יָא דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים?.................... כב
תתקסו וִוי אַזוֹי לֶעשְׁט מֶען אַן עַיִן הָרָע?.................... כד
תתקסז וֶועט טֶערָאפִּי מִיר הֶעלְפְן אָדֶער נִישְׁט?.................... כז
תתקסח אִיז נָאךְ דָא אַ וֶועג פַאר מִיר צוּ הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן?.................... ל
תתקסט וִוי אַזוֹי טוּט מֶען תְּשׁוּבָה אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן בָּשָׂר בְּחָלָב?.................... לו
תתקע וָואס דַארְף אִיךְ טוּן וֶוען אִיךְ זֶע קִינְדֶער פִירְן זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ?.................... לח
תתקעא וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען אַכְטוּנְג אוֹיף צְנִיעוּת בַּיי דִי אַרְבֶּעט?.................... לט
תתקעב דַארְף אִיךְ נָאכְגֶעבְּן פַאר מַיין מַאן, נִישְׁט צוּ שֶׁערְן מַיין הָאר?.................... מב
תתקעג דִי עֵצוֹת הָאבְּן מִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט.................... מד
תתקעד מֶעג אַ פְרוֹי גֵיין מִיט דִי קָאלִיר רוֹיט?.................... מח
תתקעה וִוי אַזוֹי רֶעד אִיךְ צוּ מַיין בָּחוּר עֶר זָאל זִיךְ פִירְן הֵיילִיג?.................... נא
תתקעו וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען זִיךְ אַ חֵשֶׁק צוּ וֶועלְן לֶעבְּן?.................... נג
תתקעז קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ תְּפִלָּה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִיבֶּערְן יֵצֶר הָרָע?.................... נה
תתקעח הִתְבּוֹדְדוּת אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר מִיר, אִיז דָא נָאךְ עֶפֶּעס עֵצוֹת?.................... נז
תתקעט וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ גֶעבְּן קָאמְפְּלִימֶענְטְס, וֶוען אִיךְ דַארְף נָאךְ צוּקוּמֶען צוּ דֶעם?.................... סא
תתקפ מֶעג מֶען דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים?.................... סג
תתקפא אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר רֶעדְן פוּן זַאכְן אִין וָואס מַיין בָּחוּר דַארְף זִיךְ פַארְרֶעכְטְן?.................... סו
תתקפב זָאלְן מִיר זִיךְ צוּרִיק צִיעֶן קַיין אַמֶערִיקֶע?.................... סח
תתקפג דַארְף אִיךְ מוֹרָא הָאבְּן צוּ גֵיין הֶפָּצָה וַוייל עֶס קֶען מַאכְן מַחְלֹקֶת?.................... עא
תתקפד דַארְף אַ גְרוּשָׁה זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר?.................... עו
תתקפה וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן לָאזְן מִיר נִישְׁט הָאבְּן אַ כָּשֵׁר'עֶ סְמַארְטְפָאוֹן?.................... עח
תתקפו וָואס אִיז דֶער גֶדֶר פוּן "קַדֵּשׁ עַצְמְךָ בַּמֻּתָּר לָךְ"?.................... פא
תתקפז נָאכְן חַזֶר'ן אַזוֹי סַאךְ אֱמוּנָה, פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נָאךְ פְּחָדִים?.................... פו
תתקפח וֶוען אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן דִי מַאמֶע פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ?.................... צ

| | | |
|---|---|---|
| תתקפט | קֶענֶען אוֹיךְ פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן מְלַמֵּד זְכוּת אוֹיף אִידְן? | צד |
| תתקצ | פַּארְוָואס אִיז מֶען נָאכְאַלְץ אַזוֹי שְׁטַארְק קֶעגְן מוֹהֲרָא"שׁ? | צח |
| תתקצא | וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ זִיךְ מְסַדֵּר זַיין מִיט מַיינֶע שִׁעוּרִים? | קג |
| תתקצב | וָואס קֶענֶען מִיר טוּן גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער? | קט |
| תתקצג | וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מְכַבֵּד צוּ זַיין דִי וַוייבּ? | קיא |
| תתקצד | מֶעג מֶען נֶעמֶען הַשְׁקָפָה אוֹיךְ פוּן אַנְדֶערֶע סְפָרִים, נִישְׁט פוּן בְּרֶסְלֶב? | קיח |
| תתקצה | וֶועלְכֶע סָארְט מַעֲשִׂיּוֹת דֶערְצֵיילְט מֶען פַאר קִינְדֶער? | קכה |
| תתקצו | וֶועלְכֶע סִפְרֵי חֲקִירָה הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעלָאזְט לֶערְנֶען? | קלד |
| תתקצז | וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי גֵייעֶן אִין שׁוּלֶע? | קלו |
| תתקצח | וָואס טוּט מֶען וֶוען דֶער שָׁכֵן'ס קִינְד פִּירְט זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ מִיט מִיר? | קלט |
| תתקצט | אִיךְ הַאלְט מֶער נִישְׁט אוֹיס פוּן מַיין מַאן, וָואס טוּט מֶען? | קמא |
| תתר | קֶען אִיךְ אִיבֶּערְזָאגְן אַייעֶרֶע עֵצוֹת, אָן צוּ זָאגְן פוּן וואוּ אִיךְ נֶעם עֶס? | קמד |
| תתרא א | עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער מַכִּיר טוֹבָה צוּ זַיין, וָואס טוּ אִיךְ? | קמז |
| תתרב ב | קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן הַדְרָכוֹת אוֹיף מַיין חֲתֻנָּה? | קמט |
| תתרג ג | וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ וַוייטֶער אַרְבֶּעטְן אַז מַיין מַאן זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען? | קנא |
| תתרד ד | זָאל אִיךְ בַּאדִינֶען מַיין טַאטֶע, אָדֶער אִיז דָאס אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה? | קנו |
| תתרה ה | מִיט אַ גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה מוּז מֶען הָאבְּן אַ שְׁוֶוער לֶעבְּן? | קנט |
| תתרו ו | זַיין אַ גֶעטְרַייעֶ וַוייבּ | קסג |
| תתרז ז | וִויפִיל פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת זָאל אִיךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג? | קסו |
| תתרח ח | וִוי אַזוֹי הָאט מֶען כֹּחַ צוּ אַזוֹיפִיל קִינְדֶער? | קסט |
| תתרט ט | וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס גֵייט נִישְׁט אִין בֵּית הַכִּסֵּא אִין חֵדֶר? | קעב |
| תתרי י | וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען חֵשֶׁק פַאר אַ קִינְד צוּ בֶּענְטְשְׁן אוּן דַאוֶוענֶען? | קעד |
| תתריא יא | וֶועלְכֶע קָאפּ צוּדֶעק אִיז דִי מֶערְסְטֶע אוֹיסְגֶעהַאלְטְן פַאר אַ פְרוֹי? | קעז |
| תתריב יב | וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְפְרִישְׁן אַזוֹי וִוי אַמָאל? | קעט |
| תתריג יג | מֶעג אִיךְ אַבִּיסְל צוּפּוּצְן דִי בָּארְד? | קפג |
| תתריד יד | וִויפִיל דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן יוֹם הַמִּיתָה? | קפה |
| תתרטו טו | וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ בַּאקוּמֶען מֶער זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט? | קפז |
| תתרטז טז | וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּרִיקְצָאלְן פַארְן רֶבִּי'ן? | קצ |
| תתריז יז | הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט פוּן הֲפָצָה? | קצב |
| תתריח יח | וֶועלְכֶע מוּסָר סְפָרִים אִיז גוּט פַאר פְרוֹיעֶן? | קצד |
| תתריט יט | וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַאן אִיז נָאר פַארְנוּמֶען צוּ הֶערְן נֵייעֶס? | קצו |

תתרכ כ קֶענֶען מִיר נִישְׁט וֶוערְן וִוי דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים?........................קצט

תתרכא כא וִוי אַזוֹי קֶען מֶען עֶנְטְפֶערְן שְׁוֶוערֶע שְׁאֵלוֹת פוּן בָּחוּרִים?............רג

תתרכב כב וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף צְנִיעוּת בַּיים גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַארְן קִינְד?........רה

תתרכג כג וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ שְׁלָאפְט דֶעם גַאנְצְן שַׁבָּת?...................רז

תתרכד כד וָואס טוּ אִיךְ מֶען זָאל מִיר נִישְׁט אַרָאפְּקוּקְן אַז אִיךְ נֶעם מֶעדֶעצִין?.........רט

תתרכה כה וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מְחַנֵּךְ גָאר יוּנְגֶע קִינְדֶער?........................ריב

תתרכו כו וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מְקָרֵב דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?............רטז

תתרכז כז וֶועלְכֶע סָארְט חָתָן זָאל אִיךְ זוּכְן פַאר מַיין טָאכְטֶער?....................ריט

תתרכח כח וִוי אַזוֹי בְּרֶענְגְט מֶען צוּרִיק דִי קִינְדֶער נָאךְ דִי אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישְׁן פוּן קָארָאנֶע?... רכב

תתרכט כט פַארְוָואס הֶעלְפְט מִיר נִישְׁט דִי תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה?........................רכו

תתרל ל וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַאן וִויל מִיר נִישְׁט גֶעבְּן קַיין גֶעלְט?................רל

תתרלא לא וִוי אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ קִינְדֶער אִיבֶּערְן דְרִיטְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ?..............רלג

תתרלב לב זָאל אִיךְ גֵיין זִיךְ אוּנְטֶערְזוּכְן אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ דִי קָארָאנֶע וֶוייִרוּס?............רלח

תתרלג לג וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען מַיין וַוייבּ פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶע גִיסְטֶע?............רמא

תתרלד לד וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין טָאכְטֶער וִויל נָאר זִיךְ אָנְטוּן שֵׁיין?..................רמד

תתרלה לה זָאלְן מֵיידְלֶעךְ אָנְטוּן טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער בַּיי אַ חֲתֻנָּה?......................רמו

תתרלו לו וֶועל אִיךְ שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט?...............רנא

תתרלז לז וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ טְרֵייסְטְן אוֹיף דִי בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן וָואס זֶענֶען פַארְפַאלְן?....רנה

תתרלח לח זָאל אִיךְ עֶנְדִיגְן נָאכְאַמָאל שַׁ"ס, אָדֶער אִיבֶּערְגֵיין יֶעדֶע מַסֶּכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל?.........................................רסא

תתרלט לט פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ פְּלוּצְלוּנְג פַארְלוֹירְן דֶעם גֶעפִיל צוּם רֶבִּי'ן?...............רסג

תתרמ מ זָאל אִיךְ וַוייטֶער לֶערְנֶען סִפְרֵי חַבַּ"ד, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סְפָרִים?.........רסז

תתרמא מא מֶעג אִיךְ קוֹיפְן אַן אַיינְטְרִיט קַארְטְל צוּם סִיּוּם מִיט מַעֲשֵׂר גֶעלְט?.......... ערב

תתרמב מב וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן מַיין מַאן מֶער אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר?................רעג

תתרמג מג וִויפִיל דַארְף אִיךְ הָאבְּן מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן נָאךְ דִי חֲתֻנָּה?..................רעז

תתרמד מד וִוי נֶעמְט מֶען כֹּחַ צוּ דִי לַחַץ פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג?...................... רעח

תתרמה מה מַיין וַוייבּ לַיידְט שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסּוּרִים, וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?......... רפב

תתרמו מו קֶען מֶען יוֹצֵא זַיין לִמּוּד הֲלָכָה מִיטְן לֶערְנֶען קִיצוּר שֻׁלְחָן עָרוּךְ?..............רפו

תתרמז מז וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַאן גֶעטְרוֹיעֶט מִיר נִישְׁט?........................ רפח

תתרמח מח וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיפְקְלֶערְן מַיינֶע חֲבֵרִים נִישְׁט צוּ זַיין מְחֻצָּפִים?............ רצא

תתרמט מט אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער דִי לִמּוּדִים פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים ........................רצג

**תתרנ נ** מֶעג מֶען שִׁיקְן אַ חָתָן-כַּלָּה בִּילְד? ........................... **רצז**

**תתרנא נא** אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג, אִיז מַיין דַאוֶוענֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד? .......... **רצט**

**תתרנב נב** ווִי אַזוֹי אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ שְׁווִימֶען בִּצְנִיעוּת? ...................... **דש**

**תתרנג נג** וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי וַוייבּ גֶעבְּט אוֹיס אַסַאךְ גֶעלְט אָן רְשׁוּת? .............. **שו**

**תתרנד נד** זָאל אִיךְ נָאכְגֶעבְּן פַאר מַיין מַאן וָואס ווִיל הָאבְּן אַ קָאמְפְּיוּטֶער אִין שְׁטוּבּ? ....... **שי**

**תתרנה נה** אַ פַארְנוּמֶענֶע פְרוֹי זָאל עֶנְדֶערְשׁ דַאוֶוענֶען אָדֶער אִיז גֶענוּג דִי בְּרָכוֹת מִיט תְּהִלִּים? **שיג**

**תתרנו נו** מֶעג מֶען אוּנְטֶערְשְׁנַיידְן דִי פֵּאוֹת וָואס וַואקְסְן לַאנְג? .................. **שטו**

**תתרנז נז** הָאט דֶער רֶבִּי גֶעלָאזְט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זַיין מְלַמְּדִים? .................. **שיט**

**תתרנח נח** מֶעג מֶען בֶּעטְן שַׁבָּת אוֹיף פַּרְנָסָה? ........................... **שכב**

**תתרנט נט** מֶעג אִיךְ אַוֶועקְגֶעבְּן הַאלְבּ פוּן מַיין גֶעלְט צוּ דְרוּקְן סְפָרִים? ............ **שכה**

**תתרס ס** פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מֶער פַאלְן נָאכְן טְרֶעפְן מַיין שִׁדּוּךְ? ........ **שכט**

**תתרסא סא** ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין רוּאִיג אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט פַאלְן נָאךְ דִי חֲתֻנָּה? ......... **שלב**

**תתרסב סב** ווִי אַזוֹי קֶען מֶען צֶערַייסְן דֶעם הֵיילִיגְן גִּלְיוֹן? ........................ **שלט**

**תתרסג סג** אִיז אֱמֶת אַז וֶוער עֶס קוּמְט נִישְׁט אוֹיף אוּמַאן גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין בַּאשֶׁעפֶער? .. **שמט**

**תתרסד סד** ווִי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן פְּחָדִים אוּן חֲשָׁדוֹת? ................ **שנב**

**תתרסה סה** זָאל אִיךְ רֶעדְן מִיט מַיין כַּלָּה? ........................... **שנו**

**תתרסו סו** זָאל אִיךְ צוּרִיק גֵיין לֶערְנֶען מִיט מַיין חַבְרוּתָא בְּעִיּוּן? ................ **שנח**

**תתרסז סז** דַארְף אִיךְ אוֹיסְזָאגְן בַּיי אַ שִׁדּוּךְ אַז אִיךְ הָאבּ פְּחָדִים? ................ **שסב**

**תתרסח סח** מֶעג מֶען הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן פַאר דִי אַרְבֶּעט? .................. **שסה**

**תתרסט סט** ווִי אַזוֹי זֶע אִיךְ זִיךְ אַרוֹיס פוּן בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת? .................. **שסח**

**תתרע ע** מַיינֶע עֶלְטֶערְן גֵייעֶן זִיךְ גֶטְ'ן, ווִי אַזוֹי בִּין אִיךְ זִיךְ מְחַזֵּק? ............. **שעב**

**תתרעא עא** ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן מַיין וַוייבּ מֶער אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר? ............ **שעד**

**תתרעב עב** וָואס הָאט דִי חֲסִידִ'ישֶׁע זַאכְן אוּן דִי קַבָּלָה זַאכְן מִיט מִיר? .............. **שעו**

**תתרעג עג** אִיךְ וֶוער זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט פוּן לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל, וָואס קֶען אִיךְ טוּן? ..... **שפב**

**תתרעד עד** קֶען אִיךְ מַאכְן אַ גִלְיוֹן פוּנֶעם סֵפֶר "זֹאת הַתּוֹרָה"? .................. **שפד**

**תתרעה עה** וָואס זָאל אִיךְ רֶעדְן מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל? .............. **שפה**

**תתרעו עו** ווִי אַזוֹי פַארְרֶעכְט מֶען דִי עֲבֵירוֹת וָואס מֶען הָאט פוֹגֵם גֶעוֶוען? ............ **שפט**

**תתרעז עז** וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט לִיבּ בְּרֶסְלֶב? .................. **שצז**

**תתרעח עח** אוֹיבּ אַלֶעס טוּט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, ווִי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ בִּכְלַל בַּאהִיטְן? . **תב**

**תתרעט עט** ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ דְרוּקְן חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה? ........................ **תח**

**תתרפ פ** זָאל מֶען גֵיין מִיט אַ גַארְטְל? ........................... **תיא**

תתרפא פא מֶעג אִיךְ רֶעדְן מִיט אֵיינֶעם וָואס לַאכְט אָפּ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?..................תיד

תתרפב פב וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט נִסְיוֹנוֹת אִין דִי בִּיזְנֶעס?................... תיז

תתרפג פג וָואס טוּט מֶען וֶוען דָאס קִינְד הַאלְט נִישְׁט בַּיים פָּאלְגְן?........................ תיח

תתרפד פד פַארְוָואס גִיסְט מֶען אַרָאפּ וַואסֶער פַארְן טְרִינְקֶען?............................תכא

תתרפה פה וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיין מִשְׁפָּחָה רוֹדְפְ'ט מִיךְ וֶועגְן אוּמַאן?........................ תכג

תתרפו פו אוֹיבּ רֶעדְט מֶען לָשׁוֹן הָרָע, פַארְלִירְט מֶען אַלֶע זְכוּתִים? .......................תכז

תתרפז פז זָאל אִיךְ טוּישְׁן דִי רֶבִּי'שֶׁע לְבוּשׁ פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה?............................ תל

תתרפח פח וִוי אַזוֹי הֶעלְף אִיךְ מַיין קִינְד נִישְׁט צוּ וֶוערְן אִין כַּעַס?..........................תלב

תתרפט פט וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ חָתָן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה? ..........................תלד

תתרצ צ מֶעג אִיךְ טְרָאגְן מַיינֶע קִינְדֶער צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הִיטְן נִישְׁט אִידִישְׁקֵייט?...תלז

תתרצא צא וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין יוּנְגֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער?................ תמ

תתרצב צב אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה? ....... תמג

תתרצג צג וִוי אַזוֹי הֵייבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיף נָאכְן דוּרְכְפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת?...............תמד

תתרצד צד וִוי אַזוֹי נוּצְט מֶען אוֹיס דִי עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה אוֹיפְן רִיכְטִיגְן אוֹפָן?........... תמז

תתרצה צה קֶען מֶען יוֹצֵא זַיין הֲפָצָה מִיטְן גֶעבְּן גֶעלְט דֶערְפַאר? ......................... תמט

תתרצו צו וִוי אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים?.................................... תנא

תתרצז צז וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?.................................... תנה

תתרצח צח וֶוען דַארְף מֶען טוּישְׁן צוּ דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר מִנְהָגִים?............................ תנח

תתרצט צט וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶוען דִי פָּרָשִׁיּוֹת זֶענֶען נִישְׁט מְסוּדָּר גֶעהֶערִיג? .... תס

תתש ק וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ טְרֶעפְן אַ שִׁדּוּךְ אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן חוֹבוֹת?..........................תסב

תתשא קא וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אָפּ מִיט אַ יָתוֹם אִין קְלַאס? ........................... תסו

תתשב קב וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אֱמֶת'דִיג אִינְגַאנְצְן תְּשׁוּבָה טוּן? ........................תסט

# תתקסד

## ווי אַזוֹי קֶען זיך אַ מְלַמֵּד שְׁטַארְקְן אין שְׁמִירַת הַזְמַנִּים?

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוואַלְדִיגֶע בְּרִיוו וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען, ווִי אַזוֹי מֶען שְׁטֶעלְט אַוֶועק אַ תַלְמוּד תוֹרָה און ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער.

יֶעצְט ווִיל אִיךְ בֶּעטְן חִזּוּק אוֹיף שְׁמִירַת הַזְמַנִּים, אִיךְ בִּין בְּטֶבַע אַ פַארְשְׁלֶעפְּטֶער, אָבֶּער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְמַאנְט כְּסֵדֶר בַּיי דִי שִׁעוּרִים אִיבֶּער דִי ווִיכְטִיגְקֵייט אַז אַ מְלַמֵּד זָאל זַיין צֵייטְלִיךְ. יֶעצְט הָאט מֶען שׁוֹין גֶעעֶפְנְט בָּרוּךְ ה' דִי חֲדָרִים דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, און אִיךְ ווִיל זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן צוּ זַיין צֵייטְלִיךְ, אִיךְ דַארְף אָבֶּער חִזּוּק און עֵצוֹת אוֹיף דֶעם, ווַייל דָאס אִיז קֶעגְן מַיין נַאטוּר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב', ט' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז פוּן אֵיין זַייט זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, עֶס אִיז פוּן דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאכְן אוֹיבְן אִין הִימְל, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת; אוֹיבּ מֶען טוּט נִישְׁט**

דִי אַרְבֶּעט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען אִיז נִישְׁט צַייטְלִיךְ, מֶען קוּמְט שְׁפֶּעט אָדֶער מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן כִּתָּה אוּן מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער אוֹיף הֶפְקֵר - אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, אַזוֹי וִוי דֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט (פֶּרֶק ב' מֵהִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה, הֲלָכָה ד): "מְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת שֶׁהוּא מַנִּיחַ אֶת הַתִּינוֹקוֹת וְיוֹצֵא", אַ מְלַמֵּד פוּן קִינְדֶער וָואס גֵייט אַרוֹיס פוּן כִּתָּה אוּן לָאזְט אִיבֶּער דִי קִינְדֶער, "אוֹ שֶׁהוּא עוֹשֶׂה מְלָאכָה אַחֶרֶת עִמָּהֶן", אָדֶער עֶר טוּט מִיט דִי קִינְדֶער אַנְדֶערֶע זַאכְן, "אוֹ שֶׁהוּא מִתְרַשֵּׁל בְּתַלְמוּדָן", אָדֶער עֶר לֶערְנְט נִישְׁט מִיט זֵיי - אִיז עֶר אִינֶעם כְּלַל פוּן: "אָרוּר עוֹשֶׂה מְלֶאכֶת ה' רְמִיָּה" (יִרְמְיָה מח, י).

**אַ** מְלַמֵּד מוּז זַיין צַייטְלִיךְ; אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט הַאלְטְן קַיין זְמַנִּים זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּזָאגְן פוּן מְלַמְּדוּת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמ): "וִויפִיל פַארְדִינְסְטוּ אַ וָואךְ שְׂכַר לִימּוּד? צֶעטֵייל דַיין גֶעלְט אוֹיפְן טָאג אוּן אוֹיפְן שָׁעָה, וִויפִיל קוּמְט דִיר אוֹיס צוּ מַאכְן אַ מִינוּט? מַמָּשׁ קְלֵיין גֶעלְט, קוּמְט אוֹיס אַז דוּ קֶענְסְט פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט פַאר בְּלוֹיז אַפָּאר דָאלֶער, וַוייל וֶוען מֶען גַנְבְ'עֶט גֶעלְט פוּן אַ צְוֵוייטְן קֶען מֶען דָאס בַּאצָאלְן אוּן יֶענֶער קֶען דָאס מוֹחֵל זַיין, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז מְבַטֵּל תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער קֶען מֶען דָאס נִישְׁט בַּאצָאלְן אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מוֹחֵל זַיין".

**נִישְׁטָא** קַיין חִזּוּק פַאר דֶעם, דִי חִזּוּק אִיז: "אָדֶער קוּמְסְטוּ צַייטְלִיךְ, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זַיין צַייטְלִיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ זוּכְן אַ צְוֵוייטֶע פַּרְנָסָה"; אַ מְלַמֵּד דַארְף וִויסְן אַז זַיין

פַּרְנָסָה אִיז נִישְׁט אַבִּי אַ פַּרְנָסָה, עֶר אַרְבֶּעט פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זִיצְט מִיט נְשָׁמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל אִיז אִין כִּתָּה אוּן הֶערְט וִוי עֶר לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר וַוארְט צוּ זֶען וִוי דֶער מְלַמֵּד רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

**מוֹהֲרָא"ש** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען יָארְן לַאנְג אַ מְלַמֵּד פַאר קִינְדֶער, דִי תַּלְמִידִים זַיינֶע דֶערְצֵיילְן אַז וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיי מוֹהֲרָא"ש הָאבְּן דִי קִינְדֶער גֶעשְׁפִּירְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין כִּתָּה, מֶען אִיז גֶעזִיצְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע דֶּרֶךְ אֶרֶץ, מֶען הָאט מַמָּשׁ גֶעשְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מוֹהֲרָא"ש הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער, מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוֶוענְט אוֹיפְן קוֹל אַזוֹי וִוי וֶוען אַ גַאסְט וָואלְט וֶוען אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן מֶען ווִיל אִים וַוייזְן וִוי שֵׁיין מֶען דַאוֶוענְט אוּן מֶען לֶערְנְט; מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא.

**אַ** אִיד דֶערְצֵיילְט (עַיֵּן סֵפֶר פַּרְנָסָה טוֹבָה שִׂיחוֹת וְהִתְחַזְּקוּת, סִימָן מא) אַז עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַמָאל אַ טוֹבָה פוּן מוֹהֲרָא"ש אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה וואוּ מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען וֶוען מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן פָארְלֶערְנֶען חוּמָשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, מֶען הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיי דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כח, טז): "וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ", אִיז דֶער אִיד גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט אוּן זִיךְ צוּגֶעהֶערְט וִוי אַזוֹי מוֹהֲרָא"ש לֶערְנְט פָאר דֶעם פָּסוּק פַאר דִי קִינְדֶער: "וַיִּיקַץ יַעֲקֹב", יַעֲקֹב הָאט

זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט, "מִשְּׁנָתוֹ", פוּן זַיין שְׁלָאף, "וַיֹּאמֶר", אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט "אָכֵן", עֶס אִיז אֱמֶת, "יֵשׁ ה'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא - אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעוִויזְן מִיט דִי פִינְגֶער אוֹיף דִי כְּתָה - "בַּמָּקוֹם הַזֶּה", אוֹיף דֶעם אָרְט, "וְאָנֹכִי", אוּן אִיךְ - אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעוִויזְן אוֹיף זִיךְ - "לֹא יָדָעְתִּי", הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט עֶטְלִיכֶע מָאל; דֶער אִיד הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט מַמָּשׁ גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִין 'גַּן עֵדֶן', עֶר הָאט גֶעהַאט אַזַא הִתְעוֹרְרוּת פוּן דֶעם, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי דֶער פָּסוּק מֵיינְט אִים אַלֵיין, וִוי עֶר וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעכַאפְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, נֶעבְּן מִיר, אִיךְ קֶען דָאךְ רֶעדְן צוּ אִים'; אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא.

**אַ** מְלַמֵּד דַארְף אַרֵיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי פַארְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים; וֶוען קִינְדֶער הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים פְלַאקֶערְט עֶס אוֹיף זֵייעֶר הַארְץ צוּ וֶועלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי הוֹיבְּן אָן מְקַנֵּא זַיין דִי צַדִּיקִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", זָאלְסְט וִויסְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אַז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק וֶוערְט מֶען אוֹיפְגֶעפְלַאמְט אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ

ווערן אַן ערליכער איד; דורכדעם וואס מען זעט ווי דער צדיק האט זוכה געווען און ער איז בייגעשטאנען אלע זיינע נסיונות וויל מען אויך ווערן א צדיק, בפרט קינדער ווען זיי הערן מעשיות פון צדיקים ווערן זיי זייער נתעורר דורך דעם.

**עס** איז באוויסט דער סיפור אז דער הייליגער צאנזער רב זכותו יגן עלינו האט אמאל געפרעגט דעם מלמד פון זיינע קינדער צי ער לערנט מוסר מיט זיי, האט דער מלמד אים געזאגט: "יא"; האט ער אים געפרעגט: "וואס פאר א מוסר ספרים לערנסטו מיט זיי?" זאגט ער: "חובות הלבבות", האט אים דער הייליגער צאנזער רב געזאגט: "נישט דאס מיין איך מוסר, איך פרעג צי דו לערנסט 'מוסר', צי דו פארציילסט זיי מעשיות פון הייליגן רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זכותו יגן עלינו און זיין ברודער דער הייליגער רבי ר' זושא זכותו יגן עלינו"; ווייל מעשיות פון צדיקים דאס פייערט אויף דאס הארץ צו וועלן זיין אן ערליכער איד.

**אז** דו וועסט האלטן די זמנים, דו וועסט זיין צייטליך און בשעת דו ביסט מיט די קינדער וועסטו אויסנוצן די צייט אריין צו לייגן אין זיי נאך תורה און נאך יראת שמים - וועסטו זוכה זיין צו גרויסע זכותים, אזוי ווי עס שטייט: "ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד" (דניאל יב, ג), וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן אויף דעם (בבא בתרא ח:): "אלו מלמדי תינוקות", די וואס לערנען תורה מיט אידישע קינדער זענען צוגעגליכן צו די שטערנס וואס באלייכטן און באשיינען די וועלט; אזוי ווי מען קען נישט ציילן די שטערנס פון די

וֶועלְט אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן וִויפִיל זְכוּתִים דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט תַּלְמִידִים קוֹיפְט זִיךְ אַיין.

## תתקסה

**וָואס אִיז יָא דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן בְּכֵפֶל כִּפְלַיִם.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ שִׁעוּר ווִי אִיר רֶעדְט זֵייעֶר שַׁארְף קֶעגְן דִי חָתָן מַדְרִיכִים. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַ חָתָן מַדְרִיךְ, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּן אַ שִׁעוּר פַאר חָתָן מַדְרִיכִים, אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען וָואס אִיז יָא דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב', ט' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים - זֵיי אָנְגְרֵייטְן פַארְן לֶעבְּן, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ: "אִיךְ דַארְף דָאךְ הָאבְּן הַדְרָכָה צוּ ווִיסְן וָואס צוּ לֶערְנֶען מִיט

זַיי״, הָאט מוֹהֲרָא״שׁ מִיר גֶעזָאגְט: ״אִיךְ גֶעבּ דִיר הַדְרָכָה, זָאלְסְט לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים וָואס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוּן חַס וְשָׁלוֹם צוּלֵייגְן אָדֶער אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דֶעם״.

**דָאס** זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי דִיר; אַז דוּ ווִילְסְט לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים - זַיי אָנְגְרֵייטְן פַארְן לֶעבְּן זָאלְסְטוּ מִיט זַיי לֶערְנֶען וָואס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוּן חַס וְשָׁלוֹם צוּלֵייגְן אָדֶער אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דֶעם, וַוייל אַז מֶען נֶעמְט אַרָאפּ פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ אָדֶער מֶען לֵייגְט צוּ - אִיז דָאס גּוֹרֵם אַז מֶען זָאל אָפְּלָאזְן דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה.

**זָאלְסְט** נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט זַיי קַיין חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת וַוייל דָאס אִיז גּוֹרֵם אַז מֶען זָאל אַלֶעס אָפְּלָאזְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; דֶער הֵיילִיגֶער ווִילְנֶער גָּאוֹן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: ״אַז מֶען לֵייגְט צוּ צוּם שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט מֶען אַ פּוֹרֵק עוֹל; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן תַּרְיַ״ג מִצְוֹת, אֵיינְמָאל מֶען לֵייגְט צוּ נָאךְ אֵיין זַאךְ, וֶוערְט פוּן תרי״ג מִצְוֹת תרי״ד - תָּרִיד, דָאס אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק וָואס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כז, מ): 'וְהָיָה כַּאֲשֶׁר 'תָּרִיד' - וּפָרַקְתָּ עֻלּוֹ', אַז מֶען לֵייגְט צוּ וֶוערְט מֶען אַ פּוֹרֵק עוֹל״.

**לֵיידֶער** זֶענֶען דָא חֲתָנִים מַדְרִיכִים וָואס לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים פַאלְשֶׁע לִימוּדִים, מֶען לֶערְנְט אוּיס עֲבוֹדוֹת אוּן פְּרִישׁוּת וְכוּ' וְכוּ'; דָאס אִיז גּוֹרֵם אַז אִינְגֶעלַייט זָאלְן זִיךְ צֶעטֵיילְן, עֶס וֶוערְן פוּן דֶעם גִּיטִין, אוּן נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן. אַז דוּ ווִילְסְט לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִיט זַיי דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, זָאלְסְט גָארְנִישְׁט צוּלֵייגְן צוּם שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וַוייל בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען

נָאר וָואס דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ זָאגְט, און וֶוער עֶס לֵייגְט צוּ צוּם שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עֶר וויל זַיין פְּרוּמֶער פוּן דִי תּוֹרָה - אִיז אַזוֹי וִוי דֶער נָחָשׁ הַקַּדְמוֹנִי, וָואס קֹדֶם לֵייגְט מֶען צוּ צוּם צְווֵי וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית ג, ג): "לֹא תֹאכְלוּ מִמֶּנוּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן, און דֶער נָחָשׁ הָאט גֶעשְׁטֶעלְט אַ פָּנִים וִוי אַ 'פְּרוּמֶער' און צוּגֶעלֵייגְט: 'לֹא תִגְּעוּ בּוֹ', און דֶערְנָאךְ אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אָדָם וְחַוָּה, וָואס פוּן דֶעם אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

**וָואס** דַארְף מֶען מֶער וִוי זַיין אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד? עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי גוּט אַז מֶען לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֶעבְּט מִיט דִי תּוֹרָה; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנד): "אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע מַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפִירְט בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תתקסו

### וִוי אַזוֹי לֶעשְׁט מֶען אַן עַיִן הָרָע?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ חַבְרְ'טֶע וָואס גֵייט אַדוּרְךְ אַ שְׁוֶוערֶע צַייט, אֵיינֶער וָואס לֶעשְׁט עַיִן הָרָע'ס הָאט אִיר גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אוֹיף אִיר אַן עַיִן

הָרָע וָואס הַאלְט כְּסֵדֶר אִין אֵיין צוּרִיק קוּמֶען, אֵיינֶער אִיז אִיר מְקַנֵא. הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרָשַׁת נָשֹׂא ב', ט' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**דִי** בֶּעסְטֶע עֵצָה גֶעגְרַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן עַיִן הָרָע אִיז אַז יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן זָאגְן בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר, וֶוען מֶען זָאגְט דֶעם "יְהִי רָצוֹן", זָאל מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט וָואס מֶען רֶעכְנְט אוֹיס אִינֶעם יְהִי רָצוֹן: "שֶׁתַּצִּילֵנִי הַיּוֹם וּבְכָל יוֹם מֵעַזֵּי פָנִים וּמֵעַזּוּת פָּנִים, מֵאָדָם רָע, מִיֵּצֶר רָע, מֵחָבֵר רָע, וּמִשָּׁכֵן רָע, וּמִפֶּגַע רָע, מֵעַיִן הָרָע, מִלָּשׁוֹן הָרָע" - אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

**מוֹהֲרַ"שׁ** זָאגְט (סִידוּר עֵת רָצוֹן, בַּיי דִי יְהִי רָצוֹן): וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן דִי תְּפִלָּה וָואלְט מֶען דָאס גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה; מֶען וָואלְט דָאס גֶעזָאגְט שְׁטַייט, מִיט אַ גֶעבֶּעט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אָפְּהִיטְן פוּן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס וֶוערְן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אִינֶעם יְהִי רָצוֹן, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עַיִן הָרָע אוּן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וַוייל תְּפִלָּה הֶעלְפְט אוּן טוּט מֶער אוֹיף ווִי יֶעדֶע אַנְדֶערֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט; נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא זִיכֶערֶע עֵצָה אוּן סְגֻלָּה ווִי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**מוֹהֲרָא"ש** בְּרֶענְגְט נָאךְ אַן עֵצָה פַאר עַיִן הָרָע (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב, חֵלֶק א', מִכְתָּב קיב) **אַ** גְרִינְגֶע עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן עַיִן הָרָע; אַז יֶעדְן אִינְדֶערפְרִי וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף זָאל מֶען אוֹיסְגִיסְן זַאלְץ אוֹיפְן שְׁוֶועל פוּנֶעם טִיר (דֶער עֶרְשְׁטֶער טִיר אַרַיין צוּ קוּמֶען פוּן גַאס), דָאס אִיז אַ סְגֻלָּה אַז קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן צוּם מֶענְטְשׁ.

**דֶער** עִקָּר זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ דֶערְצֵיילְן דִי הַצְלָחָה וָואס אִיר הָאט פַאר אַנְדֶערֶע אוּן זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן פַאר אַנְדֶערֶע וְכוּ', וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא מב.): "אֵין הַבְּרָכָה מְצוּיָה אֶלָּא בְּדָבָר הַסָּמוּי מִן הָעַיִן", דִי בְּרָכָה גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ פְּלַאץ וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט אוּן מֶען וֵוייסְט נִישְׁט; ווִי מֶער מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אוּן מֶען רֶעדְט נִישְׁט - אִיז דָא הַצְלָחָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקסז

## װעט טֶעֽרַאפּי מִיר הֶעלְפְן אָדֶער נִישְׁט?[א]

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַ שְׁװֶערֶע צַייט אַלְס קִינְד, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין נָארְמַאלֶע שְׁטוּב. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעװַאלְגֶערְט דָא אוּן דָארְט, גֶעװָארְפְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן, בִּיז בַּיי דִי זִיבֶּעצְן יָאר הָאט מִיר אַ מִשְׁפָּחָה אַרַיינְגֶענוּמֶען, אוּן בַּיי דִי צְוָואנְצִיג הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעװֶען חֲתֻנָּה צוּ הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

יֶעצְט הַאלְט אִיךְ שׁוֹין צְוָואנְצִיג יָאר נָאךְ דִי חֲתֻנָּה, אָבֶּער אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ קְרַאנְק פוּן אַלְס קִינְד, אִיךְ בִּין פוּל מִיט פְּחָדִים, דֶעפְּרֶעסְיֶע, אוּמְזִיכֶערְקֵייט, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן אִין לֶעבְּן - אִין יֶעדְן הִינְזִיכְט. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גוּטֶע וַוייבּ מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער אוּן אַ נָארְמַאלֶע פַּרְנָסָה, אָבֶּער מַיין גֵייסְט אִיז מַמָּשׁ צֶעשְׁנִיטְן אוּן צֶעבְּרָאכְן, אַזוֹי וַוייט אַז אִיךְ קֶען פָּשׁוּט זִיךְ נִישְׁט גֵיין אַיינְקוֹיפְן זַאכְן וָואס אִיךְ דַארְף הָאבְּן, אַ הוּט, שִׁיךְ, וְכַדּוֹמֶה, וַוייל אִיךְ קֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין שׁוּם בַּאשְׁלוּס אִין לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין טְרָאפּ זֶעלְבְּסְטזִיכֶערְקֵייט.

אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעװֶען בַּיי צֶענְדְלִיגֶער טֶערָאפִּיסְטְן אוּן דָאקְטוֹירִים, שׁוֹין גֶערֶעדְט הוּנְדֶערְטֶער שָׁעוֹת צוּ דִי טֶערָאפִּיסְטְן אוּן שׁוֹין גֶענוּמֶען אַסַאךְ סָארְט מֶעדֶעצִין. אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דָאס אַלֶעס הָאט מִיר עֶפֶּעס גֶעהָאלְפְן, אָבֶּער דֶערְוַוייל הַאלְט עֶס נָאכְאַלְץ בַּיים אַלְטְן.

אִיךְ וֵוייס אַז אִיר הַאלְט נִישְׁט פוּן קַיין טֶערָאפִּיסְטְן, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה שְׁטֵייט דָאךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת פַאר אַ דָאקְטֶער אוֹיסְצוּהֵיילְן, אוּן דֶערְפַאר בִּין אִיךְ זֵייעֶר צֶעמִישְׁט; זָאל אִיךְ נִישְׁט גֵיין צוּ

---

א. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א' כט.

זַיי - בִּין אִיךְ דָאךְ אוֹיף גְרוֹיסֶע צָרוֹת, זָאל אִיךְ יָא גֵיין - זֶע אִיךְ דָאךְ אָבֶּער אַז אִיךְ וֶוער נִישְׁט גֶעהָאלְפְן.

אִיךְ דַארְף אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה אִין לֶעבְּן, אוּן אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מִישׁ** נִישְׁט אוֹיס דִי יוֹצְרוֹת; דָאקְטוֹירִים אִיז אֵיין זַאךְ אוּן טֶערָאפִּי אִיז אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ. אַז מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט פִיזִישׁ אָדֶער גֵייסְטִישׁ דַארְף מֶען גֵיין צוּם דָאקְטֶער אוּן נֶעמֶען רְפוּאוֹת; אַנְדֶערְשׁ אִיז טֶערָאפִּי, דָאס אִיז אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן צַייט, אַזוֹי וִוי דוּ זָאגְסְט אַלֵיין אִין דַיין בְּרִיוו אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט טֶערָאפִּי אוּן עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס הַאלְט נָאכְאַלְץ בַּיים אַלְטְן.

**אַנְשְׁטָאט** זִיצְן מִיט אַ בָּשָׂר וָדָם וָואס קֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט הֶעלְפְן אוּן זִיכֶער אַז עֶר קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן - נֶעם עֶנְדֶערְשׁ דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; דֶערְצֵייל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ ווִילְסְט דֶערְצֵיילְן פַארְן טֶערָאפִּיסְט, דֶערְצֵייל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע דַיינֶע

שְׁוֶועֶרִיקַייטְן, אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן - נִישְׁט אֵיינְמָאל אוּן נִישְׁט צְוֵויי מָאל, נָאר יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ מִיט אִים שְׁמוּעֶסְן בִּיז עֶר וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

**שְׁטֶעל** זִיךְ פָאר דוּ וָואלְסְט גֶענוּמֶען דִי צַייט פוּן זִיצְן מִיט טֶערָאפִּיסְטְן אוּן אִין דִי צַייט וָואלְסְטוּ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְסְטוּ שׁוֹין פוּן לַאנְג אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן. דוּ וָואלְסְט גֶעהַאט וָואס מִיט צוּ נֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; וַוייל נָאר דָאס נֶעמְט מֶען מִיט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק טו): "לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם הַמְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵית עוֹלָמוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר שְׁמוּעֶסְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס בַּאגְלֵייט אִים צוּ זַיין אֵייבִּיגֶע רוּ.

**פָּאלְג** דֶעם רֶבִּי'ן, גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט דִיר עֶס זַיין שְׁוֶוער, וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צִיטֶערְט זֵייעֶר פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, עֶר וֶועט דִיר מַאכְן שְׁפִּירְן וִוי קֵיינֶער הֶערְט דִיר נִישְׁט אוֹיס. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה י', מִבֶּערְגִיר וְעָנִי) דֶער רוֹצֵחַ הָאט גֶעזָאגְט פַארְן בַּת קֵיסָר: "אוֹיבּ דוּ גֶעבְּסְט אֵיין שְׁרֵייא, וֶועל אִיךְ דִיר דֶערְוֶוערְגְן אוּן הַרְגֶ'עֶנֶען"; דֶער רוֹצֵחַ - דָאס אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם, עֶר הָאט מוֹרָא פוּן דָאס גֶעשְׁרֵייא וָואס אַ מֶענְטְשׁ שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל מִיט אֵיין שְׁרֵייא

וָואס מֶען שְׁרַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט עֶר אוֹיס, מִיט דֶעם וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקסח

### אִיז נָאךְ דָא אַ וֶועג פַאר מִיר צוּ הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

לֶעצְטְנְס הָאב אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁעוּרִים אוּן דִי חִזּוּק יוֹמִי, עֶס אִיז מִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק.

אֵיין זַאךְ שְׁטֶערְט מִיר אָבֶּער זֵייעֶר שְׁטַארְק, אַז אִיר רֶעדְט זֵייעֶר שְׁטַארְק קֶעגְן פְּגַם הַבְּרִית, בְּשַׁעַת וָואס אִיךְ בִּין טִיף אַיינְגֶעטוּנְקֶען אִין דֶעם שׁוֹין פוּן דִי נַיין יָאר אוּן עֶס וֶוערְט נָאר עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער, כִּמְעַט יֶעדְן צְוֵוייטְן טָאג פַאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אַדוּרְךְ.

בַּיי אַייעֶרֶע שִׁעוּרִים הֶער אִיךְ אַז מֶען דֶערְלֵייגְט דִי שְׁדוּךְ צוּלִיב דִי עֲבֵירָה, מֶען וֶוערְט מְשׁוּגָע, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; דָאס צֶעבְּרֶעכְט מִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק. אִיךְ בִּין שׁוֹין הַיינְט כִּמְעַט אַכְצְן יָאר, מֵיינְט דָאס אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין הָאבְּן אַ בִּיטֶערֶע לֶעבְּן? אִיז נָאךְ דָא עֶפֶּעס צוּ טוּן דָאס צוּ פַארְרֶעכְטְן אוּן פוּן יֶעצְט אַרוֹיסְקְרִיכְן דֶערְפוּן?

אִיךְ ווִיל נָאךְ יָא הָאבְּן אַ זִיסֶע גוּטֶע לֶעבְּן, אִיז נָאךְ דָא אַ וֶועג פַאר מִיר?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וְוִיסְן** זָאלְסְטוּ אַז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע עֲבֵירָה, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה יג:): "כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּב מִיתָה", דֶער וָואס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - אִיז חַיָּב מִיתָה. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם): "כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָמִים", עֶס אִיז אַזוֵי וִוי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים. אַזוֵי אוֹיךְ: "כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", עֶס אִיז אַזוֵי וִוי אֵיינֶער דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**וָוער** עֶס זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן וֶוערְט אַוֶועק גֶערִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר זָאגְט (וַיְחִי ריט:): "לֵית לָךְ חוֹבָא בְּעָלְמָא דְּלָא אִית לֵיהּ תְּשׁוּבָה", עֶס אִיז נִישְׁטָא אַן עֲבֵירָה וָואס עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט דֶערוֹיף תְּשׁוּבָה, "בַּר מֵהַאי", אוֹיסֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה, "וְלֵית לָךְ חַיָּיבָא דְּלָא חָמָאן אַפֵּי שְׁכִינְתָּא", עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין זִינְדִיגֶער מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "בַּר מֵהַאי", נָאר וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית; דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז אַזוֵי

הַארְבּ, וַוייל פוּן יֶעדֶע טִפָּה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מוֹצִיא לְבַטָּלָה קֶען וֶוערְן אַ קִינְד, אִיז עֶס אַזוֹי וִוי דֶער מֶענְטְשׁ הַרְגְ'עט זַיינֶע קִינְדֶער. דָאס אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אֵיין מָאל וְכוּ', כָּל שֶׁכֵּן אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אַסַאךְ מָאל, וֶוערְט עֶר דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר.

**אָבֶּער** וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר אוּן אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס עֶר הֵייבְּט אוֹיף אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס מוּטְשֶׁען זִיךְ אוּן זֶענֶען גֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה, דֶער רֶבִּי הֵייבְּט אוֹיף דִי אַלֶע נְשָׁמוֹת אוּן מִיט זַיינֶע זִיסֶע עֵצוֹת בְּרֶענְגְט עֶר זֵיי אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז טַאקֶע זֵייעֶר גְרוֹיס אָבֶּער דֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער; דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, עֶר בְּרֶענְגְט אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז מְגַלֶּה פַאר אַלֶעמֶען אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא): "קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זֹהַר, נָאר אִיךְ; זָאג אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה, אֲפִלּוּ אֵיינֶער וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט".

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם "תִּקּוּן הַכְּלָלִי"; דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ]. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן

רכה) וֶוער עֶס זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט זָארְגְן; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא):
"אַסַאךְ צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען דֶעם תִּקּוּן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט מַשִּׂיג זַיין, אַ טֵייל זֶענֶען אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט פַאר זֵיי הָאבְּן בִּכְלָל גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּקּוּן, אוּן אַ טֵייל צַדִּיקִים הָאבְּן יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן מַשִּׂיג צוּ זַיין דֶעם תִּקּוּן אָבֶּער זֵיי זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן אִינְמִיטְן, מִיר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּקּוּן"; זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג זָאגְן דִי תִּקּוּן הַכְּלָלִי.

צְוֵוייטְנְס, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, לֶערְן אֵיין פֶּרֶק נָאכְן צְוֵוייטְן; אִין אָנְהוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין
וָואס דוּ לֶערְנְסְט וַוייל פוּן אַזוֹיפִיל מָאל זִינְדִיגְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית פַארְלִירְט מֶען דֶעם מֹחַ. אַזוֹי וִוי דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵּן פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, קי:; לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לו): "סִלּוּקָא דִיסוֹדָא עַד אַבָּא וְאִמָּא", אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בַּבְּרִית - מֶען אִיז פּוֹגֵם בַּיסוֹד, גֵייט דֶער פְּגַם בִּיזְן מֹחַ; מֶען פַארְלִירְט דֶעם כֹּחַ פוּן זִיךְ קֶענֶען קָאנְצֶעטְרִירְן, מֶען וֶוערְט אַ פַארְ'חָלוֹמְ'טֶער, מֶען וֶוערְט אַ צֶעמִישְׁטֶער, דֶער קָאפּ פְלִיט מִיט טוֹיזְנְט מַחְשָׁבוֹת; זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו):
"אֵין צְרִיכִין בִּלְמוּד, רַק הָאֲמִירָה לְבַד; לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין.

**אִין** אָנְהוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן אַזַא גֶעשְׁמַאק אִין דֶעם אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט דָאס טוּן מִיט עַקְשָׁנוּת, דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אֲפִלּוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דוּ וֶועסְט זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, וֶועט דָאס דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דַיין בְּלָאטֶע. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִלּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִלּוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען וַוייט פוּן קְדֻשָּׁה - מֶען פַאלְט אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֶען לִיגְט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית רַחֲמָנָא לִצְלָן, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם", דָאךְ אִיז דִי תּוֹרָה אַזוֹי שְׁטַארְק, דִי תּוֹרָה קֶען אַרוֹיסְצִיעֶן אֲפִלּוּ אַזַא אֵיינֶעם פוּן זַיין פְּלָאנְטֶער, "וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה; בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, "כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

**אַז** דוּ ווִילְסְט בֶּאֱמֶת אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דַיין שְׁלֶעכְטֶע גֶעווָאוֹינְהֵייט זָאלְסְטוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן דַיין פְּלָאנְטֶער.

**אַ** רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ שׁוֹין פוּן אַלְס קִינְד מִיט עֲבֵירוֹת, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט דִיךְ פַארְכַאפְּט בַּיי דִי נַיין יָאר הַשֵּׁם יְרַחֵם, דָאךְ אִיז דָא אֲפִלּוּ פַאר דִיר אַ וֶועג אַרוֹיס. אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט, אַז בְּשָׁעַת דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שְׁמוּעָס אַז תּוֹרָה קֶען אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן אַ מֶענְטְשׁ פוּן עֲבֵירוֹת הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִצְלָן", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס"; אֲפִלּוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייקְט זִיךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִצְלָן - וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן בְּלָאטֶע אוּן אִים מַאכְן פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דְּרִיטְנְס**, זָאלְסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן טָאג; זוּךְ אוֹיף אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, גֵיי אַהִין אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ. דֶערְצֵייל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי וַוייט פַארְקְרָאכְן אִין דִי טֻמְאָה, שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן וָואס דוּ זִינְדִיגְסְט אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, וֵויין צוּ אִים עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין; מִיט דֶעם וֶועסְטוּ אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע דִינִים.

**אַז** דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי דְרֵיי זַאכְן: יֶעדְן טָאג זָאגְן תִּקּוּן הַכְּלָלִי, יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן טָאג - וֶועסְטוּ בִּיז אַ

קוּרְצֶע צַייט אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי טֻמְאָה אוּן דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקסט

**ווִי אַזוֹי טוּט מֶען תְּשׁוּבָה אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן בָּשָׂר בְּחָלָב?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין בָּשָׂר בְּחָלָב, וָואס אִיז דִי תְּשׁוּבָה אוֹיף דֶעם?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אוֹיף** יֶעדֶע עֲבֵירָה וָואס מֶען אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן בְּשׁוֹגֵג אָדֶער בְּמֵזִיד דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל.

**זָאג** פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן; דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א): יֶעדֶע מִצְוָה אִין דִי

תּוֹרָה - סַיי אַ מִצְוַת עֲשֵׂה, סַיי אַ מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה, אוֹיבּ מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי מִצְווֹת, בְּשׁוֹגֵג אָדֶער בְּמֵזִיד; וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, דַארְף מֶען זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בַּמִּדְבָּר ה, ז): "וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ"; וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מִתְוַדֶה? זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם, מֶען זָאל אַזוֹי זָאגְן: "אָנָּא הַשֵּׁם חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וְעָשִׂיתִי כָּךְ וָכָךְ, וַהֲרֵי נִחַמְתִּי וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי אוּן דִי עֲבֵירָה, אוּן אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אוּן אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן; דָאס אִיז וִדּוּי, "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה, הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", אוּן וֶוער עֶס פַארְמֶערְט זִיךְ צוּ מִתְוַדֶה זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

**אֵיינְמָאל** מֶען טוּט תְּשׁוּבָה דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן נֶעמְט אָן זַיין תְּשׁוּבָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקע

**וָואס דַארְף אִיךְ טוּן וֶוען אִיךְ זֶע קִינְדֶער פִּירְן זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין אַ לֶענְגֶערֶע צַייט וָואס אִיךְ הָאבּ חוֹשֵׁד גֶעוֶועזְן צְוֵויי קִינְדֶער, אֵיינֶער צְוֶועלְף יָאר אוּן דֶער צְווייטֶער צֶען יָאר אַז זֵיי בַּאהַאלְטְן זִיךְ אוּן טוּעֶן עֲבֵירוֹת. אִיךְ הָאבּ זֵיי אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט אוּן טַאקֶע בַּאשְׁטֶעטִיגְט אַז זֵיי טוּעֶן צוּזַאמֶען הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִיךְ הָאבּ מְעוֹרֵר גֶעוֶוען זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן דֶערְוֶועגְן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן מִיר אוֹיסְגֶעלַאכְט אוּן אָנְגֶעשְׁרִיגְן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט 'גָאטְ'ס פָּאלִיצְיי' אוּן אִיךְ דַארְף זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן, אוּן זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט בִּזְיוֹנוֹת.

אִיז מַיין שְׁאֵלָה אוֹיבּ אִיךְ דַארְף עֶפֶּעס טוּן וַוייטֶער דֶערְוֶועגְן, אָדֶער זָאל אִיךְ זִיךְ גֵיין וַוייטֶער מַיין וֶועג?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַז דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט פַאר דִי עֶלְטֶערְן אוּן דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער - הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעטוּן דַיינְס.**

**יֶעצְט בְּלַייבְּט אִיבֶּער צוּ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן נִישְׁט**

פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, וָואס דָאס הַאלְט צוּרִיק דִי גְאֻלָּה. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (פָּרָשַׁת כִּי תָבוֹא): "אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעווְאוּנְדֶערְט פַאְרְוָואס מָשִׁיחַ אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען, מִיר זֶעעֶן דָאךְ אַז רוֹב אִידְן זֶענֶען אַזוֹי ווָאוִיל אוּן אַזוֹי עֶרְלִיךְ, מֶען אִיז אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת - פַארְוָואס קוּמְט נָאךְ נִישְׁט מָשִׁיחַ? בִּיז אִיךְ בִּין גֶעווָאוִיר גֶעוָוארְן אַז דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגְלֶעךְ טוּעֶן גֶעבֶּעךְ זֵייעֶר אַסַאךְ עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן טוּעֶן נִישְׁט תְּשׁוּבָה דֶערוּיף, דָאס אִיז דִי סִבָּה פַארְוָואס מָשִׁיחַ אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקעא

**ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען אַכְטוּנְג אוֹיף צְנִיעוּת בַּיי דִי אַרְבֶּעט?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קֹדֶם מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁעוּרִים, וָואס הָאבְּן מִיר שׁוֹין גֶעבְּרֶענְגְט אַזוֹיפִיל הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה אוּן אַזוֹיפִיל חִזּוּק אִין לֶעבְּן.

פַאר מַיין אַרְבֶּעט דַארְף אִיךְ הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אִיךְ הָאבּ אוֹיף דֶעם דִי בֶּעסְטֶע פִילְטֶער אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיף דֶעם וָואטְסְעֶפּ (אָן סְטֶעטוּס) וָואס דָאס דַארְף אִיךְ הָאבְּן פַאר דִי אַרְבֶּעט. דָאס אִיז אָבֶּער אוֹיךְ אַ פְּרָאבְּלֶעם, ווַייל אִיךְ דַארְף זִיךְ אַסַאךְ שְׁרַייבְּן מִיט פְרוֹיעֶן אִיבֶּער דִי

אַרְבֶּעט, און צוּמָאל קֶען אַרַיינְפַאלְן דָא און דָארְט אויךְ קָאמְפְּלִימֶענְטְן וְכַדוֹמֶה וָואס אִיז נִישְׁט ווִיכְטִיג פַאר דִי אַרְבֶּעט. אויךְ קֶען מֶען צוּמָאל בַּאקוּמֶען אויף וָואטְסְעֶפּ בִּילְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט פַּאסִיג, און דָאס אִיז אוּיסֶער דֶעם וָואס דֶער טֶעלֶעפָאן גֵייט אויךְ אויפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי צַייט פוּן מַיינֶע קִינְדֶער; וָואס קֶען אִיךְ טוּן וֶועגְן דֶעם?

צְוֵויייטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַלְס טֵייל פוּן מַיין אַרְבֶּעט קוּמְט מִיר אויךְ אוּיס זִיךְ צוּ דַארְפְן אַסַאךְ בַּאגֶעגֶענֶען מִיט פְרוֹיעֶן בַּיי דִי אַרְבֶּעט, ווִי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען וֶועגְן דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**גֶעבּ אַכְטוּנְג עֶס זָאל זַיין אַ שְׁטַארְקֶע פִילְטֶער אויפְן טֶעלֶעפָאן,** **עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אויפְן טֶעלֶעפָאן נָאר זַאכְן וָואס הָאט מִיט דִי אַרְבֶּעט. אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען שְׁרַייבְּט זִיךְ פְּרִיוַואטֶע זַאכְן - אִיז נִישְׁט וֶוערְד דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט; מֶען קֶען אוּמְגְלִיקְלִיךְ וֶוערְן.**

**בְּנוֹגֵעַ דַיין אַרְבֶּעט, אַז דוּ דַארְפְסְט הַאנְדְלֶען מִיט פְרוֹיעֶן** **וְכוּ'; פַאר דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִי מְזוּזָה עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן. זָאג דֶעם פָּסוּק (יְשַׁעְיָה לג, ז): "הֵן

אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן". דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת רְאִיָּה חֵלֶק ב', סִימָן ט): "כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא לַשּׁוּק וּמִתְיָרֵא שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי הִרְהוּר עַל יְדֵי הָרְאִיָּה שֶׁיִּרְאֶה נָשִׁים יָפוֹת, יֹאמַר הַפָּסוּק 'הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חוּצָה' וְכוּ', וְעַל יְדֵי זֶה יִנָּצֵל מֵרְאוֹת", אוֹיבּ מֶען הָאט מוֹרָא אַז מֶען וֶועט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת וֶועט מֶען גֵייט אִין גַאס זָאל מֶען זָאגְן דֶעם פָּסוּק פַאר מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִי מְזוּזָה: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם".

**פַאר** דוּ גֵייסְט אַרַיין אִין אַרְבֶּעט זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁעוּר אִין גְּמָרָא; לֶערְן פַאר דִיר וִויפִיל דוּ קֶענְסְט, אוּן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קַיין גְּמָרָא זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְּמָרָא, דָאס וֶועט דִיךְ הִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט דִי הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען דִי מֶרְכָּבָה פַאר דִי שְׁכִינָה, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (סֵפֶר הַחַיִּים לְאָחִי הַמַּהֲרַ"ל סֵפֶר זְכִיּוֹת, פֶּרֶק ב) אַז גְמָרָ"א אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: מִ'יכָאֵל, גַ'בְרִיאֵל, רְ'פָאֵל, אוּ'רִיאֵל; וֶוען מֶען לֶערְנְט גְּמָרָא וֶוערְט מֶען אַ מֶרְכָּבָה פַאר דִי שְׁכִינָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקעב

**דארְף אִיךְ נָאכְגֶעבְּן פַאר מַיין מַאן, נִישְׁט צוּ שֶׁערְן מַיין הָאר?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁעוּרִים, אִיךְ שֶׁעפּ אַסַאךְ חִזּוּק פוּן זֵיי, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן פַאר דֶעם.

בַּיי מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, וִוי אוֹיךְ בַּיי מַיין מַאנְ'ס גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אִיז אַיינְגֶעפִירְט אַז דִי פְרוֹיעֶן שֶׁערְן זִיךְ דִי הָאר. מַיין מַאן לָאזְט מִיר אָבֶער נִישְׁט שֶׁערְן דִי הָאר אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, אִיךְ וִויל זִיךְ יָא פִירְן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאב גֶעזֶען בַּיי מַיין מַאמֶע אוּן בַּיי מַיינֶע בַּאבֶּעס.

וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּן, זָאל אִיךְ טוּן וָואס מַיין מַאן פַארְלַאנְגְט, אָדֶער זָאל אִיךְ זִיךְ פִירְן לוֹיט וִוי מֶען פִירְט זִיךְ אִין אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה?

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג אַלֶעמָאל צוּ זַיין גוּט אוּן שֵׁיין פַאר מַיין מַאן, נִישְׁט דָאס אִיז זַיין פְּרָאבְּלֶעם, עֶר וִויל אָבֶער דַוְקָא אַז אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֶׁערְן; וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אַז** אִיר וֶועט הֶערְן וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר שֶׁעלְט דִי פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר וֶועט אִיר שׁוֹין נִישְׁט צְוֵוייפְלֶען וָואס צוּ טוּן, אִיר וֶועט טוּן וָואס אַייעֶרֶע מַאמֶעס אוּן בַּאבֶּעס טוּעֶן אוּן וָואס אַלֶע עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן טוּעֶן.

דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט (נָשֹׂא קכה:): "תּוּנְבָא לֵיתֵי", אַ שֶׁעלְטוּנְג זָאל קוּמֶען, "עַל הַהוּא בַּר נָשׁ", אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, "דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ", וָואס לָאזְט זַיין ווייב, "דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר", אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. "וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָא", אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי. "וְאִתְּתָא דְּאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר", אוּן אַ פְּרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, "לְאִתְתַּקְנָא בֵּיהּ", זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, "גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא", אִיז זִי גּוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּב, "וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא", אוּן זִי אִיז גּוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב. "וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא", אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גּוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּב. "מַאן גָּרִים דָא", וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גּוֹרֵם? "הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר", דִי פְּרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס; אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פַארְקֶערְט אִיז נָאךְ מֶער, אַ פְּרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִירֶע הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען וֶועט הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת, אוּן זִי וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן אִירֶע קִינְדֶער.

גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן אַייעֶר מַאמֶע אוּן בַּאבֶּעס, גֵייט אִין דִי וֶועגְן פוּן אַלֶע צַדִּיקִים - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דוֹרוֹת עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקעג

## די עצות האבן מיך גערַאטעוועט

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איך האב זיך פשוט געוואלט זייער שטארק באדאנקען פאר די ענטפער וואס איך האב באקומען[ב], דער ראש ישיבה שליט"א האט מיך זייער גוט אפגעטייטשט און מיך זייער גוט פארשטאנען.

עס איז מיר ממש ליכטיג געווארן מיט די צוויי עצות, איינס צו פרובירן צו זיין נאר פרייליך, און צווייטנס נישט צו ציילן וויפיל טעג איך בין שוין נישט דורכגעפאלן, נאר בעטן יעדן טאג דעם אייבערשטן צו זיין פון יעצט אן ערליכער איד.

א גרויסן יישר כח פאר די צוויי גוטע מתנות, און פארן מיך מקרב זיין צום הייליגן רבי'ן, און פארן מיך רופן "מיין טייערער ליבער חבר".

דער אייבערשטער זאל אייך באצאלן מיט אלעם גוטס אויף די וועלט און אויף יענע וועלט, איר זאלט ווייטער קענען אנגיין מיט די הייליגע ארבעט מתוך שמחה און הרחבת הדעת.

יישר כח

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**איך** האב ערהאלטן דיין בריוו.

**אַסאך** מענטשן זענען זיך טועה מיט דעם, מען ציילט די טעג ווילאנג מען איז נישט אראפגעפאלן אין עבירות,

ב. דער בריוו איז בייגעלייגט צום סוף פון דעם בריוו.

מֶען נֶעמְט דִי גַאנְצֶע כֹּחַ אוֹיף וַוייטֶער נִישְׁט צוּ זִינְדִיגְן - פוּן צֵיילְן דִי טֶעג; 'עֶס אִיז שׁוֹין צֶען וָואכְן וָואס אִיךְ בִּין אַ שׁוֹמֵר הַבְּרִית', 'שׁוֹין דְרֵיי חֳדָשִׁים וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פּוֹגֵם גֶעוֶוען וְכוּ' וְכוּ'. דָאס אִיז נִישְׁט קַיין אִידִישֶׁע וֶועג אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין גוּטְס, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין מַלְאָךְ, אוּן נָאכְדֶעם וֶוען מֶען פַּאלְט אַרָאפּ וֶוערְט מֶען זַייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן מֶען גֶעבְּט אִינְגַאנְצְן אוֹיף.

**דֶעם** רֶבִּינְ'ס וֶועג אִיז זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן אַלְץ אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנַיי; אֲפִילּוּ מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן זָאל מֶען זִיךְ גְלַייךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תנג): "אָט וִוי אִיר זֶעט מִיר; אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם עוֹבֵר זַיין דִי גְרֶעסְטֶע עֲבֵירָה וָואלְט דָאס מִיר גָארְנִישְׁט אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן, אִיךְ וָואלְט נָאךְ דֶעם גֶעוֶוען אַזוֹי אַן עֶרְלִיכֶער יוּד וִוי פְרִיעֶר, דֶערְנָאךְ וָואלְט אִיךְ תְּשׁוּבָה גִיטָאן"; מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן גָארְנִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט, אֲפִילּוּ מֶען זֶעט זִיךְ וִוי מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן דַארְף מֶען וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת.

**עֶס** אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען אִין אָנְהוֹיבּ פוּנֶעם סֵפֶר שִׁבְחֵי הָרַ"ן (סִימָן ה, ו), דָארְט וֶועסְטוּ זֶען וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט. "הָיָה רָגִיל לְהַתְחִיל בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ", דֶער רֶבִּי הָאט שְׁטֶענְדִיג אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנַיי, "דְהַיְינוּ כְּשֶׁנָּפַל מִמַּדְרֵגָתוֹ לִפְעָמִים לֹא הָיָה מְיָאֵשׁ עַצְמוֹ בִּשְׁבִיל זֶה", וֶוען עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן צַייט צוּ צַייט פוּן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם

הָאט עֶר נִישְׁט אוּיפְגֶעגֶעבְּן, "רַק אָמַר שֶׁיַּתְחִיל מֵחָדָשׁ כְּאִלּוּ לֹא הִתְחִיל עֲדַיִן כְּלָל לִכָּנֵס בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", נָאר עֶר הָאט גֶעזָאגְט 'אִיךְ הוֹיבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי', כְּאִילוּ עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה, "רַק עַתָּה הוּא מַתְחִיל מֵחָדָשׁ", נָאר יֶעצְט הוֹיבְּט עֶר אָן פוּנְדָאסְנֵיי. "וְכֵן בְּכָל פַּעַם וּפַעַם תָּמִיד הָיָה רָגִיל לְהַתְחִיל מֵחָדָשׁ", אַזוֹי פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי אַלְץ אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, "וְהָיָה לוֹ כַּמָּה הַתְחָלוֹת בְּיוֹם אֶחָד", אִין אֵיין טָאג הָאט עֶר אַפָּאר מָאל נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, "שֶׁגַּם בְּיוֹם אֶחָד לִפְעָמִים נָפַל מֵעֲבוֹדָתוֹ וְהָיָה מַתְחִיל מֵחָדָשׁ וְכֵן כַּמָּה פְּעָמִים בְּיוֹם אֶחָד", אֲפִלּוּ אִין אֵיין טָאג אַלֵיין הָאט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייט; דָאס אִיז דִי אִידִישֶׁע וֶועג, דָאס אִיז דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דִי וֶועג פוּן צֵיילְן דִי טֶעג אִיז אַ נֵייעֶ וֶועג וָואס הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט פוּן דִי גוֹי'אִישֶׁע מֶעטָאדְן, פוּן נַארִישֶׁע פְּרָאגְרַאמֶען וָואס דַארְפְן צוּ הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן עֲבֵירוֹת; אָבֶער עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער לָאךְ אִין קָאפּ, וַוייל נָאר דִי תּוֹרָה וֶועג, נָאר דִי וֶועג פוּן צַדִּיקִים - רַאטֶעוֶוען אוּן שְׁלֶעפְּן אַרוֹיס פוּן עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵייליךְ אִיז דִי שְׁוֶועֶרְסְטֶע זַאךְ**[ג]

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ג אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער חָבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵייליךְ, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵייליךְ אִיז עֶר עֶרְלִיךְ; עֶר טוּט נִישְׁט קַיין נַארִישְׁקֵייטְן אוּן טוּט נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת.

**דֶערִיבֶּער** זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין נָאר פְרֵייליךְ; עֶס אִיז אַ שְׁוֶועֶרֶע זַאךְ, עֶס אִיז פוּן דִי שְׁוֶועֶרְסְטֶע עֲבוֹדוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ): "לִזְכּוֹת לְשִׂמְחָה זֶה קָשֶׁה וְכָבֵד לְהָאָדָם לִזְכּוֹת לָזֶה יוֹתֵר מִשְּׁאָר כָּל הָעֲבוֹדוֹת", זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵייליךְ אִיז שְׁוֶועֶרֶער וִוי צוּצוּקוּמֶען צוּ סַיי וֶועלְכֶע אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת; דֶער יֵצֶר הָרָע צִיטֶערְט פוּן שִׂמְחָה וַוייל שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט אִים, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְרֵייליךְ עֶר זָאל נִישְׁט פַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קסט).

**צַייל** נִישְׁט וִויפִיל טֶעג דוּ בִּיסְט נִישְׁט פּוֹגֵם וְכוּ'; שׁוֹין צְוֵויי וָואכְן נִישְׁט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, שׁוֹין דְרֵיי וָואכְן וְכוּ' וְכוּ'; קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם, דוּ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, פוּן הַיינְט הוֹיבּ אִיךְ אָן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

ג. קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, שְׁנַת תש"פ.

אִיךְ וַוארְט דִיר צוּ זֶען; בַּיי אוּנְז דַאנְקְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "שֶׁשַּׂמְתָּ חֶלְקֵנוּ מִיּוֹשְׁבֵי בֵּית הַמִּדְרָשׁ וְלֹא שַׂמְתָּ חֶלְקֵנוּ מִיּוֹשְׁבֵי קְרוֹנוֹ"ת", וד"ל.]

## תתקעד

**מֶעג אַ פְרוֹי גֵיין מִיט דִי קָאלִיר רוֹיט?**[ד]

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מֶעג אַ פְרוֹי גֵיין מִיט דִי קָאלִיר רוֹיט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַ פְרוֹי טָאר נִישְׁט גֵיין אִין קְלֵיידֶער וָואס אִיז רוֹיט.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אוּיפְן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין אִיסְטַאנְבּוּל, הָאט עֶר דָארְט גֶעזֶען אִינְגֶעלַייט

---

ד. נָאךְ אַ בְּרִיוו אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

וָואס הָאבְּן אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת מַמָּשׁ ווִי דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט, וַוייל דִי פְּרוֹיעֶן דָארְט אִין אִינְסְטַאנְבּוּל זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר אֵיידְל, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן זֵייעֶר צְנִיעוּת'דִיג - דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער מִיט אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת.

**ווַאוּיל** אִיז פַאר אַ פְרוֹי וָואס פִּירְט זִיךְ אֵיידְל אוּן גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, דוּרְכְדֶעם וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן הֵיילִיגֶע קִינְדֶער. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַ פְרוֹי וָואס פִּירְט זִיךְ אֵיידְל אוּן צְנִיעוּת'דִיג וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

### וֶועלְכֶע קָאלִירְן פוּן קְלֵיידֶער אִיז נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג?[ה]

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קֹדֶשׁ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב' דְּרֹאשׁ חֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**דֶער** מְקוֹר פוּן נִישְׁט גֵיין אִין רוֹיט - וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן קעח, סְעִיף א) אַז מֶען זָאל נִישְׁט

ה. סֵפֶר אִישׁ אֱמוּנוֹת תש"פ חֵלֶק א', מִכְתָּב רא.

גֵיין מִיט רוֹיטֶע קְלֵיידֶער, אַלְס (וַיִּקְרָא יח, ג): "וּבְחֻקֹּתֵיהֶם לֹא תֵלֵכוּ", מֶען זָאל נִישְׁט זַיין גְלַייךְ צוּ דִי אֻמּוֹת הָעוֹלָם. אוֹיךְ גֶעפִינֶען מִיר (בְּרָכוֹת כ.) רַב אַדָא בַּר אַהֲבָה הָאט גֶעזֶען אַ פְרוֹי אִין גַאס מִיט אַ רוֹיטֶע קְלֵייד, הָאט עֶר עֶס אַרָאפְּגֶערִיסְן פוּן אִיר וַוייל עֶס אִיז אַ פְּרִיצוּת פַאר אַ פְרוֹי צוּ גֵיין מִיט דֶעם, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעזֶען אַז דִי פְרוֹי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ אִידִישֶׁע, נָאר אַ גוֹי'אִישֶׁע פְרוֹי אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט בַּאצָאלְן גֶעלְט פַאר דִי פְרוֹי פַארְן אִיר פַארְשֶׁעמֶען; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי טָאר נִישְׁט גֵיין מִיט גוֹי'אִישֶׁע קְלֵיידֶער.

**אַנְדֶערֶע** קָאלִירְן אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶער מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין שְׁרֵייעֶדִיג אוּן אוֹיפְפַאלְנְד.

**בְּעֶטְם** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין צְנִיעוּת; אִיר זָאלְט זֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידֶל, אִיר זָאלְט ווִיסְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵייד אוּן יֶעדֶע מַלְבּוּשׁ אוֹיבּ עֶס אִיז אֵיידֶל אוּן צִי אִיר זָאלְט גֵיין דֶערְמִיט, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, קִינְדֶער צַדִיקִים. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ח, ט) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קכח, ג): "אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ", דַיין וַוייבּ וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער אַזוֹי וִוי אַ וַויינְשְׁטָאק וָואס אִיז פוּל מִיט טְרוֹיבְּן - "בִּזְמָן שֶׁהִיא נוֹהֶגֶת בְּעַצְמָהּ דַּת יְהוּדִית, שֶׁהִיא צְנוּעָה"; בִּזְכוּת וָואס זִי פִּירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת - "זוֹכָה שֶׁיּוֹצְאִין מִמֶּנָּה בָּנִים בַּעֲלֵי מִקְרָא, בַּעֲלֵי מִשְׁנָה, בַּעֲלֵי מַעֲשִׂים טוֹבִים", וֶועט זִי הָאבְּן

קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה אוּן טוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, "הֲדָא הוּא דִכְתִיב, 'בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים'".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקעה

### ווִי אַזוֹי רֶעד אִיךְ צוּ מַיין בָּחוּר עֶר זָאל זִיךְ פִירְן הֵיילִיג?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ אַז מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן פְּגַם הַבְּרִית. אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין הַדְרָכָה ווִי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן, אוּן מִיר ווִילְן ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער, פוּן אֵיין זַייט צוּ זַיין זֵייעֶר קְלָאר אוּן אָפְן מִיט זֵיי, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט עֶס טוּן נָאר אוֹיף אַ צְנִיעוּת'דִיגֶער וֶועג.

רוֹב פוּן מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ אוּנְטֶער דִי בַּר מִצְוָה, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶערֶעדְט צוּ זֵיי דֶערְוֶועגְן, אָבֶּער יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אַ דְרַייצְן יֶערִיגֶער בָּחוּר, אוּן אִיךְ ווִיל ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ אִים אִיבֶּער דֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁעוּרִים, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' גֶעהַאט דִי זְכוּת צוּ מְנַדֵּב זַיין גֶעלְט צוּ דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", ווִי אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן פַארְן נַייעֶם בֵּית הַדְפוּס דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער ווִיפִיל אִיךְ זָאל נָאר גֶעבְּן וֶועל אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען בַּאצָאלְן דָאס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט פַאר אוּנְז.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**יֶעצְט** אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל צוּ שְׁפֶּעט, מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער; פוּן דִי דְרֵיי יָאר דַארְף מֶען זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ זַיין הֵיילִיג, נִישְׁט צוּ לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְן אוֹת בְּרִית קֹדֶשׁ. וֶוען מֶען גֵייט מִיטְן קְלֵיינֶעם קִינְד אִין בֵּית הַכִּסֵּא אָדֶער מֶען בָּאדְט אִים דַארְף מֶען אִים זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט: "דָא לֵייגְט מֶען נִישְׁט דִי הֶענְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט", וֶוען מֶען זֶעט דֶעם קִינְד לֵייגְן דִי הֶענְט דַארְף מֶען אִים זָאגְן דִי וֶוערְטֶער: "עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה צוּ לֵייגְן דִי הֶענְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט".

**מֶען** דַארְף נִישְׁט זַיין קַיין גְרוֹיסֶער חָכָם צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער, מֶען דַארְף זָאגְן פָּשׁוּט'ע וֶוערְטֶער נָאכְאַנְאַנְדְער אוּן נָאכְאַמָאל אָן קַיין טַעֲמִים אוּן אָן קַיין הֶסְבֵּרִים, מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "מֶען דַארְף זַיין הֵיילִיג, מֶען טָאר נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְן אוֹת בְּרִית קֹדֶשׁ", אוּן צוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס אִיז אוֹת בְּרִית קֹדֶשׁ זָאגְט מֶען זֵיי אוֹיף זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ אַז זֵיי זָאלְן פַארְשְׁטֵיין.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן בִּזְכוּת וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס בְּרֶענְגֶען צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְטוּ זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער;

דו וָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכָה וָואס דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ גֶעבְּט (תְּרוּמָה קכח:): "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָּבָא וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע, אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "זָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטֶס טוּן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרֵיין אִין דִי דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקעו

### ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען זִיךְ אַ חֵשֶׁק צוּ וֶועלְן לֶעבְּן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט לֶעצְטְנְס בַּיי אַ שִׁעוּר ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט פוּן זַיין בַּאבֶּע, ווִי אַזוֹי זִי הָאט אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט דִי צְווֵייטֶע וֶועלְט קְרִיג, טְרָאץ דִי גָאר שְׁוֶוערֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן וָואס זִי אִיז אַלְץ אַרִיבֶּער אִין

אוישְׁוִויץ וואוּ זִי הָאט גֶעזֶען דָאס גֵיהִנּוֹם, אוּן זִי הָאט אַלְץ גֶעזָאגְט אַז זִי הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט וַוייל זִי הָאט גֶעוָואלְט לֶעבְּן.

בַּיי מִיר אִיז פִּינְקְט פַּארְקֶערְט, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַלֶעס גוּטְס אִין לֶעבְּן, עֶס גֵייט מִיר זֵייעֶר גוּט, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן ווִיל אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט לֶעבְּן. וֶוען אִיךְ טְרַאכְט פוּן מַאכְן אַ סוֹף צוּ מַיין לֶעבְּן, קֶען אִיךְ עֶס נִישְׁט טוּן נָאר וַוייל אִיךְ טְרַאכְט פוּן מַיין מַאן, פוּן מַיינֶע קִינְדֶער אוּן פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן, ווִי אוֹיךְ צִיטֶער אִיךְ אוֹיבּ דָארְט וֶועט מִיר נִישְׁט זַיין עֶרְגֶער. אִיךְ לֶעבּ נָאר מִיט דֶעם וָואס שְׁטֵייט אִין פִּרְקֵי אָבוֹת (ד, כט): "בַּעַל כָּרְחָךְ אַתָּה חַי".

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען בַּאקוּמֶען אַ טַעַם אוּן אַ ווִילְן צוּ לֶעבְּן?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אִיר** דַארְפְט אֵיין זַאךְ: "זַיין פְרֵיילִיךְ"; אַז אִיר וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט. מִיר הָאבְּן אַ מִצְוָה פוּנֶעם רֶבִּי'ן - צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אַוֶועק צוּ לוֹיפְן פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; אַז דֶער רֶבִּי הֵייסְט דַארְף מֶען פָאלְגְן.

**פְּרוּבִּירְט** דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, פְּרוּבִּירְט דִי עֵצָה;

בֶּעטְס יֶעדְן טָאג דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ אַז איר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיר זָאלְט הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דִי וֶועלְט וָואס דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן - דַאן וֶועט אִיר וֶוערְן אַ פְרֵיילִיכֶע מַאמֶע, אִיר וֶועט וֶועלְן לֶעבְּן צוּ קֶענֶען טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אײבֶּערְשְׁטְן.

**טַאנְצְט** יֶעדְן טָאג מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער, דָאס וֶועט אַריינְבְּרֶענְגֶען שִׂמְחָה אִין אַייךְ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן ח): "עַל יְדֵי הָרִקּוּדִין וְהַתְּנוּעוֹת שֶׁאַתָּה עוֹשֶׂה בַּגּוּף, נִתְעוֹרֵר לְךָ שִׂמְחָה", דוּרְךְ טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ; זִינְגְט אוּן טַאנְצְט, דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטְס וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, וֶועט אִיר וֶועלְן לֶעבְּן, אִיר וֶועט הֲנָאָה הָאבְּן פוּנֶעם לֶעבְּן.

**דֶער** אײבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקעז

### קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ תְּפִלָּה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִיבֶּערְן יֵצֶר הָרָע?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַן אַיין אוּן צְוָואנְצִיג יֶערִיגֶער גָרוּשׁ, אִיךְ ווִיל בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר שְׁרַייבְּן אַ תְּפִלָּה אִין אִידִישׁ אָדֶער אִין לְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן אַלֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת. אִיךְ בִּין לֵיידֶער אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדְן צוּם בִּיטֶערְן בְּלוּטִיגְן סְמַארְטְפָאוֹן, קָאמְפְּיוּטֶער

וְכַדוֹמֶה; אִיךְ הָאבּ דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע פִילְטֶער, אָבֶער דָאךְ טְרֶעף אִיךְ וֶועגְן צוּ דָאס עֶרְגְסְטֶע. אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, וָואס וִויל דֶער יֵצֶר הָרָע פוּן מִיר? אִיךְ וִויל בֶּאֱמֶת אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעבְּן מַיין פָאוֹן אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת דֶערְצוּ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ח סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן נִישְׁט צוּ קוּקְן עֲבֵירוֹת; נִישְׁט צוּ קוּקְן מָאוּוִים אוּן בִּילְדֶער פוּן עֲבֵירוֹת.**

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס זָאל אִיךְ טוּן, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין קוּקְן עֲבֵירוֹת; אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְגַבֵּר זַיין אוֹיף דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרָע וָואס בְּרֶענְט אוּן פְלַאקֶערְט אִין מִיר. אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין קוּקְן עֶקְלְדִיגֶע בִּילְדֶער אוּן עֶקְלְדִיגֶע קְלִיפְּס, עֶס צִיט מִיר צוּ קוּקְן דִי שְׁמוּץ אַזוֹי וִוי אַ מַאגְנֶעט וָואס צִיט אָן אַן אוֹיפְהֶער, אוּן נָאכְדֶעם פַאל אִיךְ אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, רַחֲמָנָא לִשֵׁיזְבָן.**

**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל אָפְלָאזְן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אִיךְ זָאל**

שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק גֵיין קוּקְן דִי עֲבֵירוֹת; נָאר דוּ - רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם - קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן, אִיךְ אַלֵיין קֶען נִישְׁט; וִויפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר פַּאל אִיךְ אוֹיף צוּרִיק. יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ מַאךְ אָפּ אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט זֶע אִיךְ מִיךְ נָאכְדֶעם צוּרִיק אִין מַיינֶע אַלְטֶע שְׁמוּץ. מַמָּשׁ כְּכֶלֶב שָׁב עַל קֵאוֹ, ווִי אַ הוּנְט וָואס גֵייט צוּרִיק צוּ זַיין בְּרֶעכַאכְץ - אַזוֹי אִיז מִיט מִיר, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין זִינְדִיגְן, אִיךְ גֵיי אַלְץ צוּרִיק צוּ דִי עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן אוּן אִיךְ פַּאל אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית.

**אָנָּא** ה', אִיךְ בֶּעט דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הַט לִבֵּנוּ לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ; אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאר טוּן דַיין ווִילְן; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נָאר קוּקְן אוֹיף גוּטֶע זַאכְן, אִיךְ זָאל נָאר קוּקְן צוּ דִיר, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקעה

**הִתְבּוֹדְדוּת אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר מִיר,**
**אִיז דָא נָאךְ עֶפֶּעס עֵצוֹת?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ גֶעוֶועזֶענֶער חֲסִידִי'שֶׁער בָּחוּר, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ שִׁעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ אַ נֵייעֶ

בִּלְעֶטְל אִין לֶעבְּן, אָבֶּער אִינֶעם גַאנְצְן שְׁעוּר הָאבּ אִיךְ בְּעִקָּר גֶעהֶערְט נָאר דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן דָאס גְלַייכְן, אִיךְ ווִיל אָבֶּער ווִיסְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט נָאךְ עֵצוֹת ווִי אַזוֹי אָנְצוּהוֹיבְּן פוּן פְּרִישׁ, אִיךְ גְלֵייבּ אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ עֵצוֹת אוּן גֶעדַאנְקֶען פַאר דִי אַלֶע אַזוֹי ווִי מִיר, וָואס הִתְבּוֹדְדוּת אוּן דִי אַנְדֶערֶע עֵצוֹת זֶענֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר אוּנְז.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ח סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וָואס** מֵיינְסְטוּ צוּ זָאגְן: 'הִתְבּוֹדְדוּת אִיז נִישְׁט פַאר דִיר'? וָואס מֵיינְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר אוּנְז? עֶס אִיז דָאךְ אַ מִצְוַת עֲשֵׂה צוּ דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

**הִתְבּוֹדְדוּת** אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס אַ נַייעֶ זַאךְ וָואס בְּרֶסְלֶב הָאט עֶרְפִינְדְן; קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּפִלָּה, הֲלָכָה א-ב): "עִקַּר הַתְּפִלָּה הוּא מִצְוַת עֲשֵׂה מִן הַתּוֹרָה", דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה פוּן דִי תּוֹרָה, "שֶׁיִּתְפַּלֵּל הָאָדָם וִיבַקֵּשׁ מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ כָּל מַה שֶׁהוּא צָרִיךְ", אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף - זָאל עֶר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְהוּא יָכוֹל לְדַבֵּר אֶל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּכָל שָׂפָה שֶׁרַק יָכוֹל", מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף סַיי וָואס פַאר אַ שְׁפְּרַאךְ מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט

צוּ רֶעדְן, "כִּי מִצְוַת עֲשֵׂה לְהִתְפַּלֵּל בְּכָל יוֹם", אוּן עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג. "וְאֵין לַתְּפִלָּה זְמַן קָבוּעַ מִן הַתּוֹרָה", תְּפִלָּה הָאט נִישְׁט קַיין בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט אִין טָאג, "וּלְפִיכָךְ נָשִׁים וַעֲבָדִים חַיָּבִין בִּתְפִלָּה, לְפִי שֶׁהִיא מִצְוַת עֲשֵׂה שֶׁלֹּא הַזְּמַן גְּרָמָא", דַאוֶוענֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער אִיז אַ מִצְוָה וָואס אִיז נִישְׁט בַּאגְרֶענִיצְט אִין אַ צַייט, דֶערְפַאר זֶענֶען פְרוֹיעֶן אוּן קְנֶעכְט אוֹיךְ מְחֻיָּב מִיט תְּפִלָּה.

**אַ** אִיד שְׁרַייבְּט נִישְׁט אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער: "הִתְבּוֹדְדוּת אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר אוּנְז"; הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה דָאס אִיז וָואס אַ אִיד דַארְף טוּן, דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן דַאוֶוענֶען. דִי נֹסַח הַתְּפִלָּה לוֹיט וָואס מִיר דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב - הָאבְּן דִי אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה מְתַקֵּן גֶעוֶוען וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם בִּיטֶערְן לַאנְגְן גָּלוּת, ווִי דִי אִידְן וֶועלְן זִיךְ אוֹיסְמִישְׁן צְווִישְׁן דִי פֶעלְקֶער, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי מְתַקֵּן גֶעוֶוען דֶעם נֹסַח הַתְּפִלָּה, אָבֶער דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף טוּן.

**אֶפְשָׁר** מֵיינְסְטוּ אַז הִתְבּוֹדְדוּת אִיז עֶפֶּעס אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ? אֶפְשָׁר וֵוייסְטוּ נִישְׁט וָואס אִיז דָאס הִתְבּוֹדְדוּת - אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז הִתְבּוֹדְדוּת אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר אוּנְז; אֶפְשָׁר הָאסְטוּ דָאס נָאכְנִישְׁט פְּרוּבִּירְט צוּ טוּן, וַוייל אֵיינְמָאל מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס דִי עֵצָה פוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַארְף מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט אוּן מֶען ווִיל שׁוֹין גָארְנִישְׁט, מֶען וֶוערְט שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט, מֶען שְׁפִּירְט דֶעם זִיסְן טַעַם וָואס מֶען וֶועט שְׁפִּירְן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען.

**וָואס** װעסְטוּ טוּן װען מָשִׁיחַ װעט קוּמֶען? מָשִׁיחַ װעט אוֹיסְלֶערְנֶען אַלֶעמֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ב): "עִקַּר כְּלֵי זֵינוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ הוּא הַתְּפִלָּה", מָשִׁיחַ'ס גֶעװֶער װעט זַיין תְּפִלָּה, "וְכָל מִלְחַמְתּוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה וְכָל הַכִּבְישׁוּת שֶׁיִּכְבֹּשׁ, הַכֹּל מִשָּׁם", אַלֶע מִלְחָמוֹת אוּן אַלֶעס וָואס עֶר װעט אַיינְנֶעמֶען װעט זַיין נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה; מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ װעט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אִין דִי װעלְט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער װעט שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים. מֶען װעט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶר דַארְף, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (צְפַנְיָה ג, ט): "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'"; אוּן יֶעדֶער װעט זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נב, ח): "כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן"; קֶענְסְטוּ דָאךְ שׁוֹין יֶעצְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן װעסְטוּ שׁוֹין שְׁפִּירְן ווִי מָשִׁיחַ אִיז דָא.

**עֶס** זֶענֶען פַארְהַאן אַסַאךְ עֵצוֹת ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן דִי אַלְטֶע זַאכְן אוּן אָנְהוֹייבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן, אָבֶּער צוּ אַלֶע עֵצוֹת דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ צוּקוּמֶען צוּ תְּפִלָּה, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן אַן עֵצָה צוּ װערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל זִיךְ מַאכְן שִׁעוּרִים צוּ לֶערְנֶען, הָאט יֶענֶער גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן אַז עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן

קי״א): ״עַל יְדֵי תְּפִלָּה יְכוֹלִין לָבוֹא לַכֹּל״, דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ אַלֶעם; ״לְכָל טוֹב״, צוּ אַלֶעם גוּטְס, ״לְתוֹרָה״, צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, ״וַעֲבוֹדָה״, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״וּלְכָל הַקְּדֻשּׁוֹת״, צוּ אַלֶע הֵיילִיגְקֵייטְן, ״וּלְכָל הָעֲבוֹדוֹת״, צוּ אַלֶע עֲבוֹדוֹת וָואס אִיז נָאר פַאראַן, ״וּלְכָל הַטּוֹבוֹת שֶׁבְּכָל הָעוֹלָמוֹת״, אוּן צוּ אַלֶעם גוּטְס פוּן אַלֶע וֶועלְטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקעט

**ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ גֶעבְּן קָאמְפְּלִימֶענְטְס, וֶוען אִיךְ דַארְף נָאךְ צוּקוּמֶען צוּ דֶעם?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ לֶערְן אִין בֵּית פֵיגָא סְקוּל אוּן מַיינֶע טִיטְשֶׁערְס רֶעדְן כְּסֵדֶר פוּן גֶעבְּן קָאמְפְּלִימֶענְטְס, אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבְּן קָאמְפְּלִימֶענְטְס אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט טוּן וַוייל אִיךְ אַלֵיין דַארְף נָאךְ אָנְקוּמֶען פַאר אַ גוּט וָוארְט צוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ח סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תְּחִי', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**וֶוען** מֶען גֶעבְּט פַאר אַנְדֶערֶע גוּטֶע וֶוערְטֶער - דָאס אַלֵיין בּוֹיט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס מַאכְט אַז מֶען זָאל בַּאקוּמֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, א): "אֵיזֶהוּ מְכֻבָּד", וֶוער אִיז אַן אָנְגֶעזֶעעֶנֶער מֶענְטְשׁ? "הַמְכַבֵּד אֶת הַבְּרִיּוֹת", דֶער וָואס גֶעבְּט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט.

**אִיר** קֶענְט פְּרוּבִּירְן אָנְצוּהוֹיבְּן בַּיי יוּנְגֶע קִינְדֶער; וֶוען אִיר זֶעט מֵיידְלֶעךְ וָואס זֶענֶען אִין אַייעֶר יָארְגַאנְג, אָדֶער יוּנְגֶער פוּן אַייךְ - זָאלְט אִיר זֵיי גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער. אַ גוּט וָוארְט אוֹיף זֵיי אָדֶער אוֹיף זֵייעֶרֶע אָנְטוּעֶכְץ, וִוי לְמָשָׁל אוֹיף זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, שִׁיךְ וְכַדּוֹמֶה; דָאס וֶועט אַייךְ אוֹיפְבּוֹיעֶן אַז אִיר זָאלְט וֶוערְן שְׁטַארְק מִיט זִיךְ.

**וָואס** אִיר דַארְפְט בֶּעטְס "נָאר" פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וִוי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר זִיכֶער מִיט זִיךְ.

# תתקפ

## מֶעג מֶען דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ כִּתָּה ב' מְלַמֵּד, אִיךְ הֶער דִי שִׁעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן אִיךְ דֶערְצֵייל אַסַאךְ מָאל אִיבֶער פַאר דִי קִינְדֶער דִי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס אִיךְ הֶער בַּיי דִי שִׁעוּרִים.

אַסַאךְ מָאל דֶערְצֵייל אִיךְ זֵיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ[ז] וִוי אַזוֹי זַיין טַאטֶע אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר קְלֵיין, אוּן וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ'. עֶס זֶענֶען אָבֶּער דָא קִינְדֶער וָואס זָאגְן מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה וַוייל עֶס אִיז צוּ שְׁרֶעקֶעדִיג.

פוּן אֵיין זַייט קֶען דָאס זַיין גָאר אַ שְׁטַארְקֶע חִזּוּק פַאר דִי קִינְדֶער אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ אַמָאל אַרִיבֶּערְגֵיין שְׁוֶועריְקֵייטְן אוּן צָרוֹת אִין לֶעבְּן, דָאס וֶועט זֵיי גֶעבְּן חִזּוּק אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעמָאל מִיט זֵיי, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען זַיין אַז זֵיי הָאבְּן טַאקֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת פוּן דֶעם בַּיינַאכְט, אַז אֶפְשָׁר וֶועט זֵייעֶר טַאטֶע שְׁטַארְבְּן וְכַדּוֹמֶה.

זָאל אִיךְ וַוייטֶער דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

ז. דִי מַעֲשֶׂה וֶוערְט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תתקפח.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶערְצֵייל פַּאר דִי קִינְדֶער אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים; דָאס וֶועט זֵיי אוֹיפְפְלַאקֶערְן זֵייעֶר הַארְץ. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָבָר גָּדוֹל מְאֹד", עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק וֶוערְט דָאס הַארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט צוּ וָואס דִי צַדִיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר לֶעבְּן.

וֶוען דוּ דֶערְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן נִפְטָר וֶוערְן - זָאלְסְטוּ זֵיי דָאס אַרָאפְּלֵייגְן אָן קַיין פַּחַד אוּן שְׁרֶעק; וֶוען דִי קִינְדֶער פְרֶעגְן וָואס עֶס מֵיינְט שְׁטַארְבְּן, גֶעבּ זֵיי צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דֶעם גוּף לֵייגְט מֶען אִין דֶער עֶרְד אוּן דִי נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיף אִין הִימְל, אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען הָאט גֶעטוּן אַסַאךְ מִצְווֹת אוּן מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה - דַאן גֵייט מֶען אִין גַּן עֵדֶן צוּזַאמֶען מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער.

שְׁטַארְבְּן אִיז נִישְׁט אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ, יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף אַמָאל צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי עֶצֶם זַאךְ פוּן שְׁטַארְבְּן אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שְׁרֶעקֶעדִיג, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן אֵיין שְׁטוּבּ צוּ אַ צְוֵוייטֶע שְׁטוּבּ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנו); שְׁרֶעקֶעדִיג אִיז - וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אָן קַיין תּוֹרָה אוּן מִצְווֹת, דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, אַז אַ נְשָׁמָה קוּמְט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל נַאקֶעט אָן קַיין תּוֹרָה, אָן קַיין מִצְווֹת אוּן אָן קַיין גוּטֶע זַאכְן - דָאס אִיז שְׁרֶעקֶעדִיג.

דֶער עִקָר זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס כַּאפְּן נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי שְׁנֶעל דָאס לֶערְנֶען, זֵיי זָאלְסְטוּ מְקָרֵב זַיין. אוּן אוֹיךְ אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס ווִילְן נִישְׁט גְלַייךְ לֶערְנֶען זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן; זָאלְסְט זֵיי אוּנְטֶערְקוֹיפְן מִיט גוּטֶע זַאכְן בִּיז זֵיי וֶועלְן לֶערְנֶען אוּן זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵד וָואס קוֹיפְט אוּנְטֶער דִי קִינְדֶער וָואס ווִילְן נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן עֶר דְרֵייט אַרוּם מִיט זֵיי בִּיז זֵיי וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.) עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִיש, עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, מֶען הָאט גוֹזֵר תַּעֲנִית גֶעוֶוען אָבֶער עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט, אִיז אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" - הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ גֵיין אַ גָאס רֶעגְן, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד דַּרְדַּקֵי - אִיךְ לֶערְן

מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט; נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ, אַז וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד וָואס וִויל נִישְׁט לֶערְנֶען בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד, אִיךְ הָאבּ אִין שְׁטוּבּ אַ פִּישׁ טַאנְק אוּן אִיךְ רֶעד אִים צוּ אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען וֶועל אִיךְ אִים וַוייזְן דִי פִּישְׁלֶעךְ, בִּיז עֶר הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַסַאךְ מָאל דַארְף מֶען מְשַׁחֵד זַיין קִינְדֶער מִיט בַּעֲלֵי חַיִּים וְכַדוֹמֶה, אַז זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען פְלַייסִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקפא

### אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר רֶעדְן פוּן זַאכְן אִין וָואס מַיין בָּחוּר דַארְף זִיךְ פַארְרֶעכְטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיר קֶענְט מִיר נִישְׁט אוּן אִיךְ קֶען אַייךְ נִישְׁט, אָבֶּער אִיךְ מוּז אַייךְ בַּאדַאנְקֶען פוּן טִיפְן הַארְץ פַאר אַייעֶרֶע שִׁעוּרִים.

מַיין בָּחוּר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁעוּרִים, אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ פָאלְגְן אַלֶעס וָואס עֶר הֶערְט. אַזוֹי וִוי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער בָּחוּר וֵוייסְט עֶר נָאכְנִישְׁט פִּינְקְטְלִיךְ וָואס עֶר וִויל אִין לֶעבְּן, עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט גֶעהֶערִיג, אָבֶּער עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ פָאלְגְן אַלֶעס וָואס עֶר הֶערְט בַּיי דִי שִׁעוּרִים, אוּן דָאס פִירְט אִים אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג אָנְצוּקוּמֶען וואוּ מֶען דַארְף.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי וִוי עֶר שְׁלִינְגְט מַמָּשׁ מִיט דָארְשְׁט יֶעדֶעס וָוארְט פוּן דִי דְרָשׁוֹת, זַיינֶע מַגִּידֵי שִׁעוּר אוּן מַשְׁגִּיחִים הֶערְט עֶר נִישְׁט אַזוֹי אוֹיס וִוי עֶר הֶערְט אַייךְ, אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן צוּ רֶעדְן פוּן גֶעוִויסֶע זַאכְן בַּיי דִי שִׁעוּרִים, זַאכְן וָואס עֶר קֶען נוּצְן אִין לֶעבְּן, זַאכְן אִין וָואס עֶר דַארְף זִיךְ פַארְרֶעכְטְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דוּ זֵיי אִים מְחַזֵּק עֶר זָאל וַוייטֶער הֶערְן דִי שִׁעוּרִים, עֶר זָאל לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּי'ן; מִיט דִי צַייט וֶועט זִיךְ בַּיי אִים אַלֶעס טוּישְׁן אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן שכ): "כָּל מִי שֶׁיְּצַיֵּית אוֹתִי וִיקַיֵּם כָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְצַוֶּה, בְּוַדַּאי יִהְיֶה צַדִּיק גָּדוֹל, יִהְיֶה מַה שֶּׁיִּהְיֶה", וֶוער עֶס וֶועט מִיךְ פָאלְגְן אוּן עֶר וֶועט טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ הֵייס, וֶועט זִיכֶער וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, זָאל עֶס זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין.

קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי אֵיינְצְלְהֵייטְן וָואס עֶר דַארְף פַארְרֶעכְטְן, פְּרֵיי זִיךְ אַז עֶר הָאט אַ גֶעפִיל אִין רֶבִּי'ן, עֶר הֶערְט

אוּיס דִי שִׁעוּרִים וָואס בְּלָאזְן אַרַיין לֶעבְּן אִין מֶענְטְשְׁן; מִיט דִי צַייט וֶועסְטוּ זֶען וָואס דֶער רֶבִּי וֶועט מַאכְן פוּן אִים.

**עֶם** אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר פְלֶעגְט בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן; וֶוען עֶר הָאט זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט קַיין אוּמַאן הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "פוּן דָא אוּן וַוייטֶער וֶועט דֶער רֶבִּי זִיךְ פָּארֶען מִיט עֶנְק"; אַזוֹי וֶועט זַיין מִיט דַיין זוּן, דוּ בְּרֶענְג אִים צוּם רֶבִּי'ן, זַיי אִים מְחַזֵק עֶר זָאל וַוייטֶער הֶערְן דִי שִׁעוּרִים, אוּן פוּן דָארְט אוּן וַוייטֶער וֶועט זִיךְ דֶער רֶבִּי פָּארֶען מִיט אִים.

**טַאנְץ** פַאר שִׂמְחָה אַז דַיין זוּן וִויל זַיין גוּט, טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דַיין זוּן הֶערְט שִׁעוּרִים וִוי אַזוֹי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַז עֶר הָאט אַ גֶעפִיל אִין רֶבִּי'ן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקפב

### זָאלְן מִיר זִיךְ צוּרִיק צִיעֶן קַיין אַמֶערִיקֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וואוין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זַייט מַיין חֲתֻנָּה, אִיךְ מִיט מַיין וַוייבּ קוּמֶען בֵּיידֶע פוּן אַמֶעריקֶע, גֶעוֶוענְלִיךְ רוֹב מֶענְטְשְׁן צִיעֶן זִיךְ צוּרִיק קַיין אַמֶערִיקֶע

אַפָּאר יָאר נָאךְ דִי חֲתֻנָּה, מִיר הָאבְּן מַחְלִיט גְעוֶועְן צוּ בְּלַייבְּן דָא וואוֹינֶען צוּלִיבּ דִי רוּחָנִיּוּת, אוּן צוּלִיבּ דִי נִסְיוֹנוֹת פוּן טֶעכְנֶעלָאגְיֶע וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק נִפְרָץ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

מִיר בֵּיידֶע זֶענֶען מַחֲשִׁיב דָאס וואוֹינֶען דָא, אָבֶּער מִיט אֵיין זַאךְ אִיז אוּנְז דָא זֵייעֶר שְׁוֶוער, וָואס מַאכְט אוּנְז זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט; מִיר הָאבְּן נִישְׁט דָא קַיין חֲבֵרִים אוּן מִשְׁפָּחָה, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין סְבִיבָה וואוּ צוּ גֶעהֶערְן. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶועְן אַז אִיךְ זָאל טְרֶעפְן דָא גוּטֶע חֲבֵרִים אוּן אַן עֶרְלִיכֶע סְבִיבָה, אָבֶּער דֶערְוַוייל הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶועְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אֵיינֶעם אַז מֶען דַארְף וואוֹינֶען וואוּ עֶס אִיז גוּט פַאר דִי חִנּוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער, אִיז מַיין שְׁאֵלָה וָואס עֶס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן אִין מַיין מַצָּב, זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן דָא וואוֹינֶען וַוייל דָא וֶועט זַיין בֶּעסֶער דִי חִנּוּךְ פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, טְרָאץ וָואס דָאס וואוֹינֶען דָא מַאכְט מִיר זֵייעֶר בְּעַצְבוּת?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עַצְבוּת** הָאט נִישְׁט צוּטוּן מִיט דִי פְּלַאץ וואוּ מֶען וואוֹינְט,

עַצְבוּת אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן טָאג אוּן נַאכְט אוֹיף דֶעם דָאס אַוֶועק צוּ שְׁטוּפְּן. וואוּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ נָאר גֶעפִינֶען, זָאל עֶר זַיין אִין גַּן עֵדֶן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין - וֶועט עֶר אוֹיךְ דַארְפְן אַוֶועק שְׁטוּפְּן דִי עַצְבוּת. אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז גֶעוֶועְן אִין גַּן עֵדֶן מִיט חַוָּה, זֵיי הָאבְּן גֶעוואוֹינְט

אִינֶעם שֶׁענְסְטְן פְּלַאץ וָואס אִיז נָאר פַארְהַאן, דָאךְ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דֶער שְׁלַאנְג אוּן זֵיי אִיבֶּערְגֶערֶעדְט זֵיי זָאלְן נִישְׁט פָאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הָאט זֵיי אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין אַן עַצְבוּת, אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה סה, כה): "וְנָחָשׁ עָפָר לַחְמוֹ", דֶער שְׁלַאנְג - זַיין זַאךְ אִיז עַצְבוּת וָואס קוּמְט פוּן עָפָר.

מֵיין נִישְׁט אַז אִין אַמֶערִיקֶע וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער, וואוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ דַארְף מֶען אַרְבֶּעטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אַוֶועק צוּ שְׁטוּפְן דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, דֶערִיבֶּער הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בַּאפוֹילְן אַז מִיר זָאלְן אַרְבֶּעטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין דֶעפְּרֶעסְט, "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען וַוייל מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

וִוי קֶען מֶען זָאגְן פַאר אַ צְוֵוייטְן וואוּ צוּ וואוֹינֶען וְכוּ׳? אִיךְ קֶען דִיר מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז דוּ זָאלְסְט וִויסְן וָואס צוּ טוּן, אִים בֶּעטְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ גֶעפִיל דָארְט וואוּ דוּ וואוֹינְסְט - דִי עֵצָה קֶען אִיךְ דִיר גֶעבְּן, דָאס אִיז דִי עֵצָה פַאר דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין עֵצָה. אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלח), דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט וִוי אֵיינֶער דַאוֶוענְט מַעֲרִיב אוּן כַאפְּט

אָפּ דִי וֶוערְטֶער: "וְתַקְנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ", הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן און גֶעזָאגְט: "דִי וֶוערְטֶער 'וְתַקְנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ' דַארְף מֶען דָאךְ זָאגְן מִיט גְרוֹיס כַּוָּנָה, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּבֶ'עֶ תְּפִלָּה"; וַוייל דֶער עִקָּר פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶען הָאט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ סְפֵקוֹת צִי מֶען זָאל טוּן אַזוֹי צִי אַזוֹי, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וְתַקְנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעב מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה אִיךְ זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן", אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן; אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן זָאלְסְטוּ טוּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקפג

## דַארְף אִיךְ מוֹרָא הָאבְּן צוּ גֵיין הֲפָצָה<br>וַוייל עֶס קֶען מַאכְן מַחְלֹקֶת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁטְ אַ בִּרְכַּת מַזָּל טוֹב לְרֶגֶל דִי יוֹם הֻלֶּדֶת[ז], דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן מִיט אַסַאךְ כֹּחַ צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם.

ז. מִיר טְרֶעפְן אִין עֶטְלִיכֶע בְּרִיוְון וואו דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דֶערְמַאנְט זַיין יוֹם הוּלֶּדֶת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אִינֶעם

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר שׁוֹין אַמָאל גֶעשְׁרִיבְּן פֶּערְזֶענְלִיךְ אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן גַיין הֲפָצָה, אוֹיךְ הֶער אִיךְ שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אִינְגֶעלַייט וֶועגְן הֲפָצָה אוֹיפְן "קוֹל בְּרֶסְלֶב" טֶעלֶעפָאן לַיין, אוּן אִיךְ בִּין זֵיי מַמָּשׁ מְקַנֵּא, בִּפְרַט אַז אִין מַיין גֶעגְנְט וואוּ אִיךְ וואוֹין אִיז נִישְׁטָא קַיין מְפִיצִים.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ כַאפּ אַ הִתְעוֹרְרוּת צוּ גַיין הֲפָצָה, אֲפִלּוּ נָאר מִיטְן אַרָאפְּלֵייגְן גִּלְיוֹנוֹת אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, הוֹיבּ אִיךְ אָן צוּ טְרַאכְטְן וָואס וֶועט גֶעשֶׁען אוֹיבּ עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַ מִכְשׁוֹל דֶערְפוּן, לְמָשָׁל אַ אִינְגֶערְמַאן וֶועט עֶס נֶעמֶען אוּן זַיין וַוייבּ וֶועט נִישְׁט מַסְכִּים זַיין דֶערְצוּ, אָדֶער וֶועט אֵיינֶער אָפְּלָאזְן זַיין חֲסִידוּת צוּלִיבּ דֶעם, וָואס דָאס קֶען גוֹרֵם זַיין פֵּרוּדִים אִין אַ מִשְׁפָּחָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן אִיךְ וֶועל דָאס הָאבְּן גוֹרֵם גֶעוֶוען, מִמֵּילָא בִּין אִיךְ זִיךְ מוֹנֵעַ פוּן דֶעם.

אָבֶּער וִויבַּאלְד מַיין הַארְץ בְּרֶענְט מִיר אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן דִי שֵׁיינֶע עֵצוֹת פַּאר נָאךְ אִידְן, וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; ווִיל אִיךְ בֶּעטְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר זָאגְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

---

מִכְתָּב יוֹמִי פוּן יוֹם ג' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ז לפ"ק, וואוּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט:

"הַיינְט י"ב סִיוָן אִיז מַיין יוֹם הוּלֶּדֶת; הַיינְט אִיז דִי לֶעצְטֶע טָאג פוּן דִי שִׁבְעָה יְמֵי תַּשְׁלוּמִין, עֶס אִיז דִי לֶעצְטֶע טָאג פוּן דִי זִיבְּן טֶעג וָואס מֶען קֶען מַשְׁלִים זַיין דִי קָרְבָּנוֹת, דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ בְּרֶענְגֶען זֵייעֶרֶע קָרְבָּנוֹת אִינֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָּה צוּ לֶערְנֶען מִיט בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט שׁוֹין אִיבֶּער צֶען יָאר - פוּן תשס"ה, אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען קֶען אַלֶעס מַשְׁלִים זַיין; אֲפִילוּ דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט דַיינֶע קָרְבָּנוֹת, הָאסְטוּ נָאךְ צַייט דָאס צוּ בְּרֶענְגֶען שְׁפֶּעטֶער. אַזוֹי אוֹיךְ אַז מֶען הָאט גֶעטוּן נַארִישְׁקַייטְן קֶען מֶען נָאךְ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, אוּן מֶען קֶען זִיךְ אַלֶעמָאל צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

**תְשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ"ד סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

## מַחְלֹקֶת? דָאס מַאכְט מַחְלֹקֶת? דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן מַאכְט מַחְלֹקֶת?! אוֹיבּ עֶפֶּעס מַאכְן דִי סְפָרִים שָׁלוֹם צְווִישְׁן קִינְדֶער אוּן עֶלְטֶערְן, עֶס מַאכְט שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ וְכוּ'; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זָאגְן אַז דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת - צֶעטֵיילְן מִשְׁפָּחוֹת, וֶוען צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת נָאר פוּן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים; צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער שְׁטִיבֶּער זֶענֶען אוֹיפְגֶעלוֹיכְטְן גֶעוָוארְן פוּן דִי סְפָרִים.

## וֶוער אִיז נָאךְ אַזוֹי מְחַזֵּק אַז מֶען זָאל זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ עֶלְטֶערְן - ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי? וֶוער אִיז נָאךְ אַזוֹי מְחַזֵּק אַז מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט מַחְלֹקֶת, מֶען זָאל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה - ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי? וֶוער עֶס אִיז טוֹעֵם פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶוערְט דָאךְ אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט מִן הַקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה צוּם גוּטְן; מֶען הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מֶען הָאט שִׁעוּרִים אִין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, מֶען הוֹיבְּט אָן דַאוֶוענֶען מִיט הִתְלַהֲבוּת, מֶען לֶעבְּט מִיטְן אייבֶּערְשְׁטְן; ווִי קֶענְסְטוּ אֲפִלּוּ טְרַאכְטְן אַז דִי סְפָרִים מַאכְן מַחְלֹקֶת, אַז דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת צֶעבְּרֶעכְן מִשְׁפָּחוֹת?

**אוֹיב** דוּ בִּיסְט אַזוֹי שְׁטַארְק חוֹשֵׁשׁ פַאר מַחְלֹקֶת - וָואלְסְטוּ וֶוען גֶעדַארְפְט זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער צוּ לֵייגְן דִי גִּלְיוֹנוֹת אִין אַלֶע שׁוּלְן אוּן אִין יְשִׁיבוֹת, צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל וֶוער עֶס וֵוייסְט נָאר אַבִּיסְל וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, וִוי מֶענְטְשְׁן פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, בִּפְרַט בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, וִוי זֵיי פַאלְן אַרָאפּ אִין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע זִינְד, זֵיי פַאלְן אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, בִּיז זֵיי לָאזְן אָפּ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; זֵיי גֵייעֶן אַוֶועק פוּן שְׁטוּב, זֵיי לָאזְן אָפּ דִי מִשְׁפָּחָה אוּן דִי עֶלְטֶערְן וֵויינֶען אוּן קְלָאגְן; נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן, נִישְׁטָא וָואס צוּ מַאכְן מִיט זֵיי, אַלֶע הֵייבְּן דִי הֶענְט וַוייל קֵיינֶער הָאט צוּ זֵיי נִישְׁט קַיין שְׁפְּרַאךְ, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט מִיט זֵיי, וִוי אַזוֹי מֶען כַאפְּט זֵיי אָן, וִוי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן מִיט זֵיי אַ שְׁטִיקְל שַׁיְיכוּת זֵיי צוּ קֶענֶען הַאלְטְן זֵיי זָאלְן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט פַאלְן נָאךְ וַוייטֶער אוּן נָאךְ מֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן; נָאר דֶער רֶבִּי מִיט זַיינֶע זִיסֶע עֵצוֹת, מִיט זַיינֶע וַוארֶעמֶע הִתְחַזְּקוּת - הָאט דִי שְׁפְּרַאךְ זֵיי צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען; וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט גֵיין טָאג אוּן נַאכְט הֲפָצָה.

וִוי קֶען מֶען שְׁלָאפְן רוּאִיג וֶוען עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר! וִוי קֶען מֶען זִיצְן מִיט פַארְלֵייגְטֶע הֶענְט וֶוען דִי פֵייעֶר אִיז דָא נֶעבְּן אוּנְז, נִישְׁט עֶרְגֶעץ וַוייט אַוֶועק; דֶער פֵייעֶר בְּרֶענְט אִיבֶּערָאל, עֶס פַאלְן אַוֶועק נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת; וִוי קֶען מֶען שְׁלָאפְן וֶוען מֶען קֶען זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען?! דִי גִּלְיוֹנוֹת, סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אִיז

גֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַזַא שְׁפְּרַאךְ אַז אֲפִילּוּ דֶער וָואס אִיז וַוייט וַוייט פַארְקְרָאכְן שְׁפִּירְט וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אִים.

**דֶער** רֶבִּי קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן זַיין בְּלָאטֶע; אֲפִילּוּ דֶער וָואס אִיז שׁוֹין אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַלֶע בְּלָאטֶעס, עֶר לִיגְט שׁוֹין אִין אַלֶע זִיבְּן גֵּיהִנּוֹם'ס קֶען אִים דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְנֶעמֶען. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רחצ): "אִיךְ הָאבּ דֶעם זֶעלְבְּן כֹּחַ וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעהַאט, אִיךְ קֶען רֶעדְן מִיט אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם טִיפְסְטְן גֵּיהִנּוֹם אוּן אִים אַרַיינְלֵייגְן אִין גַּן עֵדֶן"; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה י:) אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט זַיין זוּן אַבְשָׁלוֹם פוּן אַלֶע זִיבְּן גֵּיהִנּוֹם'ס וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט בַּיי דִי לְוָיָה זִיבְּן מָאל: "בְּנִי אַבְשָׁלוֹם בְּנִי בְּנִי אַבְשָׁלוֹם" (שְׁמוּאֵל ב יט, א-ה), 'מַיין קִינְד מַיין קִינְד, אַבְשָׁלוֹם מַיין קִינְד' - בִּיז עֶר הָאט אִים אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין גַּן עֵדֶן; דָאס טוּט דֶער רֶבִּי מִיט אוּנְז אוּן דָאס אִיז דִי כֹּחַ פוּן דִי סְפָרִים, עֶס וַוייזְט דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי שְׁטַארְק עֶר וַוארְט אוּן ווִיל אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ אִים.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זַייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן הָפָּצָה; זַיי מַמְשִׁיךְ מִיטְן לֵייגְן גִּלְיוֹנוֹת אִין דַיין גֶעגְנְט. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן צוּ גֵיין אִין דִי הַייזֶער, זָאלְסְט אִיבֶּערְלָאזְן אִין יֶעדֶע שְׁטוּבּ פוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ שֶׁיָּבֹא בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ.

# תתקפד

## דאַרף אַ גְּרוּשָׁה זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַאר דִי גֶעוָואלְדִיגֶע שִׁעוּרִים וָואס גֶעבְּן מִיר אַסַאךְ חִיזּוּק אִין לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין אַ גְּרוּשָׁה, אוּן אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ דַארְף זִיךְ נָאכְאַלְץ שֶׁערְן דִי הָאר.

אוֹיךְ דַארְף אִיךְ נָאךְ חִיזּוּק צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַ שִׁדּוּךְ, אִיךְ בִּין שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוֶוען בַּייִם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"ש אוּן אוֹיסְגֶעזָאגְט גַאנְץ תְּהִלִּים, אָבֶּער דֶערְוַוייל אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַ הַאלְבֶּע יָאר אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אָנְטְרָאגְן אַ גֶעהֶערִיגֶע שִׁדּוּךְ.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ וִויסְן אִיבֶּער דֶעם וָואס עֶס שְׁטֵייט אַז נָאךְ אֵיידֶער אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן אִיז שׁוֹין אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פַאר אִים זַיין שִׁדּוּךְ, אִיז דָאס שַׁיָּךְ אוֹיךְ פַאר מִיר אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער? אוּן אוֹיבּ אִיז דָאס נִישְׁט שַׁיָּךְ בַּיי אַ צְוֵוייטֶע שִׁדּוּךְ, אִיז דֶען פַאר מִיר אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אַ מַאן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ד סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**הָאט נִישְׁט מוֹרָא, אִיר הָאט אַ שִׁדּוּךְ; עֶס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פַאר אַייךְ אַ שִׁדּוּךְ, אִיר וֶועט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן אַייעֶר שִׁדּוּךְ.**

וָוען מֶען דַאוָוענְט צוּם אײבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען הָאבְּן גֶעדוּלְד;

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ב) אַז תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן חֹטֶם - דִי נָאז פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה מח, ט): "וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ"; מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, וָואס הָאט דַאוָוענֶען מִיט דִי נָאז? זָאגְט מוֹהֲרָ"ש צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס אַז אַ מֶענְטְשׁ אָן אַ נָאז קֶען נִישְׁט לֶעבְּן, דִי גַאנְצֶע אָטֶעם גֵייט דוּרְךְ דִי נָאז, אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּן מִיט תְּפִלָּה; עֶס זָאל זַיין בַּיי אִים מַמָּשׁ וִוי אָטֶעמֶען, פִּינְקְט אַזוֹי וִוי אָטֶעמֶען דַארְף מֶען דִי גַאנְצֶע צַייט, אַזוֹי דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אײבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן צַייט.

צְוֵוייטְנְס, דֶער נָאז וַוייזְט אוֹיף אֲרִיכַת אַפַּיִם, אוֹיף סַבְלָנוּת; וָוען מֶען בֶּעט דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, מֶען דַארְף בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אוּן נָאכְאַמָאל בֶּעטְן בִּיז דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּן שִׁיקְט אַ יְשׁוּעָה.

זַייט מַמְשִׁיךְ מִיטְן בֶּעטְן דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן - וֶועט אִיר זִיכֶער טְרֶעפְן אַייעֶר שִׁדּוּךְ.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר וַוייטֶער זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקפה

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן לָאזְן מִיר נִישְׁט הָאבְּן אַ כָּשֵׁר'עֶ סְמַארְטְפָאוֹן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קֹדֶם כֹּל מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁעוּרִים וָואס הָאט גֶעטְוִישְׁט מַיין לֶעבְּן, וּבִפְרַט דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד אוּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן זֶעכְצֶן יָאר אַלְט, שׁוֹין פוּן אַלְס גָאר קְלֵיין קִינְד, זַייט אִיךְ גֶעדֶענְק - הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן טוּן עֲבֵירוֹת מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אוּן זַייט דֶעמָאלְט פַאל אִיךְ אִין דִי שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת, אַמָאל מֶער אוּן אַמָאל וֵוייניגֶער. בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דִי שִׁעוּרִים, אוּן צוּבִּיסְלִיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעקֶענְט אָנְהוֹיבְּן אַרוֹיסְקְרִיכְן דֶערְפוּן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז יֶעדְן טָאג הָאבּ אִיךְ נָאךְ אַ וֶועלְט מִלְחָמָה זִיךְ צוּ הַאלְטְן עֶרְלִיךְ.

אִיךְ לֶערְן אִין אַ מְצוּיָין'דִיגֶע יְשִׁיבָה, אִיךְ הֵייס פוּן דִי בֶּעסְטֶע בָּחוּרִים אִין מַיין שִׁעוּר, מַיין טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער, אוּן דֶערְפַאר לָאזְן זֵיי מִיר נִישְׁט קוֹיפְן אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אִיךְ רֶעד פוּן אַ כָּשֵׁר'עֶ סְמַארְטְפָאוֹן מִיט אַ גוּטֶע פִילְטֶער, זֵיי לָאזְן מִיר נָאר קוֹיפְן אַ פָּשׁוּט'עֶ טֶעלֶעפָאן אָן קַיין טֶעקְסְט.

אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה הֵייסְן מֶער אָפֶענֶע קֶעפּ, אָבֶּער אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין דֶער "גוּטֶער" בָּחוּר הָאבְּן זֵיי מֶער מוֹרָא פַאר מִיר, זֵיי כַאפְּן אָבֶּער נִישְׁט אַז אִיךְ הַאלְט שׁוֹין לַאנְג נָאךְ דִי אַלֶע זַאכְן אוּן אִיךְ וִויל נָאר דִי סְמַארְטְפָאוֹן פַאר כָּשֵׁר'עֶ זַאכְן.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה אוּן חִיזּוּק אִיבֶּער דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ"ד סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**ווילְסְט** הֶערְן דֶעם אֱמֶת? דֶער אֱמֶת אִיז אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶערֶעכְט; דוּ בִּיסְט זֵייעֶר אַ וואוּילֶער בָּחוּר. פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט זֶעט מֶען אַז דוּ בִּיסְט טַאקֶע פוּן דִי בֶּעסְטֶע בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה; דוּ שְׁרַייבְּסְט אַזוֹי שֵׁיין וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִיר אַז דוּ הָאסְט זִיךְ דֶערְוואוּסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן וִוי דֶער דֶרֶךְ הַלִּימוּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אוּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - הָאט גֶעבִּיטְן דַיין לֶעבְּן, אוּן וִוי דוּ הוֹיבְּסְט אָן אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן וְכוּ' - בִּיסְטוּ דָאךְ טַאקֶע אַ וואוּילֶער בָּחוּר.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי צְוֵויי עֵצוֹת; עֶרְשְׁטְנְס - מַאךְ זִיךְ שִׁעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ. זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, תַּרְגּוּם מִיט רַשִׁ"י; זוּנְטָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; נָאכְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָה, דָאס וֶועט אוֹיסְוַואשְׁן דַיין נְשָׁמָה פוּן אַלֶע עֲווֹנוֹת אוּן חֲטָאִים; נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְּמָרָא, הוֹיבּ אָן שַׁ"ס אוּן גֵיי כְּסִדְרָן. אוֹיבּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר פַארְצֵייעֶן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי

ראש הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִימֵיכֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - רֶעכְנְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִוי עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

**צְוֵויטְנְס** - זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד; זוּךְ דִיר אוֹיף אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף דִי אַלֶע מַעֲשִׂים מְגוּנִים, דִי מַעֲשֵׂי תּוֹעֵבָה אִין וָואס דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן פוּן אַלְס יוּנְג קִינְד; דוּ דַארְפְסְט אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע עֲבֵירוֹת וָואס דוּ בִּיסְט בַּאגַאנְגֶען, אַזוֹי וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין.

**זֶע** צוּ זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים, דָאס וֶועט דִיר צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג).

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקפו

## וָואס אִיז דֶער גֶדֶר פוּן "קַדֵּשׁ עַצְמְךָ בַּמֻּתָּר לָךְ"?[ח]

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעלֶערְנְט אַסאךְ פְּסוּקִים תַּנַ"ךְ, אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְּמָרָא, אַסַאךְ סִימָנִים אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוּן אַסַאךְ זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אִיבֶּער וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים[ט], דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט דָארְט אַז דִי וֶועג אִיז צוּ לֶערְנֶען נָאר דִי הֲלָכוֹת פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן נִישְׁט צוּלֵייגְן קַיין חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת.

אִיךְ בִּין אָבֶּער נָאכְאַלְץ צֶעמִישְׁט, וַוייל אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַלֵיין זֶעט מֶען אוֹיךְ אַז מֶען דַארְף זִיךְ הֵיילִיגְן אֲפִלּוּ מִיט זַאכְן וָואס מֶען מֶעג, "וְאַף עַל פִּי שֶׁמֻּתָּר בְּכָל אֵלֶּה, כָּל הַמְקַדֵּשׁ עַצְמוֹ בַּמֻּתָּר לוֹ קָדוֹשׁ יֹאמְרוּ לוֹ", אוּן אַזוֹי זֶעט מֶען אוֹיף עֶטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז מֶען דַארְף זִיךְ יָא הֵיילִיגְן אוּן נִישְׁט טוּן אַלֶעס וָואס מֶען מֶעג.

עֶס אִיז נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעטוּן פוּן דִי וֶועלְט, אִיךְ ווִיל אָבֶּער יָא ווִיסְן קְלָאר וָואס אִיז דִי אִידִישֶׁע הַשְׁקָפָה ווִי אַזוֹי אַ אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

---

ח. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק א', מִכְתָּב ס; חֵלֶק ד' מִכְתָּב רעט, שנה; חֵלֶק ו' מִכְתָּב תעו.

ט. דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ד סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהאַלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ שְׁרַייבְּן פוּן דְבָרִים שֶׁל בֵּינוֹ לְבֵינָהּ וַוייל דִי בְּרִיוו קוּמֶען אָן אִיבֶּעראָל; אַלֶע לֵיינֶען דִי בְּרִיוְון, דֶערְפַאר קֶען מֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן פוּן דֶעם, אָבֶּער בְּדֶרֶךְ רֶמֶז קֶען מֶען אַבִּיסְל שְׁרַייבְּן, בִּבְחִינַת (מִשְׁלֵי ט, ט): "תֵּן לְחָכָם וְיֶחְכַּם עוֹד".

**דָאס** ווָאס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת כ.): "קַדֵּשׁ עַצְמְךָ בַּמֻּתָּר לָךְ", מֵיינְט מֶען צוּ זָאגְן פַארְקֶערְט, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ הֵיילִיגְן צוּזַאמֶען מִיט זַיין ווַייבּ כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת. אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת יוֹם הַכִּפּוּרִים הֲלָכָה א, אוֹת א): "מִי שֶׁאֵינוֹ נָשׂוּי הוּא פָּגוּם בִּבְרִית", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתֻנָּה, עֶר לֶעבְּט אַלֵיין - דֶער אִיז פָּגוּם בַּבְּרִית; דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִים פַאר דִי חֲתֻנָּה, דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זָאגְן פַאר בָּחוּרִים: "זָאלְסְט צוּרִיק קוּמֶען מִיט אַ טַלִּית"; וַוייל נָאר מִיט אַ ווַייבּ קֶען מֶען זַיין הֵיילִיג אוּן גֶעראַטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן עֲבֵירוֹת.

**עֶס** אִיז דָא אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אִין דֶעם עִנְיָן, עֶס אִיז אָבֶּער פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּךְ צוּ שְׁרַייבְּן בִּפְרָטִיּוּת; נָאר דָאס דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דִי אַלֶע ווָאס פַאלְן אַרַיין אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, דָאס קוּמְט נָאר וַוייל מֶען הָאט זֵיי גֶעלֶערְנְט

חוּמְרוֹת יְתֵירוֹת, דִי מַדְרִיכִים לֶערְנֶען זֵיי אוֹיס צוּ זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט וְכוּ' וְכוּ', מִמֵּילָא דַארְפְן זֵיי נָאכְדֶעם גֵיין זוּכְן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**מוֹהֲרָא"שׁ** פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן מִטוּלְטְשִׁין זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה (בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "בֵּאוּר הַלִּקּוּטִים"), אַז עֶר פַאר זִיךְ אִיז גֶעוֶוען גֶענְצְלִיךְ מֻבְדָּל וּמֻפְרָשׁ פוּן דִי וֶועלְט, מִיט דֶעם אַלֶעם וֶוען מֶען פְלֶעגְט אִים בֶּעטְן הַדְרָכוֹת בְּעִנְיָנִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ וְכוּ', פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "קִינְדֶערְלֶעךְ, הִיט אַייךְ פוּן כְּרִיתוּת"; דָאס הֵייסְט מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְן צוּ הִיטְן הִלְכוֹת טָהֳרָה, מֶען זָאל חַזֶר'ן הִלְכוֹת טָהֳרָה צוּ וִויסְן נִישְׁט נִכְשָׁל צוּ וֶוערְן אִין קַיין שׁוּם הֲלָכָה, אָבֶּער נִישְׁט צוּלֵייגְן קַיין שׁוּם פְּרִישׁוּת, נָאר וֶוען מֶען מֶעג - מֶעג מֶען אַלֶעס וְכוּ' אוּן אִין דִי אַנְדֶערֶע טֶעג זָאל מֶען הִיטְן אַלֶע הֲלָכוֹת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**וָואס אִיז יָא דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים?**[י]

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן בְּכֵפֶל כִּפְלַיִם.

י. סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ט, מִכְתָּב תתקסד.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ שִׁעוּר וִוי אִיר רֶעדְט זֵייעֶר שַׁארְף קֶעגְן דִי חָתָן מַדְרִיכִים. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַ חָתָן מַדְרִיךְ, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּן אַ שִׁעוּר פַּאר חָתָן מַדְרִיכִים, אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען וָואס אִיז יָא דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב', ט' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

וֶוען מוֹהֲרַ"שׁ הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים - זַיי אָנְגְרֵייטְן פַארְן לֶעבְּן, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרַ"שׁ: "אִיךְ דַארְף דָאךְ הָאבְּן הַדְרָכָה צוּ וִויסְן וָואס צוּ לֶערְנֶען מִיט זֵיי", הָאט מוֹהֲרַ"שׁ מִיר גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֶעבּ דִיר הַדְרָכָה, זָאלְסְט לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים וָואס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוּן חַס וְשָׁלוֹם צוּלֵייגְן אָדֶער אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דֶעם".

דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי דִיר; אַז דוּ ווילְסְט לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים - זַיי אָנְגְרֵייטְן פַארְן לֶעבְּן זָאלְסְטוּ מִיט זֵיי לֶערְנֶען וָואס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוּן חַס וְשָׁלוֹם צוּלֵייגְן אָדֶער אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דֶעם, ווַייל אַז מֶען נֶעמְט אַרָאפּ פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ אָדֶער מֶען לֵייגְט צוּ - אִיז דָאס גּוֹרֵם אַז מֶען זָאל אָפְּלָאזְן דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה.

**זָאלְסְט** נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט זֵיי קַיין חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת וַוייל דָאס אִיז גוֹרֵם אַז מֶען זָאל אַלֶעס אָפְּלָאזְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ; דֶער הֵיילִיגֶער ווִילְנֶער גָאוֹן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "אַז מֶען לֵייגְט צוּ צוּם שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט מֶען אַ פּוֹרֵק עוֹל; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן תַּרְיַ"ג מִצְווֹת, אֵיינְמָאל מֶען לֵייגְט צוּ נָאךְ אֵיין זַאךְ, וֶוערְט פוּן תרי"ג מִצְווֹת תרי"ד - תָּרִיד, דָאס אִיז מְרוּמָּז אִינֶעם פָּסוּק וָואס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כז, מ): 'וְהָיָה כַּאֲשֶׁר 'תָּרִיד' - וּפָרַקְתָּ עֻלּוֹ', אַז מֶען לֵייגְט צוּ וֶוערְט מֶען אַ פּוֹרֵק עוֹל".

**לֵיידֶער** זֶעעֶן דָא חֲתָנִים מַדְרִיכִים וָואס לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים פַאלְשֶׁע לִמּוּדִים, מֶען לֶערְנְט אוֹיס עֲבוֹדוֹת אוּן פְּרִישׁוּת וְכוּ' וְכוּ'; דָאס אִיז גוֹרֵם אַז אִינְגֶעלַייט זָאלְן זִיךְ צֶעטֵיילְן, עֶס וֶוערְן פוּן דֶעם גִיטִין, אוּן נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן. אַז דוּ ווִילְסְט לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִיט זֵיי דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, זָאלְסְט גָארְנִישְׁט צוּלֵייגְן צוּם שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וַוייל בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶועְן נָאר וָואס דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ זָאגְט, אוּן וֶוער עֶס לֵייגְט צוּ צוּם שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עֶר ווִיל זַיין פְּרוּמֶער פוּן דִי תּוֹרָה - אִיז אַזוֹי ווִי דֶער נָחָשׁ הַקַּדְמוֹנִי, וָואס קוֹדֶם לֵייגְט מֶען צוּ צוּם צְווֵוי וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית ג, ג): "לֹא תֹאכְלוּ מִמֶּנּוּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן, אוּן דֶער נָחָשׁ הָאט גֶעשְׁטֶעלְט אַ פָּנִים ווִי אַ 'פְּרוּמֶער' אוּן צוּגֶעלֵייגְט: 'לֹא תִגְּעוּ בּוֹ', אוּן דֶערְנָאךְ אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אָדָם וְחַוָּה, וָואס פוּן דֶעם אִיז אַרוֹיסְקוּמֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

**וָואס** דַארְף מֶען מֶער ווי זַיין אַ פָּשׁוּטֶ'ער איד? עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי גוּט אַז מֶען לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֶעבְּט מִיט דִי תּוֹרָה; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנד): "אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע מַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפִירְט בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תתקפז

**נָאכְן חַזֶרְ'ן אַזוֹי סַאךְ אֱמוּנָה, פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נָאךְ פְּחָדִים?**[א]

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אִין דִי פֶּערְצִיגֶער יָארְן, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַ צֶעבְּרָאכֶענֶער, אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַז אִיךְ זָאל וֶוערְן מְקוּשָּׁר צוּ מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן וָואס אִיךְ לֶערְן זַיינֶע סְפָרִים אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ מְקַיֵים זַיין זַיינֶע עֵצוֹת.

זַייט מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מְפַרְסֵם זַיין דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאבּ אִיךְ דָאס אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הֶערְן כְּסֵדֶר, אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט נָאךְ שְׁטֶערְקֶער פוּן פְרִיעֶר, זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

יא. אַ הֶמְשֵׁךְ צוּ דֶעם בְּרִיוו, וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א' כד.

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר מַצְלִיחַ אִין לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַ סוֹד וָואס אִיךְ טְרָאג מִיט זִיךְ, וָואס אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט פַאר קֵיינֶעם. שׁוֹין פוּן קִינְדְוַוייז אָן לַייד אִיךְ פוּן שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּחָדִים, אִיךְ וֶוער גָאר שְׁטַארְק דֶערְשְׁרָאקְן פוּן יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ, וֶוען אִיךְ הֶער עֶפֶּעס אַ שְׁמוּעָה אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִיבֶּער אַ מִלְחָמָה וָואס קֶען אֶפְשָׁר פַּאסִירְן, אֲפִלּוּ עֶס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם מְקוֹר, בַּאקוּם אִיךְ פוּן דֶעם גָאר אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּאנִיק אוּן פַּחַד, צוּמָאל וֶוען אִיךְ הֶער נָאר דָאס וָוארְט 'אִירַאן', שְׁפִּיר אִיךְ שׁוֹין וִוי זֵיי שְׁטֵייעֶן מִיט טַאנְקֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן עֶס פַּאסִירְט דָאס עֶרְגְסְטֶע, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ דֶערְשְׁרֶעקְט מִיר גָאר שְׁטַארְק אוֹיף אַן עֶקְסְטְרֶעמֶען פַאֶרנֶעם.

אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעלֶעבְּט אַלְס קִינְד אוּן אַלְס בָּחוּר מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּחָדִים כְּסֵדֶר, מַמָּשׁ וִוי אֵיינֶער וָואלְט גֶעשְׁטַאנֶען מִיט אַ הַאק אִיבֶּער מַיין קָאפּ פוּן צוּפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט. דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתֻנָּה גֶעהַאט, אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אוּן שׁוֹין אוֹיךְ חֲתֻנָּה גֶעמַאכְט קִינְדֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם. אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ וֶועל אוֹיסְוַואקְסְן דִי פְּחָדִים, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶס מִיטְגֶעוַואקְסְן מִיט מִיר. אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְזָאגְן אִיבֶּער דֶעם, וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל מִיךְ הַאלְטְן פַאר אַ מְשׁוּגָעֶנֶער. בִּיז אִיךְ הָאבּ אֵיינְמָאל גֶענוּמֶען דִי שְׁטַארְקֵייט אוּן גֶעגַאנְגֶען בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט צוּם דָאקְטֶער, עֶר הָאט גֶעהֶערְט מַיין פְּרָאבְּלֶעם אוּן מִיר גֶעגֶעבְּן מֶעדֶעצִין פַאר דֶעם, אוּן זַייט דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ מַמָּשׁ גֶעוָוארְן אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט וִוי אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן לַאגֶער, מַיין הִתְבּוֹדְדוּת אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶוען נָאר בְּכִיּוֹת אוּן פְּחָדִים, נָאר עֶס אִיז אַרִיבֶּער מֶער צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע גוּטְס וָואס עֶר טוּט מִיט מִיר, אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעקֶענְט פִיל רוּאִיגֶער אוּן בֶּעסֶער לֶערְנֶען תּוֹרָה.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, נָאךְ צֶענְדְלִיגֶער יָארְן פוּן הֶערְן אוּן לֶערְנֶען אֱמוּנָה, פוּן רֶעדְן אַזוֹי סַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל מִשְׁנָיוֹת, אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז אִיךְ דַארְף נָאכְאַלְץ הָאבְּן מֶעדֶעצִין פַאר פְּחָדִים. אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אַרוּם מִיט אַ שְׁטַארְקֶע שׁוּלְד גֶעפִיל, אִיךְ וֵוייס

דָאךְ וָואס מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט כְּסֵדֶר אַז מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען הֵיילְן נֶערְוְון, מֶעדְעצִין אִיז נָאר פַאר אֵיינֶעם וָואס אִיז שְׁוַואךְ אִין אֱמוּנָה, און אִיךְ מוּז דֶערְוַוייל נָאךְ יָא צוּקוּמֶען צוּ מֶעדֶעצִין פַאר פְּחָדִים, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַרָאפְּצוּגֵיין דֶערְפוּן אָבֶּער דִי פְּחָדִים זֶענֶען צוּרִיק גֶעקוּמֶען.

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען קְלָאר מַאכְן און גֶעבְּן עֵצוֹת.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ט סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וָואס** דַארְפְסְטוּ זִיךְ בַּאשׁוּלְדִיגְן? דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ גוּטֶע מֶעדֶעצִין וָואס נֶעמְט אַוֶועק דִי פְּחָדִים; דוּ לֶעבְּסְט רוּאִיגֶער און דוּ הָאסְט נִישְׁט דִי אַלְטֶע שְׁרֶעק.

**נָאר** וַוייל דוּ לֶעבְּסְט מִיט אֱמוּנָה הֶעלְפְט דִיר דִי מֶעדֶעצִין; דִי אַלֶע חִזּוּקִים און עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן - אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי מֶעדֶעצִין מַאכְט דִיךְ רוּאִיג.

**נֶעם** אַרַיין אִין דִיר אֱמוּנָה - וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן אִין לֶעבְּן; דוּ וֶועסְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן פוּן אַלֶע פְּחָדִים און דִמְיוֹנוֹת. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ

אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דֶער עִקָּר אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּצוּקוּמֶען אִיז אֱמוּנָה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מַחֲלוֹת אוּן זֵיי לַיְידְן פוּן דֶעם נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן לַיְידְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ צַאם. זָאגְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר לַיְידְט נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחֲלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, דַאן הֶעלְפְט אִים נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּפִלָּה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי יִסּוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט פוּן אַלֶע סָארְט יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ; עֶס פַּיינִיגְט זֵיי פוּן אִינֶעוֵוייניג - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה; עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז 'מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל' - דַאן לֶעבְּט עֶר אַ רוּאִיג לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקפח

## ווען איז נִפְטַר גֶעוָוארְן די מַאמֶע פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד, אוּן פַאר יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁרִיבְּן אַבִּיסְל פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין אַ קוּנְטְרֵס וָואס אִיךְ הָאבּ אַהֵיימְגֶעשִׁיקְט פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים, אִיךְ הָאבּ דָארְט אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט עֶטְלִיכֶע שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן סֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק וואוּ עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז דִי מַאמֶע פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן בַּיי זַיין גֶעבּוּרְט.

נָאךְ שָׁבוּעוֹת הָאבְּן מִיר דִי זִיסֶע קִינְדֶערְלֶעךְ גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַנְדֶערְשׁ וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין אַנְדֶערֶע סְפָרִים וֶועלְכֶע בַּאשְׁרַייבְּן דִי הִיסְטָארְיֶע פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז זַיין טַאטֶע אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן בֶּעפָאר זַיין מַאמֶע.

אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט ווִיסְן צִי עֶס אִיז טַאקֶע פַארְהַאן חִלּוּקֵי דֵעוֹת אִין דֶעם, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ לְתוֹעֶלֶת פוּן דִי קוּנְטְרֵס וָואס אִיךְ הָאבּ פַארְטֵיילְט פַאר זֵיי.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ט סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וואוֹיל** אִיז דִיר אַז דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, דוּ דֶערְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים. דֶער

הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", פַארְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק - וֶוערְט דָאס הַארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; וֶוען מֶען זֶעט צוּ וָואס דֶער צַדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז בַּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן מֶען וִויל אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִּיק.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט (סֵפֶר פְּעוּלַת הַצַּדִּיק, אוֹת כו) אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן צוּ אַלְטֶע עֶלְטֶערְן, זַיין פָּאטֶער רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר אִיז אַלְט גֶעוֶוען הוּנְדֶערְט יָאר אוּן זַיין מַאמֶע שָׂרָה אִיז שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר אַלְט; זַיין מַאמֶע אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן גְלַייךְ וֶוען זִי הָאט גֶעבּוֹירְן דֶעם הֵיילִיג קִינְד יִשְׂרָאלִיק, שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַלְט גֶעוֶוען פִינְף יָאר הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶערוּפְן צוּ זִיךְ אוּן אִים גֶעזָאגְט בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: "יִשְׂרָאלִיק! אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט - כְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ, גֶעדֶענְק אָבֶּער אַז דוּ בִּיסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר - זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם", אוּן מִיט דִי וֶוערְטֶער אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אֵיינֶער אַלֵיין אִין אַ גְרוֹיסֶע וֶועלְט, אָבֶּער עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְט זַיין

טאַטע'ס לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער: "גֶעדֶענְק דוּ בִּיסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר - זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם"; מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט אוּן דָאס אוֹיסְגֶעפִירְט לְמַעֲשֶׂה, וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעדַארְפְט - הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בִּיז אֵיינְמָאל הָאט עֶר שְׁפַּאצִירְט אִין וַואלְד בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִינְמִיטְן זֶעט עֶר וִוי עֶס קוּמְט צוּ גֵיין אַ מֶענְטְשׁ אוּן פְרֶעגְט אִים: "וָואס טוּסְטוּ דָא אַלֵיין אִין וַואלְד?" רוּפְט עֶר זִיךְ אָן צוּ אִים: "אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר", רוּפְט זִיךְ אָן דֶער מֶענְטְשׁ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אוֹיבְן אִין הִימְל, עֶר אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ, עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי וֶועלְט", אוּן עֶר לֵייגְט צוּ אַז עֶס אִיז אַ בְּפֵירוּשׁ'עֶ פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ח, יב): "עָזַב ה' אֶת הָאָרֶץ". (וָואס בֶּאֱמֶת שְׁטֵייט דָארְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן אַזוֹי וִוי דִי וָואס זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט נִישְׁט וָואס מֶען טוּט אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז פַארְלָאזְט).

דֶער מֶענְטְשׁ הָאט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעכַאפְּט אַ צְוַוייג פוּן דֶער עֶרְד אוּן אִים אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁלָאגְן, אוּן בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעשְׁלָאגְן דֶעם אַלְטְן נָאר הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים צב, י): "יִתְפָּרְדוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן", פְּלוּצְלוּנְג זֶעט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב וִוי דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט דָא, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פָּשׁוּט גֶעוֶוען אַן אוֹיג פַארְבְּלֶענְדֶענִישׁ

פוּנֶעם סמ״ך מ״ם; פוּן דֶעמָאלְט אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעוָוארְן נָאךְ שְׁטֶערְקֶער אִין דִי אֱמוּנָה, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער סמ״ך מ״ם וִויל אִים אַיינְרֶעדְן צוּ טְרַאכְטְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ אַסַאךְ מֶער גֶעשְׁטַארְקְט.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַרַיין אִין אִים אַ מוֹרָא׳דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק, עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ טְרַאכְטְן: ׳גֶעוַואלְד! אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק! אֶפְשָׁר אַז אִיךְ וֶועל דָאס נָאכְטוּן, אִיךְ וֶועל אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִיק׳, דֶער רֶבִּי אִיז גְלַייךְ אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיּוּן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וְכוּ׳ וְכוּ׳״. בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

**עֶס** אִיז דָא נָאךְ נֻסְחָאוֹת אִין דִי מַעֲשֶׂה; עֶס אִיז דָא וָואס זָאגְן אַז קֹדֶם אִיז זַיין טַאטֶע רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אוּן נָאכְדֶעם זַיין מַאמֶע[יב], אָבֶער בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז מְקוּבָּל דִי מַעֲשֶׂה אַזוֹי וִוי מוֹהֲרַ״אשׁ פַארְצֵיילְט דָאס.

**דֶער** עִקָר זָאלְסְטוּ אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער וָואס מֶען זָאל אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה; אֵיינְס, מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג

יב. עַיֵּין סֵפֶר הַשִּׂיחוֹת תש״ו - תש״י, עָמוּד 420, הֶעָרָה 75.

גֶעדֶענְקֶען און וויסְן אַז מֶען איז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, נָאר מֶען איז אַלְץ אַרום גֶענוּמֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און וָואס מֶען וויל זָאל מֶען נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. צְוֵוייטְנְס, זָאלְסְט אַרַיינְלֵייגְן אין די קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן וֶוען מֶען הֶערְט רֶעדְן קֶעגְן די אֱמוּנָה, מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים צב, י): "יִתְפָּרְדוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן", בִּיז מֶען וֶוערְט פָּטוּר פון אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקפט

### קֶענֶען אוֹיךְ פְּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן מְלַמֵּד זְכוּת אוֹיף אִידְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶעג מֶען דֶעמָאלְט אוֹיךְ מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיף אִידְן? ווי לְמָשָׁל זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִידְן זֶענֶען בֶּאֱמֶת גוּט נָאר עֶס איז דָא זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת?

צַדִּיקִים פְלֶעגְן דָאךְ אַזוֹי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וויל אָבֶּער וויסְן אוֹיב פְּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן קֶענֶען דָאס אוֹיךְ זָאגְן, און עֶס הֶעלְפְט עֶפֶּעס מֶער פון סְתַם תְּפִלָּה, אָדֶער איז דָאס נָאר אַן עֲבוֹדָה פון צַדִּיקִים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ט סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מֶען** זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ בֶּעטְן פַאר אִידְן עֶס זָאל זֵיי זַיין גוּט, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן גוּטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיף זֵיי - דֶעמָאלְט הָאט מֶען מוֹרָא אוֹיבּ מֶען אִיז גֶעמַאכְט פַאר דֶעם, מֶען טְרַאכְט אוֹיבּ מֶען מֶעג רֶעדְן, אֶפְשָׁר אִיז דָאס נָאר פַאר צַדִּיקִים, נָאר צַדִּיקִים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גוּטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער; ווִידֶער דִי וָואס זֶענֶען מְקַטְרֵג אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין בִּלְבּוּלִים אוֹיבּ דָאס אִיז גֶעמַאכְט פַאר זֵיי וְכוּ' וְכוּ'.

**דוּ** פְרֶעגְסְט אוֹיבּ דָאס אִיז גֶעמַאכְט פַאר פָּשׁוּט'עֶ אִידְן אָדֶער דָאס אִיז אַן עֲבוֹדָה פוּן צַדִּיקִים; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז בַּיי דִי וֶועלְט קוּקְט מֶען אָן דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת ווִי אַ זַאךְ וָואס גֶעהֶערְט פַאר צַדִּיקִים. מֶען דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת ווִי מֶען פְלֶעגְט הֶערְן צַדִּיקִים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט גֶעהֶערְט ווִי צַדִּיקִים בֶּעטְן אוֹיף עֶסְן, אוֹיף אַ דִינְסְט, אוֹיף אַ הוֹיז וְכוּ' וְכוּ'. מֶען שְׁטֶעלְט נִישְׁט צַאם אַז אוּנְז פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן קֶענֶען דָאס אוֹיךְ טוּן אוּן דַארְפְן דָאס טוּן; דָאס טוּט דֶער רֶבִּי, דֶער רֶבִּי נֶעמְט עֲבוֹדוֹת וָואס זֶעט אוֹיס ווִי דָאס אִיז נָאר פַאר גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ צוּ דֶעם; דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ אַז מִיר זָאלְן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּ אִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד.

וָוען רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וְכוּ' וְכוּ', הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "נָתָן, קוּם אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן". אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנְ'ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער וָואס דִי פָּאר וֶוערְטֶער הָאט גֶעטוֹישְׁט רֶבִּי נָתָנְ'ס גַאנְצֶע לֶעבְּן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד"; דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, עֶר זָאל גָארְנִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז אוֹיב עֶר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דִי הַנְהָגָה וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט: "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: 'אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד', הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, וַוייל וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף מִיר וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן".

וזאויל אִיז דֶעם וָואס אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; עֶר טַעְנָה'ט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר אַנְדֶערֶע, עֶר זָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, נִישְׁטָא אַזַא שֵׁיינֶע פָאלְק ווִי דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, נִישְׁטָא אַזַא הֵיילִיגֶע פָאלְק ווִי דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דָאס וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת דָאס אִיז נִישְׁט אַז זֵיי ווִילְן דָאס, נָאר דָאס אִיז פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם לֵייז אוּנְז אוֹיס פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָּלוּת, מִיר זֶענֶען אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְווִישְׁן גּוֹיִם - דָאס מַאכְט אַז מִיר זָאלְן אַרַיינְפַאלְן אִין נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, מִיר זֶענֶען גֶעבִּינְדְן אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, אָבֶּער עֶכְט ווִילְן מִיר אַלֶע זַיין גוּט".

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז פָּארְגֶעהַאלְטְן אוּן גֶעפְּרֶעגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ע): "הַיִתָּכֵן שֶׁאָנוּ מַנִּיחִין אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיַּעֲשֶׂה וַיַחֲשֹׁב לִגְזֹר גְּזֵרוֹת בָּעוֹלָם", הֲיִתָּכֵן מִיר לָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְן גְזֵירוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט; מִיר דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְן אוֹיף אוּנְז. ווַייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְן אוֹיף אִים, עֶר שְׁרֵייט: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", לָאזְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָפּ כִּבְיָכוֹל אַלֶע גְזֵירוֹת אוּן הֶערְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ ווִי עֶר ווֵיינְט צוּ אִים. דֶערִיבֶּער זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (יוֹמָא פו:): "רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר, גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה, שֶׁבִּשְׁבִיל יָחִיד שֶׁעָשָׂה תְּשׁוּבָה מוֹחֲלִין לְכָל הָעוֹלָם כּוּלוֹ", תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה

אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוּן מֶען אִיז מוֹחֵל פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; ווייל דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ פַאל אַרָאפּ, אוּן אַזוֹי ווִי אִיךְ ווִיל זַיין גוּט אַזוֹי ווִילְן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער זַיין גוּט, יֶעדֶער אֵיינֶער ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ נָאר יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טַעְנָה'ט אוֹיף דֶעם וֶועג אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת פַאר אִים אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

## תתקצ

### פַארְוָואס אִיז מֶען נָאכְאַלְץ אַזוֹי שְׁטַארְק קֶעגְן מוֹהֲרָ"ש?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוואַלְדִיגֶע שִׁעוּרִים וָואס גֶעבְּן מִיר אַזוֹיפִיל חִיזּוּק. אוֹיךְ ווִיל אִיךְ דֶערְצֵיילְן אַז אֵיין טָאג לֶעצְטְנְס אִיז גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק הֵייס דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעקְלֶערְט אוֹיבּ אִיךְ זָאל גֵיין הֲפָצָה אָדֶער נִישְׁט, פּוּנְקְט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַ שִׁעוּר, אוּן אִינְמִיטְן הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַ מֵפִיץ, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: "אַמָאל קֶען אַ מֵפִיץ זַיין פוּיל, אוּן טְרַאכְטְן 'הַיינְט אִיז צוּ הֵייס, אִיךְ וֶועל שׁוֹין גֵיין מָארְגְן'", דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען ווִי אַ צֵייכְן פוּן הִימְל, אוּן אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעגַאנְגֶען הֲפָצָה טְרָאץ דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע הִיצְן.

איך הָאבּ גֶעוואלְט פְרֶעגְן איבֶּער דֶעם וָואס מֶען זֶעט לֶעצְטְנְס אַז עֶס עֶפֶענֶען זיךְ פילֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ שׁוּלְן אין אַמֶעריקֶע, אין אַלֶע שְׁטֶעט, אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן איז נָאכְאַלְץ דָא אַ שְׁטַארְקֶע הִתְנַגְדוּת קֶעגְן הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ, מֶען לָאזְט נִישְׁט אַרַיין דָארְט דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ און דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ גִלְיוֹנוֹת.

איר זֶענְט דָאךְ בַּאקַאנְט מִיט דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים דָארְט, פַארְוָואס איז דָאס אַזוֹי? פַארְוָואס זָאל מֶען אין בְּרֶסְלֶב זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק קֶעגְן הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דוּ** קֶענְסְט זיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן עוֹסֵק זַיין אין הֲפָצָה; פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, זֵיי וַוייזְן דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זַיינֶע קִינְדֶער צוּ אִים; שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז דוּ הָאסְט אַ זוּן וָואס רֶעדְט מֶער נִישְׁט מִיט דִיר, עֶר אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן שְׁטוּבּ, עֶר דְרֵייט זִיךְ מִיט נִישְׁט גוּטֶע מֶענְטְשְׁן און עֶר פַאלְט נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אין עֲבֵירוֹת - ווִי דָאס רַייסְט

בַּיים הָאָרֶץ... און עֶס קוּמְט אֵיינֶער און הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּ דַיין זוּן, עֶר בְּרֶענְגְט אִים סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים און נִגּוּנִים פוּן תְּשׁוּבָה, עֶר אִיז אִים מְחַזֵּק צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און שָׁלוֹם מַאכְן מִיט דִיר, וִוי אַזוֹי וָואלְסְטוּ גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ - וִוי אַ שְׁנָארֶער? וִוי אַ בַּטְלָן? דוּ וָואלְסְט דָאךְ דֶעם מֶענְטְשׁ גֶעקוּשְׁט און גֶעהַאלְזְט, עֶר וָואלְט גֶעהַאט בַּיי דִיר אַן אָפֶענֶעם טִיר...

**מוֹהֲרַ"ש** דֶערְצֵיילְט, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יִצְחָק מִדְרָאהָבִּיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן

אִיז אִים רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל און אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ גוּטֶע מַעֲשִׂים טוּט דַיין זוּן רֶבִּי מִיכְל'עֶ זְלָאטְשׁוֹבֶער, אַז דָא אִין הִימְל מַאכְט מֶען פוּן אִים אַזַא רַעַשׁ?" הָאט דֶער טַאטֶע - רֶבִּי יִצְחָק מִדְרָאהָבִּיטְשׁ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶר לֵייגְט אַרַיין כּוֹחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען וְכוּ'", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "פַאר דֶעם אַלֵיינְס וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט אַזַא רַעַשׁ דָא אִין הִימְל פוּן אִים; אַסַאךְ צַדִּיקִים לֵייגְן אַרַיין כּוֹחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען און מֶען מַאכְט נִישְׁט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן זֵיי", הָאט דֶער טַאטֶע וַוייטֶער גֶעזָאגְט: "עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס קֶען אוֹיךְ נִישְׁט זַיין דִי סִבָּה, וַוייל אַסַאךְ צַדִּיקִים לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, און פַאר דֶעם אַלֵיין רַעַשׁ'ט זִיךְ נָאךְ נִישְׁט", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "צוּלִיב זַיין חֶסֶד און צְדָקָה וְכוּ'", הָאט רַשִׁ"י נָאכְאַלְץ נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, בִּיז רֶבִּי יִצְחָק מִדְרָאהָבִּיטְשׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט:

"אֶפְשָׁר ווייל עֶר בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶר אִיז עוֹסֵק אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק", הָאט רַשׁ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "הַיְינוּ דְאַהֲנֵי לֵיהּ, יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס עֶס רַעשׁ'ט זִיךְ פוּן אִים".

**בְּנוֹגֵעַ** דִי מַחְלֹקֶת אוֹיף מוֹהֲרַ"שׁ וְכוּ'; דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט פַארְוָואס מֶען לַאכְט אוּן מֶען שְׁפֶּעט פוּן אִים. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ז', מְזֻבּוֹב וְעַכָּבִישׁ) אַז פַאר זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֶעשְׁרִיגְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיךְ בַּאשַׁאפְן?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ גֵיי גֶעבּ זִיךְ אַן עֵצָה". אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטִיטְשְׁקְן אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם, זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "דִי נְשָׁמָה קֶען שׁוֹין אַרָאפְּגֵיין, מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַן עֵצָה"; דָאס אִיז דֶער תֵּירוּץ, אַז עֶס אִיז דָא אַ צַדִּיק וָואס הָאט אַ כֹּחַ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז בְּכֹחַ צוּ בְּרֶענְגֶען דִי גְּאֻלָּה שְׁלֵמָה - קוּמְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן מַאכְט לֵיצָנוּת, אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט נֶעמֶען דִי סְפָרִים.

**מִיר** דַארְפְן זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן דֶעם, מִיר דַארְפְן גֵיין אִין דִי פִּיס טְרִיט פוּן מוֹהֲרַ"שׁ וָואס הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם נָאר עֶר הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן פַארְשְׁפְּרֵייט אֱמוּנָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט צוּלִיבּ דִי לַאכֶערֵייעֶן אוּן דָאס חוֹזֶק מַאכְן, ווייל אִין דִי צַייט

וָואס דֶער וָואס פַארְרוּפְט זִיךְ עֶכְטֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר וֵויל נִישְׁט נֶעמֶען דִי סְפָרִים אוּן הוֹיבְּט אָן פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת אוּן שְׁאֵלוֹת - קֶען מֶען מְזַכֶּה זַיין צֶענְדְלִיגֶער מֶענְטְשְׁן, זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**לֵיצָנוּת** אִיז גֶעוֶוען אַלֶע יָארְן, פוּן אַלֶע צַדִיקִים הָאט מֶען גֶעשְׁפֶּעט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ב, ג): "אֵין לְךָ דוֹר שֶׁאֵין בּוֹ לֵיצָנִים", אִין יֶעדֶע דוֹר זֶענֶען דָא לֵיצָנִים. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שצז): נָאכְדֶעם וָואס דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ, זָאגְט דֶער פָּסוּק (דִּבְרֵי הַיָּמִים ב לב, א): "אַחֲרֵי הַדְּבָרִים וְהָאֱמֶת הָאֵלֶּה בָּא סַנְחֵרִיב", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז עֶס קֶען זַיין אַ צַדִיק אַזוֹי גְרוֹיס ווִי חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ, וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין צד:) אַז עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט לִימּוּד הַתּוֹרָה אִין אַלֶע אִידְן, אַזוֹי וַוייט אַז קְלֵיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען בַּאקַאנְט אִין אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן טֻמְאָה וְטָהֳרָה, נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם, צד.) אַז חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶר וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט זַיין מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, מִיט דֶעם אַלֶעם זָאגְט דִי תּוֹרָה: "אַחֲרֵי הַדְּבָרִים וְהָאֱמֶת הָאֵלֶּה בָּא סַנְחֵרִיב", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז מֶען זֶעט פוּן דֶעם אַז נָאכְדֶעם וָואס עֶס זֶענֶען פַארְהַאן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס קֶענֶען בְּרֶענְגֶען דִי גְאֻלָּה קוּמְט סַנְחֵרִיב אוּן מַאכְט אַלֶעם חָרוּב.

**דֶערִיבֶּער** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט וַוייטֶער עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה; גֵיי נִישְׁט אִין קַיין וִכּוּחִים מִיט קֵיינֶעם, בִּפְרַט מִיט דִי וָואס רוּפְן זִיךְ עֶכְטֶע בְּרֶסְלֶב'עֶר. עֶס אִיז אַ

שָׁאד די צַייט; אוּנְזֶער זַאךְ אִיז הֲפָּצָה. דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ג׳, מְחֻגָּר): "מַעֲשֶׂה, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ חָכָם, פַאר זַיין טוֹיט הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן הָאט זֵיי גֶעלָאזְט צַוָואָה זֵיי זָאלְן אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער, אִיר מֶעגְט עוֹסֵק זַיין אִין אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת אוֹיךְ, נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן, אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער"; מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) אַז דֶער רֶבִּי בֶּעט אוּנְז מִיר זָאלְן מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ בּוֹים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים כ, יט): "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה", דָאס הָאט דֶער חָכָם גֶעבֶּעטְן זַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין אָנְטְרִינְקֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת זֵיי צוּ הֶעלְפְן וַואקְסְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקצא

**וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ זִיךְ מְסַדֵּר זַיין מִיט מַיינֶע שִׁעוּרִים?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים, אִיךְ וָואלְט בֶּאֱמֶת גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע גַאנְצֶע בְּרִיוו נָאר צוּ דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶעם וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חִזּוּק שִׁעוּרִים.

סְפֶּעצִיעֶל ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַּארְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), וָואס הָאט מִיךְ צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תוֹרָה, אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פוּן אַלֶע פּוּפְּצְן שִׁעוּרִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט, אוֹיסֶער גְּמָרָא וָואס אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג זִיבְּן בְּלַאט כְּדֵי צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן יֶעדֶעס יָאר שַׁ"ס.

אִיךְ ווִיל אָבֶער ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ מְסַדֵּר צוּ זַיין, ווִיפִּיל אוּן ווִי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען יֶעדֶע שִׁעוּר.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשׁ"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַּיין בְּרִיוו.**

**ווּאוֹיל** אִיז דִּיר אַז דוּ לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, דוּ לֶערְנְסְט פְּלַייסִיג דַּיינֶע שִׁעוּרִים בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה; דוּ לֶערְנְסְט אַבִּיסְל פוּן אַלֶע פּוּפְּצְן שִׁעוּרִים פוּנֶעם סֵדֶר הַלִּימוּד וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען:

1) דִּי עֶרְשְׁטֶע שִׁעוּר - מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָּשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

2) דִּי צְוֵוייטֶע שִׁעוּר - מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל נַ"ךְ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז נַ"ךְ אִיז זַיין מוּסָר סֵפֶר, וֶוען מֶען לֶערְנְט נַ"ךְ וֶוערְט מֶען זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה.

3) דִי דְרִיטֶע שִׁעוּר - מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת; מִשְׁנַיוֹת וַואשְׁט אוֹיס דִי נְשָׁמָה. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַהֲרַ"ם פַּאפִּירְשׁ (אוֹר צַדִּיקִים סִימָן כב, אוֹת יא): "טוֹב לִלְמוֹד מִשְׁנַיוֹת בְּכָל יוֹם", עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט מֶען זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, "וְאִם אֶפְשָׁר שֶׁיַּשְׁלִים חַ"י פְּרָקִים בְּכָל יוֹם, נֶגֶד חַ"י עוֹלָמוֹת, מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים", אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער קֶען לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים - אִיז זֵייעֶר גוּט, "יְהִי חֶלְקִי עִמּוֹ", אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ חֵלֶק מִיט אַזַא אֵיינֶעם, "כִּי הוּא תִּקּוּן גָּדוֹל לִפְגַם הַבְּרִית, סוֹד אֵל חַי", וַוייל מִיטְן לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אִיז מֶען מְתַקֵּן וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין דִי חֵטְא פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, "וְיֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן סְגוּלָה לַהֲרוֹג הַיֵּצֶר הָרָע", אוֹיךְ הָאט דָאס אַ סְגוּלָה צוּ הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, "גַּם סְגוּלָה לְהַמְשִׁיךְ נְשָׁמָה, שֶׁהִיא אוֹתִיּוֹת מִשְׁנָה", אוֹיךְ הָאט דָאס אַ סְגוּלָה צוּ בְּרֶענְגֶען אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה אוֹיפְן מֶענְטְשׁ.

4) דִי פֶערְטֶע שִׁעוּר - מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְּמָרָא - תַּלְמוּד בַּבְלִי; לֶערְנֶען שַׁ"ס כְּסִדְרָן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט אָדֶער נִישְׁט. דָאס מַאכְט לִיכְטִיג פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע פִינְסְטֶערְנִישְׁן אוּן עֶס פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִפּוֹת וָואס מֶען הָאט בַּאשַׁאפְן פוּן עֲבֵירוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", 'תַּלְמוּד' בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע מִסְפָּר וִוי דֶער נָאמֶען פוּן דִי

קְלִפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, וָוען מֶען לֶערְנְט גְּמָרָא פַארְבְּרֶענְט מֶען דִי קְלִפָּה; מֶען וֶוערְט רֵיין.

5) דִי פִּיפְטֶע שִׁעוּר אִיז תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי; וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה, עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילּוּ לֹא חֲטָאתֶם מִימֵיכֶם", רֶעכְן אִיךְ אִים כְּאִילּוּ עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

6) דִי זֶעקְסְטֶע שִׁעוּר - מֶען זָאל לֶערְנֶען תּוֹסֶפְתָּא; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט בַּ'בְלִי, אַ בְּלַאט יְ'רוּשַׁלְמִי אוּן אַ פֶּרֶק תּ'וֹסֶפְתָּא - בּוֹיט מֶען זִיךְ אַ בַּיִ"ת נִצְחִי, אַן אֵייבִּיגֶע הוֹיז; דָאס וֶועט מֶען מִיטְנֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט".

7) דִי זִיבֶּעטֶע שִׁעוּר אִיז מִדְרָשׁ רַבָּה; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז אַסַאךְ בֶּעטְן מִיר זָאלְן הָאבְּן שִׁעוּרִים אִין מִדְרָשׁ, דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ שְׁטַארְקֶע גְלוּסְטֶענִישׁ צוּ וֶועלְן זַיין גוּט. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרִי עֵקֶב יא, כב): "רְצוֹנְךָ לְהַכִּיר אֶת מִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם", ווִילְסְט זִיךְ בַּאקֶענֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן? "לְמוֹד אַגָּדָה", לֶערְן אַגָּדָה.

8) דִי אַכְטֶע שִׁעוּר - מֶען זָאל לֶערְנֶען מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא; בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים פְלֶעגְן לֶערְנֶען אַסַאךְ מִדְרָשׁ. דֶער

הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אַז עֶר זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ מֶדְרָשׁ, שְׁפֶּעטֶער וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אַװעק פוּן דִי װעלְט פְּלֶעגְט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער פָארְלֶערְנֶען מִדְרָשׁ פַארְן עוֹלָם; מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן זִיצְן שָׁעוֹת אוֹיסְהֶערְנְדִיג ווִי שֵׁיין עֶר לֶערְנְט פָאר מִדְרָשׁ. אַמָאל אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ גְרוֹיסֶער רָב אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט ווִי שֵׁיין רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער לֶערְנְט פָאר, ווִי עֶר נֶעמְט אַרוֹיס שֵׁיינֶע עֵצוֹת אוּן חִזּוּק פוּן מִדְרָשׁ, הָאט דֶער רָב גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "אִיךְ הָאבּ דָאךְ אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט דֶעם שְׁטִיקְל מִדְרָשׁ, פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דִי שֵׁיינֶע שֵׂכֶל, עֵצוֹת אוּן חִזּוּק אִין מִדְרָשׁ?" הָאט אִים רֶבִּי נַחְמָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ דִי הַקְדָּמוֹת פוּן מַיין רֶבִּי - רֶבִּי נָתָן אוּן פוּן רֶבִּי'ן - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אַז מֶען לֶערְנְט מִיט דִי הַקְדָּמוֹת אִיז דָאס גָאר אַנְדֶערְשׁ".

9) דִי נַיינְטֶע שִׁעוּר - מֶען זָאל לֶערְנֶען רַמְבַּ"ם; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז רַמְבַּ"ם אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: "מְ'חַיֶּה מֵ'תִים בְּ'רַחֲמִים רַ'בִּים". וַוייל דִי סְפָרִים אִיז מַמָּשׁ מְחַיֶּ' מֵתִים, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ חַיּוּת אִינֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

10) דִי צֶענְטֶע שִׁעוּר - מֶען זָאל לֶערְנֶען טוּר.

11) דִי עֶלְפְטֶע שִׁעוּר אִיז שֻׁלְחָן עָרוּךְ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט): "כָּל אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי מְחֻיָּב לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם פּוֹסְקִים, וְלֹא יַעֲבֹר", יֶעדֶער אִיד אִיז מְחֻיָּב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכוֹת, "וְאִם הוּא אָנוּס וְאֵין לוֹ

פְּנַאי, יִלְמַד עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה סְעִיף 'שֻׁלְחָן עָרוּךְ' בְּאֵיזֶה מָקוֹם שֶׁהוּא, אֲפִלּוּ שֶׁלֹּא בִּמְקוֹמוֹ שֶׁהוּא עוֹמֵד עַתָּה בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ", אויב מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט וְכוּ' זָאל מֶען לֶערְנֶען אַ הֲלָכָה, אֲפִלּוּ נִישְׁט כְּסִדְרָן וואו מֶען הַאלְט וְכוּ', "כִּי צָרִיךְ לִלְמֹד אֵיזֶה דִּין בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּל יְמֵי חַיָּיו", ווַייל מֶען אִיז מְחֻיָּב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה.

12) דִי צְוֶועלְפְטֶע שִׁעוּר - מֶען זָאל לֶערְנֶען זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (עַיֵּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קח).

13) דִי דְרַייצְנְטֶע שִׁעוּר - מֶען זָאל לֶערְנֶען תִּקּוּנֵי זֹהַר; דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט תִּקּוּנֵי זֹהַר. נִישְׁט נָאר חוֹדֶשׁ אֱלוּל, נָאר אַ גַאנְץ יָאר פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ לֶערְנֶען תִּקּוּנֵי זֹהַר; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכח) אַז אַלֶע חָכְמוֹת פוּן דִי וֶועלְט לִיגְט אִין סֵפֶר הַתִּקּוּנִים.

14) דִי פֶערְצְנְטֶע שִׁעוּר אִיז לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט זַיין סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קֻשְׁיוֹת לְבָבוֹ, וְאָמַר בְּזוּ הַלָּשׁוֹן: 'סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען'"; וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן, עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

15) דִי פּוּפְּצְנְטֶע שִׁעוּר אִיז לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת; וַוייל נָאר מִיט רֶבִּי נָתָן פַּארְשְׁטֵייעֶן מִיר וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "קֵיינֶער פַּארְשְׁטֵייט מִיר נִישְׁט - נָאר רֶבִּי נָתָן, אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי אַבִּיסְל".

16) יֶעצְט אַז מִיר הָאבְּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל הָאבְּן מִיר זֶעכְצְן שִׁעוּרִים, מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל אֲשֶׁר בַּנַּחַל; דָאס פְלַאמְט אוֹיף דָאס הַארְץ. דֶער סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִיז מְחַזֵּק יֶעדְן אֵיינֶעם; אִין וָואס פַאר אַ מַצָּב מֶען גֶעפִינְט זִיךְ נָאר - הֵייבְּט עֶס אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִיז אִים מְחַזֵּק.

**בֶּעט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט ווִיסְן ווִיפִיל צוּ לֶערְנֶען פוּן יֶעדֶע לִימּוּד; תְּפִלָּה וַוייזְט פַארְן מֶענְטְשׁ וָואס צוּ טוּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקצב

**וָואס קֶענֶען מִיר טוּן גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יִיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר שְׁטַארְק מְחַזֵּק, בִּפְרַט אִין דֶעם עִנְיָן פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם פֵּיין חֲתֻנָּה גֶעהַאט שׁוֹין פַאר כִּמְעַט פִינְף יָאר, אָבֶער דֶערְוַוייל הָאבְּן מִיר נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער. מִיר גֶעבְּן

נִישְׁט אוֹיף, מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק מִיט אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה, אָבֶער צוּמָאל שְׁפִּיר אִיךְ ווִי עֶס רוּקְט זִיךְ אַ חוֹדֶשׁ נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ, אַ יָאר נָאךְ אַ יָאר, אוּן דִי יְשׁוּעָה אִיז נָאכְנִישְׁט דָא; מִיט וָואס קֶען אִיךְ זִיךְ מְחַזֵּק זַיין? אוּן אֶפְשַׁר פֶּעלְט אוֹיס צוּ טוּן עֶפֶּעס אַ סְגוּלָה צוּ בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער דִי יְשׁוּעָה?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**בִּזְכוּת** וָואס אִיר וֶועט זִיךְ פִירְן אֵיידְל, אִיר וֶועט גֵיין אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת'דִיג - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכָה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ח, ט) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קכח, ג): "אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ", דַיין וַוייבּ וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער אַזוֹי ווִי אַ וַויינְשְׁטָאק וָואס אִיז פוּל מִיט טְרוֹיבְּן - בִּזְכוּת וָואס זִי פִירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת, "בִּזְמַן שֶׁהִיא נוֹהֶגֶת בְּעַצְמָהּ דַּת יְהוּדִית שֶׁהִיא צְנוּעָה, זוֹכָה שֶׁיּוֹצְאִין מִמֶּנָּה בָּנִים בַּעֲלֵי מִקְרָא, בַּעֲלֵי מִשְׁנָה, בַּעֲלֵי מַעֲשִׂים טוֹבִים", זִי וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה אוּן טוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, "הֲדָא הוּא דִכְתִיב: 'בָּנֶיךָ כִּשְׁתִילֵי זֵיתִים'", עַיֵּין שָׁם.

**אוֹיךְ** זָאלְט אִיר עוֹסֵק זַיין אִין צְדָקָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים חֵלֶק ב', סִימָן כב) אַז דוּרְךְ צְדָקָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר הֶעלְפְן אִין אַייעֶר שְׁטָאט אַז עֶס זָאל זַיין אַן עֵירוּב; עֶס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִיקִים אַז דֶער וָואס מַאכְט אַן עֵירוּב אִיז זוֹכֶה צוּ גְרוֹיסֶע נִסִים, בִּפְרַט אִינֶעם עִנְיָן פוּן זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא. אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דִי מַעֲשֶׂה, אַ אִיד וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן יֵיטֶב לֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פַּאר אַ בְּרָכָה אוּן דֶער יֵיטֶב לֵב הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל מַאכְן דֶעם עֵירוּב, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן אוּן עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקצג

### וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מְכַבֵּד צוּ זַיין דִי וַוייבּ?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַסַאךְ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן אִיךְ לֵיין אִין דִי בְּרִיוו אִיבֶּער דִי וִויכְטִיגְקֵייט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, אַרוֹיפְקוּקְן דִי וַוייבּ אוּן אִיר מְקָרֵב זַיין וִוי מֶער. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בִּין אִיךְ אָבֶּער אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אַנְדֶערְשׁ, מֶען הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז וִוי מֶער מֶען הַאלְט זִיךְ וַוייטֶער פוּן דִי וַוייבּ - אִיז מֶען מֶער הֵיילִיג אוּן מֶער נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִין אַ בְּרִיוו[יג] וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט אַז דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט מִיט חֲתָנִים אַז מֶען דַארְף זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט

יג. דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

פוּן דִי וַוייבּ קוּמְט גָאר פוּן קְרִיסְטְלִיכֶע מְקוֹרוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, וָואס בַּיי זֵיי הָאט גֶעהֵייסְן אַז ווִי הֵיילִיגֶער מֶען אִיז דַארְף מֶען זַיין מֶער אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן אַ וַוייבּ.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אָבֶּער ווִי אַזוֹי מֶען קֶען דָאס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן בַּיי זִיךְ אִין קָאפּ, וַוייל אִין דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִיקִים - וָואס מֶען לֶערְנְט אִין דִי יְשִׁיבוֹת - זֶעט מֶען נִישְׁט דָארְט אִיבֶּער דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַ פְרוֹי, נָאר פַארְקֶערְט, מֶען לֶערְנְט ווִי עֶקְלְדִיג עֶס אִיז דִי תַּאֲווֹת, אוּן ווִי שְׁטַארְק מֶען דַארְף זִיךְ מְרַחֵק זַיין.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען טוּישְׁן דֶעם מֹחַ אוּן אָנְהוֹיבְּן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעצוֹיגְן גֶעוָוארְן אַנְדֶערְשׁ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אָדֶער בְּרֶענְגְסְטוּ נִישְׁט גוּט אַרוֹיס דַיין פְרַאגֶע, אָדֶער בִּיסְטוּ זֵייעֶר צֶעמִישְׁט.**

**וָואס הָאט מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ מִיט תַּאֲווֹת? אַ פְרוֹי אִיז תַּאֲווֹת? בְּרֶסְלֶב הָאט אַן אַנְדֶערֶע תּוֹרָה? בְּרֶסְלֶב ווִיל מֶען זָאל נָאכְגֵיין תַּאֲווֹת? אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס אִיז דִי סְתִירָה פוּן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ אוּן פַארְ'מִיאוּסְ'ן תַּאֲווֹת, תַּאֲווֹת דַארְף מֶען פַארְ'מִיאוּסְ'ן אוּן דִי וַוייבּ דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין - וָואס אִיז דִי סְתִירָה?**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "וִוי אִיז בִּכְלַל שַׁיָּךְ תַּאֲווֹת? עֶסְן דַארְף מֶען כְּדֵי מֶען זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁלָאפְן דַארְף מֶען צוּ קֶענֶען דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, חֲתֻנָּה הָאבְּן דַארְף מֶען צוּ קֶענֶען טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְקַיֵּם זַיין דִי מִצְוָה פוּן פְּרִיָּה וּרְבִיָּה - וִוי אִיז שַׁיָּךְ תַּאֲווֹת?!"

מַאךְ זִיךְ שִׁעוּרִים אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועט זִיךְ דִיר עֶפֶענֶען אַ נַייעֶ וֶועלְט, דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דוּ וֶועסְט עֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁלָאפְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין שְׁטוּב; דָאס לֶערְנְט מִיט אוּנְז דֶער רֶבִּי אוּן דָאס הָאט מוֹהֲרַא"שׁ אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, מִיר זָאלְן נִישְׁט מֵיינֶען אַז צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף מֶען זַיין אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע סָארְט בַּאשֶׁעפֶענִישׁ וָואס גֵייט אַיינְגֶעבּוֹיגְן אוּן לֶעבְּט אַנְדֶערְשׁ וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַּאר דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, רֶבִּי יַעֲקֹב שִׁמְשׁוֹן מִשְׁפִּיטִיוְוקֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, רֶבִּי זְאֵב וָואלְף מִטְשֶׁערְנִי-אוֹסְטְרָהָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן נָאךְ, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט זֵיי אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; זֵיי הָאבְּן דֶערְצֵיילְט פַּארְן רֶבִּי'ן אַז פַּאר זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְמָאלְן אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז אַ חֵלֶק פוּן דִי וֶועלְט, זֵיי הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶפֶּעס אַ וֶועלְט אוֹיבְּן

אִין הִימְל, וַוייל אַלֶע סְפָרִים רֶעדְן פוּן אִיר גְרוֹיסְקֵייט אוּן דִי תּוֹרָה אַלֵיינְס פַארְצֵיילְט גָאר פוּן אִיר הֵיילִיגְקֵייט וְכוּ'; בִּיז וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז אַ פְּלַאץ דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם חִילוּק אִינֶעם חִיצוֹנִיוּת צְווִישְׁן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער, נָאר דֶער פְּנִימִיוּת פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז גָאר הֵיילִיג אוּן גָאר הוֹיךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קטז).

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, אַז דֶער רֶבִּי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט וַוייל זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה אִין דֶעם עִנְיָן; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז מֶען קֶען אָנְזֶען אַ חִילוּק צְווִישְׁן אַ צַדִּיק אוּן סְתָם אַ מֶענְטְשׁ אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַנְדֶערֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן - אוֹיפְן פָּנִים אָדֶער אוֹיפְן אוֹיסְקוּק פוּן דִי זַאךְ, מֶען מֵיינְט אַז דֶער צַדִּיק זֶעט אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן אַנְדֶערְשׁ פוּן סְתָם מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז עֶס נִישְׁט אַזוֹי, וַוייל דֶער צַדִּיק זֶעט אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן גְענוֹי וִוי אַ צְוֵוייטֶער, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם חִילוּק - "וְאַף עַל פִּי כֵן הוּא עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט דִי זֶעלְבֶּע קִישְׁקֶעס וִוי אַ צְוֵוייטְן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז עֶר אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ"; אַזוֹי אִיז אוֹיךְ מִיט אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זִי אִיז אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער. עֶס אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע הִימְל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (וַיַּקְהֵל, דַּף רט); מִיר פְּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן קֶענֶען דָאס נִישְׁט זֶען, אָבֶּער וֶוער עֶס גְלֵייבְּט אִין אִיר הֵיילִיגְקֵייט קֶען זֶען אַ שְׁטִיקְל חִילוּק צְווִישְׁן

אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שָׁם; שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יד; עַיֵּן שָׁם).

מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן וָואס דוּ זָאגְסְט אַז אַ וַוייבּ אִיז תַּאֲווֹת אוּן אַז מֶען דַארְף זִיךְ מְרַחֵק זַיין פוּן אַ וַוייבּ; לָאמִיר זֶען וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.) רֶבִּי חִיָּיא'ס וַוייבּ פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין; מִיט דֶעם אַלֶעם פַארְצֵיילְט דִי גְּמָרָא, אַז וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס זַיין וַוייבּ הָאט לִיבּ פְלֶעגְט עֶר דָאס אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַאר אִיר, הָאט רַב גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי חִיָּיא: "רֶבִּי, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, פַארְוָואס בְּרֶענְגְסְטוּ אִיר אֵייבִּיג אַהֵיים גוּטֶע זַאכְן, זִי אִיז דָאךְ דִיר מְצַעֵר?" הָאט אִים רֶבִּי חִיָּיא גֶעזָאגְט: "דַיֵּינוּ שֶׁמְּגַדְּלוֹת בָּנֵינוּ, וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", מִיר אִיז גֶענוּג אַז זִי רַאטֶעוֶועט מִיר פוּן עֲבֵירוֹת אוּן זִי צִיט אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; זֶעט מֶען ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חִיָּיא וָואס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס אַז דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט הָאבְּן אַ שְׁלִיטָה אוֹיף אִים (מוֹעֵד קָטָן כח.) - ווִי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף זַיין וַוייבּ, אַז זִי רַאטֶעוֶועט אִים פוּן עֲבֵירוֹת אוּן זִי הֶעלְפְט אִים אוֹיפְבְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**זוּךְ נִישְׁט קַיין חוּמְרוֹת, אָבֶער זַיי אַן עֶרְלִיכֶער אִידיד**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

וֶוען דַיין וַוייבּ זָאגְט דִיר וָואס זִי הָאט גֶעלֶערְנְט בַּיי אִיר מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ' זָאלְסְטוּ דָאס מַחֲשִׁיב זַיין; פְּרֵיי זִיךְ אַז זִי הָאט אַ מְנַהֶלֶת וָואס גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט דִי תַּלְמִידוֹת אֲפִלּוּ נָאךְ דִי חֲתֻנָּה. אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט וָואלְטְן גֶעצָאלְט זֵייעֶר גַאנְצֶע גֶעלְט אַז זֵייעֶר וַוייבּ זָאל הָאבְּן אַ מְנַהֶלֶת וָואס לֶערְנְט מִיט דִי פְרוֹיעֶן וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיטְן מַאן אָן קַיין חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת.

דוּ ווייסְט נִישְׁט אוּן דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט וויסְן וָואס מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער צוּלִיבּ דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע כַּלָּה טִיטְשֶׁערְס וָואס גְרֵייטְן אָן כַּלּוֹת מִיט חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט קְרִיסְטְלִיכֶע גַּלָּחִים; וִויפִיל אִינְגֶעלַייט פַאלְן אַרַיין אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן נָאר צוּלִיבּ דִי רְשַׁעְ'נְטֶעס וָואס פַארְשְׁטֶעלְן זִיךְ מִיט אַ שֵׁיינֶעם שְׁלֵייעֶר.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אוּנְז אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן קְלָאר גֶעמַאכְט דִי וֶועגְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק רִירְן פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, פוּן הֲלָכָה; דַארְפְסְטוּ שֶׁעצְן דַיין וַוייבּ אַז זִי גֵייט צוּ דִי וֶועבְּנְטְלִיכֶע שִׁעוּרִים פוּן דִי מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ', נִישְׁט אַרָאפְּרַייסְן אִיר צְנִיעוּת.

יד. קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, שְׁנַת תש"פ.

**אִיךְ** וויל זֵייעֶר שְׁטַארְק מַאכְן אַ שִׁעוּר זוּנְטָאג בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ פַּאר אַלֶע פְּרִישֶׁע אַבְרֵכִים, אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶס זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס מִישְׁן אוֹיס דִי יוֹצְרוֹת; וֶוען מֶען רֶעדְט קֶעגְן חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת מֵיינֶען זֵיי אַז מֶען מֵיינְט "צְנִיעוּת", דָאס אִיז צְוֵויי עֶקְסְטְרֶע זַאכְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קֶעגְן חוּמְרוֹת, דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען קֶען פִירְן אַ הֶפְקֵר לֶעבְן, עֶסְן יֶעדֶע הֶכְשֵׁר וָואס הָאט אִידִישֶׁע אוֹתִיּוֹת, עֶסְן פְלֵייש פוּן שׁוֹחֲטִים וָואס וְכוּ', אוּן גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן מִיט בִּגְדֵי פְּרִיצוּת.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט קְלָאר (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לז) אַז צוּלִיבּ נִישְׁט עֶרְלִיכֶע שׁוֹחֲטִים מוּטְשֶׁעט מֶען זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה; אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", צְנִיעוּת בְּרֶענְגְט גוּטֶע קִינְדֶער.

**אִיךְ** בִּין הַיינְט צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; הַיינְט נַאכְט אִיז נִישְׁט שַׁיָּךְ צוּ מַאכְן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שִׁעוּר לְאַבְרֵכִים ווייל הַיינְט אִיז דֶער וֶועכְנְטְלִיכֶער שִׁעוּר, שַׁבָּת וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה ה' זַיין אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, אִין שְׁטֶעטְל; זוּנְטָאג נַאכְט וויל אִיךְ רֶעדְן מִיט דִי אַבְרֵכִים - תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה.

**אִיךְ** הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

# תתקצד

## מֶעג מֶען נֶעמֶען הַשְׁקָפָה אוֹיךְ פוּן אַנְדֶערֶע סְפָרִים, נִישְׁט פוּן בְּרֶסְלֶב?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, אִיבֶּערְרַאשְׁט אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְן נֶעמֶען דִי צַייט אוּן כּוֹחוֹת צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף מַיין שְׁאֵלָה וֶועגְן זָאגְן 'בִּיטֶע' אוּן 'יְיַשֵׁר כֹּחַ' פַאר קִינְדֶער[טו]; אִיךְ הָאבּ דָאס אָנְגֶענוּמֶען אוּן אִיךְ מוּז זָאגְן אַז דִי גַאנְצֶע גֵייסְט אִין מַיין שְׁטוּבּ שְׁפִּירְט זִיךְ לַייכְטֶער אוּן גֶעשְׁמַאקֶער. אוּן אַזוֹי אִיז בְּעֶצֶם אוֹיךְ מִיט אַלֶע עֵצוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן נָאךְ אַ זַאךְ וָואס דֶערְקוּטְשֶׁעט מִיר אוּן אִיךְ וָואלְט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואלְט מִיר דָאס גֶעקֶענְט עֶנְטְפֶערְן. מִיר הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אוּנְזֶער וֶועג וַוייזֶער, מִיר הֶערְן דִי שִׁעוּרִים אוּן לֵיינֶען דִי בְּרֶיוְו אוּן מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ פָאלְגְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה לֶערְנְט אוֹיס, אִיךְ ווִיל אָבֶּער ווִיסְן ווִי אַזוֹי עֶס דַארְף בַּאטְרַאכְט וֶוערְן אַנְדֶערֶע מְקוֹרוֹת פוּן יְדִיעוֹת אוּן הַשְׁקָפָה, אִין הַנְהָגָה אוּן אִין פֵּרוּשֵׁי הַתּוֹרָה; אִין אַנְדֶערֶע וֶוערְטֶער, אִיז שַׁיָּיךְ צוּ הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס מֶען גֵייט אִים נָאךְ אוּן מֶען פָאלְגְט אִים יֶעדֶע זַאךְ אָבֶּער אוֹיסֶער דֶעם קֶען מֶען הֶערְן אוּן לֵיינֶען אוֹיךְ פוּן אַנְדֶערֶע מַשְׁפִּיעִים אוּן רֶבִּי'ס, סְתָם פַאר אִינְטֶערֶעסַאנְטְקֵייט, אָדֶער דָאס אִיז אַ סְתִירָה אוּן שְׁטֶערְט דֶעם מֶענְטְשְׁנְ'ס מֹחַ פוּן טְרַאכְטְן גְרֵאד?

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דֶעם וָוארְט פוּן רֶבִּי נָתָן אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר אוֹיסְגֶעלֵיידִיגְט זַיין מֹחַ פוּן אַלֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט אוּן גֶעווּאוּסְט פוּן פַארְדֶעם, אָבֶּער עֶס אִיז פָארְט דָא מֶענְטְשְׁן

טו. דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

וָואס זֶענֶען מֶער נֵייגֶערִיג אוּן אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ ווִיסְן מֶער אוּן מֶער. אַזוֹי אוֹיךְ, קֶען זַיין אַז רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אִין זַאכְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אָבֶער נִישְׁט לְגַבֵּי סְתָם צוּ ווִיסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין נָאךְ זַאכְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת קֹרַח, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וואוֹיל** אִיז אַייךְ אַז אִיר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַאר אַייעֶר וֶועג ווַייזֶער; אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען גֵייט נָאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת - וֶוערְט מֶען נִישְׁט פַארְפִירְט, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**קוּק** דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ שְׁרַייבְּט אוּנְז אִין דִי צַוָואָה (צַוָּאַת מוֹהֲרַ"אשׁ, אוֹת טו):

"מַיינֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים וָואס לֶערְנֶען מַיינֶע סְפָרִים, אִיר זָאלְט גוּט ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער עִקָּר אִיז צוּ הָאבְּן 'אֱמוּנַת חֲכָמִים', גְלֵייבְּן אִין דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַנְטפְּלֶעקְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סא) אַז וֶוען מֶען הָאט 'אֱמוּנַת חֲכָמִים' קֶען מֶען ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אוּן וָואס מֶען דַארְף צוּ טוּן, דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין 'אֱמוּנַת חֲכָמִים' צוּ גְלֵייבְּן אַלֶעס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז, אוּן מְקַיֵּים זַיין

אִין פָאלְגְן אַלֶעס וָואס עֶר הֵייסְט, וָואס דָאס אִיז דֶער עִקָר שְׁלֵימוּת פוּן 'אֱמוּנַת חֲכָמִים' (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קכג).

וָוען אִיר וֶועט הָאבְּן אֱמֶת'דִיג 'אֱמוּנַת חֲכָמִים', אִיר וֶועט גְלֵייבְּן אִין רֶבִּי'ן אוּן פָאלְגְן זַיינֶע וֶוערְטֶער, דַאן וֶועט אִיר זִיךְ קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן אִין יֶעדְן מַצָב, אִיר וֶועט שְׁטֶענְדִיג ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

גֶעדֶענְקְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אוּנְזֶער רֶבִּי אוֹיף דִי ווֶעלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ זַייעֶר הִיטְן פוּן פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים וָואס אֲפִלּוּ זִיךְ אַלֵיין קֶענֶען זֵיי נִישְׁט פִירְן, אוּן ווִי אַזוֹי זָאלְן זֵיי קֶענֶען פִירְן אַנְדֶערֶע? סְפֶּעצִיעֶל אִינֶעם לֶעצְטְן דוֹר, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען - אַז עֶס וֶועט דַאן זַיין זֵייעֶר אַסַאךְ פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים, אַזוֹי סַאךְ ווִי דִי בְּלֶעטֶער פוּן בוֹים, דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט קַיין שׁוּם פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים, אֲפִלּוּ דִי וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן וֶוער עֶס אִיז אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג, אוּן וֶוער עֶס אִיז אַן אֱמֶת'עֶר צַדִיק? דֶער סִימָן דֶערְצוּ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עב) אַז אוֹיבּ עֶס פַאלְט אַרוֹיף אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַ שִׁפְלוּת, עֶר פִילְט ווִי עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ - אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז מְקוֹרָב צוּ אַן אֱמֶת'עֶר צַדִיק. אָבֶּער אוֹיבּ עֶס קוּמְט אַרַיין אִין אִים אַ גַאֲוָה אוּן אַ יֵשׁוּת, אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן, אַז נָאר עֶר

וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת און קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם אֱמֶת, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר גֶעפִינְט זִיךְ בַּיי אַ פַאלְשְׁן מַנְהִיג, און מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט. וַוייל דִי עִקָר גְרוֹיסְקֵייט וָואס מֶען בַּאקוּמְט פוּן אַן אֱמֶת'ן צַדִיק אִיז שִׁפְלוּת.

**נָאךְ** אַ סִימָן אִיז דָא, אַז אַן אֱמֶת'עֶר צַדִיק אִיז מְעוֹרֵר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, און פַארְקֶערְט אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג וֶועט רֶעדְן פוּן אַלֶעם אוֹיסֶער פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דֶערִיבֶּער זָאל דָאס זַיין בַּיי אַייךְ דֶער סִימָן צוּ וִויסְן וֶוער עֶס אִיז אַן אֱמֶת'עֶר צַדִיק, אוֹיבּ זֶענְט אִיר דוּרְךְ אִים זוֹכֶה זִיךְ צוּ בַּאפְלַייסִיגְן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, און אִיר קוּמְט דוּרְךְ אִים צוּ צוּ שִׁפְלוּת, זָאלְט אִיר וִויסְן אַז עֶר אִיז דֶער אֱמֶת'עֶר צַדִיק פוּן דֶעם דוֹר.

**און** דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַלֵיין, וָואס עֶר אִיז דֶער אֱמֶת'עֶר צַדִיק, עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן אַלֶע תִּיקוּנִים און פַארֶערְכְטְן דִי וֶועלְט. און דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ הַאלְטְן נָאר בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, און אִיר זָאלְט פָארְן יֶעדֶעס יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי טֵייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ". קוּק נָאךְ דֶעם גַאנְצְן אוֹת.

**מֶען** קֶען נֶעמֶען חִזּוּק פוּן אַנְדֶערֶע, מֶען קֶען הֶערְן שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן אַלֶע צַדִיקִים - דָאס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז קְלָאר גֶעזָאגְט אַז מִיר זָאלְן לֶערְנֶען אַלֶע סְפָרִים פוּן אַלֶע צַדִיקִים. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כח): "רָאוּי לָאָדָם, שֶׁיַּעֲבֹר וְיֵלֵךְ בְּזֶה הָעוֹלָם בְּכָל

הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, וְלִלְמֹד כֻּלָּם, כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה בְּכָל מָקוֹם", עֶס אִיז גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ אַדוּרְךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדֶע סֵפֶר וָואס אִיז דָא; דָאס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

### דַארְף מֶען רֶעדְן שַׁיין אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי קִינְדֶער?[טז]

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ זַייעֶר בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט יֶעדֶע וָואךְ, אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער לֵיינֶען יֶעדֶע וָואךְ דֶעם קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' דֶערְמִיט, אוּן מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ לֶעבְּן אוֹיף דֶעם וֶועג, הַלְוַאי זָאל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּן מֶער בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁמִיקְל וִכּוּחַ מִיט מַיין וַוייבּ אִיבֶּער וֶוען מֶען בֶּעט עֶפֶּעס פוּן אַ קִינְד אוֹיבּ מֶען זָאל זָאגְן "בִּיטֶע" אוּן "יְיַשֵׁר כֹּחַ". אִיךְ הַאלְט אַז וֶוען עֶלְטֶערְן בֶּעטְן עֶפֶּעס פוּן אַ קִינְד דַארְף מֶען נִישְׁט בֶּעטְן מִיט "בִּיטֶע" אוּן מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט בַּאדַאנְקֶען, אָבֶּער מַיין וַוייבּ הַאלְט אַז יָא, ווִיל אִיךְ ווִיסְן וָואס דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג אִיז.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט וואוּנְטְשְׁן אַ מַזָל טוֹב צוּם גֶעבּוּרְט פוּן אַייעֶר אֵיינִיקְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן פִּיל אִידִישׁ נַחַת פוּן אַלֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ גֶעזוּנְטֶערְהֵייט. אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוֹיף דִי בִּילְדֶער

---

טז. סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ט, מִכְתָּב תתקסג.

פוּנֶעם בְּרִית אַז אִיר זֶענְט גֶעוֶוען "קְוַואטֶער", הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער עִנְיָן צוּ זַיין קְוַואטֶער, אוּן וָואס אִיז דֶער עִנְיָן דֶערְפוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א' - עֶרֶב יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, ה' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְּרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט חִזּוּק פוּן דִי בְּרִיוו; דוּ אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי בְּרִיוו. וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דָאס וָואס שְׁטֵייט אִין דִי בְּרִיוו אִיז נִישְׁט מַיינְס, אַלֶעס אִיז גֶענוּמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ שְׁרַייבְּן מֶער, אִיךְ קוּם פָּשׁוּט נִישְׁט אָן צוּ שְׁרַייבְּן אוּן עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אַלֶע בְּרִיוון וָואס וַוארְטְן אוֹיף אַן עֶנְטְפֶער.

**בְּנוֹגֵעַ** צִי מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ קִינְדֶער וְכוּ'; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ, בִּפְרַט וֶוען זִי אִיז גֶערֶעכְט מִיטְן רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי קִינְדֶער. מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאדַאנְקֶען אוּן זִיכֶער צוּ דִי קִינְדֶער, וַוייל וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט

צו די קִינְדֶער אַזוֹי וֶועלְן זֵיי רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע. קִינְדֶער מַאכְן נָאךְ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; אַז מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי שֵׁיין אוּן מֶען בַּאדַאנְקְט זִיךְ פַאר זֵיי, וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַנְדֶערֶע אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה נו:): "שׁוּתָא דִינוּקָא בְּשׁוּקָא, אוֹ דַאֲבוּהָ אוֹ דְאִימֵיהּ", וָואס אַ קִינְד רֶעדְט, אִיז עֶס אָדֶער פוּן דִי טַאטֶע אָדֶער פוּן דִי מַאמֶע; חִנּוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיין, ווִי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ - וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער אִים נָאכְמַאכְן. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא וַיִּשְׁלַח, ז) אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לד, א): "וַתֵּצֵא דִינָה בַּת לֵאָה", דִינָה אִיז אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב זִיךְ דְרֵייעֶן אִין דִי גוֹי'אִישֶׁע גַאסְן, פַארְוָואס רוּפְט מֶען אִיר 'בַּת לֵאָה' - דִי טָאכְטֶער פוּן לֵאָה, פַארְוָואס נִישְׁט דִי טָאכְטֶער פוּן יַעֲקֹב? נָאר ווִיבַּאלְד זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין דִי וֶועגְן פוּן אִיר מַאמֶע, זִי הָאט גֶעזֶען אִיר מַאמֶע אַרוֹיסְגֵיין אִין גַאס אִיז זִי אוֹיךְ אַרוֹיס אִין גַאס, פוּן דֶעם זֶעט מֶען וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "כְּאִמָּה, בִּתָּהּ", אַזוֹי ווִי דִי מַאמֶע פִירְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן זִיךְ דִי קִינְדֶער.

**קְרִיג** זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין ווַייבּ, מַאךְ נִישְׁט קַיין וִכּוּחִים. מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז זֵייעֶר אַסַאךְ זָאגְן: "מִיט אַ ווַייבּ גֵייט מֶען נִישְׁט אִין וִכּוּחִים"; בִּפְרַט אִין דַיין פַאל אִיז זִי דָאךְ גֶערֶעכְט, אַוַדַּאי דַארְף מֶען זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוּן שֵׁיין רֶעדְן צוּ זֵיי.

**בִּנוֹגֵעַ** קְוָואטֶער וְכוּ'; עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן קְטֹרֶת (אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה

זָאגְן [כְּרִיתוּת ו:] דֶער לָשׁוֹן פוּן קְטֹרֶת אִיז דָבָר שֶׁ'קוֹטֵר' (וְעוֹלֶה), הֱיוֹת אַ בְּרִית אִיז אַזוֹי ווִי מַקְטִיר זַיין קְטֹרֶת, פוּן דֶעם אִיז דֶער וָוארְט קְוָואטֶער אוּן עֶס אִיז דָא וָואס זָאגְן אַז קְוָואט-טֶער אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן כָּבוֹד - טִיר, אַז דֶער כִּבּוּד אִיז בַּיים טִיר וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט אַריין דֶעם קִינְד. עֶס זֶענֶען פַארְהַאן אַסַאךְ סְגֻלּוֹת אִין דֶעם, עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז עֶס אִיז מְסֻגָּל פַאר קִינְדֶער אוּן עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז עֶס אִיז מְסֻגָּל פַאר עֲשִׁירוּת.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

## תתקצה

**וֶועלְכֶע סָארְט מַעֲשִׂיּוֹת דֶערְצֵיילְט מֶען פַאר קִינְדֶער?**[יז]

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע בְּרִיוו וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אִיבֶּער זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין שְׁמִירַת הַזְּמַנִּים אַלְס מְלַמֵּד[יח].

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דָארְט אוֹיךְ גֶעשְׁרִיבְּן אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים פַאר דִי קִינְדֶער, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט קְלָאר מַאכְן פוּן וֶועלְכֶע סָארְט מַעֲשִׂיּוֹת דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט, ווייל עֶס זֶענֶען דָא מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים וָואס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ פַאר קִינְדֶער נָאכְצוּמַאכְן, דָאס וֶועט נָאר אוֹיפְטוּן אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן מֵיינֶען אַז צוּ זַיין אַ צַדִיק דַארְף מֶען זַיין מַמָּשׁ אַ מַלְאָךְ, ווִידֶער אִיז דָא מַעֲשִׂיּוֹת

יז. אַ הֶמְשֵׁךְ צוּ דֶעם בְּרִיוו, ווייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א' כ.

יח. דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

וָואס קִינְדֶער קֶענֶען יָא נָאכְמַאכְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי אַבִּישׁ'ל פְרַאנְקְפוּרְטֶער וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז זַיין קָאפּ הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען, אוּן דָאס גְלַייכְן, אַזֶעלְכֶע סָארְט מַעֲשִׂיּוֹת ווִי צַדִּיקִים הָאבְּן שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן נִישְׁט מְצַעֵר צוּ זַיין אַ צְוֵויטְן וְכַדוֹמֶה.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען אוֹיסְקְלָארְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וֶוען** מֶען דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים פַאר קִינְדֶער דַארְף מֶען ווִיסְן ווִי אַזוֹי דָאס צוּ דֶערְצֵיילְן, מֶען דַארְף זֵיי גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז צַדִּיקִים הָאבְּן אוֹיךְ גֶעהַאט יוּנְגֶערְהֵייט אַ יֵצֶר הָרָע אוּן הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אֶמֶת'עֶ צַדִּיקִים, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ ווִי קֵיינֶער דַארְף זֵיי נִישְׁט, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע מִלְחָמוֹת - בִּיז זֵיי הָאבְּן מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען דֶעם יֵצֶר הָרָע".

**מַעֲשִׂיּוֹת** פוּן צַדִּיקִים אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, בִּפְרַט פַאר קִינְדֶער. עֶס אִיז בַּאוִויסְט אַז דֶער

הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעפְּרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי מוּסָר, וֶוען דֶער מְלַמֵּד הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי חוֹבוֹת הַלְּבָבוֹת און נָאךְ, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער דִּבְרֵי חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט פַארְן מְלַמֵּד: "נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ, אִיךְ ווִיל אַז דוּ זָאלְסְט זֵיי דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ און פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' זוּשָׂא זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ", וַוייל מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים פְּלַאקֶערְט אוֹיף דָאס הַארְץ, בִּפְרַט קִינְדֶער - וֶוען זֵיי הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים בְּרֶענְגְט עֶס אַרַיין אִין זֵיי אַ חֵשֶׁק און אַ גְלוּסְטֶענִישׁ אוֹיךְ צוּ וֶועלְן זַיין עֶרְלִיךְ און הֵיילִיג.

**עֶס** הָאט נִישְׁט צוּטוּן אוֹיבּ מֶען קֶען נָאכְמַאכְן דִי מַעֲשֶׂה אָדֶער נִישְׁט, וַוייל מִיר קֶענֶען טַאקֶע נִישְׁט נָאכְמַאכְן דִי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס צַדִּיקִים טוּעֶן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל מֶען דֶערְצֵיילְט פַאר קִינְדֶער דִי מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי זַיין אֵיינִיקְל וֵויינְט, אַ קְלֵיינְטְשִׁיג קִינְד וֵויינְט אִין שׂוּם פוּן זַיין מַאמֶע און הַאקְט דִי מַאמֶע, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: "אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי אִיז מִיר, שְׁלָאגְן אַ מַאמֶע?!" דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ'ס מַאמֶע, הָאט זִי אִים גֶעזָאגְט: "וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַ קְלֵיינְטְשִׁיג קִינְד הָאסְטוּ מִיךְ אוֹיךְ גֶעשְׁלָאגְן..."

**וִוי** נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר גֶעלָאפְן צוּם אוֹיוְון און עֶר הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט זַיינֶע הֶענְט אִין פֵייעֶר, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט צוּ זִיךְ און גֶעזָאגְט: "הֶענְט

וָואס שְׁלָאגְן אַ מַאמֶע דַארְף מֶען פַארְבְּרֶעגֶען", בִּיז עֶר הָאט זִיךְ פַארְבְּרֶעגְט זַיינֶע הֶענְט.

**דֶעם** קוֹמֶענְדִיגְן טָאג הָאט עֶר גֶעוָואלְט דַאוֶונֶען אוּן לֵייגְן תְּפִלִּין - הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מֵיילֶעךְ וויל לֵייגְן תְּפִלִּין אָבֶער מֵיילֶעךְ הָאט נִישְׁט קַיין הֶענְט", הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַ נֵס אַז זַיינֶע הֶענְט הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

**אַזֶעלְכֶע** מַעֲשִׂיּוֹת דַארְף מֶען דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער זֵיי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן אַ מַאמֶע, אוּן זֵיי זָאלְן זֶען וָואס אַ צַדִיק אִיז, עֶר טוּט תְּשׁוּבָה אוֹיף עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אִין דִי צַייט וֶוען עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט קַיין שֵׂכֶל, אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען אַז וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

**דֶערְצֵייל** זֵיי אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ הָאט גֶעפַאסְט מִשַׁבָּת לְשַׁבָּת פַאר אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג יָאר; זִיבְּן יָאר פַאר זַיינֶע עֲבֵירוֹת, זִיבְּן יָאר פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ אוּן נָאךְ זִיבְּן יָאר פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער עֶס זָאל זֵיי גוּט זַיין; מִיר קֶענֶען דָאס נִישְׁט נָאכְמַאכְן אוּן מִיר טָארְן דָאס נִישְׁט נָאכְמַאכְן, דָאךְ דַארְפְן מִיר וִויסְן וָואס צַדִיקִים זֶענֶען גֶעוֶוען, אוּן אַז מִיר וֶועלְן זַיין דָבוּק אִין זֵיי, מִיר וֶועלְן לֶעבְּן מִיט צַדִיקִים - וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זַיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כֵּלִים יב, ב): "כָּל הַמְחֻבָּר לְטָהוֹר טָהוֹר", וֶוער עֶס אִיז בַּאהָאפְטְן צוּ אַ טָהוֹר אִיז אוֹיךְ רֵיין.

דֶערְצֵייל פַאר דִי קִינְדֶער אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים; עֶס הָאט נִישְׁט צוּטוּן יָא נָאכְמַאכְן נִישְׁט נָאכְמַאכְן, וַוייל מִיר דַארְפְן וויסְן אַז מִיר זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן זַיין אַ צַדִּיק, מִיר זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן וָואס מִיר דַארְפְן בֶּאֱמֶת זַיין, אָבֶער אוֹיב מִיר וֶועלְן זַיין מְקוּשָׁר צוּ צַדִּיקִים, מִיר וֶועלְן גְלֵייבְן אִין זֵיי אוּן פָאלְגְן וָואס זֵיי זָאגְן - וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן צַדִּיקִים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**ווי אַזוֹי קֶען זִיךְ אַ מְלַמֵּד שְׁטַארְקְן אִין שְׁמִירַת הַזְּמַנִּים?**[יט]

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוָואלְדִיגֶע בְּרִיוו וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען, ווִי אַזוֹי מֶען שְׁטֶעלְט אַוֶועק אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער.

יֶעצְט ווִיל אִיךְ בֶּעטְן חִזּוּק אוֹיף שְׁמִירַת הַזְּמַנִּים, אִיךְ בִּין בְּטֶבַע אַ פַארְשְׁלֶעפְּטֶער, אָבֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְמַאנְט כְּסֵדֶר בַּיי דִי שִׁעוּרִים אִיבֶּער דִי ווִיכְטִיגְקֵייט אַז אַ מְלַמֵּד זָאל זַיין צֵייטְלִיךְ. יֶעצְט הָאט מֶען שׁוֹין גֶעעֶפְנְט בָּרוּךְ ה' דִי חֲדָרִים דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיךְ ווִיל זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן צוּ זַיין צֵייטְלִיךְ, אִיךְ דַארְף אָבֶער חִזּוּק אוּן עֵצוֹת אוֹיף דֶעם, וַוייל דָאס אִיז קֶעגְן מַיין נַאטוּר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

---

יט. סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ט, מִכְתָּב תתקסד.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב', ט' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז פוּן אֵיין זַייט זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, עֶס אִיז פוּן דִי חָשׁוּבּ'סְטֶע זַאכְן אוֹיבְן אִין הִימְל, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת; אוֹיבּ מֶען טוּט נִישְׁט דִי אַרְבֶּעט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען אִיז נִישְׁט צַייטְלִיךְ, מֶען קוּמְט שְׁפֶּעט אָדֶער מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן כִּתָּה אוּן מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער אוֹיף הֶפְקֵר - אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, אַזוֹי וִוי דֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט (פֶּרֶק ב' מֵהִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה, הֲלָכָה ג): "מְלַמֵּד הַתִּינוֹקוֹת שֶׁהוּא מַנִּיחַ אֶת הַתִּינוֹקוֹת וְיוֹצֵא", אַ מְלַמֵּד פוּן קִינְדֶער וָואס גֵייט אַרוֹיס פוּן כִּתָּה אוּן לָאזְט אִיבֶּער דִי קִינְדֶער, "אוֹ שֶׁהוּא עוֹשֶׂה מְלָאכָה אַחֶרֶת עִמָּהֶן", אָדֶער עֶר טוּט מִיט דִי קִינְדֶער אַנְדֶערֶע זַאכְן, "אוֹ שֶׁהוּא מִתְרַשֵּׁל בְּלִמּוּדָן", אָדֶער עֶר לֶערְנְט נִישְׁט מִיט זֵיי - אִיז עֶר אִינֶעם כְּלַל פוּן: "אָרוּר עוֹשֶׂה מְלֶאכֶת ה' רְמִיָּה" (יִרְמְיָה מח, י).

אַ מְלַמֵּד מוּז זַיין צַייטְלִיךְ; אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט הַאלְטְן קַיין זְמַנִּים זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּזָאגְן פוּן מְלַמְּדוּת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמ): "וִויפִיל פַארְדִינְסְטוּ אַ וָואךְ שְׂכַר לִימוּד? צֶעטֵייל דַיין גֶעלְט אוֹיפְן טָאג אוּן אוֹיפְן שָׁעָה, וִויפִיל קוּמְט דִיר אוֹיס צוּ מַאכְן אַ מִינוּט? מַמָּשׁ קְלֵיין גֶעלְט, קוּמְט אוֹיס אַז דוּ קֶענְסְט פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט

פַאר בְּלוֹיז אַפָּאר דָאלֶער, ווייל וֶוען מֶען גַנְבְ'עֶט גֶעלְט פוּן אַ צְוֵוייטְן קֶען מֶען דָאס בַּאצָאלְן אוּן יֶענֶער קֶען דָאס מוֹחֵל זַיין, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז מְבַטֵּל תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער קֶען מֶען דָאס נִישְׁט בַּאצָאלְן אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מוֹחֵל זַיין".

**נִישְׁטָא** קַיין חִזּוּק פַאר דֶעם, דִי חִזּוּק אִיז: "אָדֶער קוּמְסְטוּ צַייטְלִיךְ, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זַיין צַייטְלִיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ זוּכְן אַ צְוֵוייטֶע פַּרְנָסָה"; אַ מְלַמֵּד דַארְף וויסְן אַז זַיין פַּרְנָסָה אִיז נִישְׁט אַבִּי אַ פַּרְנָסָה, עֶר אַרְבֶּעט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זִיצְט מִיט נְשָׁמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל אִיז אִין כִּתָּה אוּן הֶערְט ווִי עֶר לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר וַוארְט צוּ זֶען ווִי דֶער מְלַמֵּד רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

**מוֹהֲרָא"ש** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען יָארְן לַאנְג אַ מְלַמֵּד פַאר קִינְדֶער, דִי תַּלְמִידִים זַיינֶע דֶערְצֵיילְן אַז וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיי מוֹהֲרָא"ש הָאבְּן דִי קִינְדֶער גֶעשְׁפִּירְט ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין כִּתָּה, מֶען אִיז גֶעזִיצְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען הָאט מַמָּשׁ גֶעשְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מוֹהֲרָא"ש הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק אַריינְגֶעבְּרֶענְגְט אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער, מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוֶוענְט אוֹיפְן קוֹל אַזוֹי ווִי וֶוען אַ גַאסְט וָואלְט וֶוען אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן מֶען וויל אִים וַוייזְן ווִי שֵׁיין מֶען דַאוֶוענְט אוּן מֶען לֶערְנְט; מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא.

**אַ** אִיד דֶערְצֵיילְט (עַיֵּין סֵפֶר פַּרְנָסָה טוֹבָה שִׂיחוֹת וְהִתְחַזְּקוּת, סִימָן מא) אַז עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַמָאל אַ טוֹבָה פוּן מוֹהֲרָא"ש אִיז

עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה וואוּ מוֹהֲרַ"א"ש אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען וֶוען מוֹהֲרָ"א"ש הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן פָּארְלֶערְנֶען חוּמָשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, מֶען הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיי דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כח, טז): "וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ", אִיז דֶער אִיד גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט אוּן זִיךְ צוּגֶעהֶערְט ווִי אַזוֹי מוֹהֲרָ"א"ש לֶערְנְט פָאר דֶעם פָּסוּק פַאר דִי קִינְדֶער: "וַיִּיקַץ יַעֲקֹב", יַעֲקֹב הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט, "מִשְּׁנָתוֹ", פוּן זַיין שְׁלָאף, "וַיֹּאמֶר", אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט "אָכֵן", עֶס אִיז אֱמֶת, "יֵשׁ ה'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא - אוּן מוֹהֲרָ"א"ש הָאט גֶעווִיזְן מִיט דִי פִינְגֶער אוֹיף דִי כִּתָּה - "בַּמָּקוֹם הַזֶּה", אוֹיף דֶעם אָרְט, "וְאָנֹכִי", אוּן אִיךְ - אוּן מוֹהֲרָ"א"ש הָאט גֶעווִיזְן אוֹיף זִיךְ - "לֹא יָדָעְתִּי", הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט. מוֹהֲרָ"א"ש הָאט דָאס אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט עֶטְלִיכֶע מָאל; דֶער אִיד הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט מַמָּשׁ גֶעשְׁפִּירְט ווִי עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִין 'גַּן עֵדֶן', עֶר הָאט גֶעהַאט אַזַא הִתְעוֹרְרוּת פוּן דֶעם, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט ווִי דֶער פָּסוּק מֵיינְט אִים אַלֵיין, ווִי עֶר וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעכַאפְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, נֶעבְּן מִיר, אִיךְ קֶען דָאךְ רֶעדְן צוּ אִים'; אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא.

**א** מְלַמֵּד דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים; וֶוען קִינְדֶער הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים פְּלַאקֶערְט עֶס אוֹיף זֵייעֶר הַארְץ צוּ וֶועלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי הוֹיבְּן אָן מְקַנֵּא זַיין דִי צַדִּיקִים, אַזוֹי ווִי

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", זָאלְסְט וִויסְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אַז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק וֶוערְט מֶען אוֹיפְגֶעפְלַאמְט אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט ווִי דֶער צַדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת ווִיל מֶען אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִּיק, בִּפְרַט קִינְדֶער וֶוען זֵיי הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים וֶוערְן זֵיי זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר דוּרְךְ דֶעם.

**עֶס** אִיז בַּאוְוּסְט דֶער סִיפּוּר אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מוּסָר מִיט זֵיי, הָאט דֶער מְלַמֵּד אִים גֶעזָאגְט: "יָא"; הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?" זָאגְט עֶר: "חוֹבוֹת הַלְּבָבוֹת", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רֶב גֶעזָאגְט: "נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ מוּסָר, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ לֶערְנְסְט 'מוּסָר', צִי דוּ פַארְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ"; וַוייל מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים דָאס פֵייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ וֶועלְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**אַז** דוּ וֶועסְט הַאלְטְן דִי זְמַנִּים, דוּ וֶועסְט זַיין צֵייטְלִיךְ אוּן בְּשָׁעַת דוּ בִּיסְט מִיט דִי קִינְדֶער וֶועסְטוּ אוֹיסְנוּצְן דִי

צַייט אַריין צוּ לֵייגְן אִין זֵיי נָאךְ תּוֹרָה אוּן נָאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע זְכוּתִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דָּנִיאֵל יב, ג): "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד", וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוֹיף דֶעם (בָּבָא בַּתְרָא ח:): "אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת", דִי וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס וָואס בַּאלַייכְטְן אוּן בַּאשַׁיינֶען דִי וֶועלְט; אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן וִויפִיל זְכוּתִים דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט תַּלְמִידִים קוֹיפְט זִיךְ אַיין.

## תתקצו

### וֶועלְכֶע סִפְרֵי חֲקִירָה הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעלָאזְט לֶערְנֶען?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִזּוּק אוּן שִׁעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר מְעוֹרֵר אוּן מְחַזֵּק צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען קַיין סִפְרֵי חֲקִירָה, אוֹיבּ עֶס אִיז אוֹיךְ אַריינְגֶערֶעכְנְט אִין דֶעם דִי הַקְדָּמָה פוּן רַמְבַּ"ם אוֹיף מִשְׁנָיוֹת, אוּן דֶער סֵפֶר הַכּוּזָרִי.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** רֶבִּי הָאט אוּנְז נִישְׁט גֶעלָאזְט לֶערְנֶען קַיין חֲקִירוֹת (עַיֵּן חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תז); אֲפִילּוּ דִי סְפָרִים וָואס גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל הָאבְּן מְחַבֵּר גֶעוֶוען - הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן דָאס נִישְׁט לֶערְנֶען וַוייל זֵיי פְּרֶעגְן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, דִי קַשְׁיוֹת זֶענֶען קַשְׁיוֹת וָואס מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן, אָבֶער נָאכְדֶעם וֶוען זֵיי עֶנְטְפֶערְן טִיפֶע תֵּירוּצִים - דָאס אִיז שׁוֹין נִישְׁט גְרִינְג צוּ פַארְשְׁטֵיין אוּן מֶען בְּלַייבְּט מִיט דִי קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶערְשְׁטְן; אוֹיב מֶען הָאט נָאר אֵיין קַשְׁיָא אוֹיפְן אֵייבֶערְשְׁטְן - אִיז דָאס שׁוֹין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער פְּגַם פַארְן מֶענְטְשׁ.

**דֶעריבֶּער** דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען קַיין סְפָרִים פוּן חֲקִירוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן לֶערְנֶען סֵפֶר מוֹרֶה נְבוּכִים פוּנֶעם רַמְבַּ"ם אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶע פְלֶעצֶער ווָאוּ עֶס גֵייט אַרַיין אִין חֲקִירוֹת זָאל מֶען דָאס אִיבֶּערְהִיפְּן, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יב): "כְּשֶׁאָדָם הוֹלֵךְ אַחַר שִׂכְלוֹ וְחָכְמָתוֹ, יוּכַל לִפֹּל בְּטָעוּתִים וּמִכְשׁוֹלוֹת רַבִּים, וְלָבוֹא לִידֵי רָעוֹת גְּדוֹלוֹת, חַס וְשָׁלוֹם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאךְ זַיין שֵׂכֶל אוּן זַיין חָכְמָה, קֶען עֶר צוּקוּמֶען צוּ מַאכְן גְרוֹיסֶע טָעוּתִים אוּן צוּ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, "וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא, רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, וּלְהִסְתַּכֵּל בְּכָל דָּבָר שֶׁעוֹשֶׂה

שֶׁיִּהְיֶה שֵׁם הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ", דֶער עִקָּר פוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז, מֶען זָאל פָאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אוּן פַאר מֶען טוּט אַ זַאךְ זָאל מֶען קוּקְן צִי דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**סֵפֶר** הַכּוּזָרִי אִיז נִישְׁט קַיין סֵפֶר פוּן חֲקִירוֹת, דָאס קֶען מֶען לֶערְנֶען.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## תתקצז

### ווִי אַזוֹי קֶען מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער ווֶען זֵיי גֵייעֶן אִין שׁוּלֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי חִזּוּק אוּן עֵצוֹת ווָאס אִיר גֶעבְּט אוּנְז.

עֶס קוּמְט שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי צַייט צוּ שִׁיקְן אוּנְזֶער עֶלְטְסְטֶע טָאכְטֶער אִין שׁוּלֶע. בִּיז יֶעצְט הָאבְּן נָאר אוּנְז מְחַנֵּךְ גֶעווֶען דִי קִינְדֶער, אָבֶּער יֶעצְט ווֶען זִי הוֹיבְּט אָן גֵיין אִין שׁוּלֶע, וֶועט זִי דָאךְ בַּאקוּמֶען נָאךְ הַשְׁקָפוֹת אוֹיפְן בָּאס אוּן אִין שׁוּלֶע - פוּן דִי חַבֶר'טֶעס, לֶערֶערִינְס אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; ווִי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען מִיט דֶעם? ווִי אַזוֹי קֶענֶען מִיר הַאלְטְן שְׁטַארְק אוּנְזֶערֶע הַשְׁקָפוֹת ווֶען מִיר ווייסְן נִישְׁט ווָאס עֶס גֵייט אַרַיין אִין אִיר ווֶען זִי אִיז אוֹיפְן בָּאס אוּן אִין שׁוּלֶע?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

עלטערן דארפן זיך שטענדיג אינטערעסירן ווער עס זענען די חברים פון זייערע קינדער; בדרך כלל ווען די קינדער קומען אהיים פון חדר און פון שולע דערציילן זיי מער ווייניגער אלעס וואס האט זיך געטון אין חדר, דעמאלט קענען די עלטערן דערשמעקן ווער עס איז א ווילד קינד, אן איידל קינד און מען שטארקט די קינדער זיי זאלן זיך באפריינדן מיט די קינדער וואס זענען איידל און דרך ארץ'דיג.

מען קען נישט נאכגיין א קינד פיר און צוואנציג שעה און אויסהערן יעדע שמועס וואס ער רעדט מיט חברים וכו'; נאר מען דארף זיך שטענדיג אינטערעסירן ביי די מלמדים און טיטשערס, זיך נאכפרעגן וואס מאכן די קינדער, זען ווער זענען זייערע חברים, וואו שפילן זיך די קינדער ווען זיי קומען אהיים - אזוי וועט מען זוכה זיין צו גוטע קינדער.

מוהרא"ש זאגט אויף דעם וואס דער רבי זאגט (ספר המדות אות בנים, סימן נד): "על ידי חנוכה ונר שבת הוי ליה בנים תלמידי חכמים", דורך דעם וואס מען צינדט שבת ליכט און חנוכה ליכט וועט מען זוכה זיין צו גוטע קינדער; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (פסחים ז:): "וחפוש מנרות, ונרות

מְנַּר", מֶען לֶערְנְט אַרוֹיס בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין פוּן לִיכְט, וֶוען מֶען וויל עֶפֶּעס אוֹיפְזוּכְן דַארְף מֶען זוּכְן מִיט לִיכְט; זָאגְט מוֹהֲרָא"ש אַז דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי, עֶלְטֶערְן וָואס זוּכְן נָאךְ זֵייעֶרע קִינְדֶער, וֶוער זֵייעֶרע חֲבֵרִים זֶענֶען - וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

**דֶער** עִקָּר זָאלְט אִיר וִויסְן אַז כְּדֵי זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶלְטֶערְן דַארְפְן פַארְגִיסְן טְרֶערְן יֶעדְן טָאג אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "זֶעסְט? דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקצח

## וָואס טוּט מֶען וֶוען דֶער שָׁכֵן'ס קִינְד פִּירְט זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ מִיט מִיר?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְּרוּי וָואס אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי שִׁעוּרִים. אֵיינֶע פוּן דִי קִינְדֶער פוּן אוּנְזֶערֶע שְׁכֵנִים אִיז יֶעצְט גֶעוָוארְן בַּר מִצְוָה, דִי מִשְׁפָּחָה אִיז זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶע גוּטֶע מִשְׁפָּחָה אוּן מִיר הָאבְּן זֵייעֶר אַ גוּטֶע קֶשֶׁר מִיט זֵיי. דֶער קִינְד אִיז זֵייעֶר אַקְטִיוו אוּן נָאכְנִישְׁט עֶכְט דֶערְוַואקְסְן, עֶר פִּירְט זִיךְ נָאךְ ווִי אַ קְלֶענֶערֶער קִינְד אוּן פוּן מָאל צוּ מָאל רִירְט עֶר מִיךְ אָן, דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק וַוייל אִיךְ ווֵייס אַז דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרָשַׁת קֹרַח, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**קִינְדֶער** ווֵייסְן גָארְנִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵּךְ זַיין. אַז מֶען זָאגְט זֵיי, מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן - וֶועלְן זֵיי זַיין גוּט אוּן וואוֹיל; ווִי עֶס זֶעט אוֹיס הָאט מֶען דֶעם קִינְד נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִים נִישְׁט מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ. זָאלְט אִיר אִים זָאגְן אֵיינְמָאל, צְוֵויי

מָאל מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "יֶעצְט בִּיסְטוּ שׁוֹין אַ גְרוֹיס קִינְד, דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן אַ פְרֶעמְדֶע פְרוֹי, נָאר דַיין מַאמֶע מֶעגְסְטוּ אָנְרִירְן"; מֶען זָאגְט דָאס אֵיינְמָאל, צְוֵויי מָאל מִיט אַ שְׁמֵייכְל; אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט אִיז גוּט אוּן אַז נִישְׁט - זָאגְט מֶען דָאס אַ דְרִיטֶע מָאל מִיט אַן עֶרְנְסְטְן פָּנִים, אַזוֹי וֶועט עֶר זֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל, אִיר מֵיינְט דָאס עֶרְנְסְט אוּן דָאס אִיז נִישְׁט קַיין גֶעלֶעכְטֶער, וֶועט עֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן.

**דָאס** וָואלְט אִיר אִים שׁוֹין גֶעדַארְפְט לֶערְנֶען יָארְן צוּרִיק, פַאר עֶר וַואקְסְט אוֹיף, נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז עֶר וֶוערְט בַּר מִצְוָה; יֶעצְט אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל שְׁפֶּעט, ווי יוּנְגֶער מֶען לֶערְנְט אוֹיס קִינְדֶער וְוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִיז דָאס גְרִינְגֶער פַאר יֶעדְן, סַיי פַארְן קִינְד אוּן סַיי פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

**עֶלְטֶערְן** וֵוייסְן נִישְׁט וִוי שְׁטַארְק חִנּוּךְ אִיז; אַז מֶען שְׁטֶעלְט אַוֶועק קִינְדֶער אוֹיף אַ גְלַייכֶע וֶועג יוּנְגֶערְהֵייט וַואקְסְן זֵיי עֶרְלִיךְ אוּן גֶעזוּנְט, קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיז גְרִינְגֶער צוּ בֵּייגְן אוּן אוֹיסְגְלַייכְן זֵיי זָאלְן וַואקְסְן שֵׁיין גְרָאד. קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען לֶערְנֶען צְנִיעוּת; אִינְגְלֶעךְ שְׁפִּילְן מִיט אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ שְׁפִּילְן מִיט מֵיידְלֶעךְ. מֶען לֶערְנְט זֵיי שְׁמִירַת עֵינַיִם, מֶען לֶערְנְט זֵיי אֵיידְלְקֵייט - דֶעמָאלְט וַואקְסְן זֵיי אוֹיף וְוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקצט

## אִיךְ הַאלְט מֶער נִישְׁט אוֹיס פוּן מַיין מַאן, וָואס טוּט מֶען?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ גֶעפֶערְלִיךְ מִיט מַיין וואוּילֶער מַאן וָואס הֶעלְפְּט אוּן גֶעבְּט מִיר מֶער פוּן אַלֶע מֶענֶער.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטוּבּ מִיט זִיסֶע קִינְדֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן אִיךְ בֶּעט זִיךְ שׁוֹין בַּיי אִים אַסַאךְ יָארְן אַז מִיר דַארְפְן הִילְף, אָבֶער עֶר ווִיל נִישְׁט רֶעדְן מִיט אַיךְ, עֶר זָאגְט אַז אִיר נֶעמְט זִיךְ אַלֶעמָאל אָן נָאר פַאר דִי פְּרוּיעֶן.

אִיךְ הַאלְט בַּיים קְרַאכְן נָאךְ אַזוֹיפִיל יָאר; יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ בִּין טְרוֹיעֶרִיג [אִיךְ בִּין בְּטֶבַע אַ פְרֵיילִיכֶע] - פִילְט עֶר נִישְׁט מִיט נָאר עֶר אַנְטְלוֹיפְט טוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ גֶעפְּלַאצְט, אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעדַאוֶועוֶנְט אוֹיף דֶעם בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז מַיין יְשׁוּעָה אִיז דָא, מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טֶערָאפִּי אוּן עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ גֶעוֵויינְט אוּן עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען, אַזוֹי ווִי עֶר טוּט גֶעוֶוענְלִיךְ; אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אִים, אַז עֶר פִילְט נִישְׁט מִיט - זָאל עֶר כָאטְשׁ נִישְׁט זִינְגֶען, הָאט עֶר הֶעכֶער אוּן פְרֵיילִיכֶער גֶעזִינְגֶען; אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אוּן גֶעפְּלַאצְט, אִיךְ הָאבּ אִים גֶענוּמֶען הַאקְן, שְׁלָאגְן אוּן שְׁלֶעפְּן דִי פֵּאוֹת, אוּן גֶעשְׁרִיגְן קוֹלוֹת, אַז עֶר אִיז אַ נַאצִי; אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט לֶעבְּן מִיט אִים, וָואס וֶועט זַיין?

בִּיטֶע מִיר עֶנְטְפֶערְן וַוייל אִיךְ ווִיל זִיךְ נִישְׁט גֶטְ'ן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**זַייט מִיר מוֹחֵל, אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי;** הַאקְן, שְׁלָאגְן, שְׁלֶעפְּן פֵּאוֹת און שְׁרֵייעֶן אוֹיפְן מַאן: "נַאצִי". אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַייךְ זֵייעֶר גוּט, אִיר שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי אַ חוֹזֶק וֶוען עֶר אִיגְנָארִירְט אַייךְ, אָבֶער דָאס צוּ טוּן מִיט אַ מַאן אִיז אַ גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקֵייט.

**נֶעמְט דִי חָכְמָה פוּן שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ,** שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ" - אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אִיר שְׁטוּבּ, "וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ" - און אַ נַארִישֶׁע פְרוֹי צֶעבְּרֶעכְט אִיר שְׁטוּבּ מִיט אִירֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט; וִוי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פוּן אַייעֶרֶע וֶוערְטֶער אִיז אַייעֶר מַאן אַ טֵייעֶרֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הֶעלְפְט אַייךְ און עֶר גֶעבְּט אַייךְ וָואס אִיר דַארְפְט, עֶר וֵוייסְט פְּשׁוּט נִישְׁט וָואס מֶען דַארְף טוּן וֶוען דִי וַוייבּ וֵויינְט. זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענֶער זֶענֶען אַזוֹי, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן וֶוען דִי פְרוֹי הוֹיבְּט אָן וֵויינֶען; דָאס מַאכְט אִים עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן זִינְגֶען און זִיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ וַוייל עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, עֶר אִיז אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן זַיין טָאג און עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן וֶוען אִיר וֵויינְט.

**דֶערִיבֶּער אוֹיבּ אִיר ווִילְט אַז אַייעֶר מַאן זָאל אַייךְ אוֹיסְהֶערְן** דַארְפְט אִיר רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִים, שְׁמֵייכְלֶען צוּ

אִים; דֶעמָאלְט וֶועט זַיין כַּמַּיִם פָּנִים לַפָּנִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כז, יט): "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם", וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין אִין וַואסֶער מִיט אַ שְׁמֵייכְל'דִיגֶע פָּנִים זֶעט מֶען צוּרִיק אַ שְׁמֵייכְל, אוּן וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין מִיט אַ בְּרוֹגֶז'דִיגֶע פָּנִים זֶעט מֶען צוּרִיק אַ בְּרוֹגֶז פָּנִים; אַזוֹי אִיז דִי מַאן מִיט זַיין וַוייבּ - וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף צוּ יֶענֶעם, אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ צוּרִיק מִיט דִיר.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְט אִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן אַייעֶר מַאן; זָאגְט אִים שֵׁיינֶערְהֵייט: "זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאבּ גֶעשְׂרִיגְן אוֹיף דִיר אַזֶעלְכֶע מִיאוּס'עֶ וֶוערְטֶער", וֶועט אִיר זֶען וִוי עֶר וֶועט אַייךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן הֶעלְפְן.

גֶעבְּט אִים שֵׁיינֶערְהֵייט צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיר וִוילְט; אַז עֶר זָאל אַייךְ סְתָּם אוֹיסְהֶערְן, עֶר זָאל וַוייזְן מִיטְלַייד וֶוען אִיר וֵויינְט - וֶועט עֶר שׁוֹין מֶער נִישְׁט זִינְגֶען וֶוען אִיר וֵויינְט.

עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִין הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ נֶעמְט מֶען זִיךְ אָן פַאר דִי פְרוֹיעֶן, אִין הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ לֶערְנְט מֶען אוֹיס מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, מֶען זָאל זַיין אַ סַבְלָן אוּן מֶען זָאל מְוַתֵּר זַיין, מֶען זָאל זַיין קְלוּג - נִישְׁט זוּכְן צוּ זַיין גֶערֶעכְט. אַ רַחְמָנוּת אוֹיף יוּנְגֶע פָארְפֶעלְקֶער וָואס עֶס גֵייט זֵיי אַרִיבֶּער דִי טֶעג אוּן יָארְן מִיט קְרִיגֶערַייעֶן, וֶוען מֶען קֶען לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, אַ זִיסֶע לֶעבְּן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ, הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַייךְ אוּן אוֹיף אַייעֶרֶע קִינְדֶער, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי אוֹיפְפִירְן; אַז אִיר וִוילְט

הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת זָאלְט אִיר שְׁמֵייכְלֶען צוּ אַייעֶר מַאן. שְׁלֶעפְּט אִים נִישְׁט אַהֶער; אַז עֶר ווִיל נִישְׁט קוּמֶען דָא - אִיז נִישְׁט, קֹדֶם זָאלְט אִיר דָא זַיין; קֹדֶם זָאלְט אִיר פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתר

### קֶען אִיךְ אִיבֶּערְזָאגְן אַייעֶרֶע עֵצוֹת, אָן צוּ זָאגְן פוּן וואוּ אִיךְ נֶעם עֶס?[כ]

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם עוֹסֵק אִין חִנּוּךְ מִיט יוּנְגֶע בָּחוּרִים, אִיךְ הֶער אַסַאךְ אוֹיס דִי שִׁעוּרִים אוּן לֶערְן דִי בְּרִיוו, אוּן אִיךְ נֶעם פוּן דָארְט אַסַאךְ עֵצוֹת ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין אוּן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים; מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיךְ מֶעג אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי עֵצוֹת אוּן גֶעדַאנְקֶען פוּן דִי שִׁעוּרִים, אָן צוּ זָאגְן אַז אִיךְ נֶעם דָאס פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן, אַזוֹי ווִי בָּחוּרִים קוּמֶען צוּ מִיר כְּסֵדֶר מִיט אַלֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת אִין פַארְשִׁידֶענֶע עִנְיָנִים; ווִי נֶעמְט מֶען דִי כֹּחַ אוּן שֵׂכֶל צוּ קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן דֶעם פְרִיעֶר?

א גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

---

כ. אַ הֶמְשֵׁךְ צוּ דֶעם בְּרִיוו, וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א' כא.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת-בָּלָק, ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מֶען זָאל כְּסֵדֶר רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, מֶען זָאל זֵיי דֶערְצֵיילְן דִי דִבּוּרִים וָואס עֶר זָאגְט אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט זָאגְן פוּן וֶועם מֶען הָאט דָאס גֶעהֶערְט; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וָואס אַרְט מִיר אַז אַ אִיד וֶועט בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן עֶרְלִיךְ מִיט כַּוָּנָה, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט וִויסְן אַז דָאס קוּמְט פוּן מִיר".

**דָאס** וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ו, ו): "כָּל הָאוֹמֵר דָּבָר בְּשֵׁם אוֹמְרוֹ, מֵבִיא גְּאֻלָּה לָעוֹלָם", אַז מֶען זָאגְט עֶפֶּעס נָאךְ אִינֶעם נָאמֶען פוּן וֶועם מֶען הָאט דָאס גֶעהֶערְט - בְּרֶענְגְט מֶען דִי גְּאֻלָּה; דָאס אִיז וֶוען עֶס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם אַ גְּאֻלָּה, עֶס בְּרֶענְגְט שָׁלוֹם, אָבֶּער אוֹיב וֶועט דָאס מַאכְן אַ חֻרְבָּן - אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ זָאגְן פוּן וֶועם מֶען הָאט עֶס גֶעהֶערְט.

**עֶס** אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן רֶבִּי'ן; וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פוּן וואו עֶר נֶעמְט דִי שֵׁיינֶע דִבּוּרִים פְלֶעגְט עֶר זָאגְן אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן מְגַלֶּה עֲמֻקּוֹת. עֶר פְלֶעגְט זָאגְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ: "דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ מְגַלֶּה עֲמֻקּוֹת, עֶר אַנְטְפְּלֶעקְט טִיפֶע סוֹדוֹת, מִמֵּילָא אִיז דָאס נִישְׁט קֵיין לִיגְנְט".

**יֶעצְט** וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז טַאקֶע דֶער פְּשַׁט פוּן דֶעם מַאֲמָר חֲזַ"ל, אַז מֶען זָאגְט נָאךְ אִינֶעם נָאמֶען פוּן וֶועם מֶען הָאט דָאס גֶעהֶערְט בְּרֶענְגְט מֶען דִי גְּאֻלָּה; וָואלְטְן זִיךְ אַלֶע מוֹדֶה גֶעוֶוען פוּן וואו זֵיי נֶעמֶען זֵייעֶר חִזּוּק, וָואלְטְן אַלֶע פַארְצֵיילְט פַאר זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים וואו דֶער סוֹד לִיגְט בַּאהַאלְטְן - וָואלְט מָשִׁיחַ גֶעקוּמֶען. ווַייל פִּינְקְט ווִי דוּ נֶעמְסְט שֵׂכֶל, עֵצוֹת אוּן חִזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - אַזוֹי אִיז אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; יֶעדֶער לֶעבְּט פוּן רֶבִּי'ן, יֶעדֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' מִיטְן רֶבִּינְ'ס חִזּוּק, עֶס אִיז אָבֶער בְּהֶסְתֵּר, בַּאהַאלְטְן; מֶען שֶׁעמְט זִיךְ מִיטְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי אִיז פַארְשֶׁעמְט; וָואלְט וֶוען יֶעדֶער אֵיינֶער מוֹדֶה גֶעוֶוען פוּן וואו מֶען נֶעמְט דִי חִזּוּק, מֶען וָואלְט נָאכְגֶעזָאגְט דִי דִּבּוּרִים בְּשֵׁם אוֹמְרָם - וָואלְט שׁוֹין גֶעוֶוען דִי גְּאֻלָּה.

**אוֹיף** דַיין צְווֵייטֶע פְרַאגֶע פוּן וואו מֶען נֶעמְט כֹּחַ וְכוּ'; אוֹיבּ מֶען ווֵייסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט בְּנֵי הַנְּעוּרִים, בִּפְרַט אִין אוּנְזֶער דוֹר וָואס עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת אוֹיף בָּחוּרִים - נִישְׁט נָאר עֶס נֶעמְט נִישְׁט אַוֶועק קַיין כֹּחַ, פַארְקֶערְט, מֶען בַּאקוּמְט כֹּחַ פוּן דֶעם.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרא א

## עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער מַכִּיר טוֹבָה צוּ זַיין, וָואס טוּ אִיךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, אַ שְׁטִיק צַייט צוּרִיק בִּין אִיךְ אַדוּרְךְ אַ שְׁוֶוערֶע תְּקוּפָה אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מִיר שְׁטַארְק גֶעהָאלְפְן, סְפֶּעצִיעֶל עֶטְלִיכֶע פוּן מַיינֶע פֶעטֶערְס, אוּן יֶעצְט וִויל אִיךְ זֵיי אַרוֹיסְווַייזְן עֶפֶּעס אַ הַכָּרַת הַטּוֹב, אִיךְ וֵויס אָבֶּער נִישְׁט וִוי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זֵיי צוּ קוּקְן אִין פְּנִים ווַייל דָאס דֶערְמַאנְט מִיר פוּן דִי שְׁוֶוערֶע צַייטְן אוּן אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן זֵיי.

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זֵיי אַרוֹיסְווַייזְן הַכָּרַת הַטּוֹב?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת-בָּלָק, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**הַכָּרַת** הַטּוֹב אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה, ווִידֶערְאוּם זַיין אַ כְּפוּי טוֹבָה אִיז זֵייעֶר אַ מִיאוּסְ'עֶ מִדָּה. דֶערְפַאר הָאבְּן מִיר דִי מִצְוָה פוּן בִּכּוּרִים, קוּמֶען צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיט דִי עֶרְשְׁט גֶעצַייטִיגְטֶע פְּרוּכְט אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים כו, ג): "וְאָמַרְתָּ אֵלָיו הִגַּדְתִּי הַיּוֹם", אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין כְּפוּי טוֹבָה (סִפְרִי דְּבָרִים, פִּסְקָא רצט).

**אַז** דו וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר גֶעבְּט דִיר וֶועט דִיר זַיין גְרִינְג צוּ דַאנְקֶען דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הֶעלְפְן דִיר.

וָוען מֶען טְרַאכְט אַרַיין זֶעט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אַזוֹי גוּט צוּ אוּנְז, עֶר גֶעבְּט אוּנְז נָאר גוּטְס – דַארְפְן מִיר אִים שְׁטֶענְדִיג לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען, נִישְׁט וַוארְטְן עֶס זָאל קוּמֶען שְׁלֶעכְטְס. אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט אִים אוּן לוֹיבְּט אִים, זָאגְט עֶר פַאר דִי מַלְאָכִים: 'קוּקְטְס אָן דֶעם אִיד, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אוּן עֶר דַאנְקְט מִיךְ, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס גוּט מֵיינְט', אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט וִוי אֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיף זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס שְׁלֶעכְט מֵיינְט'"; וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלְץ מֶער גוּטְס קוּמְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ.

**אוֹיבּ** גוּטְס דֶערְמַאנְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, דַארְף מֶען דֶערְמַאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט שְׁלֶעכְטְס; דֶער רַיי"צ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן: "עֶס זֶענֶען פַארְהַאן 'חֲסִידִים' אוּן עֶס זֶענֶען פַארְהַאן 'צָרוֹת חֲסִידִים'"; דָאס הֵייסְט עֶס זֶענֶען פַארְהַאן חֲסִידִים וָואס קוּמֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ זֵייעֶר רֶבִּי, אוֹיךְ וֶוען עֶס גֵייט זֵיי גוּט; נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא חֲסִידִים וָואס קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן וֶוען זֵיי הָאבְּן צָרוֹת, זֵיי רוּפְט מֶען 'צָרוֹת חֲסִידִים', פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: "וֶוען

זֵיי וָואלְטְן גֶעקוּמֶען וֶוען עֶס גֵייט זֵיי גוּט, וָואלְטְן זֵיי גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן דִי אַלֶע צָרוֹת".

**וואוּיל** אִיז דֶעם וָואס דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶענְדִיג, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן נָאר גוּטְס זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

## תתרב ב

### קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן הַדְרָכוֹת אוֹיף מַיין חֲתֻנָּה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין פוּל מִיט הַכָּרַת הַטּוֹב צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַלֶע חִזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם כְּסֵדֶר, אוּן דֶערְפַאר ווִיל אִיךְ אַייךְ מִיטְטֵיילְן מִיט מַיין שִׂמְחָה, אַז אִיךְ גֵיי בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתֻנָּה הָאבְּן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיבֶּער דִי מַדְרִיכִים פַאר חֲתָנִים אַז זֵיי לֶערְנֶען נִישְׁט אוֹיס ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין[כא], מַיין מַדְרִיךְ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז מֶען מֶעג טַאקֶע לֶעבְּן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי ווַייבּ לוֹיט דִי הֲלָכָה, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חֲסִידִי'שֶׁע זַאךְ[כב]. הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דָאס אִיז טַאקֶע אֱמֶת.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן עֶפֶּעס הַדְרָכוֹת צוּ מַיין חֲתֻנָּה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

כא. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, פְרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תתקצג.

כב. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, פְרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תתקפו.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת-בָּלָק, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ וֵוייסְט אַוַדַאי אַז 'שָׁלוֹם בַּיִת' אִיז בַּיים רֶבִּי'ן גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּ אוּנְז פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן אוּנְז זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶוען מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דִי וַוייבּ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד); דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּ טַעְנָה'עֶן מִיט דַיין וַוייבּ, זָאלְסְט אִיר שְׁטֶענְדִיג גֶעבְּן גֶערֶעכְט אוּן דוּ זָאלְסְט אִיר גֶעבְּן גֶעלְט זִי זָאל קֶענֶען קוֹיפְן פַאר זִיךְ וָואס זִי דַארְף.

רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט (שַׁעַר הַמִּצְווֹת, פַּרְשַׁת עֵקֶב): "רָאִיתִי לְמוֹרִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁלֹּא הָיָה חוֹשֵׁשׁ בְּעַצְמוֹ לְהִתְכַּבֵּד בְּמַלְבּוּשִׁים נָאִים יוֹתֵר מִדַּי", אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי מַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל, אַז וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ קוֹיפְן קְלֵיידֶער פַאר זִיךְ הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקוֹיפְט קַיין טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, "גַּם בְּמַאֲכָלוֹ הָיָה אוֹכֵל דָּבָר מוּעָט מְאֹד", אוֹיךְ בַּיי עֶסְן - וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶערֶעדְט פַאר זִיךְ - הָאט עֶר נִישְׁט גֶעגֶעסְן קַיין סַאךְ, עֶר פְלֶעגְט עֶסְן זֵייעֶר וֶוייניג, "אֲבָל בְּמַלְבּוּשֵׁי אִשְׁתּוֹ הָיָה זָהִיר מְאֹד לְכַבְּדָהּ וּלְהַלְבִּישָׁהּ", אָבֶער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין וַוייבּ הָאט עֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אִיר צוּ מְכַבֵּד זַיין מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, "וְהָיָה מֵפִיק כָּל רְצוֹנָהּ אַף אִם לֹא הָיְתָה יָדוֹ מַשֶּׂגֶת כָּל כָּךְ", עֶר הָאט אִיר צוּפְרִידְן

גֶעשְׁטֶעלְט דָאס מֶערְסְטֶע וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט, אֲפִלּוּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט דָאס צוּ קֶענֶען טוּן.

**אַז** דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין קַארְג, דוּ וֶועסְט אִיר גֶעבְּן וָואס זִי דַארְף אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מִתְוַכֵּחַ זַיין - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתרג ג

### וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ וַוייטֶער אַרְבֶּעטְן אַז מַיין מַאן זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן עֶנְטְפֶערְן מַיין שְׁאֵלָה אִיבֶּער וָואס צוּ טוּן מִיט דִי דְרוֹיסְנְדֶע הַשְׁקָפוֹת פוּן דִי חֲבֵרִים פוּן דִי קִינְדֶער[כג], אִיר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ חִזּוּק מִיט דֶעם בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה[כד] וואוּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט פַאר אַ פְרוֹי אַז יֶעצְט אַז זִי אִיז אַ מַאמֶע - אִיז אִיר פְּלַאץ אִינְדֶערְהֵיים, אוֹיךְ אִין אַן אַנְדֶערֶע בְּרִיוו[כה] שְׁרַייבְּט אִיר פַאר אַ פְרוֹי אַז זִי הָאט זֵייעֶר גוּט גֶעטוּן אַז זִי אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִי פְרוֹיעֶן מְסִבָּה וַוייל זִי דַארְף הָאבְּן כֹּחַ אוּן נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט.

---

כג. פְרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תתקצז.

כד. דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

כה. דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

וִויל אִיךְ פְּרֶעגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעבֶּענְטְשְׁט בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיט דְרֵיי קִינְדֶער, דִי עֶלְטְסְטֶע אִיז צְוֵויי אוּן אַ הַאלְבּ יָאר אַלְט; בִּיז יֶעצְט זֶענֶען אַלֶע בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעוֶוען אִינְדֶערְהֵיים מִיט מִיר אוּן יֶעצְט הָאט דִי עֶלְטְסְטֶע מֵיידְל אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְצוּגֵיין.

אִיךְ בִּין גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַ מַאן וָואס וִויל נָאר לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אַ גַאנְצְן טָאג, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם אִינְטֶערֶעסֶע אִין אַרְבֶּעט - אוּן אִיךְ בִּין גָאר פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם.

כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַרְבֶּעט אִיךְ; מַיין אַרְבֶּעט אִיז אִינְדֶערְהֵיים פוּן זֶעקְס בִּיז צְוֶועלְף אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט. עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ אַרְבֶּעטְן אַזוֹי שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, אָבֶער אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן בַּייטָאג וַוייל דִי אַרְבֶּעט אִיז אוֹיפְן קָאמְפְּיוּטֶער אוּן מִיר וִוילְן נִישְׁט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין דָארְט וֶוען אִיךְ אַרְבֶּעט אוֹיפְן קָאמְפְּיוּטֶער. לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ אָבֶער זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ אַ קִימְפֶּעטָארְן, אִיךְ הָאבּ בְּחַסְדֵי הַשֵּׁם דְרֵיי פִּיצֶעלֶעךְ אִינְדֶערְהֵיים אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וִויל אִיךְ אָבֶער נִישְׁט שְׁטוּפְּן מַיין מַאן צוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן - אֲפִלּוּ מִיר הָאבְּן גֶעטְרַאכְט עֶר זָאל אַרְבֶּעטְן אִין אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אַזוֹי וִוי סוֹפְרוּת וְכַדוֹמֶה, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן אַז עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוֶונְט אַ גַאנְצְן טָאג.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַן עֵצָה פַאר אוּנְז וִוי אַזוֹי מַיין מַאן זָאל וַוייטֶער קֶענֶען לֶערְנֶען, אִיךְ זָאל קֶענֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן הָאבְּן כֹּחַ פַאר דֶעם, אוּן מִיר זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען הָאבְּן עֶפֶּעס אַ פַּרְנָסָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִזּוּק אוּן עֵצוֹת וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט אוּנְז, מַיין מַאן אוּן אִיךְ פְּרוּבִּירְן צוּ הֶערְן דִי חִזּוּק יוֹמִי יֶעדְן טָאג בַּיי פְרִישְׁטָאג מִיט דִי קִינְדֶער, עֶס לֶעבְּט אוּנְז מַמָּשׁ אוֹיף. מִיר וַוארְטְן יֶעדֶע וָואךְ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע גִלְיוֹן הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ אוּן דִי קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת-בָּלָק, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

וַוייל אִיז אַייךְ אוּן ווייל אִיז אַייעֶר חֵלֶק אַז אִיר הֶעלְפְט אַייעֶר מַאן עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ פְרוֹי וָואס אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אַז אִיר מַאן זָאל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אִיז דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר זֶענְט גָאר פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם וָואס אִיר קֶענְט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס אַז אִיר זָאלְט אַרְבֶּעטְן שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, אִיר קֶענְט אַרְבֶּעטְן בַּייטָאג; אַייעֶרֶע קִינְדֶער מֶעגְן זֶען אַז אִיר אַרְבֶּעט, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן מִיט גוּטֶע זַאכְן. אִיר קֶענְט אַרְבֶּעטְן בַּייטָאג, אִין דִי שָׁעוֹת וָואס אִיר זֶענְט אוֹיסְגֶערוּט אוּן בַּיינַאכְט זָאלְט אִיר זִיךְ גוּט אוֹיסְרוּעֶן כְּדֵי אִיר זָאלְט קֶענֶען זַיין אַ רוּאִיגֶע אוּן גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע.

מַאכְט אַייךְ גְרִינְגֶער כְּדֵי אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ צוּ אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אִיר זָאלְט קֶענֶען וַוייטֶער הֶעלְפְן אַייעֶר מַאן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַז אִיר הָאט שׁוֹין אַ קִינְד דַארְפְט אִיר נִישְׁט זוּכְן צוּ אַרְבֶּעטְן**[כו]

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ"ד סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**יֶעצְט** אַז אִיר הָאט שׁוֹין אַ קִינְד דַארְפְט אִיר נִישְׁט זוּכְן צוּ אַרְבֶּעטְן; יֶעצְט דַארְפְט אִיר זַיין אַ מַאמֶע מִיט פְרִישֶׁע כּוֹחוֹת פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אַ גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ פַאר אַייעֶר מַאן.

**אַז** אִיר הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ טְרֶעפְן אַ גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט נֶעבְן שְׁטוּב אִיז גוּט, אָבֶער פָארְן קַיין יְרוּשָׁלַיִם יֶעדְן טָאג אַ וֶועג פוּן אַ שָׁעָה אוּן צוּרִיק קוּמֶען אַ שָׁעָה וֶועג - לוֹינְט נִישְׁט אוּן עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי.

**זַייט** מְחַזֵּק אַייעֶר מַאן עֶר זָאל עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, וַוייל דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין הֲפָצָה הָאבְן גְרוֹיס שֶׁפַע.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אֵיינֶער וָואס אַרְבֶּעט מִיט קִינְדֶער דַארְף גוּט שְׁלָאפְן**[כז]

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת קֹרַח, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

**זַייעֶר** גוּט הָאט אִיר גֶעטוּן אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג צוּ דִי פְרוֹיעֶן פַארְטִי; אֵיינֶער וָואס

כו. קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת קֹרַח, שְׁנַת תש"פ.

כז. קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת קֹרַח, שְׁנַת תש"פ.

אַרְבֶּעט מִיט קִינְדֶער, אַ טִיטְשֶׁער אָדֶער מְנַהֶלֶת - הָאט אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת און מֶען דַארְף גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ. אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמה, סְעִיף טז): "וְאֵין לַמְלַמֵּד לִנְעוֹר בַּלַּיְלָה יוֹתֵר מִדַּאי שֶׁלֹּא יִהְיֶה עָצֵל בַּיּוֹם לִלְמֹד", אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט אוֹיפְזַיין בַּיינַאכְט כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט זַיין פוֹיל בַּייטָאג צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

**אִיךְ** נֶעם זִיךְ אוֹיס מִיט אַלֶע מְלַמְּדִים אַז זֵיי טָארְן נִישְׁט אַוֶועק פָארְן צוּ חֲתוּנוֹת אָדֶער אַ פַארְבְּרֶענְג וְכַדוֹמֶה (אוֹיסֶער אוֹיבּ זֵיי נֶעמֶען אַ בְּמְקוֹם, אַ שְׁטֶעלְפַארְטְרֶעטֶער); דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי טִיטְשֶׁערְס, זֵיי דַארְפְן זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט צוּ דִי קִינְדֶער.

**בְּנוֹגֵעַ** דִי פְרוֹיעֶן פַארְבְּרֶענְג וָואס אִיר מַאכְט אִין שְׁטֶעטְל יֶעדֶע דִינְסְטָאג נַאכְט; מֶען דַארְף טְרַאכְטְן אַ גוּטֶע צַייט וֶוען דָאס צוּ מַאכְן, וַוייל עֶס קֶען נִישְׁט זַיין צוּ שְׁפֶּעט. אוֹיבּ מַאכְט מֶען דָאס אַזוֹי ווִי ווִינְטֶער צַייט, בְּעֶרֶךְ נַיין אַזֵייגֶער - קֶען מֶען דָאס וַוייטֶער מַאכְן, אָבֶער אוֹיבּ הוֹיבְּט מֶען דָאס אָן שְׁפֶּעטֶער - אִיז דָאס אַ פְּרָאבְּלֶעם, וַוייל עֶס פַארְצִיט זִיךְ צוּ שְׁפֶּעט וָואס דֶערְמָאלְט גֵייט דָאס אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי קִינְדֶער. אַ מַאמֶע וָואס לֵייגְט זִיךְ טוֹיזְנְט אַזֵייגֶער הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ אִינְדֶערְפְרִי צוּ אִירֶע קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער קוּמֶען אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל מִיט קוֹלוֹת אוּן פְּסָקִים; אַנְדֶערְשׁ אִיז וֶוען מֶען לֵייגְט זִיךְ פְרִי אוּן מֶען אִיז אוֹיסְגֶערוּט - דַאן הָאט מֶען כֹּחַ אוֹיפְצוּוָאוֶועקְן

די קִינְדֶער אוּן זֵיי גְרֵייט מַאכְן מִיט שִׂמְחָה צוּ גֵיין אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתרד ד

### זָאל אִיךְ בַּאדִינֶען מַיין טַאטֶע, אָדֶער אִיז דָאס אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּז זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט אוּנְז, אִיךְ בִּין שׁוֹין פִינְף אוּן דְרַייסִיג יָאר אַלְט אוּן דִי וָואךְ הָאבּ אִיךְ צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל זוֹכֶה גֶעוֶועןן צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ חֲמִשָּׁה חֻמְשֵׁי תוֹרָה, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, דוּרְךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג פוּן דִי וָואךְ אַבִּיסְל, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶועןן צוּ עֶנְדִיגְן מִשְׁנָיוֹת אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם דַּף גְּמָרָא.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, מַיין מַאמֶע לֶעבְּט שׁוֹין נִישְׁט אוּן מַיין טַאטֶע אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, עֶר קֶען נִישְׁט גֵיין אוֹיף דִי פִּיס לֹא עָלֵינוּ אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאוֶועגְן גֶעהֶערִיג, אָבֶּער זַיין קָאפּ אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוֹיפְן פְּלַאץ. אִיךְ הָאבּ אִים אַרַיינְגֶענוּמֶען וואוֹינֶען בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים, עֶס פַארְלַאנְגְט זִיךְ אָבֶּער אַסַאךְ אַרְבֶּעט אִים צוּ בַּאדִינֶען אַ גַאנְצְן טָאג, עֶר פַארְלַאנְגְט זַאכְן אַ גַאנְצְן טָאג. אִיךְ טוּ דִי מִצְוָה מִיט שִׂמְחָה, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער מוֹרָא אַז דָאס גֵייט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אַז אִיךְ בִּין אַזוֹיפִיל פַארְנוּמֶען מִיט אִים.

זָאל אִיךְ אִים וַוייטֶער הַאלְטְן אִינְדֶערְהֵיים אוּן בַּאדִינֶען, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ טְרֶעפְן אַ פְּלַאץ פַאר אִים, צוּ קֶענֶען זַיין מֶער פַארְנוּמֶען מִיט דִי אֵייגֶענֶע מִשְׁפָּחָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת-בָּלָק, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַוַדַאי** זָאלְסְטוּ הַאלְטְן דַיין טַאטֶע בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ; זָאלְסְט אִים מְכַבֵּד זַיין אוּן בַּאדִינֶען מִיטְן גְרֶעסְטְן מָאס כָּבוֹד.

**דָאס** וָואס דוּ הָאסְט מוֹרָא אַז עֶס גֵייט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דַיין וַוייבּ וְכוּ'; דָאס אִיז נַארִישְׁקֵייטְן. דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט צַייט פַאר אַלֶעס, עֶר הֶעלְפְט דִי עֶלְטֶערְן, עֶר הֶעלְפְט דִי וַוייבּ אוּן אִיז מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער, ווִידֶערְאוּם דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין יִרְאַת שָׁמַיִם הָאט נִישְׁט קֵיין צַייט - נִישְׁט פַאר זַיין טַאטֶע, נִישְׁט פַאר זַיין וַוייבּ אוּן נִישְׁט פַאר דִי קִינְדֶער.

**פִּינְקְט** ווִי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט אַז וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט צוּ גֵיין דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב נֶעמְט דָאס נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִי צַייט פוּן דִי וַוייבּ, נָאר דָאס אִיז אַ חֵלֶק פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַ חֵלֶק פוּן לֶעבְן; אַזוֹי אִיז מִיט כִּבּוּד אָב וָאֵם, דָאס נֶעמְט נִישְׁט אַוֶועק פוּן קֵיינֶעמְ'ס חֶשְׁבּוֹן, דָאס אִיז וָואס אַ אִיד דַארְף טוּן; מְכַבֵּד זַיין אַ טַאטֶע מַאמֶע אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס.

וָוען מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי טַאטֶע אוּן מַאמֶע דֶעמָאלְט קוּמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן מַאכְט רוּעֶן דִי שְׁכִינָה בַּיים מֶענְטְשׁ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִדּוּשִׁין ל:): "שְׁלֹשָׁה שֻׁתָּפִין הֵן בָּאָדָם, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אָבִיו, וְאִמּוֹ; בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילוּ דַּרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי", דְרֵיי שׁוּתְּפִים אִיז דָא אִינֶעם מֶענְטְשׁ - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, טַאטֶע אוּן מַאמֶע; וָוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד זַיינֶע עֶלְטֶערְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "אִיךְ קוּם וואוֹינֶען צְווִישְׁן אַייךְ, אוּן אִיךְ רֶעכְן דָאס אַזוֹי וְוִי אִיר זֶענְט מִיךְ מְכַבֵּד"; אוּן וָוען עֶס אִיז דָא הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה אִיז דָא אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן אַלֶע בְּרָכוֹת.

**דָאס** וָואס דוּ הָאסְט מוֹרָא אַז עֶס גֵייט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דַיינֶע קִינְדֶער; פַארְקֶערְט, דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע חִנּוּךְ פַאר קִינְדֶער אִיז - וָוען זֵיי זֶעעֶן וְוִי מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי זֶעעֶן דֶעם אוּנְטֶערְשֵׁייד צְווִישְׁן אַ אִידִישֶׁע לֶעבְן אוּן לְהַבְדִּיל אַ נִישְׁט אִידִישֶׁע לֶעבְן. בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז דִי זֵיידֶע בַּאבֶּע דֶער קְרוֹין פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, אַלֶעס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם דִי עֶלְטֶערְן; מֶען קוּקְט אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן, מֶען טוּט וָואס דִי עֶלְטֶערְן טוּעֶן, אַנְדֶערְשׁ וְוִי בַּיי דִי אֻמּוֹת הָעוֹלָם וָואס דִי יוּגְנְט פַארְשְׁטֵייט בֶּעסֶער וְוִי דִי עֶלְטֶערְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרה ה

## מִיט אַ גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה מוּז מֶען הָאבְּן אַ שְׁוֶוער לֶעבְּן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אַלֶע זֶענֶען גוּטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע אוּן בּוֹיעֶן שֵׁיינֶע שְׁטִיבֶער, אוֹיסֶער אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶעךְ אַרָאפּ פוּן וֶועג.

מַיין מַאמֶע הָאט בֶּאֱמֶת אַסַאךְ אַסַאךְ נַחַת, אָבֶער זִי עֶנְדִיגְט נִישְׁט הָאבְּן דַאֲגוֹת פוּן יֶעדֶעם קִינְד בַּאזוּנְדֶער; אֵיינֶער וָואס וואוֹינְט אִין אַ פְּלַאץ וָואס אִיז מֶער מָאדֶערְן, אוּן כָאטְשׁ דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין - דַאֲגָה'ט זִי. אַ צְוֶוייטֶע הָאט פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין פַּרְנָסָה. אַ דְרִיטֶע דַאֲגָה'ט זִי אוֹיף אַן אֵיינִיקְל וָואס הָאט פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דִי רְשִׁימָה אִיז לַאנְג, לְמַעֲשֶׂה הָאט זִי נִישְׁט קַיין אֵיין טָאג מְנוּחָה.

זִי גֶעבְּט אַוֶועק אַסַאךְ כֹּחַ אוּן צַייט צוּ הֶעלְפְּן יֶעדְן; אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען זִיךְ אַדוּרְכְרֶעדְן מִיט אִיר, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אוּן אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ, זִי אִיז אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל אוֹיף יֶעדְן, אָבֶער אִיךְ זֶע אַז עֶס אִיז אִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אִיךְ טְרַאכְט צוּ זִיךְ אוֹיבּ אַזוֹי דַארְף טַאקֶע זַיין, אַזוֹי דַארְף אוֹיסְקוּקְן אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע?! וָואס מֶער קִינְדֶער אַלְץ מֶער דַאֲגוֹת, אַלְץ וֶוינִיגֶער מְנוּחָה?! עֶס זֶעט אוֹיס אַז עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט, בִּיז הוּנְדֶערְט אוּן צְוָואנְצִיג וֶועט אַזוֹי אוֹיסְזֶען אִיר לֶעבְּן אוּן עֶס וֶועט נָאר וֶוערְן שְׁוֶוערֶער, וַוייל עֶס קוּמֶען נָאךְ אֵיידֶעמֶער, נָאךְ אֵיינִיקְלֶעךְ, אַלֶע וַואקְסְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, אִיז דָא אַ וֶועג וָואס אִיךְ קֶען אִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן? אוּן צְוֶוייטְנְס, אוֹיבּ בַּיי מִיר וֶועט אוֹיךְ זַיין אַזוֹי, אַזוֹי זֶעט אוֹיס דִי לֶעבְּן פוּן אַ מַאמֶע וָואס הָאט אַסַאךְ קִינְדֶער?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת-בָּלָק, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייֶער בְּרִיוו.

**אִיר** פְרֶעגְט אַ שְׁטַארְקֶע שְׁאֵלָה, אַ ווִיכְטִיגֶע שְׁאֵלָה; אַ שְׁאֵלָה וָואס אַלֶע הָאבְּן.

**דֶער** עֶנְטְפֶער אִיז: "עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה, עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה; עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין פִירְט דִי וֶועלְט, אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעמָאלְט אִיז דִי לֶעבְּן זִיס אוּן שֵׁיין, דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט קֵיין חִילוּק ווִיפִיל קִינְדֶער מֶען הָאט; מֶען וֵוייסְט אַז ווִי מֶער קִינְדֶער מֶען הָאט אַלְץ מֶער נַחַת רוּחַ מַאכְט מֶען פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶוערְט נִישְׁט אוֹיס אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט צֶעפַּאלְן וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט פִּינְקְט ווִי מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶע'מָשָׁל'ט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, אוֹיבּ מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דִי אֱמוּנָה, מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קוּקְט אוֹיפְן לֶעבְּן אַז זַאכְן פַּאסִירְן פוּן זִיךְ אַלֵיין חַס וְשָׁלוֹם, דֶעמָאלְט עֶסְט מֶען זִיךְ אוֹיף פוּן יֶעדֶע זַאךְ; מֶען וֶוערְט פַארְ'דַאֲגָה'ט אוּן פַארְשְׁוַוארְצְט, מֶען וֶוערְט אַלְט אוּן שְׁוַואךְ, דֶעמָאלְט אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין חִילוּק ווִיפִיל קִינְדֶער מֶען הָאט; מֶען אִיז בַּאזָארְגְט סֵיי מִיט קִינְדֶער אוּן סֵיי אָן קִינְדֶער, סֵיי אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע אוּן סֵיי וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין.

**אַלֶעם** וֶוענְדְט זִיךְ ווִי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיפְן לֶעבְּן; מֶען קֶען הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע לֶעבְּן, דִי זֶעלְבֶּע קִינְדֶער, דִי זֶעלְבֶּע אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ אוּן מֶען אִיז נִישְׁט פַּאר'דַאֲגָה'ט, מֶען אִיז נִישְׁט פַּארְשְׁוַוארְצְט, מֶען הָאט הֲנָאָה יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע פוּנֶעם לֶעבְּן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעוִויזְן פַּאר זַיינֶע תַּלְמִידִים ווִי וַוייט אַלֶעם וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מֶענְטְשׁ; עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ יַעְנְקְל ווַאסֶער טְרֶעגֶער אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס מַאכְסְטוּ יַעְנְקְל?" גֶעבְּט עֶר אַ קְרֶעכְץ אוּן זָאגְט: "וָואס קֶען אִיךְ שׁוֹין מַאכְן? בַּיי דִי אַכְצִיג יָאר דַארְף אִיךְ שְׁלֶעפְּן שְׁוֶוערֶע עֶמֶערְס וַואסֶער, אִיךְ שְׁלֶעפּ דָאס אַרוּיף אַפָּאר שְׁטָאק, מַמָּשׁ דִי רוּקְן בְּרֶעכְט זִיךְ מִיר, דִי פִּיס הַאלְטְן מִיר שׁוֹין כִּמְעַט נִישְׁט, פַּארְוָואס דַארְף אִיךְ אַזוֹי שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן?!" דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הֶערְט אִים אוֹיס אוּן גֵייט וַוייטֶער מִיט דִי תַּלְמִידִים.

**אַ** וָואךְ שְׁפֶּעטֶער גֵייט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ נָאכְאַמָאל מִיט דִי תַּלְמִידִים אוּן זָאגְט זֵיי: "קוּמְט וֶועל אִיךְ אַייךְ וַוייזְן אַז אַלֶעם הָאט מִיטְן מֶענְטְשׁ אַלֵיין, ווִי אַזוֹי עֶר נֶעמְט אוֹיף זַיין לֶעבְּן", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֵייט ווִידֶער צוּ צוּם וַואסֶער טְרֶעגֶער יַעְנְקְל אוּן פְרֶעגְט אִים: "יַעְנְקְל וָואס הֶערְט מֶען עֶפֶּעס? וָואס מַאכְסְטוּ?" זָאגְט עֶר: "רֶבִּי, ווִי קֶען אִיךְ קְרֶעכְצְן? מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר אַזוֹי שֵׁיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא גְרִינְגֶע פַּרְנָסָה, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט אִינְוֶועסְטִירְן,

אִיךְ שֶׁעפּ אָן וַואסֶער בַּיים בְּרוּנֶעם אוּמְזִיסְט אוּן טְרָאג דָאס צוּ מֶענְטְשְׁן אוּן זַיי צָאלְן מִיר, אַה! - גֶעבְּט עֶר אַ זָאג - אִיךְ דַאנְק גָאט פַאר מַיין זִיסֶע לֶעבְּן", דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הֶערְט אִים אוֹיס אוּן גֵייט וַוייטֶער מִיט דִי תַּלְמִידִים, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זַיי עֶרְקְלֶערְט דָאס פָאלְגְנְדֶע: "גֶעבְּט אַ קוּק, דָאס אִיז דֶער זֶעלְבֶּער יַעֲנְקְל; צֶענְדְלִיגֶער יָארְן שְׁלֶעפְּט עֶר דִי זֶעלְבֶּע שְׁוֶוערֶע עֶמֶערְס וַואסֶער, דִי זֶעלְבֶּע שְׁטָאקְן דַארְף עֶר אַרוֹיפְקְרִיכְן, אָבֶּער עֶס וֶוענְדְט זִיךְ ווִי אַזוֹי עֶר נֶעמְט דָאס אָן"; וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען פַארְ'דַאֲגָה'ט אוּן מָלֵא טַעֲנוֹת, אוּן וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין דִי אֱמוּנָה אִין זִיךְ, מֶען זוּכְט דָאס גוּטְס, מֶען קוּקְט אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט - דַאן אִיז מֶען פוּל מִיט פְרֵייד.

**צַדִּיקִים** טַייטְשְׁן דָאס וָואס רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיף שָׂרָה אִמֵּנוּ (בְּרֵאשִׁית כג, א): "כֻּלָּן שָׁוִין לְטוֹבָה", אַז עֶס אִיז אִיר שְׁטֶענְדִיג גוּט גֶעוֶוען; זִי הָאט גֶעווּאוּסְט אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, בַּיי אִיר אִיז גֶעוֶוען בַּת ק' כְּבַת כ', וּבַת כ' כְּבַת ז' - אַלֶע אִירֶע יָארְן אִיז אִיר גוּט גֶעוֶוען, מִיט אַלֶע שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אִיז גֶעוֶוען: "כֻּלָּן שָׁוִין לְטוֹבָה".

**שְׁטַארְקְט** אַייךְ אוּן שְׁטַארְקְט אַייעֶר מַאמֶע; רֶעדְט אַסַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִיר גְרִינְגֶער מַאכְן פַאר אַייעֶר מַאמֶע זִי זָאל הֲנָאָה הָאבְן פוּנֶעם לֶעבְּן, זִי זָאל אוֹיסְלֶעבְּן אִירֶע יָארְן מִיט נַחַת אוּן פְרֵייד.

**בְּנוֹגֵעַ** אייך וְכוּ'; ווי מֶער איר וֶועט חַזֶר'ן אִין אַייעֶרע יוּנְגֶע יָארְן אֱמוּנָה, ווי מֶער איר וֶועט אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ אֱמוּנָה - וֶועט אַייעֶר לֶעבְּן זַיין צוּקֶערְדִיג און שֵׁיין.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרו ו

## זַיין אַ גֶעטְרַייעֶ וַוייבּ

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פָּשׁוּט'ער אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ הֶער דִי שִׁעוּרִים און אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּ' דֶערְמִיט, און אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ זַיין וואוּיל און עֶרְלִיךְ.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַ וואוּילֶע גוּטֶע וַוייבּ, אִיךְ בִּין צוּפְרִידְן מִיט אִיר, עֶס אִיז אָבֶּער דָא אַ זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיר; אַמָאל פְלֶעגְט זִי זִיךְ שֶׁענֶער אַהֶערְשְׁטֶעלְן פַאר מִיר אִינְדֶערְהֵיים און דָאס הָאט מִיר פִּיל גֶעהָאלְפְן מִיט מַיינֶע נִסְיוֹנוֹת בַּיי דִי אַרְבֶּעט וֶוען עֶס קוּמְט מִיר אוֹיס צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט פְרוֹיעֶן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זַאט אִינְדֶערְהֵיים מִמֵּילָא הָאט מִיר נִישְׁט גֶעצוֹיגְן דִי גְלַאנְצִיגֶע גַאס, אָבֶּער מַיין וַוייבּ ווִיל זִיךְ מֶער נִישְׁט אַזוֹי אַהֶערְשְׁטֶעלְן, זִי טַעֲנָה'ט אַז דָאס אִיז נִישְׁט נַאטוּרְלִיךְ און עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס, דָאס אִיז גֶעמַאכְט נָאר פַאר יוּנְגֶע אִינְגֶעלַייטְלֶעךְ און נִישְׁט פַאר אוּנְז; וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז אִיךְ בִּין נָאךְ יָא קִינְדִישׁ און אִיךְ פִּיל אַז מִיר פֶעלְט עֶס יָא אוֹיס?

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אִיר צוּ בֶּעטְן צוּפִיל; זִי הֶערְט דִי שִׁעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אָבֶּער זִי זָאגְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט נִישְׁט פוּן

דֶעם, אָבֶער פַאר מִיר פֶעלְט עֶס אוֹיס זַייעֶר וִויכְטִיג. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִיבֶּער דֶעם אוּן אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה יָא מֶער רֶעדְן פוּן דֶעם בַּיי דִי שִׁעוּרִים פַאר פְרוֹיעֶן אָדֶער שְׁרַייבְּן אִין דִי בְּרִיוו?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת-בָּלָק, ח' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו; אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אַ בְּרִיוו פַאר דַיין וַוייבּ.**

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**וִויסְן** זָאלְט אִיר אַז אַ פְרוֹי וָואס הֶעלְפְט אִיר מַאן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן - מִיט דֶעם טוּט זִי דֶעם רָצוֹן ה'; זִי וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער צַדִיקִים, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵרוּבִין ק:) וֶוען אַ פְרוֹי אִיז גְרֵייט פַאר אִיר מַאן וְכוּ' וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, וָואס אֲפִילוּ אִין דִי צַייטְן פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע צַדִיקִים.

**דֶער** פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט אוּן רֶעדְט אַיין אַלֶע סָארְט מַחְשָׁבוֹת: 'עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס', 'עֶס אִיז קִינְדִיש', 'עֶס אִיז נִישְׁט אִידִישׁ' אוּן נָאךְ אַנְדֶערֶע קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן, אָדֶער מַאכְט דֶער יֵצֶר הָרָע מֶען זָאל זַיין סְתָּם

אַזוֹי פוּיל, מֶען זָאל נִישְׁט אַרײַנְלֵייגְן כֹּחַ אוּן מִי צוּ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם וְכוּ'.

**דָאס** וָואס אִיר זָאגְט אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן דֶעם; אִיר דַארְפְט אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן בְּרֵייט פוּן דִי נוֹשְׂא פַאר אַ רַבִּים, אֲפִילוּ פְּרִיוַואט אִיז שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן אִיז דָאךְ זִיכֶער פַאר אַ רַבִּים. אָבֶּער וֶוער עֶס וֵוייסְט וָואס מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ דִי פְרוֹיעֶן... זֵיי זָאלְן ווִיסְן ווִי חָשׁוּב אִיז דִי פְרוֹי וָואס הִיט אָפּ אִיר מַאן אוּן לֵייגְט אַרײַן קָאפּ אוּן מִי אַז אִיר מַאן זָאל זַיין עֶרְלִיךְ, עֶס זָאל אִים זַיין גְרִינְג זִיךְ צוּ הִיטְן אִין גַאס.

**שְׁטַארְקְט** אַייךְ אוּן זַייט אַ גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ פַאר אַייעֶר מַאן; עֶס זֶעט אוֹיס פוּן זַיינֶע וֶוערְטֶער אַז עֶר אִיז אַ וואוּילֶער אִינְגֶערְמַאן, עֶר וִויל זַיין גוּט, עֶר וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, עֶר וִויל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת וֶוען עֶר גֵייט בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה פַאר אַייךְ אוּן פַאר דִי קִינְדֶער; זָאלְט אִיר זַיין אַן עֶרְלִיכֶע וַוייבּ אוּן אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן, עֶר זָאל נִישְׁט וֶועלְן אוּן דַארְפְן פְרֶעמְדֶע זַאכְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרז ז

## וויפִיל פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת זָאל אִיךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ הַיינְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם מְסַיֵם גֶעוֶוען שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין מַיין לֶעבְּן אִין זְכוּת פוּן הֶערְן אַזוֹיפִיל שִׁעוּרִים, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

בִּיז יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט יֶעדְן טָאג בְּעֶרֶךְ צֶען פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אִיךְ הֶער אָבֶּער פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים, וויל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל פוּן יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים, אָדֶער קֶען זַיין אַז אוֹיבּ וֶועל אִיךְ נֶעמֶען צוּפִיל אוֹיף מִיר קֶען עֶס קְרַאכְן אִינְגַאנְצְן, וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט יֶעדְן טָאג אִיבְּרִיג צַייט.

צוּם שְׁלוּס מוּז אִיךְ זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי הֶערְלִיכֶע לֶעבְּן וָואס אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ הָאבְּן בַּאקוּמֶען דוּרְךְ דִי שִׁעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א; מֶען קֶען דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט בַּאצָאלְן, אוֹיךְ הַאלְט אִיךְ אִין אֵיין הֶערְן דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פוּן אִידְן וָואס זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי שִׁעוּרִים אוּן בְּרִיוו. דֶעם שַׁבָּת נָאכְן דַאוֶוענֶען אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁמוּעֶס בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל אִיבֶּער חִנּוּךְ אוּן אֵיינֶער הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ רוּף אָן אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ הֶערְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס שִׁעוּרִים אוֹיף חִנּוּךְ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט דָאס צוּ הֶערְן וַוייל אִיךְ קֶען דֶעם אִינְגֶערְמַאן אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז עֶר הֶערְט אוֹיךְ אוֹיס דִי שִׁעוּרִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער זֶענֶען פִילֶע אִידְן דָא זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי שִׁעוּרִים, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס אִיז אוֹיךְ צוּ פַארְדַאנְקֶען דִי טֵייעֶרֶע מְפִיצִים דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס שְׁלָאפְן נִישְׁט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת חֻקַּת-בָּלָק, ח' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט קַיין מַאשִׁין; אַ מַאשִׁין קֶען מֶען אָנְשְׁטֶעלְן גֶענוֹי וִויפִיל מֶען וִויל עֶס זָאל גֵיין אוּן צוּשְׁטֶעלְן יֶעדְן טָאג, אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַנְדֶערְשׁ; יֶעדְן טָאג אִיז אַנְדֶערְשׁ, אֵיין טָאג הָאט מֶען מֶער צַייט - אֵיין טָאג הָאט מֶען וֵוייניגֶער צַייט, אֵיין טָאג אִיז מֶען פַארְיָאגְט - אֵיין טָאג אִיז מֶען רוּאִיג. עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּךְ צוּ זָאגְן וִויפִיל מֶען זָאל לֶערְנֶען; הָאט מֶען צַייט - קֶען מֶען לֶערְנֶען צֶענְדְלִיגֶער פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן צֶענְדְלִיגֶער בְּלֶעטֶער גְּמָרָא אִין אֵיין טָאג, הָאט מֶען נִישְׁט קַיין צַייט - דַארְף מֶען אַרוֹיסְכַאפְּן וִויפִיל עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אַ אִיד צִי עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג, הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען וַוייל עֶר אִיז פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְלָאגְט, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ זֵייעֶר צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה פַאר זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן עֶר הָאט מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: אֲפִלּוּ דוּ אַרְבֶּעטְסְט אַ גַאנְצְן טָאג אוּן דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט קוֹבֵעַ זַיין אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט צוּ לֶערְנֶען - דָאךְ זָאלְסְטוּ זֶען אַרוֹיס צוּ כַאפְּן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לא.), וֶוען אַ

מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פְּרֶעגְט מֶען אִים: "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה", בִּפְשִׁטוּת זֶעט אוֹיס אַז מֶען פְּרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צִי עֶר הָאט בַּאשְׁטִימְט אַ צַייט יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען, אָבֶּער דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט אַנֶדערְשׁ, מֶען פְּרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צִי עֶר הָאט אַרָאפּ גֶע'גַנְבְ'עֶט צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג טְרָאץ זַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן אוּן אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ, וַוייל קֶבַע אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְּזֵלָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג) "וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ", זֶעט מֶען אַז דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גַנְבְ'עֶנֶען; דָאס מֵיינְט מֶען צוּ פְּרֶעגְן דֶעם מֶענְטְשׁ: "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה", צִי עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט פוּן זַיין פַּארְנוּמֶענֶעם טָאג אַפָּאר מִינוּט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפד).

**אַז** דוּ הָאסְט צַייט - שְׁטוּפּ אַרַיין אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אַ טָאג; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אַ טָאג. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפה); רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע מְנִיעוֹת אוֹיף דֶעם, זַיין טַאטֶע פְלֶעגְט אִים פַארְשֶׁעמֶען אוּן טְשֶׁעפֶּען: "מִשְׁנַיוֹת? דוּ זָאגְסְט מִשְׁנַיוֹת?! דֶער רֶבִּי הָאט דִיר גֶעהֵייסְן 'זָאגְן' מִשְׁנַיוֹת?!" דָאךְ הָאט עֶר דָאס גֶעטוּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

**בְּנוֹגֵעַ** וְכוּ'; וֶוען דִי וֶועלְט וָואלְט גֶעווּאוּסְט וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז וָואלְטְן אַלֶע גֶעקוּמֶען הֶערְן דֶעם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמ): "זֵיי זָאלְן מִיר הֶערְן

אַיין תּוֹרָה מִיט דֶעם נִגּוּן און מִיטְן טַאנְץ, וָואלְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרח ח

## ווִי אַזוֹי הָאט מֶען כֹּחַ צוּ אַזוֹיפִיל קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט דַארְף אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף מַיין לֶעבְּן. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיךְ מְקָרֵב צוּ זַיין צֶענְדְלִיגֶער אִינְגֶעלַייט צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א און זֵיי הֶערְן מִיר נִישְׁט אוֹיף צוּ דַאנְקֶען.

מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן, און אִיךְ שֶׁעפּ נַחַת פוּן מַיינֶע לִיכְטִיגֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה און רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער הָאבְּן אַסַאךְ קִינְדֶער. אִיךְ הַאלְט יֶעצְט זֶעקְס יָאר נָאךְ מַיין חֲתוּנָה, און אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם פִיר קִינְדֶערְלֶעךְ, עֶס אִיז מִיר אָבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ קֶען זִיךְ קוֹים אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט זֵיי, צְווִישְׁן מַיין אַרְבֶּעט וָואס אִיךְ אַרְבֶּעט מַמָּשׁ טָאג און נַאכְט.

מַיין ווַייבּ זָאגְט אַז זִי הָאט גֶענוּג כֹּחַ צוּ הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער, דֶער פַּאקְט אִיז אָבֶּער אַז זִי הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ שְׁרַייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצְן טָאג. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מֶען זָאל הָאבְּן קִינְדֶער, אָבֶּער אִיךְ דַארְף גְרוֹיס חִזּוּק אוֹיף דֶעם; בִּפְרַט אַז אִיךְ הָאבּ

לֶעצְטְנְס גֶעהַאט דִי פֶּערְטֶע קִינְד, בִּשְׁעַת מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן וֶוייניגֶער, און עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי אַנְגֶענֶעם.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן און מְחַזֵּק זַיין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, חֵיפָה

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר; אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ וויל גֵיין אָבֶּער מֶען הָאט פַארְמַאכְט דִי גְרֶענִיץ - אֵין יוֹצֵא וְאֵין בָּא, מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין און קוּמֶען. מִיר וַוארְטְן יֶעדְן טָאג עֶס זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען דִי גְרֶענִיצְן און מִיר זָאלְן קֶענֶען גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

**אַז** דַיין וַוייבּ הָאט כֹּחַ, זִי אִיז גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק - זָאלְסְטוּ נִישְׁט זוּכְן קַיין הֶיתֵּרִים וְכוּ'; גְּדוֹלֵי הָרַבָּנִים גֶעבְּן הֶיתֵּרִים וְכוּ' וֶוען מֶען זֶעט בַּיי דִי פְרוֹי אַז זִי הָאט נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת וְכוּ', נָאר דֶעמָאלְט אִיז מֶען מַתִּיר.

**דַאנְק** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ גֶעזוּנְטֶע וַוייבּ וָואס וויל מְגַדֵּל זַיין אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער; בּוֹי אִיר אוֹיף, גֶעבּ אִיר חִזּוּק זִי זָאל הָאבְּן מֶער כֹּחַ פַאר דִי קִינְדֶער.

קוּק נִישְׁט אוֹיף קַיין חֲבֵרִים אוּן אוֹיף אַנְדֶערֶע מִשְׁפָּחוֹת, מֶעסְט נִישְׁט דַיין לֶעבְּן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, ווִיפִיל קִינְדֶער וְכוּ' - לוֹיט דַיינֶע חֲבֵרִים; וָואס וֵייסְטוּ וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ בַּיי יֶענֶעם אִין שְׁטוּב? עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז בַּיי יֶענֶעם אִיז גָאלְד וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז יֶענֶער שְׁטִילֶערְהֵייט אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דַיין וַוייבּ שְׁרֵייט אַסַאךְ אוֹיף דִי קִינְדֶער; דָאס הָאט נִישְׁט צוּטוּן וִויפִיל קִינְדֶער מֶען הָאט, דָאס אִיז אַ נַאטוּר פוּן עֶלְטֶערְן, מֶען מֵיינְט אַז מֶען מוּז שְׁרֵייעֶן אוֹיף קִינְדֶער; אַז דוּ וֶועסְט אִיר מְחַזֵק זַיין, דוּ וֶועסְט אִיר הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב - וֶועט זִי מִיט דִי צַייט וֵוינִיגֶער שְׁרֵייעֶן.

**שְׁטַארְק** זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ; דִי גְרֶעסְטֶע חֶסֶד אִיז וֶוען מֶען אִיז מְחַזֵק דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

**אַז** אִיךְ וֶועל זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וִויל אִיךְ קוּמֶען צוּ דִיר.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרט ט

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס גֵייט נִישְׁט אִין בֵּית הַכִּסֵא אִין חֵדֶר?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קֹדֶם אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע הִתְחַזְקוּת, סַיי דִי דְרָשׁוֹת אוּן סַיי דִי בְּרִיווּ, מִיר זֶענֶען מִתְפַּלֵל אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל וַוייטֶער קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַיין אִינְגְל אִיז פִינְף יָאר אַלְט, עֶר גֵייט שׁוֹין צְווֵיי יָאר אִין חֵדֶר, עֶר הָאט אָבֶּער אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז עֶר ווִיל בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵא אִין חֵדֶר.

בִּיז יֶעצְט פְלֶעגְט עֶר זַיין נָאר אַ הַאלְבֶּע טָאג אִין חֵדֶר, אִיז עֶס נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא גְרוֹיסֶער פְּרָאבְּלֶעם, כָאטְשׁ וָואס עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט צוּמָאל אַז עֶר הָאט נַאס גֶעמַאכְט אִין חֵדֶר. אָבֶּער יֶעצְט גֵייט עֶר שׁוֹין אִין חֵדֶר פַאר לֶענְגֶער, אוּן עֶס מַאכְט זִיךְ אַסַאךְ מָאל אַז עֶר וֶוערְט נַאס אָדֶער עֶר פַארְשְׁמִירְט זִיךְ, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער מְלַמֵד שִׁיקְט אִים אַרוֹיס; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין תַּכְלִית אַזוֹי אָנְצוּגֵיין.

מִיר הָאבְּן שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַלֶע סָארְט וֶועגְן, דֶער מְלַמֵד הָאט שׁוֹין אוֹיךְ פְּרוּבִּירְט, אוֹיךְ מִיט מַתָּנוֹת וְכַדוֹמֶה, אָבֶּער דֶערְוַוייל הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן. אַמָאל אִיז מַיין וַוייבּ גֶעגַאנְגֶען אִין חֵדֶר צוּ גֵיין מִיט אִים אוּן נָאר דֶעמָאלְט הָאט עֶר מַסְכִּים גֶעוֶוען.

מִיר זֶענֶען אַסַאךְ מִתְפַּלֵל אוֹיף דֶעם, אָבֶּער דֶערְוַוייל זֶעעֶן מִיר נִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה. מֶען הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט זִיךְ צוּ וֶוענְדְן צוּ מְחַנְכִים וָואס וֶועלְן אוּנְז אֶפְשַׁר קֶענֶען הֶעלְפְן, אָבֶּער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז אוּנְזֶער אַדְרֶעס צוּ פְרֶעגְן וָואס מִיר קֶענֶען טוּן דֶערְצוּ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מִיט** כֹּחַ וֶועט אִיר נִישְׁט פּוֹעֵל'ן, עֶס וֶועט נָאר וֶוערְן עֶרְגֶער און עֶרְגֶער; אוֹיבּ וֶועסְטוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת וֶועט דָאס אַרִיבֶּערְגֵיין.

**גֶעבּ** אַכְטוּנְג עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט; פְּרוּבִּיר צוּ מַאכְן צַייט יֶעדְן טָאג אִים צוּ הֶעלְפְן. אָדֶער דוּ אָדֶער דַיין וַוייבּ זָאלְן מַאכְן אַ צַייט צוּ קוּמֶען אִין חֵדֶר אִים טְרָאגְן אִין בֵּית הַכִּסֵּא עֶס זָאל אִים זַיין גְרִינְגֶער.

**מִיר** הָאבְּן גֶעהַאט בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אַ קִינְד מִיטְן זֶעלְבְּן פְּרָאבְּלֶעם, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵּא אוּן עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, עֶר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ גֵיין נָאר מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן; דִי עֶלְטֶערְן פְלֶעגְן קוּמֶען טָאג טֶעגְלִיךְ אִים הֶעלְפְן וְכוּ', בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקְרָאכְן פוּנֶעם פְּרָאבְּלֶעם.

**גֶעבּ** אַכְטוּנְג עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט, וַוייל פוּן דֶעם וֶועט עֶר נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיס קְרִיכְן; פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס, אָבֶּער אוֹיבּ אַ קִינְד וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט, מֶען מַאכְט חוֹזֵק פוּן אִים אוּן מֶען טְשֶׁעפֶּעט אִים - וֶועט אִים זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער וֶוען עֶר וַואקְסְט אוֹיף.

**דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִסִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

## תתרי י

**ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען חֵשֶׁק פַאר אַ קִינְד צוּ בֶּענְטְשְׁן אוּן דַאוֶונֶען?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייךְ.

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט מַיין אַכְט יֶערִיג אִינְגְל, עֶר אִיז קַיין עַיִן הָרָע אַ זִיס קִינְד, אָבֶּער אַסַאךְ מָאל אִיז שְׁוֶוער צוּ הַאנְדְלֶען מִיט אִים.

עֶר גֵייט צוּ אַ פְלַאץ וואוּ מֶען הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס מִיט אַלֶע סָארְט זַאכְן, אוּן זֵיי ווִילְן אוּנְז אוֹיךְ גֶעבְּן הַדְרָכָה ווִי אַזוֹי צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט אִים, ווִי אַזוֹי צוּ זַיין אַ גוּטֶע מַאמֶע; ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז כְּדַאי צוּ גֵיין פַאר דִי הַדְרָכָה.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אִיבֶּער בֶּענְטְשְׁן. עֶר ווִיל זִיךְ נִישְׁט וַואשְׁן אוּן עֶסְן בְּרוֹיט וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד נָאכְדֶעם צוּ בֶּענְטְשְׁן, אוּן דֶערְנָאךְ וֶוערְט עֶר נֶערְוֶועז וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעגֶעסְן גֶעהֶעריג; ווִי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן אַז אַ קִינְד זָאל הָאבְּן חֵשֶׁק צוּ בֶּענְטְשְׁן? סְפֶּעצִיעֶל פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט שְׁפֶּעט דִי סְעוּדָה - אִיז זַייעֶר שְׁוֶוער אִים צוּ מַאכְן בֶּענְטְשְׁן.

אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֵיין שַׁבָּת אִין שׁוּל, ווִיל עֶר זַייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט גֵיין. ווִיפִיל מֶען פְּרוּבִּירְט אִים מִיט צוּ גֶעבְּן גוּטֶע נַאשׁ אוּן דָאס גְלַייכְן, הֶעלְפְט עֶס נִישְׁט.

אויךְ וויל אִיךְ פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיךְ פִּיר זִיךְ צוּ זָאגְן דִי תְּפִלַּת הַשְּׁלָ"ה צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף דִי קִינְדֶער יֶעדְן טָאג, ווִי אויךְ נָאךְ תְּפִלּוֹת, אוֹיבּ מֶען מֶעג דָאס זָאגְן אויךְ אוֹם שַׁבָּת קֹדֶשׁ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, וּבִפְרַט פַאר דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוער עֶס הָאט דָאס נָאכְנִישְׁט פְּרוּבִּירְט ווֵייסְט נִישְׁט וָואס גוּט מֵיינְט.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אוֹיף** אַייעֶר פְרַאגֶע אִיבֶּער זִיךְ גֵיין לֶערְנֶען ווִי אַזוֹי צוּ זַיין אַ גוּטֶע מַאמֶע וְכוּ'; דֶער רֶבִּי אִיז דִי בֶּעסְטֶע לֶערֶערִין פַאר אַלֶע זַאכְן, דֶער רֶבִּי אִיז אַ דָאקְטֶער אוּן אַ טֶערָאפִּיסְט; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוֹיס פֶּערֶענְטִינְג, ווִי אַזוֹי צוּ זַיין אַ גוּטֶע מַאמֶע וְכַדּוֹמֶה.

**וָואס** מֶען דַארְף ווִיסְן אִין לֶעבְּן - קֶען מֶען טְרֶעפְן בַּיים רֶבִּי'ן; אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, בִּפְרַט דִי בְּרִיוו אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן - לֶערְנְט מֶען זִיךְ ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין אִין יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן.

**אַז** אִיר שְׁפִּירְט אַז אִיר דַארְפְט יָא גֵיין צוּ אַנְדֶערֶע זִיךְ לֶערְנֶען - קֶענְט אִיר גֵיין, אָבֶּער בַּיים רֶבִּי'ן קֶענְט אִיר אַלֶעם לֶערְנֶען.

**בְּנוֹגֵעַ** אַז דֶער קִינְד זָאל וֶועלְן בֶּענְטְשְׁן וְכוּ'; מֶען פְּרוּבִּירְט מִיט יֶעדְן קִינְד אוֹיף זַיין וֶועג. הוֹיבְּט אָן מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע בְּרָכָה; גֵייט לַאנְגְזַאם, יָאגְט אִים נִישְׁט, לֵייגְט נִישְׁט אַרוֹיף אַ בַּארְג אוֹיף זַיין קָאפּ; מַאכְט עֶס גְרִינְג פַאר אִים - וֶועט עֶר צוּבִּיסְלִיךְ אָנְהוֹיבְּן בֶּענְטְשְׁן.

**אִיר** דַארְפְט נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז עֶס וֶוערְט שְׁפֶּעט וָואס דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ בֶּענְטְשְׁן, מַאכְט מִיט אִים עֶר זָאל בֶּענְטְשְׁן גְלַייךְ נָאכְן עֶסְן, אוּן שְׁפֶּעטֶער קֶענְט אִיר אוֹיסְצוּעֶן דִי סְעוּדָה מִיט זְמִירוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן וְכוּ' וְכוּ'.

**אַזוֹי** אוֹיךְ מִיטְן דַאוְוענֶען; לֵייגְט נִישְׁט אַרוֹיף דָאס גַאנְצֶע דַאוְוענֶען אוֹיף אֵיין מָאל, גְרֵייטְס אִים אָן גוּטֶע נַאשׁ, אוּן אַייעֶר מַאן זָאל אִים נֶעמֶען אִין שׁוּל וואו עֶר זָאל זִיצְן נֶעבְּן אִים, אוּן וֶוען מֶען זָאגְט קְדֻשָּׁה אוּן כֶּתֶר זָאל עֶר אִים מְשַׁחֵד זַיין מִיט דִי גוּטֶע נַאשׁ.

**בְּנוֹגֵעַ** בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שַׁבָּת אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער; אַוַדַאי קֶען מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שַׁבָּת אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, וְהָא רַאֲיָ', יֶעדֶע אִידִישֶׁע פְרוֹי וֶוען זִי צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט, בְּשַׁעַת זִי מַאכְט דִי בְּרָכָה אוּן זִי אִיז מְקַבֵּל שַׁבָּת - פַארְדֶעקְט זִי דָאס פָּנִים אוּן זִי בֶּעט אוּן וֵויינְט פַאר גוּטֶע קִינְדֶער.

**מֶען** דֶערְצֵיילְט נָאךְ פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִיקִים ווִי זֵייעֶרֶע מַאמֶעס פְלֶעגְן בֶּעטְן בַּיי דִי לִיכְט, זֵיי פְלֶעגְן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים צַדִיקִים; זָאלְט אִיר וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ

זַיין מִיטְן דַאוֶועֶנען און בֶּעטְן פַאר אַייעֶרע קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת זֵיי זָאלְן זַיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתריא יא

**וֶועלְכֶע קָאפּ צוּדֶעק אִיז דִי מֶערְסְטֶע אוֹיסְגֶעהַאלְטְן פַאר אַ פְּרוֹי?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל אִין דִי יָארְן פוּן שִׁדוּכִים, אוּן אִיךְ וִויל וִויסְן וִוי אַזוֹי עֶס אִיז דִי מֶערְסְטֶע אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ גֵיין נָאךְ דִי חֲתוּנָה. בַּיי אוּנְז אִין דִי מִשְׁפָּחָה זֶענֶען דָא אַלֶע סָארְטְן, טֵייל גֵייעֶן מִיט אַן אָפֶענֶע שֵׁייטְל אוּן טֵייל מִיט אַ צוּגֶעדֶעקְטֶע, אוּן אַנְדֶערֶע גֵייעֶן בְּלוֹיז מִיט אַ טִיכְל. מַיינֶע עֶלְטֶערְן לָאזְן מִיר אַלֵיין אוֹיסְוֶועלְן וִוי אַזוֹי אִיךְ וִויל גֵיין, אִיךְ וִויל אָבֶּער טוּן נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל; וִוי אַזוֹי אִיז דִי מֶערְסְטֶע אוֹיסְגֶעהַאלְטְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בֶּעטְם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁדוּךְ פוּן אַן עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחָה, וָואס צוּזַאמֶען וֶועט אִיר קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

**בְּנוֹגֵעַ** אַ שֵׁייטְל אָדֶער אַ טִיכְל וְכוּ'; אַוַדַאי אִיז אַ טִיכְל זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ'עֶ זַאךְ, דָאךְ הָאבְּן דִי צַדִיקִים מַתִּיר גֶעוֶוען מֶען זָאל גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל אַבִּי מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר. דִי צַדִיקִים פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת הָאבְּן גֶעזֶען דִי גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס פְרוֹיעֶן הָאבְּן מִיט דִי הָאר, הָאבְּן זֵיי מַתִּיר גֶעוֶוען צוּ טְרָאגְן אַ שֵׁייטְל.

**בֶּעטְם** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זָאלְט זַיין אֵיידְל; דָאס הָאט נִישְׁט צוּטוּן צִי מֶען טְרָאגְט אַ טִיכְל אָדֶער אַ שֵׁייטְל, מֶען קֶען זַיין אֵיידְל מִיט אַ שֵׁייטְל אוּן מֶען קֶען זַיין נִישְׁט אֵיידְל מִיט אַ טִיכְל. זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אֵיידְל, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַז אַ פְרוֹי גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף צְנִיעוּת, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתריב יב

## ווי אַזוֹי קֶען איך זיך צוּריק אוֹיפְּפְרִישְׁן אַזוֹי ווי אַמָאל?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איר הָאט נִישְׁט קַיין אַנוּנג וויפִיל אִידְן איר זֶענְט מְחַיֶּה מִיט אַייעֶרע גֶעוואַלְדִיגֶע שִׁעוּרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייך גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין.

אִיךְ בִּין אַן אַכְצְן יֶערִיגֶער בָּחוּר, אַלְס יוּנְגֶער בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה קְטַנָּה אוּן אוֹיךְ אַ יָאר צְוֵויי שְׁפֶּעטֶער, הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען יֶעדְן טָאג פְּרִי, גֶעלָאפְן אִין מִקְוֶה, גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעלֶערְנְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מְחַיֶּ'.

אָבֶּער אִין דִי לֶעצְטֶע יָאר צְוֵויי אִיז מִיר גֶעוָוארְן זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד מֶער צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ בַּאקוּם קָאפּ וֵוייטָאג פוּן לֶערְנֶען, אוּן אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן הִיבְּשׁ נָאכְגֶעלָאזְט. דָאס אִיז אוֹיסֶער דִי שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וּבִפְרַט אוֹיף אַ בָּחוּר, ווִי אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ שְׁוֶועריקֵייטְן אִין דִי מִשְׁפָּחָה מִיט מַיינֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער, אִיךְ הָאבּ אֵיין שְׁוֶועסְטֶער וָואס אִיז לֵיידֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעפַאלְן, זִי אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דְרָאגְס אוּן אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן דָאס מַאכְט זֵייעֶר שְׁוֶוער דִי מַצָּב אִין שְׁטוּבּ, אִיךְ וֵויס נִישְׁט ווִי אַזוֹי אִיךְ דַארְף זִיךְ פִירְן מִיט אִיר.

אוֹיסֶער דֶעם אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער יֶעדֶעס מָאל פַאר עֶס קוּמְט אַ יוֹם טוֹב. לֶעצְטְנְס אִיז גֶעוֶוען דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, אוּן אִיךְ הָאבּ אַזוֹי מוֹרָא גֶעהַאט וָואס עֶס וֶועט זַיין דִי גַאנְצֶע נַאכְט פוּן שָׁבוּעוֹת. בַּאלְד קוּמְט שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אִיךְ קֶען אֲפִלּוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן ווִי אַזוֹי אִיךְ וֶועל דוּרְכְמַאכְן דִי לַאנְגֶע תְּפִלּוֹת.

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן אוּן מְחַזֵּק זַיין.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, ט"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד רֶבִּי שָׁאוּל מֶטֶעפְּלִיק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם, עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער בְּרֶען; מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט, וִוי עֶס פְּלֶעגְט זַיין בַּיי דִיר - אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פְּרִי, גֶעלָאפְן אִין מִקְוֶה, גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעלֶערְנְט. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אִין טֶעפְּלִיק אוּן צוּגֶעזֶעהְן זַיינֶע עֲבוֹדוֹת, וִוי עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא הִתְלַהֲבוּת, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "שָׁאוּל שָׁאוּל, אִיךְ הָאבּ פוּן דִיר נָאכְנִישְׁט קַיין הֲנָאָה; וֶוען אִיךְ וֶועל זֶען וִוי דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ אוּן דוּ הֵייבְּסְט זִיךְ צוּרִיק אוֹיף אוּן דוּ דִינְסְט וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דִיר".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ו): "כְּשֶׁרוֹצֶה אָדָם לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי הַתְּשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, "צָרִיךְ לִהְיוֹת בָּקִי בַּהֲלָכָה", דַארְף וִויסְן אַז נִישְׁט אַלְץ גֵייט מֶען אוֹיף אַרוֹיף, מֶען דַארְף זַיין בַּאקַאנְט וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין מֶער אוּן מֶער אוּן מֶען דַארְף זַיין בַּאקַאנְט וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט אוֹיף צוּרִיק; דֶער רֶבִּי רוּפְט דָאס אָן "בָּקִי בְּרָצוֹא, בָּקִי בְּשׁוֹב". וַוייל אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט נָאר פוּן אֵיין וֶועג, מֶען עֶרְוַוארְט

צו גֵיין הֶעכֶער און הֶעכֶער, נָאכְדֶעם וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען גֵייט נִישְׁט הֶעכֶער און הֶעכֶער - וֶוערְט מֶען צֶעפַּאלְן.

**דֶערִיבֶּער** זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט דַיינֶע כּוֹחוֹת וָואס דוּ הָאסְט; זַיי מַקְפִּיד צוּ דַאוְוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת יֶעדְן טָאג און זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה. מַאךְ זִיךְ אַ שִׁעוּר אִין חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם - יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת און גְמָרָא, לֶערְן וִוי אַזוֹי עֶס גֵייט, אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט אִיז גוּט און אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט, דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט מְצַמְצֵם זַיין דַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה צוּלִיבּ דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאבְן גְרוֹיס תַּעֲנוּג און פְרֵייד פוּן דִיר. אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד: "וֶוען אִיךְ וֶועל זֶען וִוי עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִיר און דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק, דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ הֲנָאָה הָאבְן פוּן דִיר".

**בְּנוֹגֵעַ** דַיין אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט וָואס דוּ הָאסְט פוּן יָמִים טוֹבִים; טוּ וָואס דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט טוּן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב): "וְדַרְכִּי, כְּשֶׁבָּא הַיּוֹם אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁלִּי, וְשֶׁל בָּנַי וְהַתְּלוּיִים בִּי, עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, וְזֶה טוֹב מְאֹד", אִיךְ פִיר זִיךְ אַז יֶעדְן טָאג גֶעבּ אִיךְ אִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם גַאנְצְן טָאג און אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף עֶרְלֶעדִיגְן - סֵיי פוּן מִיר און סֵיי פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל טוּן וִוי אַזוֹי עֶר פַארְשְׁטֵייט.

"וְבֵן כְּשֶׁמַּגִּיעַ שַׁבָּת אוֹ יוֹם טוֹב", אַזוֹי אוֹיךְ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, "אֲזַי אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַהִתְנַהֲגוּת וְכָל הָעִנְיָנִים וְהַתְּנוּעוֹת שֶׁל אוֹתוֹ הַשַּׁבָּת אוֹ הַיּוֹם טוֹב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וַאֲזַי, אֵיךְ שֶׁמִּתְנַהֵג בְּאוֹתוֹ הַשַּׁבָּת וְיוֹם טוֹב, שׁוּב אֵינוֹ חוֹשֵׁב וְחוֹשֵׁשׁ כְּלָל שֶׁמָּא לֹא יָצָא יְדֵי חוֹבָה בְּהַנְהָגַת קְדֻשַּׁת אוֹתוֹ הַיּוֹם, מֵאַחַר שֶׁכְּבָר מָסַר הַכֹּל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְסָמַךְ עָלָיו יִתְבָּרַךְ לְבַד", אַזוֹי בִּין אִיךְ רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ ווִי אַזוֹי דֶער שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב פִּירְט זִיךְ, אִיךְ דַארְף נִישְׁט אִיבֶּער טְרַאכְטְן אוּן אִיבֶּער קְלֶערְן צִי אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן אָדֶער נִישְׁט.

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן; זוּךְ נִישְׁט צוּ נָאכְמַאכְן דַיינֶע אַלְטֶע צַייטְן, דִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט דִי יֶעצְטִיגֶע מַצָּב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתריג יג

## מֶעג אִיךְ אַבִּיסְל צוּפּוּצְן דִי בָּארְד?[כח]

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קֹדֶם וויל אִיךְ אַייךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע אַייעֶרֶע חִזּוּק און דְרָשׁוֹת. וֶוען אִיר זָאלְט וֶוען וִויסְן וָואס אַייעֶרֶע שִׁעוּרִים טוּעֶן אוֹיף אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט - וָואלְט אִיר נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה וֶועגְן שְׁנַיידְן דִי בָּארְד. מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר סֶענְסִיטִיוו צוּ הָאר, סְפֶּעצִיעֶל פוּן דִי בָּארְד, און זִי בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ אַבִּיסְל צוּפּוּצְן דִי בָּארְד. עֶס אִיז דָא צְווֵיי זַייטְן וָואס שְׁטֶעקְן זִיךְ אַרוֹיס אַבִּיסְל פוּן מַיין בָּארְד, און דָאס וִויל זִי אִיךְ זָאל אַרָאפְּשְׁנַיידְן; וָואס זָאל אִיךְ אִיר עֶנְטְפֶערְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, ט"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**פְרֶעג דַיין וַוייבּ אוֹיבּ זִי אִיז גְרֵייט צוּ פַארְלִירְן דִי פַּרְנָסָה; גֶעבּ אִיר צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דִי בָּארְד בְּרֶענְגְט דִי שֶׁפַע פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּם מֶענְטְשׁ, דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ** (נָשֹׂא קל:; הַאֲזִינוּ רפט:; עַיֵּין שַׁעַר הַמִּצְוֹת פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, עֵץ חַיִּים שַׁעַר י"ג שַׁעַר א"א, פֶּרֶק ט)

---

כח. אַ הֶמְשֵׁךְ צוּ דֶעם בְּרִיוו, וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א' נו; א' עב.

רוּפְט אָן דִי בָּארְד: 'צִינוֹרוֹת עֶלְיוֹנִים' - רֶערְן (פֵּייפְּס) וָואס דוּרךְ דֶעם קוּמְט אַרָאפּ פוּן הִימְל פַּארְן מֶענְטְש אַלֶע בְּרָכוֹת, אוּן אַז מֶען שְׁנַיידְט דִי בָּארְד - שְׁנַיידְט מֶען אָפּ אַלֶע רֶערְן פוּן פַּרְנָסָה וָואס דַארְפְן דֶערְגְרַייכְן דֶעם מֶענְטְש; פְרֶעג אִיר צִי זִי וִויל אָפְּשְׁנַיידְן דִי שֶׁפַע.

**קְלַאפּ** אַרוֹיס פוּן קָאפּ דִי פְּרַאגֶע; בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן אִיז דִי בָּארְד אַ חֵלֶק פוּנֶעם מֶענְטְש, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְש מִיט אוֹיגְן, אוֹיעֶרְן, נָאז אוּן מוֹיל - אַזוֹי אִיז דָא דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת; קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט אָפְּשְׁנַיידְן זַיינֶע אוֹיעֶרְן אוֹיבּ דִי וַוייבּ וֶועט דָאס בֶּעטְן, אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט שְׁפִּיצִיגֶע אוֹיעֶרְן אוּן דִי וַוייבּ בֶּעט דָאס אָפְּצוּשְׁנַיידְן וַוייל זֵיי זֶענֶען צוּ שְׁפִּיצִיג; אַזוֹי אוֹיךְ, וִוי שְׁטַארְק דִי שָׁלוֹם בַּיִת זָאל נָאר זַיין וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען דִי שְׁפִּיץ פוּנֶעם נָאז וֶוען אֵיינֶער גְלַייכְט עֶס נִישְׁט וְכוּ' - אַזוֹי זָאלְסְטוּ קוּקְן אוֹיף דַיין בָּארְד.

**וֶוער** נִישְׁט שְׁוַואךְ וֶוען דַיין וַוייבּ הוֹיבְּט אָן זִינְגֶען דֶעם בַּאקַאנְטְן נִגוּן: "אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דוּ הָאסְט מִיךְ לִיבּ, אוֹיבּ דוּ הָאסְט מִיךְ לִיבּ פַארְוָואס שְׁנַיידְסְטוּ נִישְׁט דַיין בָּארְד?" זָאג אִיר: "בַּיי מִיר אִיז בָּארְד אוּן פֵּאוֹת אַזוֹי וִוי אוֹיגְן, נָאז אוּן אוֹיעֶר וְכוּ'; מַיין טַייעֶרֶע וַוייבּ, אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ אוּן אִיךְ וֶועל אַלֶעס טוּן פַאר דִיר, אָבֶּער מַיינֶע אוֹיגְן, אוֹיעֶרְן אוּן נָאז וֶועל אִיךְ נִישְׁט שְׁנַיידְן אוּן אַזוֹי אוֹיךְ נִישְׁט מַיין בָּארְד".

אַז דַיין וַוייבּ אִיז סֶענְסִיטִיוו צוּ הָאר קֶענְסְטוּ אַרָאפְּנֶעמֶען דִי הָאר פוּן דַיין קֶערְפֶּער (חוּץ אוּנְטֶערְן אָרֶעם אוּן צְווִישְׁן דִי פִּים), אַזוֹי אוֹיךְ קֶענְסְטוּ צַאמְנֶעמֶען דַיין בָּארְד וְכוּ', אָבֶּער נִישְׁט שְׁנַיידְן; זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתריד יד

## וויפִיל דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן יוֹם הַמִּיתָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים וָואס גֶעבְּן מִיר פִיל חִזּוּק אִין לֶעבְּן.

אִין דִי לֶעצְטֶע פָּאר חֳדָשִׁים רֶעד אִיךְ אַסַאךְ מִיט מַיין וַוייבּ פוּן יוֹם הַמִּיתָה, אַז מִיר גֵייעֶן נִישְׁט דָא בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג אוּן מֶען דַארְף זִיךְ צוּגְרֵייטְן פַאר יֶענֶע וֶועלְט. זִי אִיז אָבֶּער נִישְׁט מַסְכִּים מִיט מִיר, זִי זָאגְט אַז בַּיי דִי אַכְט אוּן דְרַייסִיג יָאר דַארְף מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן אַ גַאנְצְן טָאג פוּן שְׁטַארְבְּן. אִיךְ וֵויים אָבֶּער וָואס אִיךְ הֶער בַּיי שִׁעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן פוּן מוֹהֲרַ"ש, אוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז מֶען דַארְף גֵיין מִיטְן "אֱמֶת", וָואס דָאס אִיז "אֶהְיֶה מֵת", אֵיין טָאג גֵייט מֶען דַארְפְן שְׁטַארְבְּן, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט ווִיסְן וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען זַיין לֶעצְטֶער טָאג.

בִּיטֶע מִיר קְלָאר מַאכְן ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף טְרַאכְטְן אִין דֶעם עִנְיָן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, ט"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

זַיי מִיר מוֹחֵל, נִישְׁט דָאס רֶעדְט מֶען מִיט אַ וַוייבּ; עֶס אִיז דָא גֶענוּג זַאכְן וָואס דוּ קֶענְסְט רֶעדְן מִיט דַיין וַוייבּ אוֹיסֶער יוֹם הַמִּיתָה. רֶעד מִיט אִיר דִּבּוּרֵי אֱמוּנָה, רֶעד מִיט אִיר חִזּוּק אוֹיף תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; רֶעד מִיט אִיר פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ אַז מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער - דִי אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶע פָאלְק בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעד נִישְׁט פוּן "יוֹם הַמִּיתָה".

יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף זָאלְסְטוּ זִיךְ אַבִּיסְל מִתְבּוֹדֵד זַיין, גֵיי אַבִּיסְל אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר; הַאֵר זִיךְ אַז מִיר זֶענֶען דָא נָאר פַאר אַפָּאר יָאר, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן מִיר דַארְפְן צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, נָאר תּוֹרָה תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וֶועלְן מִיר מִיטְנֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נד): "כָּךְ רָאוּי לִהְיוֹת מִנְהַג יִרְאֵי הַשֵּׁם תֵּכֶף בַּבֹּקֶר בַּהֲקִיצוֹ, קֹדֶם שֶׁיַּתְחִיל שׁוּם דָּבָר יִזְכֹּר מִיָּד בְּעָלְמָא דְּאָתֵי", דָאס אִיז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן, גְלַייךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי זָאל מֶען טְרַאכְטְן פוּנֶעם תַּכְלִית, אַז עֶס קוּמְט נָאךְ אַ וֶועלְט אוּן קֵיינֶער בְּלַייבְּט נִישְׁט דָא; עֶס גֵייט קוּמֶען אַ טָאג וָואס מִיר אַלֶע וֶועלְן אִיבֶּערְלָאזְן דִי

וֶועלְט, מֶען וֶועט נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ און אִים אַרײנְלֶייגְן אִין גְרוּב, דָארְט וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן, נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וּתְפִלָּה וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט וֶועלְן מִיר מִיטְנֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; דָאס זָאלְסְטוּ טוּן פַאר דִיר אַלֵיין, אָבֶער מִיט דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ רֶעדְן פוּנֶעם לֶעבְּן, ווי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתרטו טו

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ בַּאקוּמֶען מֶער זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן פֶערְצְן יָאר, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, און אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג.

אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ אָבֶער שְׁטַארְק מִיט וֵויינִיג זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט, און מִיטְן טְרַאכְטְן כְּסֵדֶר וָואס אַנְדֶערֶע וֶועלְן זָאגְן אוֹיף מִיר. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ כְּסֵדֶר בִּלְבּוּלִים וֶוען אִיךְ הוֹיבּ אָן לֶערְנֶען אַ סֵפֶר, און גְלַייךְ נָאכְדֶעם וִויל אִיךְ נֶעמֶען אַן אַנְדֶערֶע סֵפֶר; אִיז דָא עֵצוֹת אוֹיף דֶעם אִינֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, ט"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַּאר זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט (סֶעלְף קַאנְפִידֶענְס) אִיז חַזֵר'ן אֱמוּנָה; ווִי מֶער מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה, מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער אִים. דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר; אַלֶעס אַלֶעס אִיז עֶר אַלֵיין - דָאס בּוֹיט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ. מֶען וֶוערְט זִיכֶער מִיט זִיךְ, מֶען דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מֶער נִישְׁט וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; זוּךְ דִיר אוֹיף אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואו דוּ זָאלְסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין. דֶערְצֵייל פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, רֶעד צוּ אִים אַזוֹי ווִי דוּ רֶעדְסְט צוּ אַ חָבֵר, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט צוּ זָאגְן פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס דוּ טְרַאכְסְט, אַלֶע פְּחָדִים אוּן אַלֶע דִמְיוֹנוֹת - וֶועסְטוּ מִיט דִי צַייט וֶוערְן אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ, דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם, דוּ וֶועסְט לֶעבְּן אַ רוּאִיג לֶעבְּן.

בְּנוֹגֵעַ דָאס וָואס דוּ שְׁפְּרִינְגְסְט אַרוּם וְכוּ', יֶעדֶע מִינוּט הוֹיבְּסְטוּ אָן לֶערְנֶען אַן אַנְדֶערֶע סֵפֶר; דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואלְט גֶעוֶוען וֶוען דוּ הוֹיבְּסְט אָן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר

דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין, "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיין - אַז מֶען וִויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל, "וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל, אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת סג.; עֲבוֹדָה זָרָה יט.): 'לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבֹּר', וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים קיט, כ): 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל דָאס לֶערְנֶען אַלֵיינְס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעם, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִלּוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד

בִּמְהִירוּת וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוּינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל - לֶערְנְט מֶען דָאךְ זֵייעֶר אַסאךְ, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסאךְ מָאל בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתרטז

### וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּרִיקְצָאלְן פַארְן רֶבִּי'ן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

ווִי אַ טָאג מֶער עֶס גֵייט פַארְבֵּיי, זֶע אִיךְ אַלְץ מֶער אוּן מֶער ווִי סַאךְ מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דוּרְךְ דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, ווִי שְׁטַארְק אוּנְזֶער לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוּישְׁט צוּם גוּטְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ שְׁפִּיר זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר בְּרֶסְלֶב אוּן פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ פִיל אַז אִיךְ מוּז עֶפֶּעס צוּרִיקְגֶעבְּן. לֶעצְטְנְס הָאב אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן טוּן אַבִּיסְל הֲפָצָה, אִיךְ פְּרוּבִּיר אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן פַאר נָאךְ מֶענְטְשְׁן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ מֵיין אָבֶּער אַז דָאס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶענוּג, אִיךְ דַארְף טוּן נָאךְ מֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרָשַׁת פִּנְחָס, ט"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**ווְאוּיל** אִיז אַייךְ אַז אִיר גֶעדֶענְקְט אוּן אִיר וֵוייסְט וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אוּן וִויפִיל מִיר זֶענֶען שׁוּלְדִיג פַּארְן רֶבִּי'ן אִים צוּ צוּרִיק בַּאצָאלְן; הַלְוַאי זָאלְן מִיר גֶעדֶענְקֶען דוּרְכְאוֹיס אוּנְזֶער גַאנְצֶע לֶעבְּן וִויפִיל מִיר זֶענֶען שׁוּלְדִיג פַּארְן רֶבִּי'ן.

**אַז** אִיר וִוילְט צוּרִיק צָאלְן דֶעם רֶבִּי'ן - זָאלְט אִיר פַּארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער. עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער וִויל זַיין גוּט, אַלֶע וִוילְן זַיין וואוּיל נָאר מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן זַיין אַ אִיד. בִּפְרַט יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ פַּאלְן זֵייעֶר אַוֶועק צוּלִיבּ נִישְׁט וִויסְן וָואס צוּ טוּן, זֵיי מֵיינֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף זֵיי, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי נִישְׁט לִיבּ - דֶערִיבֶּער לָאזְן זֵיי אָפּ דִי גוּטֶע וֶועג.

**דָאס** אִיז דִי הַכָּרַת הַטּוֹב וָואס מִיר קֶענֶען צוּרִיק גֶעבְּן דֶעם רֶבִּי'ן; מִיט דֶעם וָואס מִיר רֶעדְן צוּ נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ אוּן נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ - דָאס אִיז הַכָּרַת הַטּוֹב.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתריז יז

## הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט פוּן הֲפָצָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט ווֶעגְן הֲפָצָה, אָדֶער הָאט נָאר רֶבִּי נָתָן גֶערֶעדְט דֶערְפוּן?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, ט"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן יד): **"וְאִי אֶפְשָׁר לְקָרֵב אֶת הַגֵּרִים עִם בַּעֲלֵי הַתְּשׁוּבָה, אֶלָּא עַל יְדֵי תּוֹרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (מִשְׁלֵי ה): **'יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה', שֶׁצָּרִיךְ לְהַשְׁקוֹת אוֹתָם שֶׁהֵם מִבַּחוּץ, לְהוֹדִיעַ לָהֶם הַדֶּרֶךְ יֵלְכוּ בָהּ", מֶען קֶען נִישְׁט מְקָרֵב זַיין אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר דוּרְךְ הֲפָצָה, אַרוֹיסְגֵיין אִינְדְרוֹיסְן צוּ דִי מֶענְטְשְׁן, זֵיי מְחַזֵּק זַיין אוּן זֵיי ווַייזְן דֶער ווֶעג צוּרִיק.**

**רֶבִּי** נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמג): **דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אוּנְז מְבַזֶּה זַיין פַארְוָואס מִיר זֶענֶען נִישְׁט עוֹסֵק אִין 'הֲפָצָה'; "וּפַעַם אַחַת בְּלֵיל מוֹצָאֵי שַׁבָּת עָמַדְנוּ**

לְפָנָיו עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים מֵהַחֲשׁוּבִים שֶׁלּוֹ, וְהוֹכִיחַ אוֹתָנוּ מְאֹד כַּמָּה שָׁעוֹת עַל עִנְיָן זֶה", אֵיין מָאל מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעגֶעבְּן מוּסָר אַפָּאר שָׁעָה הֵיוֹתָּבֵן מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, "וּפַעַם אַחַת קָרָא אוֹתָנוּ 'עֵצִים יְבֵשִׁים' עַל שֶׁאֵין אָנוּ מוֹלִידִים נְפָשׁוֹת שֶׁיִּתְקָרְבוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יָדֵינוּ", 'טְרוּקֶענֶע בֵּיימֶער' הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן; וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער - מְקַרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

קוּק אַריין אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת (מַעֲשֶׂה יג, דֶעם צְווייטְן טָאג) ווִי דֶער בֶּעטְלֶער הָאט גֶעזָאגְט: "אוּן אִיךְ זָאג אַייךְ, אַז אִיר וֶועט זַיי נִיט הֶעלְפִין וֶועט עֶס אַייךְ אוֹיךְ שַׁאטִין", נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס ווִיל פַארְרֶעכְטְן וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אוּנְזֶער גַאנְצֶע לֶעבְּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר זַיין פְּרֵיילִיךְ. אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן טז): "מִי שֶׁמְּפַרְסֵם אֶת הַצַּדִּיק, זוֹכֶה לְשִׂמְחָה", וֶוער עֶס פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם צַדִּיק וֶוערְט פְרֵיילִיךְ; אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט אַז דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין הֲפָצָה זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתריח יח

## וָועלְכֶע מוּסָר סְפָרִים אִיז גוּט פַאר בְּרוֹיעֶן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין וַוייבּ זָאגְט מִיר אֵיין טָאג אַז זִי ווִיל זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אַ שִׁעוּר אִין אַ מוּסָר סֵפֶר, מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ עֶס קוּמְט פַאר אַ פְּרוֹי בִּכְלַל צוּ לֶערְנֶען מוּסָר סְפָרִים, אוּן אוֹיבּ יָא וָועלְכֶע מוּסָר סֵפֶר אִיז גוּט פַאר פְּרוֹיעֶן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, ט"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**מַאךְ** זִיךְ שִׁעוּרִים אִינֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע מוּסָר.

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמו) וֶוען דֶער סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז אַרוֹיס אוֹיף דִי וֶועלְט, אַז עֶר ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיר זָאלְן לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר, "כִּי צְרִיכִים לִלְמֹד אוֹתוֹ הַרְבֵּה עַד שֶׁיִּהְיֶה שָׁגוּר בְּעַל פֶּה", מִיר זָאלְן דָאס לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בִּיז מִיר וֶועלְן דָאס קֶענֶען פוּן אוֹיסְנְוֶוייניג, "כִּי הוּא מָלֵא מוּסָר וְהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֲשֶׁר אֵין עֲרֹךְ אֵלָיו", וַוייל דֶער סֵפֶר אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט

מוּסָר און עֶס וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְש עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיט דַיין וַוייבּ אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען אֲשֶׁר בַּנַּחַל; אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל לִיגְט אַלֶע דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים: לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, סֵפֶר הַמִּדּוֹת און רֶבִּי נָתָנְ'ס סְפָרִים.

אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִיז אָנְגֶעפִּילְט מִיט מוּסָר; אַ זִיסֶע מוּסָר, אַ שֵׁיינֶע מוּסָר, דִי מוּסָר בַּייסְט נִישְׁט, דִי מוּסָר שַׁאדְט נִישְׁט, עֶס רוּפְט צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְש, עֶס מוּטִיגְט דֶעם מֶענְטְש און עֶס בַּארוּאִיגְט דֶעם מֶענְטְש.

עֶס זֶענֶען פַארְהַאן אַסַאךְ מוּסָר סְפָרִים, אָבֶּער עֶס אִיז דָא דִי מוּסָר פוּן רֶבִּי'ן וָואס דָאס אִיז אַן אַנְדֶערֶע סָארְט מוּסָר, דָאס אִיז מוּסָר פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ח) אַז נָאר אֵיינֶער וָואס קֶען גֶעבְּן מוּסָר אוֹיף דֶעם וֶועג אַזוֹי ווִי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶע'מוּסָרְ'ט דִי אִידְן - נָאר עֶר מֶעג גֶעבְּן מוּסָר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גִּיטִּין לו:) וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן הִימְל, און גֶעזֶען ווִי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמַאכְט דֶעם עֶגֶל און זֵיי הָאבְּן עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, הָאט זֵיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט: "עֲדַיִן חֲבִיבוּתָא הוּא גַּבָּן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק נָאכְאַלְץ לִיבּ; דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן זָאגְן מוּסָר, אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען זָאגְט מוּסָר און מֶען צֶעקְלַאפְּט יֶענֶעם - אִיז

דָאס אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, ווייל די מוּסָר הֶעלְפְט נִישְט, עֶס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער. זָאגְט דֶער רֶבִּי, אַז דֶער וָואס קֶען אוֹיפְהֵייבְּן אַ צְוֵוייטְן אִיד, בִּשְׁעַת עֶר מוּסָר'ט בְּרֶענְגְט עֶר אַרַיין אַ לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַ הָאפֶענוּנְג צוּם אֵייבֶּערְשְטְן - נָאר דֶער מֶעג זָאגְן מוּסָר.

זַיי זִיךְ מְחַזֵק מִיט דַיין וַוייבּ, לֶערְנְט צוּזַאמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס מוּסָר; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכד): "אִיטְלִיכְס וָוארְט פוּן מוּסָר אִיז בַּיי מִיר פַארְוַואשְׁן מִיט טְרֶערְן"; עֶס אִיז אַן אַנְדֶערֶע סָארְט מוּסָר, עֶס דֶערְוַוארֶעמְט דָאס הַארְץ, עֶס אִיז מְקָרֵב יֶעדְן אֵיינֶעם צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתריט יט

**וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַאן אִיז נָאר פַארְנוּמֶען צוּ הֶערְן נַייעֶס?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן אַייעֶרֶע שֵׁיינֶע שִׁעוּרִים, דָאס גֶעבְּט אוּנְז אַסַאךְ חִזוּק, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵׁם אַ וואוילֶער מַאן, אָבֶּער לֶעצְטְנְס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז עֶר הֶערְט אַסַאךְ נַייעֶס אַסַאךְ צַייט אִין טָאג. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט צוּ רֶעדְן צוּ אִים, אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶר אִיז מֶער אִינְטֶערֶעסִירְט

אִין דִי נֵייעֶס וִוי אִין מִיר, אוּן דָאס נֶעמְט מִיר אַוֶּועק דִי אַפֶּעטִיט פוּן זִיךְ רֵיינִיגְן אוּן זִיךְ מַאכְן גְרֵייט פַאר אִים; וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

צְווֵייטְנְס ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן, אִיךְ שְׁפִּיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל עֶפֶּעס פוּן מִיר, אִיךְ וֵוייס אָבֶּער נִישְׁט וָואס; וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ וִויסְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אִיךְ זָאל פַארְרֶעכְטְן?

דְרִיטְנְס, מִיר הַאלְטְן שׁוֹין אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר נָאךְ דִי חֲתֻנָּה אוּן מִיר הָאבְן נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְן קִינְדֶער?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ אַז אַייעֶר מַאן ווִיל הֶערְן אַבִּיסְל נֵייעֶס; דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז עֶר אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין אַייךְ, מֶען מֶעג הֶערְן אַבִּיסְל נֵייעֶס זִיךְ אוֹיסְצוּלוּפְטֶערְן.

**אִיר** דַארְפְט פַארְשְׁטֵיין אַז פִּינְקְט ווִי אִיר זֶענְט צֶעבְּרָאכְן אַז אִיר הָאט נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז אַייעֶר מַאן נָאךְ מֶער צֶעבְּרָאכְן; עֶר הָאט צְוֵויי דַאֲגוֹת: אֵיין דַאֲגָה וֶועגְן קִינְדֶער אוּן נָאךְ אַ דַאֲגָה ווִי אַזוֹי עֶר קֶען אַייךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אַ מַאן צוּ זֶען זַיין וַוייבּ צֶעבְּרָאכְן אוּן דֶערְשְׁלָאגְן, דֶערִיבֶּער ווִיל עֶר זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְבְּלָאזְן דִי נֶערְוְון, דֶערְפַאר הֶערְט עֶר צוּ צוּ דִי נֵייעֶס.

**דֶערִיבֶּער** בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶס זָאל אַייךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז אַייעֶר מַאן וויל אַבִּיסְל הֶערְן נֵייעֶס וְכוּ׳; אַז עֶר הֶערְט דִי נֵייעֶס מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז עֶר אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין אַייךְ.

**חַס** וְשָׁלוֹם צוּ טְרַאכְטְן אַזֶעלְכֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן זִיךְ נִישְׁט רֵיינִיגְן וְכוּ׳, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה; אוֹיבּ מֶען רֵיינִיגְט זִיךְ נִישְׁט אִין צַייט בַּאקוּמְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער עֹנֶשׁ, אָפְּגֶערֶעדְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט שֵׂכֶל׳דִיג, דָאס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער; מֶען קֶען נִישְׁט פּוֹעֶלְ׳ן מִיט דֶעם וֶועג.

**אוֹיף** דִי צְווייטֶע פְרַאגֶע, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וויל פוּן אַייךְ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וויל אַז אִיר זָאלְט זִיךְ מְבַטֵּל זַיין צוּ אִים, אִיר זָאלְט אִים גְלֵייבְּן אוּן אִיר זָאלְט אִים גֶעטְרוֹיעֶן. אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר טוּט אַלֶעס אוּן עֶר מַאכְט אַלֶעס, אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז פוּן אִים אוּן אַלֶעס אִיז מִיט אַ רִיכְטִיגְקֵייט, אַזוֹי אוֹיךְ אַז מִיר זָאלְן אַנֶערְקֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס וָואס עֶר טוּט אִיז גוּט.

**בְּנוֹגֵעַ** קִינְדֶער וְכוּ׳; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַייךְ אַז אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, דוּרְכְדֶעם וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב צוּ הָאבְּן קִינְדֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרכ כ

## קֶענֶען מִיר נִישְׁט וֶוערְן וִוי דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִזּוּק בְּרִיוו וָואס אִיךְ בַּאקוּם, דָאס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִזּוּק אוּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט אִיבֶּער וֶועלְכֶע סָארְט מַעֲשִׂיּוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער[כט], הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעשְׁרִיבְּן: "דֶערְצֵייל פַאר דִי קִינְדֶער אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים; עֶס הָאט נִישְׁט צוּטוּן יָא נָאכְמַאכְן נִישְׁט נָאכְמַאכְן, וַוייל מִיר דַארְפְן ווִיסְן אַז מִיר זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן זַיין אַ צַדִּיק, מִיר זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן וָואס מִיר דַארְפְן בֶּאֱמֶת זַיין, אָבֶּער אוֹיבּ מִיר וֶועלְן זַיין מְקוּשָּׁר צוּ צַדִּיקִים, מִיר וֶועלְן גְלֵייבְּן אִין זֵיי אוּן פָאלְגְן וָואס זֵיי זָאגְן - וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן צַדִּיקִים".

אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַבִּיסְל צֶעבְּרָאכְן לֵיינֶענְדִיג דָאס, וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט צוּם רֶבִּי'ן אִיז דָאךְ גֶעוֶוען נָאר וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק בְּלוֹיז מִיטְן זִיךְ פִירְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵייעֶר שְׁטַארְק זִיךְ צוּ פִירְן אוֹיף דֶעם וֶועג, אִיךְ לֶערְן אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אִיךְ רֶעד אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ מְכַבֵּד זַיין מַיין וַוייבּ, אוּן אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַ צַדִּיק, אִיז וָואס דַארְף אִיךְ נָאךְ חוּץ פוּן דֶעם?

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג צוּ זַיין אַ צַדִּיק, אוּן יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז אִיךְ בִּין נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּן דֶעם, אִיז וָואס אִיז יָא דִי וֶועג צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

---

כט. פְרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תתקצה.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** פַאְרשְׁטֵיי נִישְׁט פַאְרְוָואס דוּ בִּיסְט צֶעבְּרָאכְן גֶעוָואְרן פוּן דִי בְּרִיוו.

**וָוען** מִיר קוּקְן זִיךְ אָן ווִי אַזוֹי מִיר זֶעעֶן אוֹיס דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זַיין צֶעבְּרָאכְן, אָבֶּער אַז מִיר קוּקְן אוֹיף דִי צַדִיקִים, מִיר זֶענֶען מְקוּשָׁר צוּ צַדִיקֵי אֱמֶת שַׂרְפֵי מַעְלָה ווֶעלְכֶע זֶענֶען עוֹסֵק בְּתִקוּן הָעוֹלָם, זֵיי זֶענֶען אוּנְז מְתַקֵן - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

**מִיר** טָארְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, מִיר דַארְפְן ווִיסְן אַז מִיר זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר זֵייעֶר וַוייט פוּן וָואס מִיר דַארְפְן זַיין; אֲפִילוּ מִיר ווֶעלְן פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן מְתַקֵן זַיין, וָואס ווֶעט זַיין מִיט דִי צַייט וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן? אִין דִי צַייט וָואלְטְן מִיר דָאךְ גֶעקֶענְט טוּן גוּטֶע זַאכְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן מט): "אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר יָאגְן אַרַיינְצוּכַאפְּן גוּטְס, אִיר זָאלְט נָאךְ קֶענִין עֶפִּיס אַרַיין כַאפִּין"; כְּדֵי אָנְצוּפִילְן דִי טֶעג אוּן יָארְן וָואס מִיר הָאבְן גֶעטוּן נַארִישְׁקֵייטְן.

**אִיךְ** פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דוּ בִּיסְטוּ אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי בְּרִיוו, וָואס מֵיינְסְטוּ - מִיר זֶענֶען שׁוֹין פַארְטִיג, מִיר זֶענֶען שׁוֹין ווִי אַזוֹי מִיר דַארְפְן זַיין? מִיר דַארְפְן ווֵיינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אַז מִיר זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן;

קוּק אַ לָשׁוֹן פוּן רֶבִּי'ן ווִי אַזוֹי מִיר דַארְפְן וויינֶען, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן לט): "וְרָאוּי לָנוּ לוֹמַר זֹאת בִּבְכִיָּה, בִּדְמָעוֹת שָׁלִישׁ, לִבְכּוֹת, וּלְהִתְגַּעְגֵּעַ, לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ", מִיר דַארְפְן וויינֶען מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר דַארְפְן וויינֶען, בֶּענְקֶען אוּן בֶּעטְן: "מָתַי נִזְכֶּה לָזֶה, שֶׁיִּהְיֶה לָנוּ זֶה הַדַּעַת", וֶוען וֶועלְן מִיר שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, "שֶׁנּוּכַל לָדַעַת וּלְהַכִּיר הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ מִכָּל דָּבָר שֶׁל זֶה הָעוֹלָם בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וֶוען וֶועל אִיךְ הָאבְּן דֶעם שֵׂכֶל, אִיךְ זָאל ווִיסְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וֶוען וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיט דִיר אוּן זֶען אִין יֶעדֶע זַאךְ נָאר דִיר, "וּכְפִי הַמַּדְרֵגָה פְּחוּתָה שֶׁלָּנוּ עַתָּה, וְכֻלָּנוּ אֵין פָּנֵינוּ יָפוֹת כְּלָל", ווַייל ווִי אַזוֹי מִיר זֶעעֶן דֶערְוַוייל אוֹיס זֶענֶען מִיר נָאךְ זֵייעֶר ווַייט פוּן דָאס אַלֶעס, "אָנוּ צְרִיכִין שֶׁיְּרַחֵם עָלֵינוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לִתֵּן לָנוּ מַנְהִיג רוֹעֶה נֶאֱמָן, שֶׁיּוּכַל לְהָאִיר בָּנוּ יְדִיעָה הַנַּ"ל, כְּדֵי שֶׁנּוּכַל לְעָבְדוֹ יִתְבָּרַךְ כָּרָאוּי וְלָבוֹא אֶל הַתַּכְלִית", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז, אוּנְז בְּרֶענְגֶען צוּם אֶמֶתְ'ן צַדִּיק וָואס וֶועט אַרַיינְשַׁיינֶען אִין אוּנְז אַז מִיר זָאלְן אַנֶערְקֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ווַייל וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ צַדִּיק אַזוֹי ווִי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דֶעמָאלְט זֶענֶען אַלֶע זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה, אֲפִלּוּ אַ פָּחוּת שֶׁבַּפְּחוּתִים, אֲפִלּוּ דִי וָואס זֶענֶען בִּבְחִינַת שִׁפְחָה, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְכִילְתָּא בְּשַׁלַּח מַסֶּכְתָּא דְשִׁירָה, פֶּרֶק ג):

"רָאֲתָה שִׁפְחָה עַל הַיָּם", דִי דִינְסְטְן הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן בַּיי קְרִיעַת יַם סוּף, מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, "מַה שֶׁלֹּא רָאָה יְחֶזְקֵאל בֶּן בּוּזִי", מֶער וִוי וָואס יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען; וַוייל וֶוען מֶען הָאט אַ צַדִיק, אַ מַנְהִיג אֲמִתִּי - בְּרֶענְגְט עֶר אַריין אַזַא שְׁטַארְקֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אֲפִלּוּ אִין דִי וָואס זֶענֶען נָאךְ וַוייט.

**מַאךְ** זִיךְ שִׁעוּרִים אִינֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וֶועסְטוּ אָנְהוֹיבְּן זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מִיר טוּעֶן, דוּ וֶועסְט וֶוערְן פְרֵיילִיךְ אוּן שְׁפִּירְן נָאנְט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן שְׁוֶועֶרע גֶעפִילְן; דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן זֶען אַז מִיר זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר וַוייט. וַוייל וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, מֶען הוֹיבְּט אָן טְרֶעטְן אוֹיף דִי שְׁטוֹיב פוּן דִי צַדִיקִים - הוֹיבְּט מֶען אָן שְׁרֵייעֶן וָואס דִי גַּזְלָנִים הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן (עַיֵּן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג): "וֵויי אִיז מִיר, אַזוֹינְס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן? גִיוַואלְד גֶעבּ מִיר אַ תְּשׁוּבָה".

**דֶער** אייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרכא כא

## ווי אַזוֹי קֶען מֶען עֶנְטְפֶערְן שְׁוֶועְרֶע שְׁאֵלוֹת פוּן בָּחוּרִים?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְק בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי תְּשׁוּבָה וָואס אִיר הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן[ל] אִיבֶּער רֶעדְן צוּ בָּחוּרִים פוּן דִי עֵצוֹת וָואס אִיר זָאגְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶס צוּ אִיבֶּערְזָאגְן אָן אַ נָאמֶען.

אִיךְ ווִיל אָבֶּער אַבִּיסְל בֶּעסֶער עֶרְקְלֶערְן מַיין צְווֵייטֶע שְׁאֵלָה. מַיין שְׁאֵלָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען 'ווִי אַזוֹי מֶען נֶעמְט כֹּחַ אוּן קְרַאפְט צוּ עֶנְטְפֶערְן שְׁאֵלוֹת פוּן בָּחוּרִים', מַיין שְׁאֵלָה אִיז גֶעוֶוען 'ווִי אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַ כֹּחַ הַכְּרָעָה אוּן שֵׂכֶל וָואס אוּן ווִי אַזוֹי צוּ עֶנְטְפֶערְן אַ רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה פַאר אַ בָּחוּר אוֹיף אַ שְׁאֵלָה וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אָדֶער גֶעלֶערְנְט אִיבֶּער דֶעם פוּן פְרִיעֶר', בִּפְרַט וֶוען עֶס אִיז דָא גָאר שְׁוֶועְרֶע שְׁאֵלוֹת פוּן אַ יוּנְגֶער בָּחוּר וָואס דַארְף אַ רִיכְטִיגֶע אוּן קְלָארֶע תְּשׁוּבָה פַאר זַיין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף אַייעֶר עֲבוֹדַת הַקֹּדֶשׁ, אִיר זָאלְט שְׁטֶענְדִיג קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אוּן מְקָרֵב זַיין אִידְן לְאָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז אַלֶעס דָא; וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים בַּאקוּמְט זֵייעֶר אַ גְרָאדֶע שֵׂכֶל,**

ל. פְרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב אֶלֶף.

אַ קְלָארֶע פַארְשְׁטַאנְד. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמז): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל מֹחַ גָּדוֹל עַל יְדֵי סְפָרוֹ", וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים וֶועט בַּאקוּמֶען אַ טִיפֶע מֹחַ, "כִּי יֵשׁ בּוֹ שֵׂכֶל גָּדוֹל וַעֲמָקוֹת נִפְלָא מְאֹד עַל פִּי פְּשׁוּטָן שֶׁל דְּבָרִים", וַוייל אִין דִי סְפָרִים לִיגְט אַ טִיפֶע שֵׂכֶל, מֶען בַּאקוּמְט שֵׂכֶל צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין יֶעדְן פְּרַט.

**בִּפְרַט** דַארְפְן דִי וָואס זֶענֶען עוֹסֵק מִיט בְּנֵי הַנְּעוּרִים - לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רנח): "הָיִיתִי סָבוּר שֶׁהַיֵּצֶר הָרָע שֶׁלִּי אוֹמֵר לִי שֶׁאֵין מִי שֶׁיּוּכַל לְהַנְהִיג אֶת בְּנֵי הַנְּעוּרִים כָּמוֹנִי", אִין אָנְהוֹיבּ הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט אַז דָאס וָואס אִיךְ טְרַאכְט אַז נָאר אִיךְ פַארְשְׁטֵיי צוּ דִי יוּנְגְוַוארְג, אִיךְ קֶען זַיין זֵייעֶר מַנְהִיג - דָאס זָאגְט מִיר דֶער יֵצֶר הָרָע, "עַכְשָׁו אֲנִי יוֹדֵעַ בְּבֵרוּר אַז אִיךְ בִּין אֵיין מַנְהִיג, וְאֵין מַנְהִיג כָּמוֹנִי", יֶעצְט וֵויס אִיךְ קְלָארֶערְהֵייט אַז נָאר אִיךְ פַארְשְׁטֵיי צוּ דִי יוּגְנְט, נָאר אִיךְ קֶען זַיין זֵייעֶר פִירֶער; אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט הַיינְטִיגֶע צֵייטְן אַז קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין שְׁפְּרַאךְ צוּ דִי יוּגְנְט, אַלֶע חֲכָמִים אוּן פּוֹתְרֵי חֲלוֹמוֹת בְּרֶעכְן זִיךְ קָאפּ: 'וָואס טוּט מֶען מִיט דִי יוּגְנְט? וָואס טוּט מֶען מִיט דִי בָּחוּרִים? וָואס טוּט מֶען מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ?' אַלֶע זֶענֶען פַארְלוֹירְן, זֵיי זֶענֶען מוֹדֶה אַז זֵיי ווֵייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; נָאר דֶער רֶבִּי הָאט אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ זֵיי, דִי חִזּוּק פוּן רֶבִּי'ן דָאס הַאלְט זֵיי אוּן דָאס מַאכְט זֵיי פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן.

**מַאךְ** זִיךְ שִׁעוּרִים אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל - בְּרִיווּ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

- בְּרִיוו וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען צוּ שְׁרַייבְּן דוּרְכְאוֹים דִי יָארְן וָואס אִיךְ בִּין בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט בְּנֵי הַנְּעוּרִים; דָארְט וֶועסְטוּ זֶען דִי שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ קְלָארְקֵייט אִין יֶעדֶע עִנְיָן, אוֹיף אַלֶע שְׁאֵלוֹת וָואס דִי בָּחוּרִים פְרֶעגְן דִיר וֶועסְטוּ זַיין קְלָאר, דוּ וֶועסְט זֵיי קֶענֶען מְחַיֶּ' זַיין.

שְׁטַארְק זִיךְ, לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶעט; הַיינְט אִיז דָאס דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ - רֶעדְן מִיט בָּחוּרִים, לֶערְנֶען מִיט זֵיי אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתרכב כב

**ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף צְנִיעוּת בַּיים גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַארְן קִינְד?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ לִיכְטִיג קִינְד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אִים קֶענֶען מְגַדֵּל זַיין לַתּוֹרָה וְלַחֻפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן צוּ זַיין גֶעהֶערִיג צוּגֶעדֶעקְט וֶוען אִיךְ גֶעבּ צוּ עֶסְן פַארְן קִינְד, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ"ז תַּמוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**עֶרְלִיכֶע** פְרוֹיעֶן פִירְן זִיךְ וֶוען זֵיי גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַארְן קִינְד - צוּ הַאלְטְן אוֹיף זִיךְ אַ ווִינְדְל כְּדֵי צוּ זַיין צְנִיעוּת'דִיג; עֶס אִיז נָאר שְׁוֶוער בִּיז ווִילַאנְג מֶען גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ דֶעם, אַיינְמָאל מֶען גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ - אִיז דָאס שׁוֹין נִישְׁט שְׁוֶוער.

**יֶעדֶע** זַאךְ אִין צְנִיעוּת קֶען מֶען אָנְקוּקְן שְׁוֶוער אוּן מֶען קֶען עֶס אָנְקוּקְן גְרִינְג - ווִי אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְּן אָן דֶעם; עֶס וֶוענְדְט זִיךְ ווִי אַזוֹי מֶען גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ.

**ווַאוֹיל** אִיז דִי פְרוֹי וָואס פִירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת, דוּרְכְדֶעם וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַ פְרוֹי וָואס פִירְט זִיךְ אֵיידְל אוּן צְנִיעוּת'דִיג וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרכג כג

**וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ שְׁלָאפְט דֶעם גַאנְצְן שַׁבָּת?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר גוּט חַתֻנָּה גֶעהַאט, מִיט אַ וואוּילֶע גוּטֶע וַוייבּ, אַ גַאנְצֶע וָואךְ פָּארְט אַלֶעס אַ מְחַיֶּ', דֶער פְּרָאבְּלֶעם הוֹיבְּט זִיךְ נָאר אָן וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת קֹדֶשׁ.

אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ הֶעלְפְן מִיט וָואס אִיךְ קֶען אָבֶער מַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם סֵדֶר, זִי זָאגְט אַז שַׁבָּת אִיז אִיר טָאג אוּן עֶס אִיז גֶעמַאכְט צוּ שְׁלָאפְן. אִיךְ קֶען אַהֵיימְקוּמֶען אִינְדֶערְפְרִי פוּן שׁוּל, אוּן זִי קֶען בְּלַייבְּן שְׁלָאפְן בִּיז טִיף נָאכְמִיטָאג, אוּן גְלַייךְ נָאךְ דִי סְעוּדָה וַוייטֶער שְׁלָאפְן.

דִי שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיךְ זָאל עֶס אַזוֹי לָאזְן, וַוייל לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ אַ שְׁטוּבּ מִיט אִינְגְלֶעךְ אוּן עֶס וֶוערְט צֶעפָארְן דֶער גַאנְצֶער שַׁבָּת; וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז נִישְׁט אַזַא שְׁטַארְקֶע פְּרָאבְּלֶעם; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי מַתָּנָה וָואס דוּ הָאסְט - אַ גוּטֶע וַוייבּ, אַ וואוּילֶע וַוייבּ; דוּ הָאסְט גוּט חַתֻנָּה גֶעהַאט.

עֶם זֶעט דִיר אוֹיס ווִי נָאר דוּ הָאסְט אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט שָׁלוֹם בַּיִת יֶעדְן שַׁבָּת, ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז עֶס אִיז נִישְׁט נָאר דַיין פְּרָאבְּלֶעם, בַּיי יֶעדֶע שְׁטוּבּ קוּמְט דֶער שָׂטָן אוּן זוּכְט צוּ מַאכְן אַ שְׁטִיקְל אַמְפֶּעַרַיי, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א שְׁרַייבְּט (מוֹרֶה בְּאֶצְבַּע סִימָן ד, אוֹת קמ): "עֶרֶב שַׁבָּת קוּמְט דֶער שָׂטָן אִין יֶעדֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אוּן עֶר וַוארְט נָאר אַז עֶס זָאל אוֹיסְבְּרֶעכְן אַ מַחְלֹקֶת צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ"; ווַייל עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ פַּארְטְרָאגְן זִיךְ שַׁבָּת קֹדֶשׁ, ווַייל וֶוען דִי מַאן אוּן וַוייבּ פַּארְטְרָאגְן זִיךְ אוּן לֶעבְּן צוּזַאמֶען בְּאַהֲבָה וְשָׁלוֹם הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף זֵיי אוּן עֶר וֶוערְט פַּארְטְרִיבְּן פוּן אַזַא שְׁטוּבּ.

קוּק אוֹיף דַיין ווייבּ מִיט אַ גוּט אוֹיג, פְּרֵיי זִיךְ אַז זִי רוּט זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיס יֶעדְן שַׁבָּת; הַלְוַאי וֶוען דוּ קֶענְסְט אִיר הֶעלְפְן אִינְמִיטְן דִי ווָאךְ זִי זָאל אַבִּיסְל שְׁלָאפְן, זִי זָאל קוּמֶען צוּ זִיךְ פוּן דִי שְׁווֶערֶע אַרְבֶּעט.

וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים פוּן שׁוּל זָאלְסְטוּ אִיר הֶעלְפְן אָנְגְרֵייטְן דִי סְעוּדָה; נֶעם דִי קִינְדֶער אוּן זֶע אַז אַלֶע אִינְאֵיינֶעם זָאלְן הֶעלְפְן אָנְגְרֵייטְן דִי סְעוּדָה, נָאכְדֶעם וֶוען דַיין ווַייבּ שְׁטֵייט אוֹיף זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה, זָאלְסְט טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן אַ גַאנְץ שַׁבָּת אַז מִיר זֶענֶען אִידְן אוּן מִיר הִיטְן שַׁבָּת.

לָאז נִישְׁט דֶעם שָׂטָן אַרַיין אִין שְׁטוּבּ; לָאז נִישְׁט קַיין פְּלַאץ פַאר קְרִיגֶערַייעֶן, זָאלְסְט טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אַז דַיין ווַייבּ זָאל זִיךְ קֶענֶען אַבִּיסְל אוֹיסְרוּעֶן פוּן דִי גַאנְצֶע ווָאךְ.

**אַז דוּ וֶועסְט טוּן וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם בְּרִיוו וֶועסְטוּ זֶען ווִי עֶס וֶועט אַוֶועק גֵיין דִי גַאנְצֶע פְּרָאבְּלֶעם.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# תתרכד כד

**וָואס טוּ אִיךְ מֶען זָאל מִיר נִישְׁט אַרָאפְּקוּקְן אַז אִיךְ נֶעם מֶעדֶעצִין?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דִי שְׁאֵלָה אוּן תְּשׁוּבָה פוּן דֶער וָואס הָאט גֶעפְרֶעגְט אִיבֶּער נֶעמֶען מֶעדֶעצִין פַאר פְּחָדִים[לא], וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דִי שְׁאֵלָה הָאבּ אִיךְ מַמָּשׁ גֶעוֵויינְט, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט ווִי אֵיינֶער הָאט אַזוֹי שֵׁיין אַרָאפְּגֶעשְׁרִיבְּן מַיין לֶעבְּן אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפְרֵייט צוּ דִי תְּשׁוּבָה אַז דָאס אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פֶעלֶער צוּ נֶעמֶען מֶעדֶעצִין וֶוען מֶען דַארְף עֶס הָאבְּן.

מִיט אֵיין פְּרַט אִיז אָבֶּער בַּיי מִיר גֶעוֶוען אַנְדֶערְשׁ, אַז עֶר הָאלְט עֶס בְּסוֹד פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס יָא אוֹיסְגֶעזָאגְט פַאר מַיין רַבּ. דֶער דָאקְטֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם צוּ נֶעמֶען דִי מֶעדֶעצִין, אַזוֹי ווִי וֶוען אֵיינֶער הָאט קָאפּ וֵויי נֶעמְט עֶר טֵיילֶענָאל, דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דֶעם. אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר מַיין רַבּ הָאט עֶר מִיר טַאקֶע אוֹיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען אִיךְ זָאל נִישְׁט

---

לא. פְּרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תתקפז.

מוֹרָא הָאבְּן עֶס צוּ נֶעמֶען אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר מִיר פוּן דֶעמָאלְט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרָאפְּצוּקוּקְן. אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ קֶען אִים גֶעטְרוֹיעֶן, אִיךְ שְׁמוּעֶס זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַדוּרְךְ מִיט אִים אִין שָׁלוֹם בַּיִת, חִנוּךְ אוּן אִין בִּיזְנֶעס, עֶר אִיז אַ פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶּער דָא הָאט זִיךְ עֶס נִישְׁט גוּט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מוּצְלָח׳דִיגֶער אִינְגֶערְמַאן, דֶער רָב פְּלֶעגְט זִיךְ כְּסֵדֶר אַדוּרְכְרֶעדְן מִיט מִיר אִין פַארְשִׁידֶענֶע זַאכְן, אָבֶּער פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אִים דָאס דֶערְצֵיילְט הָאט עֶר מִיר אוֹיטָאמַאטִישׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן אָנְצוּקוּקְן ווי אַ נֶערְוְוין קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז מִיר טַאקֶע מְחַזֵק כְּסֵדֶר, עֶר כַאפְּט אָבֶּער נִישְׁט אַז דִי חִזוּק צֶעבְּרֶעכְט מִיךְ זֵייעֶר; ׳זַיי מִיר נִישְׁט מְחַזֵק, נָאר הַאלְט מִיךְ וַוייטֶער פַאר אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ׳; וָואס אִיז שְׁלֶעכְט אַז אִיךְ נֶעם מֶעדֶעצִין פַאר אַ פְּרָאבְּלֶעם?

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א וֶועט מִיר מְחַזֵק זַיין אִין דֶעם עִנְיָן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת דְבָרִים, כ״ז תַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם בּוּשָׁה צוּ נֶעמֶען מֶעדֶעצִין, עֶס אִיז אַ בּוּשָׁה וֶוען מֶען דַארְף נֶעמֶען מֶעדֶעצִין אוּן מֶען עַקְשְׁנְ׳ט זִיךְ דָאס נִישְׁט צוּ נֶעמֶען. וַוייל מֶען קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען וויל זִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, מֶען הַאלְט זִיךְ קְלוּגֶער פוּנֶעם דָאקְטֶער; מֶען מֵיינְט אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט נֶעמֶען מֶעדֶעצִין וֶועט מֶען זַיין אַרָאפְּגֶעקוּקְט.

**בְּנוֹגֵעַ** וָואס מֶען קוּקְט דִיךְ אַרָאפּ וְכוּ'; דַארְפְסְט נִישְׁט דֶערְצֵיילְן קֵיינֶעם אִיבֶּער דַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן, דֶערְצֵייל נִישְׁט קֵיינֶעם אַז דוּ נֶעמְסְט מֶעדֶעצִין - נִישְׁט פַאר חֲבֵרִים, נִישְׁט פַאר מִשְׁפָּחָה אוּן נִישְׁט פַאר דַיין רָבּ; דָאס אִיז פְּרִיוַואט צְוִוישְׁן דִיר אוּן דֶער דָאקְטֶער, מֶערְסְטְנְס, אוֹיבּ דַארְף מֶען דֶערְצֵיילְן דִי וַוייבּ - דַארְף דָאס בְּלַייבְּן צְוִוישְׁן אַייךְ.

**דֶער** עִקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט אַרָאפְּקוּקְן, דַיין הַאלְטְן פוּן זִיךְ אִיז וִוִיכְטִיגֶער וִוי אַז אַנְדֶערֶע זָאלְן הַאלְטְן פוּן דִיר; אַז דוּ וֶועסְט זַיין זִיכֶער מִיט זִיךְ וֶועט דִיר גָאר וֵוייניג אָנְגֵיין וָואס דֶער זָאגְט אוֹיף דִיר אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט אוֹיף דִיר, דוּ זָאלְסְט וִויסְן בַּיי דִיר אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְט אַז מֶען דַארְף נֶעמֶען פַאר דִי מֹחַ מֶעדֶעצִין.

**וִוי** אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי זִיךְ פֶּעלְזְן פֶּעסְט, וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין שְׁטַארְק, עֶס זָאל נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן אוּן וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן? דוּרְךְ אֱמוּנָה; וֶוען מֶען חַזֶר'ט אֱמוּנָה, מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין - דָאס בּוֹיט אוֹיף דָאס זִיכֶערְקֵייט, מֶען וֶוערְט שְׁטַארְק, מֶען דַארְף קֵיינֶעם נִישְׁט אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט[לב].

**דֶערִיבֶּער** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ נָאךְ בִּרְכַּת הַתּוֹרָה זָאלְסְטוּ

לב. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, פְּרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א' טו.

זָאגְן דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס; בְּעִקָר זָאלְסְטוּ חַזֶר'ן אָן אַ שִׁעוּר מָאל דֶעם עֶרְשְׁטְן שְׁטִיקְל: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים, וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים", אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן, עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, נָאר עֶר אַלֵיין טוּט אַלֶעס אוּן עֶר וֶועט טוּן אַלֶעס.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ אַרַיינְנֶעמֶען אִין דִיר אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וֶועם צוּ בֶּעטְן, נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ אִים דַארְף מֶען דַאוֶונֶען. חַזֶר זִיךְ דֶעם אֲנִי מַאֲמִין: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ לוֹ לְבַדּוֹ רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל, וְאֵין רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל לְזוּלָתוֹ", אִיךְ גְלֵייבּ אַז וֶוען מֶען דַארְף אַ יְשׁוּעָה זָאל מֶען נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל נָאר עֶר קֶען הֶעלְפְן אוּן וֶועט הֶעלְפְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

# תתרכה כה

### ווי אַזוֹי אִיז מֶען מְחַנֵּךְ גָאר יוּנְגֶע קִינְדֶער?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט וויל אִיךְ אַייךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט פַּאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁעוּרִים פַּאר דְרֵיי יָאר צוּרִיק הָאט זִיךְ מַיין לֶעבְּן גֶעטוֹישְׁט אִינְגַאנְצְן צוּם גוּטְן אִין אַלֶע

הִינְזִיכְטְן, בִּפְרַט אִין שָׁלוֹם בַּיִת אוּן אִין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ נֶעם אַיין מֶער אוּן מֶער חֲלָקִים פוּן דִי תּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעעֶנְדִיגְט אַסַאךְ מָאל מִשְׁנָיוֹת, סִפְרֵי רַבֵּינוּ, זֹהַר הַקָּדוֹשׁ אוּן נָאךְ פִּיל. אִיךְ בִּין אוֹיךְ מֵפִיץ דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, דִי גִּלְיוֹנוֹת אוּן אוֹיךְ דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אִיבֶּער מַיין טָאכְטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעגֶעבְּן אַ זִיס מֵיידְל, זִי אִיז יֶעצְט צְוֵויי אוּן אַ הַאלְבּ יָאר, זִי קֶען שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם מַאכְן בְּרָכוֹת אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וִויל אָבֶּער וִויסְן וָואס אִיז מַיין תַּפְקִיד אַלְס אִיר מְחַנֵּךְ, אוֹיף וָואס דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלֵייגְן אִיר מְחַנֵּךְ צוּ זַיין אִין אַזַא יוּנְגֶע עֶלְטֶער?

צְווייטְנְס, וֶוען זִי וֶועקְט זִיךְ אוֹיף נָאךְ אִיר שְׁלָאף נָאכְמִיטָאג, אִיז זִי רוֹב מָאל אִין נִישְׁט אַ גוּטֶע גִיסְטֶע, זִי וֵויינְט אוּן אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, וָואס קֶען מֶען טוּן דֶערְצוּ?

אַ דְרִיטֶע שְׁאֵלָה הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם צְוֵויי סְדָרִים אִין כּוֹלֵל אוּן וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים וִויל אִיךְ זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְלוּפְטֶערְן דֶעם מֹחַ, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ לִיבּ דֶעמָאלְט צוּ הֶערְן נֵייעֶס, אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ הֶעלְף אַרוֹיס צַאמְצוּנֶעמֶען דִי הוֹיז. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ טוּ עֶס נִישְׁט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן מַיין וַוייבּ וֶוען זִי אִיז דָארְט. אִיךְ וֵויס נָאר נִישְׁט אוֹיבּ דָאס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם, אָדֶער אִיז דָאס אַ גוּטֶע זַאךְ - זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְצוּלוּפְטֶערְן מִיט דִי נֵייעֶס, זִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיפְפְרִישְׁן דִי כּוֹחוֹת צוּ קֶענֶען וַוייטֶער לֶערְנֶען, אַזוֹי ווִי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן לוּפְטֶערְן זִיךְ אוֹיס מִיטְן זִינְגֶען, מָאלְן, אָדֶער אַנְדֶערֶע זַאכְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת דְּבָרִים, כ"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַּיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס עֵצוֹת; דַּיין גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאט זִיךְ דִיר גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן.

**אַ** שָׁאד אוֹיף דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען אַז בְּרֶסְלֶב אִיז עֶפֶּעס אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ; וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעווּאוּסְט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז, צוּ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן - וָואלְטְן אַלֶע גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אָפְּגֶערֶעדְט צוּ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אוֹיבְן אִין הִימְל, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שיד): "הַפְּחוּת שֶׁבַּאֲנָשַׁי אֲנִי מוֹלִיךְ אוֹתוֹ בְּדֶרֶךְ שֶׁל צַדִּיק גָּדוֹל מְאֹד", דֶעם קְלֶענְסְטְן פוּן מַיינֶע מֶענְטְשְׁן פִיר אִיךְ אוֹיבְן אִין הִימְל אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

**נָאךְ** אוֹיף דִי וֶועלְט בְּרֶענְגְט אוּנְז דֶער רֶבִּי צוּ צוּ גָאר גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת; מֶען הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אוּן רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט: "וְגַם אֲפִלּוּ עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִין דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים יֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי ה' בֶּאֱמֶת,

לְמִי שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לִדְבָרָיו וּלְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בְּזֶה הַסֵּפֶר, וּבִשְׁאָר סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַּארְמָאגְן אַ מוֹרָא'דִיגְן כֹּחַ צוּ מְעוֹרֵר זַיין אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִין יֶעדֶע שְׁמוּעֶס פוּן רֶבִּי'ן לִיגְן גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַּארְן לֶעבְּן.

**אוֹיף** דַיין פְרַאגֶע: 'ווִי הוֹיבְּט מֶען אָן מִיט חִנּוּךְ וְכוּ''; חִנּוּךְ הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיין, וֶוען עֶלְטֶערְן פִירְן זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, מֶען לֶעבְּט מִיט לִיבְשַׁאפְט, מִיט שִׂמְחָה - דֶעמָאלְט גֵייט עֶס אַרִיבֶּער צוּ דִי קִינְדֶער; דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיכֶע קִינְדֶער, זֵיי וֶועלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אִידְן. וֶוען עֶס אִיז אָבֶּער נִישְׁטָא קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם בַּיי דִי עֶלְטֶערְן, מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט לִיבּ, מֶען קְרִיגְט זִיךְ, מֶען טוּט דִי מִצְווֹת אָן שִׂמְחָה, אַלֶעס אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן - דֶעמָאלְט ווִילְן נִישְׁט דִי קִינְדֶער גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן, זֵיי וֶועלְן זִיךְ זוּכְן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן.

**קִינְדֶער** ווִילְן לִיבְשַׁאפְט אִין לֶעבְּן, קִינְדֶער ווִילְן אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן; וֶוען זֵיי בַּאקוּמֶען דָאס אִין שְׁטוּבּ דֶעמָאלְט וֶועלְן זֵיי נָאכְגֵיין דֶעם וֶועג, זֵיי וֶועלְן בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ, ווִידֶערְאוּם וֶוען זֵיי גֶעפִינֶען דָאס נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ וֶועלְן זֵיי זוּכְן אוּן נִישְׁטֶערְן בִּיז זֵיי וֶועלְן טְרֶעפְן לִיבְשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט, עֶס קֶען זַיין אַז דָאס וֶועט זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּ נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער.

**בְּנוֹגֵעַ** וֶוען דָאס קִינְד שְׁטֵייט אוֹיף וְכוּ'; עֶס מַאכְט זִיךְ בַּיי אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, נִישְׁט נָאר בַּיי קִינְדֶער, אַז וֶוען מֶען

שְׁטֵייט אוֹיף פוּן אַ קוּרְצֶע שְׁלָאף אִיז מֶען צֶעטוּמְלְט אוּן נִישְׁט רוּאִיג, עֶס נֶעמְט צַייט בִּיז מֶען דֶערְוֶועקְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן.

**בְּנוֹגֵעַ** הֶערְן נֵייעֶס; עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מֶענְטְשׁ, רוֹב מֶענְטְשְׁן וֶוערְן מֶער צֶעטוּמְלְט אוּן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן הֶערְן נֵייעֶס. אַז דִי נֵייעֶס גֶעבְּט דִיר אַבִּיסְל כֹּחַ, עֶס לוּפְּטֶערְט דִיר אוֹיס - קֶענְסְטוּ עֶס הֶערְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתרכו כו

**ווִי אַזוֹי אִיז מֶען מְקָרֵב דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים, וּבִפְרַט פַאר דִי שִׁעוּרִים ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט צוּ פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט שְׁלֶעפְּן דִי וַוייבּ צוּם רֶבִּי'ן מִיט גֶעוואלְד, נָאר מֶען זָאל הָאבְּן סַבְלָנוּת צוּ אַרְבֶּעטְן שְׁטַאטֶערְהֵייט; דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ חִיזוּק, אִיךְ הָאבּ עֶס אִיבֶּערְגֶעהֶערְט עֶטְלִיכֶע מָאל, וַוייל אִיךְ בִּין אַ פְרִישֶׁער מְקוּרָב, אוּן אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז מַיין וַוייבּ זָאל אוֹיךְ מְקוּרָב וֶוערְן, אוּן אִיךְ זֶע אַלֵיין אַז עֶס גֵייט נִישְׁט מִיט גֶעוַואלְד.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיבּ עֶר קֶען מֶער רֶעדְן אָדֶער שְׁרַייבְּן פוּן דֶעם, וַוייל אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז אַסַאךְ פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים הָאבְּן דֶעם זֶעלְבְּן פְּרָאבְּלֶעם, ווייל וֶוען מֶען וֶוערְט גֶעוואוּיר פוּן

הײלִיגְן רֶבִּי'ן, שְׁפִּירְט מֶען אַזַא זִיסְקֵייט - מַמָּשׁ אַ גַּן עֵדֶן, מֶען בַּאקוּמְט אַזַא בְּרֶען און פְלַאקֶער און מֶען וויל אַז דִי װַײבּ און קִינְדֶער זָאלְן אויךְ אויסְהֶערְן דִי שִׁעוּרִים און לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת, אָבֶּער עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל און גְרִינְג, און מֶען װֶוערְט דֶערְפוּן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת דְבָרִים, כ"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

**אַז** מֶען װיל אַרײנְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ דֶעם רֶבִּי'ן, אַז דִי װַײבּ זָאל אויךְ הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין רֶבִּי'ן - דַארְף מֶען דָאס טוּן מִיט גְרוֹיס חָכְמָה. מֶען קֶען דָאס נִישְׁט טוּן מִיט גֶעװַאלְד; אַז מֶען גֵייט מִיט כֹּחַ פַּאסִירְט נָאר דָאס פַּארְקֶערְטֶע, עֶס װֶוערְט אַן אוּמְאַנְגֶענֶעמְלִיכְקֵייט אִין שְׁטוּבּ.

**דֶער** רִיכְטִיגֶער װֶועג אִיז, מֶען זָאל אַרײנְנֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן אִין זִיךְ אַלֵיין, מֶען זָאל לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת; דֶעמָאלְט װֶועלְן אַלֶע מְקוֹרָב װֶוערְן, אַלֶע װֶועלְן זָאגְן: "קוּקְט װִי שֵׁיין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד פִירְט זִיךְ אוֹיף", דָאס װֶועט בְּרֶענְגֶען אַז אַלֶע זָאלְן װֶועלְן װֶוערְן בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים. אַזוֹי װִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ", זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ קִדּוּשׁ הַשֵּׁם דוּרְךְ דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט װֶוערְן דוּרְךְ

דִיר, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אוֹיף אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואוּיל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואוּיל אִיז פַּאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וֵויי אִיז פַּאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה; אוֹיף אֵיינֶעם וָואס פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ זָאגְט מֶען: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, ווייבַּאלְד עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה פִירְט עֶר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי עֶרְלִיךְ'. אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

**עֶס** אִיז אַ טָעוּת פוּן אִינְגֶעלַייט - פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים - אַז גְלַייךְ וֶוען זֵיי וֶוערְן מְקוֹרָב גֵייעֶן זֵיי מִיט כֹּחַ צוּ דִי וַוייבּ אִיר שְׁלֶעפְּן צוּם רֶבִּי'ן; קוֹים וָואס זֵיי זֶענֶען מְקוֹרָב, זֵיי אַלֵיין הָאבְּן נָאךְ אַ שַׁיינֶעם וֶועג צוּ גֵיין - ווילְן זֵיי שׁוֹין אַז דִי וַוייבּ זָאל קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. פוּן דֶעם וֶוערְט אַסַאךְ מַחְלוֹקוֹת אוּן שְׁטִיבֶּער צֶעפַּאלְן, דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג אִיז, מֶען זָאל אַרַיינְנֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן אִין זִיךְ, מֶען זָאל אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת, דֶעמָאלְט זֶעט דִי וַוייבּ וִוי שֵׁיין דֶער מַאן פִירְט זִיךְ אוּן וִוי שֵׁיין עֶר לֶעבְּט - דַאן קוּמְט זִי שׁוֹין אַלֵיין, זִי וֶוערְט נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ אִים.

**מוֹהֲרַ"שׁ** זָאגְט אוֹיף דֶעם וָואס דִי וֶועלְט זָאגְט: "פַארְוָואס בְּלָאזְט דֶער שׁוֹפָר אַזוֹי גוּט רֹאשׁ הַשָּׁנָה? וַוייל עֶס לִיגְט אַ גַאנְץ יָאר אִין אָרוֹן הַקֹּדֶשׁ", זָאגְט מוֹהֲרַ"שׁ:

"אַז מֶען ווייל פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט זִיךְ עֶס ווִי אַזוֹי מֶען פִּירְט זִיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר; אַז דִי ווייבּ זֶעט אַ גַאנְץ יָאר ווִי שֵׁיין מֶען פִּירְט זִיךְ, זִי זֶעט וָואס אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד אִיז, מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, מֶען לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַאן וֶועט זִי נִישְׁט מְעַכֵּב זַיין פוּן פָּארְן קַיין אוּמַאן", אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיז:): "בְּלָאזְן שׁוֹפָר אִיז אַ חָכְמָה - נִישְׁט קַיין מְלָאכָה", עֶס גֵייט נִישְׁט מִיט כֹּחַ, עֶס דַארְף גֵיין מִיט חָכְמָה; אַז מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דֶער שׁוֹפָר לִיגְט אִין אָרוֹן קֹדֶשׁ, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ בְּלָאזְן דֶערְמִיט, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁווֶערֶע אַרְבֶּעט, עֶס גֶעשֶׁעט אַלֵיין.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרכז כז

## וֶועלְכֶע סָארְט חָתָן זָאל אִיךְ זוּכְן פַאר מַיין טָאכְטֶער?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ זוּךְ הִילְף אִין שָׁלוֹם בַּיִת; מַיין עֶלְטְסְטֶע טָאכְטֶער אִיז אַכְצְן יָאר אַלְט, אוּן אִיךְ מִיט מַיין ווייבּ הָאבְּן חִלּוּקֵי דֵעוֹת וָואס פַאר אַ סָארְט חָתָן מֶען זָאל זוּכְן.

מַיין וַוייב וויל אַ מָאדֶערנֶער מִיט אַ קְנֵייטְש הוּט אוּן קוּרְצֶע רֶעקְל, זי וויל עֶר זָאל נִישְׁט זַיין חֲסִידִי'שׁ אוּן נִישְׁט צוּ פְרוּם, זִי זָאגְט אַז חֲסִידִים זֶענֶען אַלְטְמָאדִישׁ, נִישְׁט עֶרְלִיךְ אוּן נִישְׁט צוּגֶעשְׁטֶעלְט צוּ דִי הַיינְטִיגֶע צַייט. אִיךְ וויל אָבֶּער אַ הֵיימִישְׁן אִינְגֶערְמַאן וָואס בַּאלַאנְגְט צוּ אַ חֲסִידוּת אָדֶער חַבוּרָה פוּן עוֹבְדֵי הַשֵּׁם אוּן זוּכְט וַוייטֶער זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין אוּן נִישְׁט וֶוערְן אַ פַארְגֶערֶעבְטֶער בַּעַל הַבַּיִת נָאךְ זַיין חֲתֻנָּה, אֵיינֶער וָואס וַוארְפְט נִישְׁט אַרוֹיס דֶעם מַסֹּרֶת אָבוֹת, אִיךְ וִויל אַ אִינְגֶערְמַאן מִיט אַ סַאמֶעטֶענֶע הוּט; וָואס טוּט מֶען?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, אוֹיסְטְרַאלְיֶע

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַוַדַאי** אִיז חֲסִידִי'שֶׁע קְלֵיידֶער זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ; אַ סַאמֶעטֶענֶע הוּט אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע מַלְבּוּשׁ, אוּן אַ שְׁטְרַיימְל אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ, אָבֶּער נִישְׁט דָאס אִיז קוֹבֵעַ צִי דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָדֶער נִישְׁט. מֶען קֶען נֶעמֶען אַן אֵיידֶעם מִיט אַ סַאמֶעטֶענֶע הוּט, מִיט שְׁטְרַיימְל בֶּעקִיטְשֶׁע אוּן מֶען קֶען מֵיינֶען אַז דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ חֲסִידִי'שֶׁער אִינְגֶערְמַאן, בִּיז דֶערְוַוייל אִיז דָאס סְתָּם אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְץ (אַ קַאסְטִיוּם); אִינֶעוֵוייניג אִיז מֶען אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, אָנְגֶעפִילְט מִיט זִינְד רַחֲמָנָא לִצְלָן. אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען טְרֶעפְן טֵייעֶרֶע פְלַאם פֵייעֶרְדִיגֶע אִינְגֶעלַייט וָואס לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה,

לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶענֶען מְדַקְדֵק אוֹיף יֶעדֶע מִנְהָג יִשְׂרָאֵל - אָנֶעם שְׁטְרַיימְל און אָנֶעם סַאמֶעטֶענֶעם הוּט.

**דַיין** וַוייבּ אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט מִיט דֶעם וָואס זִי רֶעדְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף חֲסִידִי'שֶׁע אִידְן, אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט עֶרְלִיךְ חַס וְשָׁלוֹם, אָבֶּער מִיטְן טַעֲנָה'עֶן וֶועסְטוּ אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָנְקוּמֶען, דוּ וֶועסְט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן.

**פָּאלְג** מִיךְ, לָאז אָפּ דִי וִכּוּחִים, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער; דוּ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קִינְדֶער מִיט אֱמוּנַת צַדִיקִים, קִינְדֶער צַדִיקִים - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן גְרוֹיסֶע נִסִים.

**קְרִיג** זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ; זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט טַעֲנָה'עֶן מִיט אִיר. מוֹהֲרַ"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: "מִיט אַ וַוייבּ טַעֲנָה'ט מֶען נִישְׁט"; אַנְשְׁטָאט זִיךְ אוֹיפְעֶסְן דָאס גֶעזוּנְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דוּרְךְ תְּפִלָּה וֶועסְטוּ אַלֶעס בַּאקוּמֶען.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרכח כח

## ווי אַזוֹי בְּרֶענְגְט מֶען צוּרִיק דִי קִינְדֶער נָאךְ דִי אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישְׁן פוּן קָארָאנֶע?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אִין בְּרוּקְלִין פַאר עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער, מֶען הַאלְט יֶעצְט נָאךְ דִי שְׁוֶועדֶע אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישְׁן פוּן קָארָאנֶע, דִי קִינְדֶער זֶענֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם צוּרִיק אִין חֵדֶר, אָבֶּער עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ לֶערְנֶען יֶעצְט מִיט זֵיי, עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ אַ שְׁטַארְקֶע הֶפְקֵרוּת אִין קְלַאס, נִישְׁט אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען מְחֻצָּפִים, נָאר פָּשׁוּט זֵיי זֶעעֶן אוֹיס ווִי קְרִיגְ'ס גֶעלִיטֶענֶע; זֵיי זֶענֶען גֶעזִיצְן אִינְדֶערְהֵיים צֶעקְוֶועטְשְׁט פַאר עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים, אָן צוּ לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג, אוּן אַסַאךְ עֶלְטֶערְן הָאבְּן אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער עֶלֶעקְטְרָאנִישֶׁע כֵּלִים ווָאס הָאט אַוֶועקְגֶענוּמֶען זֵייעֶר מֹחַ, אִיךְ בִּין זֵיי דָּן לְכַף זְכוּת אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אַנְדֶערֶע אוֹיסְוֶועג, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאט דָאס גָאר שְׁטַארְק אַפֶעקְטִירְט דִי קִינְדֶער, אַז זֵיי קֶענֶען כִּמְעַט נִישְׁט צוּלֵייגְן קָאפּ צוּ ווָאס מֶען לֶערְנְט.

אִיךְ ווֵייס נִישְׁט ווָאס טוּט זִיךְ אִין אַנְדֶערֶע קְלַאסְן אוּן אִין אַנְדֶערֶע חֲדָרִים, אָבֶּער אִיךְ קֶען זִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן בַּיי מִיר אִין קְלַאס, דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵייט צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּ אַ נָארְמַאלֶע סֵדֶר אוּן הֶערְן עֶפֶּעס אַ אִידִישׁ ווָארְט, אָבֶּער זֵייעֶר מֹחַ אִיז נִישְׁט דָא.

אִיךְ דֶערְצֵייל זֵיי אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אוּן דָאס גֶעבְּט זֵיי סִפּוּק, אִיךְ זוּךְ אָבֶּער אַ וֶועג ווִי אַזוֹי אִיךְ זָאל זֵיי קֶענֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אוֹיךְ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת דְּבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**יֶעצְט** אִיז דֶער דוֹר זֵייעֶר גֶעפַאלְן, וִויפִיל דֶער דוֹר אִיז גֶעוֶועְן גֶעפַאלְן אִיז יֶעצְט גֶעוָוארְן פַּחַד פְּחָדִים; עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַזֶעלְכֶע נִסְיוֹנוֹת אוֹיף קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט חָלוֹמְ'עֶן וָואס פַאר אַ נִסְיוֹנוֹת זֵיי הָאבְּן. זֵיי פַאלְן אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם, זֵיי פַאלְן אִין קְדֻשָּׁה, זֵיי פַאלְן אַרַיין אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, זֵיי וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט פוּן תַּאֲוַת נִיאוּף. זֵיי ווִילְן זַיין גוּט אָבֶּער זֵיי זֶעעֶן נִישְׁט קַיין וֶועג פַאר זִיךְ; אַ אִינְגְל קֶען הַיינְטִיגֶע טֶעג זֶען אִין אֵיין מִינוּט אַזֶעלְכֶע שְׁמוּץ וָואס מֶען הָאט אַמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶען אִין טוֹיזְנְט יָאר, אַלֶע מַגִּידֵי שִׁעוּרִים אוּן רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת שְׁרֵייעֶן אַז זֵיי זֶעעֶן נִישְׁט קַיין וֶועג וַוייטֶער מִיט דִי יוּגְנְט.

**יֶעצְט** אִיז אַ צַייט וָואס מֶען דַארְף פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַאר אַלֶעמֶען; דֶער רֶבִּי הָאט אַ וֶועג צוּ רַאטֶעוֶועְן דֶעם גַאנְצְן דוֹר, דֶער רֶבִּי וַוייזְט דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט מֶען זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן.

**לֵייג** אַרַיין אִין דַיינֶע תַּלְמִידִים אֱמוּנָה; דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, ווִי זֵיי הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן,

(דַארְפְסְט נִישְׁט רֶעדְן אִין נָאמֶען פוּן רֶבִּי'ן)[לג], דָאס וֶועט אוֹיפְפְלַאמֶען זַייעֶר הַארְץ זַיי זָאלְן אוֹיךְ וֶועלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הַיילִיג. רֶעד צוּ זַיי זַיי זָאלְן זַיין הֵיילִיג אוּן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן; דוּ קֶענְסְט נִישְׁט וִויסְן וָואס דִי וֶוערְטֶער וָואס דוּ פְּלַאנְצְט יֶעצְט אַיין וֶועט טוּן מִיט זַיי שְׁפֶּעטֶער, אַמָאל הֶערְט אַ קִינְד פוּן זַיין מְלַמֵּד אַ וָוארְט פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן דָאס בַּאגְלֵייט אִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ זַיי לֶערְנֶען זַיי זָאלְן נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין בַּבְּרִית קֹדֶשׁ; לֵייג אַרַיין אִין זַיי אַ פַּחַד זַיי זָאלְן נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קֹדֶשׁ, זָאג זַיי אַז מֶען לַיידְט אַ גַאנְץ לֶעבְּן אוֹיבּ מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט. וִוי יוּנְגֶער מֶען גֶעוואוֹינְט אַיין קִינְדֶער זַיי זָאלְן זַיין הֵיילִיג - אִיז זַיי גְרִינְגֶער, עֶס וֶוערְט בַּיי זַיי וִוי אַ טֶבַע צוּ זַיין הֵיילִיג.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ זַיי לֶערְנֶען זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן מְנֻוָּלִים; לֶערְן זַיי אוֹיס אַז מֶען קֶען קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן, עֶס קֶען אַמָאל זַיין אַ מֶענְטְש וָואס זֶעט אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן וִוי אַ חָשׁוּב'עֶר מֶענְטְשׁ, אַ פֶּעטֶער, אַ בְּרוּדֶער אָדֶער גָאר אַ זֵיידֶע - נִישְׁט קַיין נַפְקָא מִינָהּ, מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַ קִינְד: "קֵיינֶער טָאר דִיךְ נִישְׁט אָנְרִירְן אוּן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט דִיר, קֵיינֶער טָאר דִיר נִישְׁט אָנְכַאפְּן דֶעם אוֹת בְּרִית קֹדֶשׁ".

**עֶס** אִיז שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם אוּן עֶס אִיז נִישְׁט אַנְגֶענֶעם צוּ שְׁרַייבְּן פוּן דֶעם, אָבֶּער מֶען מוּז רֶעדְן פוּן דֶעם; אַ

לג. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, פְּרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב אֶלֶף.

מְלַמֵד דַארְף וויסְן אַז עֶס לִיגְט אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶע אַחֲרָיוּת אַז זַיינֶע תַלְמִידִים זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן גֶעזוּנְט, אוֹיבּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ דִי קִינְדֶער, מֶען גְרֵייט זֵיי נִישְׁט אָן - בַּאקוּמְט מֶען נָאכְדֶעם אַ גְרוֹיסֶער עֹנֶשׁ. אַזוֹי ווִי דִי מַעֲשֶׂה וָואס אֵלִיָהוּ הַנָבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ רַבָּה, פֶּרֶק יח): "אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעגַאנְגֶען אִין אַ שְׁטָאט אִין חוּץ לָאָרֶץ, אִין בָּבֶל, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ מְלַמֵד וָואס הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ תַלְמִידִים - צְוֵויי הוּנְדֶערְט תַלְמִידִים אִין דִי יָארְגֶענְג פוּן אַכְצְן בִּיז צְוָואנְצִיג יָאר, נָאךְ אַ יָאר בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם שְׁטָאט אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן דֶעם מְלַמֵד, הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער מְלַמֵד אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְן; אַלֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְן, זַיין וַוייבּ, זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַלֶע תַלְמִידִים, אוּן עֶס זֶענֶען נָאר אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן אַפָּאר יוּנְגֶע תַלְמִידִים, 'וְהָיִיתִי בּוֹכֶה וּמִתְאַנֵּחַ עֲלֵיהֶם', הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וַויינֶען, טְרַאכְטְנְדִיג צוּ מִיר: 'פַארְוָואס אִיז דֶער מְלַמֵד, זַיין מִשְׁפָּחָה מִיט דִי תַלְמִידִים - גֶעשְׁטָארְבְּן?' בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל אוּן מִיר גֶעפְרֶעגְט: 'אֵלִיָהוּ, פַארְוָואס וַויינְסְטוּ?' הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: 'צִי דֶען זָאל אִיךְ נִישְׁט וַויינֶען, אַז דִי אַלֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְן?' הָאט מִיר דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: 'וַויין נִישְׁט אֵלִיָהוּ', הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט: 'פַארְוָואס זָאל אִיךְ נִישְׁט וַויינֶען?' הָאט מִיר דֶער מַלְאָךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: 'וְאָמַר לִי שֶׁהֵן הָיוּ עוֹשִׂין דְבָרִים מְכֹעָרִים וּדְבָרִים שֶׁאֵינָן רְאוּיִין, וּמְקוּלְקָלִין בְּעַצְמָם, וְהָיוּ מוֹצִיאִין שִׁכְבַת זֶרַע חִנָּם וְהֵן לֹא הָיוּ יוֹדְעִין בְּעַצְמָן שֶׁהַמִּיתָה מַשִׂיגָתָן', זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים;

זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן עֲבֵירוֹת אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, זֵיי הָאבְּן מוֹצִיא גֶעוֶועןֶ זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט דֶער סוֹף פוּן דִי עֲבֵירָה", זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס אַחְרָיוּת וָואס לִיגְט אוֹיף מְלַמְּדִים.

**וִויפִיל** בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וֵויינֶען אוּן שְׁרַייעֶן אַז זֵיי הָאבְּן הַיינְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן וַוייל זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה; קֵיינֶער הָאט זֵיי נִישְׁט אָנְגֶעגֶרֵייט פוּן פָארְאוֹיס זֵיי זָאלְן זִיךְ הִיטְן אוּן נִישְׁט זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, זֵיי זֶענֶען נֶעבֶעךְ נִישְׁט שׁוּלְדִיג, מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט אָנְגֶעגֶרֵייט.

**אַז** דִי קִינְדֶער וֶועלְן זַיין הֵיילִיג אוּן אָפְּגֶעהִיטְן וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען; דוּ זֶע אַז דֶער פוּנְדַאמֶענְט זָאל זַיין גוּט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתרכט כט

### פַארְוָואס הֶעלְפְט מִיר נִישְׁט דִי תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל צוּם עֶרְשְׁט זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע עֵצוֹת אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן אוֹיף אַלֶע חִזּוּק; דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מַמָּשׁ גֶעראַטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן.

דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט בַּיי דִי שִׁעוּרִים אַז דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִיז צוּ לֶערְנֶען דֶעם דַף גְּמָרָא אוּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ פְּרוּבִיר דָאס צוּ טוּן אָבֶּער עֶס הֶעלְפְט מִיר נִישְׁט צוּפִיל, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

אוֹיךְ וִויל אִיךְ פְרֶעגְן, אִיךְ בִּין אַ גְרוֹיס אוּן מַיין מַאמֶע וִויל אִיךְ זָאל גֵיין אוֹיף טֶערָאפִּי, אִיךְ הֶער אָבֶּער פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה כְּסֵדֶר אַז טֶערָאפִּי הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס אִיז נָאר אַ וֶועג אַרוֹיסְצוּשְׁלֶעפְּן גֶעלְט; וָואס זָאל אִיךְ טוּן?[לד]

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**נִישְׁט** אִיךְ זָאג דָאס, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ לִילִית, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", תַּלְמוּד בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע וִוי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, וֶוען מֶען לֶערְנְט גְּמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִפָּה, מֶען וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַרָאפְּפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה.

**נָאךְ** זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִלּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד

---

לד. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, פְּרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תתקסז.

שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִלּוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדֻשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כָּךְ וְכָךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וָוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שְׁמוּעֶס, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס פַאלְט אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִצְלָן?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס"; אֲפִלּוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז גֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיב עֶר וֶועט לֶערְנֶען תּוֹרָה וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי בְּלָאטֶע.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דָאס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דַיין שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהֵייט, דוּ וֶועסְט אוֹיפְהֶערְן

פַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה. בִּזְכוּת וָואס דוּ לֶערְנְסְט תּוֹרָה וֶועסְטוּ טְרֶעפְן בְּקָרוֹב אַ גוּטֶע שִׁדּוּךְ, דוּ וֶועסְט קֶענֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן.

**בְּנוֹגֵעַ** טֶערָאפִּי; עֲנֶדעְרְשׁ פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת. מַאךְ אַ צַייט זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין אָנְהוֹיב וֶועט דִיר דָאס זַיין שְׁוֶוער, וַוייל וֶוען מֶען זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה וֶוערְט פַארְלָאשְׁן דִי אֱמוּנָה, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ אִים, אָבֶער אַז מֶען בְּרֶעכְט עֶס דוּרְךְ, מֶען נֵייט זִיךְ צוּ דֶעם - וֶוערְט מִיט דִי צַייט אוֹיפְגֶעבּוֹיט דִי אֱמוּנָה.

**דַארְפְסְט** זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דַיין מַאמֶע; זָאג אִיר אַז דוּ וֶועסְט גֵיין צוּ אַ טֶערָאפִּיסְט, אַזוֹי וֶועט זִי נִישְׁט הָאבְן קַיין צַעַר פוּן דִיר אוּן אַנְשְׁטָאט גֵיין רֶעדְן צוּ אַ בָּשָׂר וָדָם, וָואס נִישְׁט נָאר עֶר קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶר קֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן - אִיז וִוי אַזוֹי קֶען עֶר הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע? - זָאלְסְטוּ גֵיין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶס מִיט אִים, דֶערְצֵייל אִים דַיין לֶעבְן, דֶערְצֵייל אִים דַיינֶע וֵוייטָאגְן אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְן אוֹיף דִיר, דוּרְכְדֶעם וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִיר אַלֶע צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ.

**זֶוען** מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס הִתְבּוֹדְדוּת אִיז, וִוי גֶעזוּנְט דָאס אִיז פַארְן מֶענְטְשׁ, וִוי עֶס שְׁטַארְקְט דֶעם מֶענְטְשׁ - וָואלְטְן אַלֶע אָפְּגֶעלָאזְט דִי פּוֹתְרֵי חֲלוֹמוֹת, יֶעדֶער וָואלְט זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט דֶעם; דָאס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ

וֶועט קוּמֶען. מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין יֶעדְן אֵיינֶעם; אַנְשְׁטָאט גֵיין בֶּעטְן טוֹבוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן, אַנְשְׁטָאט רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן - וֶועט זִיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער בַּאשֶׁעפְטִיגְן נָאר מִיט אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה יא, ט): "כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה', כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶועט זַיין פַארְנוּמֶען נָאר מִיט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס קֶען מֶען שׁוֹין יֶעצְט זוֹכֶה זַיין, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט גֵיין צוּ קֵיינֶעם אוּן נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן קֵיינֶעם - נָאר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתרל ל

### וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַאן וִויל מִיר נִישְׁט גֶעבְּן קַיין גֶעלְט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ בֶּעט גֶעלְט פוּן מַיין מַאן אוּן עֶר גֶעבְּט מִיר נִישְׁט? אִיךְ בֶּעט אִים שֵׁיינֶערְהֵייט אוּן עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶר הָאט נִישְׁט, אִיךְ זֶע אָבֶּער אַז פַאר זַיינֶע זַאכְן הָאט עֶר יָא גֶעלְט, נָאר וֶוען אִיךְ בֶּעט אִים הָאט עֶר נִישְׁט פַאר מִיר, דָאס מַאכְט מִיךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן; וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', צְפַת**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

**זַייט** נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר; אִיר מֵיינְט אַז עֶר ווִיל אַייךְ נִישְׁט גֶעבְּן גֶעלְט? אִיר מֵיינְט אַז אִים טוּט נִישְׁט וַויי וֶוען אִיר בֶּעט אִים גֶעלְט אוּן עֶר הָאט אַייךְ נִישְׁט צוּ גֶעבְּן? עֶר ווִיל אַייךְ גֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע גֶעלְט, וָואס זָאל עֶר טוּן אַז עֶר הָאט נִישְׁט? וָואס זָאל עֶר טוּן אַז זַיין פַּרְנָסָה אִיז בְּצִמְצוּם.

**אַז** אִיר דַארְפְט גֶעלְט אוּן אַייעֶר מַאן הָאט אַייךְ נִישְׁט צוּ גֶעבְּן - זָאלְט אִיר נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, אָדֶער זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף זִיךְ וְכוּ'; דָאס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן עֶר זָאל אַייךְ גֶעבְּן גֶעלְט, אֵיין עֵצָה אִיז דָא, זַייט פְרֵיילִיךְ, דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַ מַאן, דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַ שְׁטוּב, דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זֶענְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט עֶנְק.

**אִיר** מֵיינְט אַז אַייעֶר מַאן אִיז אַן עֶי-טִי-עֶם מַאשִׁין? עֶר אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ קֶענֶען בְּרֶענְגֶען גֶעלְט; אַז עֶר הָאט נִישְׁט - זָאלְט אִיר אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אִיר זָאלְט אִים מוּטִיגְן - דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען שֶׁפַע.

**וִויסְן** זָאלְט אִיר אַז שָׁלוֹם אִיז דִי כֵּלִי פַאר שֶׁפַע; אַ פְּרוּי מִיט שֵׂכֶל, אַ פְּרוּי מִיט חָכְמָה - וֶועט אַלֶעס טוּן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּב, זִי וֶועט מַאכְן אַ כֵּלִי צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דִי שֶׁפַע פוּנֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן.

**זַייט** זִיךְ מְקַבֵּל צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער פוּן אִינֶעוֵוייניג, דָאס אִיז מְסֻגָּל פַאר עֲשִׁירוּת. מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵּק זַיין מִיר זָאלְן בֶּענְטְשְׁן אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר זַיין גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים.

**אוֹיךְ** זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְן אַז דִי שְׁטוּב זָאל זַיין רֵיין; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קיא:) אַז דֶער מַלְאָךְ וָואס מַאכְט אָרֶעם וואוֹינְט צְוִוישְׁן שְׁמוּץ, אִין אַ שְׁטוּב וָואס אִיז נִישְׁט רֵיין קוּמְט דִי קְלִפָּה אוּן בְּרֶענְגְט עֲנִיוּת.

**דִי** גֶעלְט קוּמְט בִּזְכוּת אַייךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סט): "כִּי עִקַּר הָעֲשִׁירוּת עַל יְדֵי הָאִשָּׁה"; זַייט פְרֵיילִיךְ אוּן מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַייעֶר מַאן - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עֲשִׁירוּת.

**דֶער** אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרלא לא

## ווי אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ קִינְדֶער אִיבֶּערְן דְרִיטְן בֵּית הַמִקְדָשׁ?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁטְן אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, וָואס מֶען קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיסְרֶעכֶענֶען.

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד אוּן אִיךְ הָאבּ צְווֵיי קוּרְצֶע וִויכְטִיגֶע שְׁאֵלוֹת בְּנוֹגֵעַ דִי יֶעצְטִיגֶע זְמַן, בֵּין הַמְצָרִים.

אֵיינְס, ווי בַּאקַאנְט אִיז דָא אַ מַחְלֹקֶת בְּנוֹגֵעַ דִי דְרִיטֶע בֵּית הַמִקְדָשׁ צִי דָאס וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען פוּן הִימְל אָדֶער מִיר וֶועלְן דָאס בּוֹיעֶן; וָואס זָאגְט מֶען פַאר קִינְדֶער פוּן אַכְט נַיין יָאר?

צְווֵייטְנְס, אִיז דָא אַ מְקוֹר צוּ דֶעם וָואס מֶען זָאגְט אַז מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען טוּט וֶוערְט צוּגֶעלֵייגְט נָאךְ אַ שְׁטֵיין פַארְן דְרִיטְן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן חָלִילָה פַארְקֶערְט נֶעמְט מֶען אַרָאפּ אַ שְׁטֵיין, אָדֶער אִיז דָאס סְתַּם אַ שֵׁיינֶע דִמְיוֹן?

בִּיטֶע עֶנְטְפֶערְט מִיר לְתוֹעֶלֶת הַתַּלְמִידִים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרָשַׁת דְּבָרִים, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵד, דוּ לֶערְנְסְט מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן - שֶׁלֹא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא.**

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): "אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּם אֶלָּא בִּשְׁבִיל הֶבֶל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן", דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער, "אֲמַר לֵיהּ רַב פָּפָּא לְאַבַּיֵי, דִידִי וְדִידָךְ מַאי", הָאט רַב פָּפָּא גֶעפְרֶעגְט פוּן אַבַּיֵי: 'וָואס אִיז מִיט אוּנְזֶער תּוֹרָה?' "אֲמַר לֵיהּ", הָאט אִים אַבַּיֵי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אֵינוֹ דוֹמֶה הֶבֶל שֶׁיֵּשׁ בּוֹ חֵטְא לְהֶבֶל שֶׁאֵין בּוֹ חֵטְא", עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פַארְגְלַייךְ תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער וָואס זֵיי וֵוייסְן נָאכְנִישְׁט פוּן קַיין עֲבֵירָה, זֵיי הָאבְן נָאכְנִישְׁט טוֹעֵם גֶעוֶוען קַיין עֲבֵירָה - אוֹיף זֵייעֶר תּוֹרָה שְׁטֵייט דִי וֶועלְט.

**אוֹיף** דַיינֶע שְׁאֵלוֹת: וָואס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וֶוער וֶועט בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, צִי וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען אַ פַייעֶרְדִיגֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ פוּן הִימְל אָדֶער וֶועט מֶען דָאס בּוֹיעֶן וְכוּ'; דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק יב מֵהִלְכוֹת מְלָכִים וּמִלְחָמוֹת, הֲלָכָה ב): "וְכָל אֵלּוּ הַדְּבָרִים וְכַיּוֹצֵא בָּהֶן, לֹא יֵדַע אָדָם אֵיךְ יִהְיוּ עַד שֶׁיִּהְיוּ", דִי אַלֶע זַאכְן, וָואס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען - וֵוייסְט מֶען נִישְׁט בִּיז עֶס וֶועט זַיין, "שֶׁדְּבָרִים סְתוּמִין הֵן אֵצֶל הַנְּבִיאִים, גַּם הַחֲכָמִים אֵין לָהֶם קַבָּלָה בִּדְבָרִים אֵלּוּ", וַוייל דִי זַאכְן זֶענֶען פַארְהוֹילְן פוּן אוּנְז, אֲפִלּוּ פוּן דִי נְבִיאִים אוּן פוּן דִי חֲכָמִים אִיז דָאס פַארְהוֹילְן, "וּלְפִיכָךְ יֵשׁ לָהֶם מַחְלֹקֶת בִּדְבָרִים אֵלּוּ", דֶערִיבֶּער אִיז דָא אַסַאךְ מַחְלֹקֶת אִין דִי זַאכְן - וָואס אוּן ווִי אַזוֹי עֶס וֶועט זַיין.

**דֶערְפַאר** זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם: "לְעוֹלָם לֹא יִתְעַסֵּק אָדָם בְּדִבְרֵי הַהַגָּדוֹת, וְלֹא יַאֲרִיךְ בַּמִּדְרָשׁוֹת הָאֲמוּרִים בְּעִנְיָנִים אֵלּוּ וְכַיּוֹצֵא בָּהֶן, וְלֹא יְשִׂימֵם עִקָּר", מֶען זָאל נִישְׁט צוּפִיל

אַרײַנְקְלֶערְן וָואס און ווי אַזוֹי עֶס וֶועט זַיין נָאכְדֶעם וָואס מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, "שֶׁאֵין מְבִיאִין לֹא לִידֵי יִרְאָה וְלֹא לִידֵי אַהֲבָה", וַוייל פון דֶעם קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ; דֶער עִקָּר דַארְפְן מִיר זֶען וָואס מִיר קֶענֶען טוּן צוּ בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ.

דֶערִיבֶּער, אַנְשְׁטָאט צוּ חַקְרְ'נֶען ווי אַזוֹי וֶועט זַיין, וָואס וֶועט זַיין וְכוּ' - דַארְפְן מִיר זֶען צוּ טוּן מִצְווֹת און גוּטֶע מַעֲשִׂים אַז מָשִׁיחַ זָאל שׁוין קוּמֶען. און וֶוען מִיר וֵויינֶען און קְלָאגְן אוֹיפְן חֻרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ דַארְפְן מִיר וֵויינֶען אוֹיף אוּנְזֶער חֻרְבָּן, אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן סז) וֶוען מֶען קְלָאגְט אוֹיפְן חֻרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וֵויינְט מֶען נִישְׁט אַז אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ חֻרְבָּן, נָאר מֶען וֵויינְט אוֹיפְן הַיינְטִיגְן חֻרְבָּן; אַז מִיר זֶענֶען חָרוּב וְנֶחְרַב, מִיר זֶענֶען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און מִיר זֶענֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרײַנְגֶעטוּן אִין אוּנְזֶערֶע תַּאֲווֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, מִיר דַארְפְן זֶען מִיר זָאלְן נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן דִי גְאֻלָּה; דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעהֵייסְן מִיר זָאלְן אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת זָאגְן תִּקּוּן חֲצוֹת וַוייל אֶפְשַׁר זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען אִינֶעם פָארִיגְן גִּלְגּוּל דִי וָואס הָאבְּן גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ זָאל חָרוּב וֶוערְן און אֲפִלּוּ מִיר הָאבְּן נִישְׁט חָרוּב גֶעמַאכְט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ: - "אוּלַי הוּא מְעַכֵּב עַתָּה בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ", אֶפְשַׁר זֶענֶען מִיר דִי וָואס הַאלְטְן אָפּ דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ פוּן צוּרִיק אוֹיפְגֶעבּוֹיט וֶוערְן, "וְנֶחֱשָׁב גַּם כֵּן כְּאִלּוּ הוּא גָּרַם לְהַחֲרִיבוֹ", אִיז דָאס אַזוֹי ווי מִיר וָואלְטְן דָאס חָרוּב גֶעמַאכְט.

רֶעד אַסאַך צוּ דִי קִינְדֶער קֶעגְן מַחְלֹקֶת אוּן שִׂנְאַת חִנָּם; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא ט.) דִי עֶרְשְׁטֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן וַוייל מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי דְרֵיי הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, דִי צְוֵוייטֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן נָאר וֶועגְן שִׂנְאַת חִנָּם, פִּירְט דִי גְּמָרָא אוֹיס: "וַעֲדַיִן מְרַקֵּד בֵּינָן", דִי עֲבֵירָה אִיז נָאכְאַלְץ צְווִישְׁן אוּנְז; בְּרֶענְג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַהֲבַת חִנָּם, זֵיי זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, זֵיי זָאלְן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אֵיינֶער פַארְן צְוֵוייטְן, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען ווִי אַזוֹי דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וֶועט גֶעבּוֹיט וֶוערְן.

**אוֹיף** דַיין צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע; ווִי מֶעג מֶען זָאגְן אוֹיף אַזאַ זַאךְ אַז דָאס אִיז אַ דִמְיוֹן? אַוַדַאי אַזוֹי! מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען טוּט אִיז מֶען מְקָרֵב דִי גְּאֻלָּה.

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן רָאפְּשִׁיצֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (זֶרַע קֹדֶשׁ פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל כִּי תִבְנֶה בַּיִת חָדָשׁ): "בְּכָל יוֹם שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת ה' בּוֹנֶה אֶת יְרוּשָׁלַיִם וּבֵית הַמִּקְדָּשׁ", דוּרְךְ אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים וֶוערְט גֶעבּוֹיט דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט דָארְט: "שָׁמַעְתִּי מֵהָרַב הַקָּדוֹשׁ מוֹרֵנוּ הָרַב אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ", אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז עֶר הָאט גֶעמַאכְט עֲלִיַּת נְשָׁמָה אוּן גֶעזֶען ווִי מֶען טְרָאגְט דִי כֵּלִים פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט: "דִי כֵּלִים הָאסְטוּ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן גָּלוּת מִיט דַיינֶע מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים",

וַוייל מִיט דִי מִצְווֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס מֶען טוּט - בּוֹיט מֶען דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ.

**מֶען** טָאר נִישְׁט זָאגְן אַז דָאס אִיז אַ שֵׁיינֶער דִמְיוֹן; עֶס אִיז אֱמֶת וְיַצִיב אַז וֶוען אַ אִיד טוּט אַ מִצְוָה בְּרֶענְגְט עֶר אַ צִיגְל צוּם בֵּית הַמִקְדָשׁ און וֶוען מֶען זִינְדִיגְט נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַ צִיגְל און מֶען אִיז מְעַכֵּב אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען, אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אִין דִי הַקְדָמָה פוּן זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר וַיוֹאֶל מֹשֶׁה (דַף ט), אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ אַמָאל אָנְגֶערוּפְן בַּיים טִישׁ: "דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז שׁוֹין גְרֵייט, עֶס אִיז שׁוֹין גֶעבּוֹיט און גְרֵייט, עֶס פֶעלְט נָאר דֶעם פָּרֹכֶת", הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ'לֶע פוּן טָאמָאשׁוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "מִיר גְלֵייבְּן אַז דֶער רַב קֶען עֶנְדִיגְן דֶעם פָּרֹכֶת", דֶער צַאנְזֶער רַב אִיז שְׁטִיל גֶעבְּלִיבְּן און אִים גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט. אַ צְווייטֶע מָאל אִינְמִיטְן פִירְן טִישׁ הָאט זִיךְ דֶער צַאנְזֶער רַב אָנְגֶערוּפְן און גֶעזָאגְט: "וֶוער זָאגְט אַייךְ אַז אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם פָּרֹכֶת? אִיךְ הָאב טַאקֶע צוּגֶעעֶנְדִיגְט דֶעם פָּרֹכֶת פוּנֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ רָשָׁע און גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, מִיט דֶעם הָאט עֶר דָאס צֶערִיסְן".

**דָאס** זָאלְסְטוּ אַריינְלֵייגְן און אַרַיינְבַּאקְן אִין דַיינֶע תַּלְמִידִים, זֵיי זָאלְן ווִיסְן און גֶעדֶענְקֶען אַז יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ אִיד טוּט - בְּרֶענְגְט עֶר דוּרְכְדֶעם נָאךְ אַ צִיגְל צוּם בֵּית הַמִקְדָשׁ און עֶר אִיז מְקָרֵב דִי גְאֻלָּה, און מִיט יֶעדֶע שְׁלֶעכְטֶע

זַאךְ וָואס מֶען טוּט - צֶעבְּרֶעכְט מֶען דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, מֶען צֶערַייסְט דֶעם פָּרֹכֶת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דַיינֶע תַּלְמִידִים.

## תתרלב לב

### זָאל אִיךְ גֵיין זִיךְ אוּנְטֶערְזוּכְן אוֹיב אִיךְ הָאבּ דִי קָארָאנֶע וֵוייִרוּס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קֹדֶם כֹּל וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף דִי שֵׁיינֶע שִׁעוּרִים.

אִיךְ גֶעפִין זִיךְ יֶעצְט אִינְדֶערְהֵיים אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט, מִיט אַלֶע סִימָנִים פוּן דִי קָארָאנֶע וֵוייִרוּס אוּן אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל גֵיין מַאכְן אַ טֶעסְט אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ טַאקֶע דִי קָארָאנֶע; אוֹיךְ דַארְף אִיךְ חִזּוּק אוֹיף דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי עֵצָה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי מַחֲלָה קָארָאנֶע וֵוייִרוּס אוּן פוּן אַלֶע מַחֲלוֹת אִיז נָאר דוּרְךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן הָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ, וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין דֶעפְּרֶעסְט. וַוייל אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען וַוייל מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ. אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "גַּם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ, שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֳלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אֲפִלּוּ דִי דָאקְטוֹירִים זָאגְן אַז אַלֶע מַחֲלוֹת קוּמֶען פוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן פוּן זַיין נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ דְרֵייט זִיךְ אַרוֹיס פוּן קְרַאנְקֶע אוּן פוּן אַלֶע מַחֲלוֹת; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יח, יד): "רוּחַ אִישׁ יְכַלְכֵּל מַחֲלֵהוּ", אַ מֶענְטְשׁ וָואס זַיין מַצָּב רוּחַ אִיז גוּט, עֶר אִיז גוּטְמוּטִיג - קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיין מַחֲלָה, "וְרוּחַ נְכֵאָה, מִי יִשָּׂאֶנָּה", אוּן אֵיינֶער מִיט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע גֵייסְט קֶען נִישְׁט אַרִיבֶּערְטְרָאגְן דִי קְרַאנְקְהֵייט, דָאס צֶעבְּרָאכְנְקֵייט מַאכְט אִים פַאלְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן; גֵיי נִישְׁט צוּ קַיין דָאקְטוֹירִים, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט הֶעלְפְן. זֵיי זָאגְן קְלָאר 'מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וָואס דָאס אִיז, וִוי אַזוֹי מֶען בַּאגֵייט זִיךְ מִיט דֶעם'; אַלֶע זֶענֶען מוֹדֶה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - עֶר אַלֵיין פִירְט דִי וֶועלְט אוּן קֵיינֶער אַנְדֶערְשׁ. מַאךְ נִישְׁט קַיין שׁוּם טֶעסְט, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט אוּן עֶס אִיז נִישְׁט מַעֲלֶה

און נִישְׁט מוֹרִיד, וֶועסְטוּ זֶען אַז בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט וֶועסְטוּ זַיין גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק.

**אוֹיךְ** בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן דִי נַייעֶס; דִי נַייעֶס וַוארְפְּט אַ פַּחַד און אַ שְׁרֶעק, מֶען טָאר נִישְׁט הֶערְן קַיין נַייעֶס. אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען אַייְנְגֶעטוּנְקֶען אִין נַייעֶס, דִי קֶענֶען מַמָּשׁ נִישְׁט לֶעבְן; דִי פַּחַד פוּן דִי נַייעֶס - דָאס אַלֵיינְס אִיז עֶרְגֶער פוּן דִי גַאנְצֶע מַחֲלָה קָארָאנֶע, מֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן פוּן דִי פַּחַד און בֶּהָלָה ווִי פוּן דִי קָארָאנֶע אַלֵיין.

**אַזוֹי** ווִי דֶער הֵיילִיגֶער בֶּן אִישׁ חַי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אַ מַעֲשֶׂה פֶּלֶא (בֶּן יְהוֹיָדָע בָּבָא קַמָּא, דַּף ס מִדַּפֵּי הַגְּמָרָא) וָואס הָאט פַּאסִירְט, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע עֶפִּידֶעמְיֶע, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַגֵּיפָה, אַ מַחֲלָה מִיטְן נָאמֶען קוֹלִירֶ"ע. פַאר דִי מַחֲלָה הָאט זִיךְ פַארְשְׁפְּרֵייט הָאט אֵיינֶער גֶעטְרָאפְן דֶעם מַשְׁחִית וָואס אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁטֶעלְט אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דִי קְרֶענְק און אִים גֶעפְרֶעגְט וִויפִיל מֶענְטְשְׁן עֶר גֵייט הַרְגֶ'עֶנֶען דוּרְךְ דִי קְרֶענְק קוֹלִירֶ"ע, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "פִינְף טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן", לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען גֶע'הַרְגְ'עֶט גֶעוָוארְן פוּפְצְן טוֹיזְנְט נְפָשׁוֹת דוּרְךְ דִי מַחֲלָה קוֹלִירֶ"ע, שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט דֶעם מַשְׁחִית: "פַארְוָואס זָאגְסְטוּ לִיגְנְט? הָאסְט גֶעזָאגְט אַז דוּ גֵייסְט הַרְגֶ'עֶנֶען מִיט דִי קוֹלִירֶ"ע פִינְף טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן, לְמַעֲשֶׂה הָאסְטוּ גֶע'הַרְגְ'עֶט פוּפְצְן טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן?!" הָאט דֶער מַשְׁחִית גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ נָאר גֶע'הַרְגֶ'עֶט מִיט מַיין שְׁוֶוערְד קוֹלִירֶ"ע פִינְף טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן, דִי אִיבְּרִיגֶע צֶען

טוֹיזְנְט זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן פוּן שְׁרֶעק אוּן פַּאנִיק"; זֶעט מֶען אַז דִי שְׁרֶעק אוּן פַּאנִיק אִיז עֶרְגֶער פוּן דִי מַחֲלָה זֶעלְבְּסְט.

**שְׁטַארְק** זִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר גֶעבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה.

# תתרלג לג

**וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען מַיין וַוייבּ פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶע גִיסְטֶע?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן וָואס מֶען טוּט וֶוען דִי וַוייבּ פַאלְט אַרַיין אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע שְׁטִימוּנְג, וֶוען זִי וֶוערְט טְרוֹיעֶרִיג אוּן אָנְגֶעצוֹיגְן?

אִיךְ וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן אוּן אִיךְ בִּין בְּדֶרֶךְ כְּלַל נִישְׁט בֵּייז, אָבֶער וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיר אוֹיפְהֵייבְּן אוּן מַאכְן פְרֵיילִיךְ? אִיךְ פְּרוּבִיר אַסַאךְ זַאכְן אוּן עֶס גֵייט מִיר גָארְנִישְׁט, וָואס טוּט מֶען?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וַוייל** אִיז דִיר אַז דוּ גֶעבְּסְט אַכְטוּנְג אִין שְׁטוּבּ אוֹיף דַיין וַוייבּ, דוּ פְּרוּבִירְסְט מִיט אַלֶע וֶועגְן אִיר פְרֵיילִיךְ צוּ

מַאכְן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו:): "אִשָּׁה, בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ", דֶער מַאן הָאט אַ מִצְוָה פְּרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן זַיין וַוייבּ.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעוָואַרְנְט מִיר זָאלְן רֶעדְן שַׁיין אִין שְׁטוּבּ אוּן הַאלְטְן טֵייעֶר דִי וַוייבּ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם", דִי פְרוֹיעֶן לַיידְן גָאר אַסַאךְ צַעַר אוּן וֵוייטָאג פוּן דִי קִינְדֶער, "צַעַר הָעִבּוּר", זֵיי לַיידְן בְּשַׁעַתְ'ן טְרָאגְן, "וְהַלֵּדָה", נָאכְדֶעם דִי צַעַר פוּן גֶעבּוֹירְן, "וְהַגִּדּוּל", אוּן צַעַר פוּן אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער, "כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם", אַזוֹי וִוי עֶס אִיז פַאר יֶעדְן בַּאקַאנְט וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי זַאכְן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם, סִימָן רסג) עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁמוּעֶס מִיטְן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען זֶעט בַּיי אִינְגֶעלַייט אַז זֵיי צֶעטֵיילְן זִיךְ פַאר אַ שְׁטִיק צַייט אוּן אַסַאךְ מָאל עֶנְדִיגְט זִיךְ דָאס מִיט אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "שֶׁזֶּה מַעֲשֵׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דָאס אִיז מַעֲשֵׂה שָׂטָן, דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, ווייל אַז מֶען אִיז אָן אַ וַוייבּ וַוארְפְט עֶר אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין זַיין נֶעץ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

**דֶערפַאר** זָאלְסְטוּ וַוייטֶער פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת פְרֵיילִיךְ
צוּ מַאכְן דַיין וַוייבּ; עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג פְרֵיילִיךְ
צוּ מַאכְן דִי וַוייבּ, אָבֶּער דָאס אִיז דִי יְסוֹד פוּן קְדֻשָּׁה. וַוייל וֶוען עֶס אִיז דָא שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ - דֶעמָאלְט הֶערְשְׁט אַ הֵיילִיגְקֵייט, מֶען הָאט אַ רֵיינֶע מֹחַ - מַחְשָׁבָה, מֶען זוּכְט נִישְׁט פְרֶעמְדֶע זַאכְן, מֶען אִיז צוּפְרִידְן מִיט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן.

**זֶע** צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ; אַ פְרוֹי הָאט זֵייעֶר לִיבּ צוּ זֶען
אִיר מַאן לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ, זִי הוֹיבְּט אָן קוּקְן אַנְדֶערְשׁ
אוֹיף אִים, זִי הוֹיבְּט אִים אָן הַאלְטְן חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ רֶעדְן וֵוייךְ אוּן שֵׁיין; צוּ אַ פְרוֹי דַארְף מֶען
רֶעדְן וֵוייכֶע רֵייד, פוּטֶער וֶוערְטֶער. לֶערְן זִיךְ פוּנֶעם
אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶר הָאט גֶעהֵייסְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ רֶעדְן צוּ דִי אִידְן, זֵיי גֶעבְּן דִי תּוֹרָה - הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל רֶעדְן וֵוייכֶע רֵייד צוּ דִי פְרוֹיעֶן (שְׁמוֹת יט, ג). בַּאנוּץ זִיךְ נִישְׁט מִיט שַׁארְפֶע וֶוערְטֶער: "נוּ, קוּמְסְט שׁוֹין?" אָדֶער: "בִּיסְט נָאכְאַלְץ נִישְׁט גְרֵייט?!" זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹי צוּ אִיר, וֶועט זִי נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גִיסְטֶע.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין
אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרלד לד

## וָואס טוּ איך אַז מַיין טָאכְטֶער ווִיל נָאר זִיך אָנְטוּן שֵׁיין?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

רֵאשִׁית כֹּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע דִבְרֵי חִזּוּק וְהַדְרָכָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ וַוייטֶער גֶעבְּן כֹּחַ און מוּט אָנְצוּגֵיין מִיט דִי עֲבוֹדַת הַקֹּדֶשׁ צוּ הֶעלְפְן און מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אַצִינְד צוּ מַיין שְׁאֵלָה, אִיךְ הָאבּ אַ טָאכְטֶער, אַ גְרֶעסֶערֶע מֵיידְל, אַ וואוּיל קִינְד, זִי צִיט אָבֶּער זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ דִי אַלֶע הַיינְטִיגֶע מָאדֶעס און סְטֵיילְס, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אוֹיפְפַאלְנְד, זִי פַארְשְׁטֵייט אָבֶער נִישְׁט דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן צְנִיעוּת וְכַדוֹמֶה און דָאס קָאסְט אוּנְז אַסַאךְ כֹּחַ און מִי, מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אִיז דַוְקָא מֶער צוּ דִי פְרוּמֶערֶע זַייט.

ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס מֶען קֶען טוּן אִיר צוּ אִיבֶּערְצֵייגְן דִי חֲשִׁיבוּת און ווִיכְטִיגְקֵייט פוּן צְנִיעוּת און בַּאשֵׁיידְנְקֵייט, און בִּכְלַל - נִישְׁט צוּ זַיין פַארְנוּמֶען בְּלויז מִיט קְלֵיידוּנְג און פָּאן, נָאר מֶער תּוֹכְנְ'דִיג, ווִי אַ אִידִישֶׁע טָאכְטֶער דַארְף זִיךְ פִירְן, אוֹיךְ ווֶעלְכֶער לִמּוּדִים און סְפָרִים זִי זָאל לֶערְנֶען.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ און הַצְלָחָה מְרוּבָּה.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרָשַׁת דְּבָרִים, ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין; אַז דַיין טָאכְטֶער אִיז עֶרְלִיךְ און וואוּיל, זִי גֵייט אָנְגֶעטוּן

## אִידִישׁ - דַארְפְסְטוּ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אוּן אִיר נָאר הֵייבְּן אוּן לוֹיבְּן.

**מִיט** כָּבוֹד וֶועסְטוּ אִיר גֶעוִוינֶען; גֶעבּ אִיר כָּבוֹד, גֶעבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער, זָאג אִיר שְׁטֶענְדִיג וִוי גוּט זִי זֶעט אוֹיס, וִוי שֵׁיין זִי אִיז אוּן וִוי גוּט זִי פַארְשְׁטֵייט צוּ קְלֵיידֶער - אַזוֹי וֶועסְטוּ אִיר גֶעוִוינֶען אוּן זִי וֶועט בְּלַייבְּן ווָאוֹיל אוּן גוּט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רב): "כָּל מִי שֶׁשִּׂכְלוֹ קָטָן בְּיוֹתֵר, צָרִיךְ לַחֲלֹק לוֹ כָּבוֹד בְּיוֹתֵר", וֶוער עֶס הָאט וֵוינִיג שֵׂכֶל, דַארְף מֶען אִים אָפְּגֶעבְּן מֶער כָּבוֹד, "כִּי כָּל מַה שֶּׁשִּׂכְלוֹ יוֹתֵר קָטָן, הוּא יוֹתֵר חָפֵץ בְּכָבוֹד", וַוייל וִוי וֵוינִיגֶער שֵׂכֶל מֶען הָאט - אַלְץ מֶער כָּבוֹד דַארְף מֶען, "וּכְמוֹ שֶׁאָנוּ רוֹאִים בְּחוּשׁ שֶׁהַנָּשִׁים מַקְפִּידִין מְאֹד עַל כְּבוֹדָם, וְרוֹצִים מְאֹד אֶת הַכָּבוֹד", אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי פְרוֹיעֶן אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף זֵייעֶר כָּבוֹד, "וְזֶה מֵחֲמַת שֶׁהַנָּשִׁים דַּעְתָּן קַלָּה וּקְטַנָּה מְאֹד", דָאס אִיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אַזַא שְׁטַארְקֶע פַארְשְׁטַאנְד; אַז דוּ וֶועסְט אִיר אוֹיסְרִימֶען אוּן לוֹיבְּן, דוּ וֶועסְט קוּקְן גוּט אוֹיף אִיר אוּן אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער - וֶועסְטוּ הָאבְּן נַחַת פוּן אִיר.

**וֶוען** דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ יוּנְג - דֶערְמָאלְט אִיז דִי צַייט וָואס מֶען קֶען זֵיי גְרִינְג אוֹיסְבֵּייגְן, שְׁפֶּעטֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען שׁוֹין עֶלְטֶער - דֶערְמָאלְט דַארְף מֶען שׁוֹין אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט אוּן וִוי אַזוֹי מֶען פַארְלַאנְגְט; דֶערְמָאלְט דַארְף מֶען גֵיין מִיט חָכְמָה - מִיט אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד וָואס הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס מֵיינְט אִיר, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרָאפְּגֶערִיסְן פוּן בּוֹים?! אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ טְרֶערְן פַארְגָאסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי; אִיךְ פְּלֶעג וֵויינֶען יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# תתרלה לה

**זָאלְן מֵיידְלֶעךְ אָנְטוּן טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער בַּיי אַ חֲתֻנָּה?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל אוּן אִיךְ שֶׁעפּ בָּרוּךְ ה' אַסַאךְ חִזּוּק פוּן דִי דְרָשׁוֹת, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט אִיבֶּער חֲתֻנָּה קְלֵיידֶער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ו' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**וָואס** אִיךְ הַאלְט אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט, וָואס צַדִּיקִים הַאלְטְן - דָאס אִיז ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן; ווַייל דִי צַדִּיקִים - זֵיי ווֵייסְן וָואס אִיז גוּט פַאר אוּנְז, זֵיי ווַייזְן אוּנְז דֶעם ווֶעג ווִי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ פִירְן אוּן טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי ווֵייסְן וָואס אִיז גוּט.

**מוֹהֲרָא"שׁ** שְׁרַייבְּט זֵייעֶר אַסַאךְ אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין טֵייעֶרֶע שְׂמְחוֹת; נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר דִי נִישְׁטִיגֶע פָּאר שָׁעָה[לה]. אַ שָׁאד דִי גֶעלְט וָואס מֶען ווַארְפְּט אוֹיס פַאר דִי פָּאר שָׁעָה, אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי בְּלוּמֶען; מֶען קוֹיפְט טֵייעֶרֶע בְּלוּמֶען פַאר אַפָּאר שָׁעָה, גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתֻנָּה ווַארְפְט מֶען דָאס אַרוֹיס אִין מִיסְט. נָאכְדֶעם דִי קְלֵיידֶער פוּן דִי מְחוּתֶּנֶת'טֶעס אוּן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה; שְׁוֶועֶרֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער ווֶערְט פַארְשְׁוֶועמְט פַאר דִי פָּאר שָׁעָה, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אוֹיסְצוּגֶעבְּן גֶעלְט פַאר דִי זַאכְן. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אַז מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר דִי זַאכְן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען נֶעמֶען דִי גֶעלְט אוּן דָאס גֶעבְּן פַאר דִי פָּארְפָאלְק זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶעבְן, זֵיי זָאלְן קֶענֶען קוֹיפְן אַ דִירָה.

לה. נָאךְ אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, אִין סֵפֶר סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ו', מִכְתָּב תקלח.

**אָפְּגֶעֶרֶעדְט** וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט דָאס גֶעלְט, מֶען בָּארְגְט גֶעלְט פַאר דִי שְׁטוּתִים - אִיז דָאס גָאר אַ גְרוֹיסֶער זִינְד; מֶען בָּארְגְט שְׁוֶועְרֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט בַּאצָאלְן, מֶען שְׁלֶעפְּט שְׁוֶועְרֶע זֶעק פוּן חוֹבוֹת, דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן דְרֵייט זִיךְ אַרוּם דִי חוֹבוֹת, קוּים וָואס מֶען הוֹיבְּט אָן בַּאצָאלְן חוֹבוֹת פוּן אֵיין קִינְד - דַארְף מֶען שׁוֹין בָּארְגְן פְּרִישֶׁע חוֹבוֹת פַאר דֶעם צְוֵוייטְן קִינְד, אוּן אַזוֹי דְרֵייט זִיךְ דָאס אַ גַאנְצְן לֶעבְּן.

**אֲפִלּוּ** מֶען זָאל יָא הָאבְּן דָאס גֶעלְט טָאר מֶען נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר שְׁטוּתִים, פַאר דִי פָּאר שָׁעָה - אַלֶעס פַאר אַבִּיסְל כָּבוֹד הַמְדֻמֶּה; דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נִישְׁט מִיט דִי עֲשִׁירִים, זֵיי אַלֵיין זֶענֶען דָאךְ נִישְׁט נָארְמַאל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן סד): "כָּל הַנְּגִידִים הַגְּדוֹלִים, כִּמְעַט כֻּלָּם, הֵם מְשֻׁגָּעִים מַמָּשׁ", דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען אַלֶע אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע; מִיט זֵיי אַלֵיין קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּן, גֵיי לֶערְן אוֹיס אַ מְשׁוּגֶעְנֶעם וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז מִיט דִי אַלֶע וָואס חַנְפְּ'נֶען דִי עֲשִׁירִים; מֶען רִימְט זֵיי אוֹיס וֶוען זֵיי מַאכְן זִיךְ נַארִישׁ בַּיי זֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת, מֶען קְלַאפְּט זֵיי אִין רוּקְן, מֶען הֵייבְּט זֵיי אוּן מֶען רִימְט זֵיי, דֶערְנָאךְ וֶוערְט דָאס אַ וֶועג פַאר אַלֶע, אַלֶע ווִילְן דָאס נָאכְמַאכְן.

**גֶעלוֹיבְּט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידוֹת, דִי תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא - סֵיי דִי כַּלוֹת אוּן סֵיי דִי גֶעשְׁוִוסְטֶער גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן בַּיי דִי שִׂמְחוֹת זֵייעֶר פָּשׁוּט. מֶען קוֹיפְּט נִישְׁט קַיין טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, מֶען קוֹיפְּט נִישְׁט קַיין בְּלוּמֶען, מֶען

מַאכְט זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ; און אֲפִלּוּ צִירוּנְג וָואס דָאס אִיז נִישְׁט בְּלוֹיז פַאר דִי פָּאר שָׁעָה, מֶען גֵייט דָאךְ מִיט דֶעם פַאר אַ שְׁטִיק צַייט - קוֹיפְט מֶען אוֹיךְ פָּשׁוּט'עֶ, מֶען קוֹיפְט נִישְׁט דִי גָאר טֵייעֶרֶע.

**עֶס** אִיז אַ שְׁטָאלְץ בַּיי תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא זִיךְ צוּ פִירְן פָּשׁוּט, עֶס אִיז אַ שְׁטָאלְץ בַּיי זֵיי צוּ קֶענֶען הֶעלְפְן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן גֵיין צוּ דִי שִׂמְחָה אָן קַיין חוֹבוֹת. דִי תַּלְמִידוֹת - מֵיידְלֶעךְ און כַּלּוֹת הָאבְּן צְווִישְׁן זִיךְ אַ רֵייץ וֶוער עֶס קֶען גֵיין מֶער פָּשׁוּט, מֶער בִּילִיג; זֵיי וֵוייסְן וָואס דִי לֶעבְּן אִיז, זֵיי וֵוייסְן אַז מֶען וֶוערְט נִישְׁט מֶער וֶוען מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן טֵייעֶר; נִישְׁט דָאס אִיז דִי לֶעבְּן, נִישְׁט דִי טֵייעֶרֶע בְּלוּמֶען דָאס אִיז דִי חֲתֻנָּה, נִישְׁט דִי צִירוּנְגֶען אִיז דִי זַאךְ וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ בַּיי אַ שִׂמְחָה, דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן לֶעבְּן אִיז וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר פִירְט דִי וֶועלְט און אַלֶעס אַלֶעס אִיז מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכְקֵייט און אַלֶעס אִיז צוּם גוּטְן. דֶער עִקָּר חֲתֻנָּה הוֹיבְּט זִיךְ אָן וֶוען חָתָן כַּלָּה גֵייעֶן אַהֵיים, דֶער עִקָּר חֲתֻנָּה אִיז וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן וֶועג אֵיינֶער פַארְן צְוֵוייטְן, דָאס שֵׁיינְקֵייט און רֵייכְקֵייט פוּן דִי חֲתֻנָּה אִיז דִי יָארְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט; מֶען לֶעבְּט מִיט לִיבְשַׁאפְט מַאן און וַוייבּ, מֶען רֶעדְט שֵׁיין, מֶען אִיז מְוַתֵּר אֵיינֶער פַארְן צְוֵוייטְן און מֶען אִיז זוֹכֶה אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

**אַ** רַחְמָנוּת אוֹיף כַּלּוֹת וָואס וֵוייסְן נִישְׁט וָואס דָאס לֶעבְּן אִיז, זֵיי וֵוייסְן נָאר אֵיין זַאךְ, ווִי מֶער גֶעלְט אַרוֹיסְנֶעמֶען

פון די עֶלְטֶערְן. אַ רַחְמָנוּת אויף זֵיי אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט מִיט זֵיי דִי אַלֶע יָארְן אִין סְקוּל וָואס דָאס לֶעבְּן אִיז; מֶען לֶערְנְט מִיט מֵיידְלֶעךְ אִין סְקוּלְס אַלֶעס וָואס מֶען קֶען נָאר לֶערְנֶען, חוּץ אֵיין זַאךְ - וָואס דָאס לֶעבְּן אִיז. מֶען פַארְדְרֵייט זֵיי מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי טִיפֶע לִמּוּדִים, זַאכְן וָואס זֵיי וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן אִין זֵייעֶר לֶעבְּן.

**מוֹהֲרָא"ש** הָאט אַיינְגֶעפִירְט בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ אִין זַיין שְׁטֶעטְל אִין יַבְנְאֵל, דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ שְׁטָאט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

- אַז מֶען זָאל חֲתֻנָּה הָאבְּן אוּמְזִיסְט, מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעבּוֹיט אַ זַאל אוּנְטֶערְן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, עֶס זָאל נִישְׁט קָאסְטְן קַיין אֵיין שֶׁקֶל פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ חֲתֻנָּה מַאכְן דִי קִינְדֶער אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר גֵייעֶן אִין דֶעם הֵיילִיגְן וֶועג. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מַאכְן חֲתֻנָּה דִי קִינְדֶער אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אַזוֹי ווִי מֶען הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אַלֶע יָארְן בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע דוֹרוֹת; דִי חֻפָּה מַאכְט מֶען אִין גַאס אִינְדְרוֹיסְן פוּנֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, דִי סְעוּדָה וֶוערְט צוּגֶעשְׁטֶעלְט דוּרְךְ מִשְׁפָּחוֹת פוּן דִי קְהִילָה, אֵיינֶער מַאכְט אַ קוּגְל, אֵיינֶער מַאכְט פֶּערְפְל, אֵיינֶער מַאכְט אַבִּיסְל טְשָׁאלְנְט אוּן דִי סְעוּדָה אִיז אַ סְעוּדָה, חָתָן כַּלָּה זֶענֶען פְרֵיילִיךְ בִּיז גָאר אוּן דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נָאךְ דָאס מֶערְסְטֶע פְרֵיילִיךְ, וַוייל זֵיי קוּמֶען אוּן גֵייעֶן ווִי עֶבְטֶע מְחוּתָּנִים, עֶס קָאסְט זֵיי נִישְׁט קַיין אֵיין פְּרוּטָה.

דִי עֶסְצֵייג אוּן טִישְׁטוּכֶער שְׁטֶעלְט דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּ, דָאס אִיז דִי זֶעלְבֶּע עֶסְצֵייג מִיט וָואס דִי חָתָן כַּלָּה הָאבְּן גֶעגֶעסְן אַלֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה אוּן אִין סְקוּל אוּן דִי זֶעלְבֶּע

טִישְׁטוּכֶער אוֹיף וָואס דִי חָתָן כַּלָּה הָאבְּן אַלֶע יָארְן גֶעגֶעסְן - פוּן חֵדֶר בִּיז צוּ דִי חֲתֻנָּה.

**דָאס** אִיז וָואס דִי צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעהַאלְטְן וֶועגְן חֲתֻנָּה קְלֵיידֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן; מִיר זָאלְן נִישְׁט מַאכְן קַיין אֵייגֶעגֶע מִנְהָגִים.

# תתרלו לו

### וֶועל אִיךְ שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ שְׁמוּעָס פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְיַיאֵשׁ אִין גֶעווִיסֶע עִנְיָנִים, לְגַבֵּי דִי זַאכְן הָאט עֶר שׁוֹין אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, עֶר גְלֵייבְּט אַז עֶר וֶועט שׁוֹין נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אִין דֶעם, אָבֶּער דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי יֵאוּשׁ.

אִיךְ הָאבּ אַרֵיינְגֶעטְרַאכְט אִין דֶעם אוּן גֶעזֶען אַז דָאס אִיז לֵיידֶער גָאר אֱמֶת בַּיי מִיר אִין לֶעבְּן. אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין אַ שְׁטוּבּ וואוּ אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּגֶעזֶען קַיין רוּאִיגְקֵייט אָדֶער אַ שְׁמֵייכְל צְווִישְׁן דִי עֶלְטֶערְן, אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְׁט אֲפִלּוּ אֵיין מָאל אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן אַז דִי מִשְׁפָּחָה זָאל זִיצְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אֲפִלּוּ נִישְׁט אֵיין נָאכְטְמָאל.

אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן צְווִישְׁן נָאר דַאֲגוֹת, אַנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אוּן מַחְלֹקֶת אִין שְׁטוּבּ. בֵּיידֶע פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גָאר נֶעגֶעטִיוו אוּן אַלֶעס זֶעט אוֹיס שְׁוַוארְץ. וְעַל כּוּלָם, צוּזֶעעֶנְדִיג דִי קַאלְטְקֵייט צְווִישְׁן מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן ווִי זֵיי קְרִיגְן זִיךְ כְּסֵדֶר - הָאט מִיךְ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַלֶע יָארְן מִיט אַ גֶעפִיל פוּן אוּמְזִיכֶערְקֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט, אִיךְ בִּין אַלֶעמָאל פוּל מִיט

סְפֵקוֹת. אִיךְ בִּין שׁוֹין נִישְׁט קַיין יוּנְגֶער אִינְגֶערְמַאן אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין פְּרֵיילִיךְ, אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁמֵייכְלֶען, אִיךְ פִּיל אַלֶעמָאל אוּמְרוּאִיג אוּן אוּמְזִיכֶער מִיט זִיךְ אוּן מִיט דִי וֶועלְט. אוּן נָאךְ מֶער, אַז וֶוען אִיךְ זֶע אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן שְׁמֵייכְלֶען אָדֶער זֶענֶען פְּרֵיילִיךְ - הוֹיבּ אִיךְ פָּשׁוּט אָן צוּ פִּילְן נֶערְוֶועז אוּן אוּמְרוּאִיג, וַוייל עֶס אִיז שְׁרֶעקֶעדִיג פַאר מִיר צוּ זַיין בְּשִׂמְחָה, אִיךְ פִּיל זִיךְ גָאר אִין דֶער פְּרֶעמְד וֶוען עֶס אִיז דָא אַ מַצָּב פוּן פְּרֵיילִיכְקֵייט אַרוּם מִיר.

אִיךְ הָאבּ טַאקֶע אַיינְגֶעזֶען אַז אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן מְיוּאָשׁ פוּן פִּילְן פְּרֵיילִיךְ, פִּילְן צוּפְרִידְן אוּן זַיין בְּשִׂמְחָה, פִּילְן זִיכֶער אוּן רוּאִיג אִין לֶעבְּן.

דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אָבֶּער גֶעזָאגְט אַז קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן, אִיז מַיין שְׁאֵלָה וִוי אַזוֹי אִיז טַאקֶע דָא אַ מֶעגְלִיכְקֵייט אִיךְ זָאל נָאךְ יָא קֶענֶען אַמָאל זַיין פְּרֵיילִיךְ אוּן זִיכֶער מִיט זִיךְ?

נָאךְ אַ זַאךְ, אִיךְ שְׁפִּיר בַּיי מִיר אַז אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאקוּמֶען אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פוּן מֶענְטְשְׁן, אַ גוּט וָוארְט פוּן אַ צְוֵוייטְן, מַמָּשׁ וִוי אַ קְלֵיין קִינְד. אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ זָאגְן, אָבֶער וִוי עֶס זֶעט אוֹיס, אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט בַּאקוּמֶען אַלְס קִינְד, דֶערְפַאר זוּךְ אִיךְ עֶס יֶעצְט אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן; אִיז דָא אַן עֵצָה פַאר דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ו' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַז** דוּ וֶועסְט נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן; דוּ וֶועסְט זִיךְ אַבִּיסְל מִתְבּוֹדֵד זַיין, דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם

אײבֶּערְשְׁטְן - װֶעסְטוּ אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן לִיבְּשַׁאפְט און װאָרֶעמְקֵייט, אַזוֹינְס װָאס דוּ הָאסְט קֵיינְמָאל אִין דַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט.

**דָאס** װָאס מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת - אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס װָאס מֶען קֶען מַסְבִּיר זַיין, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן אַזַא זִיסְקֵייט אִין לֶעבְּן װָאס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט און מֶען װֶעט קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁפִּירְן; רֶעדְן צוּם אײבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ שְׁפִּירְן מוֹרָא'דִיג נָאנְט צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, דָאס פַארְהֵיילְט אַלֶע װאוּנְדְן און הֵיילְט אַלֶע שְׁנִיטְן. אֲפִלּוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל אַדוּרְכְגֵיין גָאר בִּיטֶערֶע שְׁװֶערִיקֵייטְן, אוֹיבּ נֶעמְט עֶר דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אײבֶּערְשְׁטְן - װֶערְט אִים פְּלוּצְלוּנְג אַזוֹי לִיכְטִיג און אַלֶע װאוּנְדְן הֵיילְן זִיךְ אוֹיס.

**דֶערִיבֶּער** אַז דוּ הָאסְט גֶעהַאט אַזַא שְׁװֶערֶע יוּגְנְט, דוּ הָאסְט צוּגֶעזֶען װִי דַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ און דָאס הָאט דִיךְ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אִין אַ װֶעלְט פוּן סְפֵקוֹת, אִין אַ װֶעלְט פוּן אוּמְזִיכֶערְקֵייט - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, זָאלְסְט זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין יֶעדְן טָאג אַ צַייט זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אײבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְדֶעם װֶעסְטוּ װֶערְן זִיכֶער בַּיי זִיךְ, דוּ װֶעסְט װֶערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיט.

**בְּנוֹגֵעַ** דָאס װָאס דוּ װִילְסְט אַבִּיסְל װָארֶעמְקֵייט, אַבִּיסְל לִיבְּשַׁאפְט און דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ, דוּ מֵיינְסְט אַז דָאס אִיז אַ קִינְדֶערִישֶׁע זַאךְ; בֶּעט עֶס פוּנֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן אַבִּיסְל לִיבְּשַׁאפְט, עֶר

זָאל דִיר גֶעבְּן וַוארֶעמְקֵייט, עֶר זָאל דִיר גְלֶעטְן; וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן אַבִּיסְל נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע לִיבְּשַׁאפְט.

**מוֹהֲרָא"ש** דֶערְצֵיילְט, מֶען פְּלֶעגְט הֶערְן בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים זָאגְן תְּהִלִּים מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, זֵיי פְּלֶעגְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט דִי פְּסוּקֵי תְּהִלִּים; אֵיינְמָאל הָאט מֶען גֶעהֶערְט רֶבִּי נָתָן'ס אַן אֵיינִיקְל רֶבִּי מִיכְל'עֶ, ווי עֶר זָאגְט תְּהִלִּים (קַאפִּיטְל לה, א): "לְדָוִד רִיבָה ה' אֶת יְרִיבַי", הָאט מֶען גֶעהֶערְט ווי עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם קְרִיג זִיךְ פַאר מִיר, נֶעם זִיךְ אָן פַאר מִיר, 'אֱמֹר לְנַפְשִׁי יְשֻׁעָתֵךְ אָנִי', זָאג מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ הָאסְט מִיךְ לִיבּ, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ דַארְף אַבִּיסְל וַוארֶעמְקֵייט, אַבִּיסֶעלֶע לִיבְּשַׁאפְט פוּן דִיר".

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עח): "קַיין יֵאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאן"; דָאס אִיז נִישְׁט סְתַּם גֶעזָאגְט, 'עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין יֵאוּשׁ'; אוֹיבּ מֶען טוּט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אִיז מֶען זוֹכֶה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע טוּנְקְלְקֵייטְן אוּן פוּן אַלֶע בִּיטֶערְנִישׁ.

**וואוֹיל** אִיז דֶעם וָואס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועט עֶר שְׁפִּירְן אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס צַדִּיקִים שְׁפִּירְן אִין גַּן עֵדֶן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרלז לז

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ טְרֵייסְטְן אוֹיף דִי בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן וָואס זֶענֶען פַּארְפַאלְן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין שׁוֹין הַיינְט קָרוֹב צוּ דִי פֶערְצִיג יָאר, זַייט דִי יְשִׁיבָה יָארְן הָאבּ אִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעלֶערְנְט, בִּיז יֶעצְט וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שִׁעוּרִים און גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן ווִידֶער צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

וֶוען עֶס קוּמְט מִיר אוֹיס צוּ לֶערְנֶען דִי גְּמָרוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, לְמָשָׁל יֶעצְט וֶוען מֶען לֶערְנְט מַסֶּכֶת שַׁבָּת, קוּמְט מִיר אַרוֹיף אַלְטֶע זִכְרוֹנוֹת פוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, אַסַאךְ מָאל אִיז דִי לָשׁוֹן הַגְּמָרָא מִיר מַמָּשׁ אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין מֹחַ פוּן אַלְס בָּחוּר.

אִיךְ טְרַאכְט יֶעצְט אַז עֶס אִיז אַזַא שָׁאד אַז אִיךְ הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִּימוּד אַלְס בָּחוּר, דֶעמָאלְט וָואלְט אִיךְ זִיךְ גֶעקֶענְט אָנְפִילְן מִיט אַזוֹיפִיל תּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ פַארְפַאטְשְׁקֶעט מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן; הַיינְט קְלֶעבְּט זִיךְ מִיר נִישְׁט אָן דִי לְשׁוֹנוֹת פוּן דִי מִשְׁנַיוֹת און דִי גְּמָרָא וָואס אִיךְ לֶערְן יֶעצְט.

אִין דִי בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן וָואלְט אִיךְ וֶוען גֶעקֶענְט קֶענֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָה, אַנְשְׁטָאט דִי פָּאר בְּלֶעטֶער גְּמָרָא וָואס מֶען הָאט דֶעמָאלְט גֶעלֶערְנְט; ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ מְחַזֵּק זַיין?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ז' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי שָׂאד אִיז נִישְׁט נָאר פַאר דִיר, דִי שָׂאד אִיז פַאר אַלֶעמֶען; אַ שָׂאד פַאר אַלֶע בָּחוּרִים וָואס גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה וַוייל זֵיי הַאלְטְן נִישְׁט מִיט דִי לִמּוּדִים אִין יְשִׁיבָה. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין סִפּוּק אִין זֵייעֶר לֶעבְּן דֶערְפַאר זוּכְן זֵיי נַארִישְׁקֵייטְן, בִּיז זֵיי פַאלְן אַוֶועק. וֶוען זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט פוּנֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) – וָואלְט קֵיינֶער נִישְׁט אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה, יֶעדֶער וָואלְט גֶעלֶערְנְט, יֶעדֶער וָואלְט גֶעהַאט חַיּוּת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן גֶעלֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גְלֵייבּ מִיר, מֶען קֶען רַאטֶעוֶועןן דֶעם גַאנְצְן דוֹר, עֶס אִיז דָא אַ וֶועג צוּ רַאטֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע יוּגְנְט, וָואס זָאל מֶען אָבֶּער טוּן אַז דֶער שָׂטָן שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט דָאס צוּ שְׁטֶערְן; עֶר שְׁטֶעלְט אוֹיף פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים וָואס רֶעדְן אָפּ דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים זֵיי זָאלְן נִישְׁט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן נִישְׁט לֶערְנֶען אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד; וָואס זָאלְן טוּן דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ אִין לֶערְנֶען? וָואס זָאלְן טוּן דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען נִישְׁט זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען? – זָאלְן זֵיי אִינְגַאנְצְן אָפְּלָאזְן דִי תּוֹרָה?!

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קֹהֶלֶת רַבָּה ז, כח): "אֶלֶף בְּנֵי אָדָם נִכְנָסִין לַמִּקְרָא ... יוֹצֵא מֵהֶם אֶחָד לְהוֹרָאָה", פוּן

טויזנט תַּלְמִידִים קוּמְט אַרוֹיס אֵיין תַּלְמִיד וָואס אִיז מַצְלִיחַ; וָואס זָאלְן טוּן דִי אַלֶע נַיין הוּנְדֶערְט נַיין אוּן נַיינְצִיג תַּלְמִידִים וָואס זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ - זָאלְן זֵיי נִישְׁט לֶערְנֶען? זָאלְן זֵיי אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה?! וָואלְט מֶען זֵיי גֶעוִויזְן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי זֵיי קֶענֶען אוֹיךְ מַצְלִיחַ זַיין, אַ וֶועג ווִי אַזוֹי זֵיי קֶענֶען לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - וָואלְט יֶעדֶער פוּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ זַיין בַּאהָאפְּטְן צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

אַ שָׁאד אוֹיף דִי יְשִׁיבוֹת וָואס זֶענֶען נָאךְ עַד הַיּוֹם פַאר'עַקְשְׁנְ'ט נִישְׁט אַרַיין צוּ לָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן; זֵיי צֶערַייסְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, זֵיי לָאזְן נִישְׁט בָּחוּרִים שֶׁעפְּן חַיּוּת פוּן רֶבִּינְ'ס וֶועג. אַנְשְׁטָאט דִי בָּחוּרִים זָאלְן זַיין פַארְנוּמֶען מִיטְן טֶעלֶעפָאן, אַנְשְׁטָאט זֵיי זָאלְן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט קוּקְן מָאוִוים - וָואלְטְן זֵיי גֶעקֶענְט לֶערְנֶען אָן אַ שִׁעוּר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְּמָרָא. וֶוען אַ בָּחוּר הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן, עֶר מַאכְט זִיךְ שִׁעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ; עֶר מַאכְט זִיךְ אַ שִׁעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת - לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אִין אָנְהוֹיבּ זָאגְט עֶר דִי וֶוערְטֶער אָן פַארְשְׁטֵיין, פוּן דֶעם אַלֵיין בַּאקוּמְט עֶר אַזַא חַיּוּת אַז עֶר דַארְף מֶער גָארְנִישְׁט, עֶר זוּכְט נִישְׁט קַיין מִיסְט, עֶר זוּכְט נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת, דִי תּוֹרָה - דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה - זֶעטִיגְט אִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען מֶען הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְן רֶבִּי'ן אַז דֶער רֶבִּי אִיז פוּן דִי בִּיטֶערֶע כַּת רַחֲמָנָא לִצְלַן הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעוֵויינְט: "ווִי קֶען

מֶען אוֹיסְטְרַאכְטְן אוֹיף מִיר אַזֶעלְכֶע שְׁקָרִים וְכוּ' וְכוּ'?" רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער רֶבִּי וֵויינְט אַזוֹי, 'וָואס דַארְף אָנְגֵיין פַארְן רֶבִּי'ן וָואס יֶענֶער רֶעדְט אוֹיפְן רֶבִּי'ן? הָאט עֶר גֶעזָאגְט! אִיז וָואס?!' אָבֶער שְׁפֶּעטֶער וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אוֹיסְצוּשְׁטֵיין זַיין מַחְלֹקֶת הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי שׁוֹין פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוֵויינְט; עֶס אִיז נִישְׁט אָנְגֶעגַאנְגֶען פַארְן רֶבִּי'ן אַז יֶענֶער רֶעדְט אוֹיף אִים, עֶס הָאט וֵוויי גֶעטוּן פַארְן רֶבִּי'ן אַז מֶענְטְשְׁן וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען מְקוֹרָב וֶוערְן, וַוייל דֶער זָקֵן זָאגְט אוֹיף אִים אַזַא לָשׁוֹן הָרָע"; דֶער רֶבִּי הָאט אַ כֹּחַ צוּ רַאטֶעוֶוען דֶעם גַאנְצְן דוֹר. וֶוען נִישְׁט דִי לָשׁוֹן הָרָע'ס וָואס מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיף רֶעדְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶוען נִישְׁט דִי וָואס שְׁטֶערְן אוּן מַאכְן חוֹזֶק - וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט רַאטֶעוֶוען דֶעם גַאנְצְן דוֹר.

**מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מְיַסֵּד גֶעוֶוען יְשִׁיבוֹת אִין אַמֶערִיקֶע אוּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואוּ מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ**

הַלִּימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דִי יְשִׁיבוֹת זֶענֶען גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין, "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן

וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיין - אַז מֶען וויל גְלַייך פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי ווערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל - וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל - אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת סג.; עֲבוֹדָה זָרָה יט.): 'לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים קיט, כ): 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל דָאס לֶערְנֶען אַלֵיינְס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעם, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי ווערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִלּוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל לֶערְנְט מֶען דָאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין בִּיז מֶען וֶועט זוּכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, ווייל וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם וֶועג אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער ווִי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטַייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן לָאזְן אָפּ דָאס לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין. וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי ווִי אוֹיבְן דֶערְמַאנְט, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְכְצוּלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ, מִיט אַלֶע מִדְרָשִׁים, אוּן זֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן אַדוּרְכְלֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כח), עַיֵּין שָׁם.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרלח לח

## זָאל אִיךְ עֶנְדִיגְן נָאכְאַמָאל שַ"ס, אָדֶער אִיבֶּערְגֵיין יֶעדֶע מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הַאלְט בָּרוּךְ ה' יֶעצְט אִינְמִיטְן דִי צְוֵוייטֶע מָאל שַ"ס, נָאר מִיט אַייעֶר חִזּוּק און עֵצוֹת הָאבּ אִיךְ דָאס גֶעקֶענְט בַּאוַויְיזְן.

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעלֵיינְט אַז מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, מֶען זָאל אִיבֶּערְגֵיין אַ מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל און עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם גֵיין צוּ דִי צְוֵוייטֶע מַסֶכְתָּא; ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז טַאקֶע דַוְקָא אַזוֹי, אָדֶער אִיךְ קֶען וַוייטֶער גֵיין מִיט מַיין סֵדֶר און עֶנְדִיגְן נָאכְאַמָאל שַ"ס?

אוֹיבּ אִיז יָא דַוְקָא אַז מֶען זָאל עֶנְדִיגְן אֵיין מַסֶכְתָּא אוֹיפְאֵיינְמָאל הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל, ווִיל אִיךְ ווִיסְן וָואס יֶעצְט צוּ טוּן? זָאל אִיךְ זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן וואוּ אִיךְ הַאלְט און צוּרִיקְגֵיין לֶערְנֶען יֶעדֶע מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל, אָדֶער קֶען אִיךְ קֹדֶם עֶנְדִיגְן נָאכְאַמָאל שַ"ס, און עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם דָאס טוּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ז' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וַוייל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ מְסַיֵּם זַיין גַאנְץ שַ"ס און דוּ הָאסְט שׁוֹין נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן שַ"ס.**

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה בְּרֶענְגֶען (אָבוֹת ו, ט) רֶבִּי יוֹסֵי בֶּן קִסְמָא
דֶערְצֵיילְט: אֵיינְמָאל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס,
אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְּן אֵיינֶעם אוּן יֶענֶער פְּרֶעגְט מִיךְ וואוּ אִיךְ
וואוֹין, אִין וֶועלְכֶע שְׁטָאט; הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז
אִיךְ וואוֹין אִין אַ פְּלַאץ פוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, "אָמַר לִי, רַבִּי,
רְצוֹנְךָ שֶׁתָּדוּר עִמָּנוּ בִּמְקוֹמֵנוּ, וַאֲנִי אֶתֵּן לְךָ אֶלֶף אֲלָפִים
דִּינְרֵי זָהָב וַאֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת", הָאט עֶר מִיךְ גֶעפְּרֶעגְט:
'אֶפְשָׁר וויל דֶער רֶבִּי קוּמֶען וואוֹינֶען בַּיי אוּנְזֶער שְׁטָאט אוּן
אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבְּן אַסַאךְ גֶעלְט אוּן טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער?'
"אָמַרְתִּי לוֹ, בְּנִי, אִם אַתָּה נוֹתֵן לִי כָּל כֶּסֶף וְזָהָב וַאֲבָנִים
טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, אֵינִי דָר אֶלָּא בִּמְקוֹם תּוֹרָה", הָאבּ
אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: 'אֲפִלּוּ אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיר גֶעבְּן דִי
גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן דִי וֶועלְט וֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט גֵיין וואוֹינֶען
נָאר אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה', "וְלֹא עוֹד, אֶלָּא
שֶׁבִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ שֶׁל אָדָם אֵין מְלַוִּין לוֹ לָאָדָם לֹא כֶסֶף וְלֹא
זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים
בִּלְבַד", וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט נֶעמְט
עֶר מִיט נָאר תּוֹרָה אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים; דִי אַלֶע גֶעלְט, גָאלְד
אוּן זִילְבֶּער - דָאס נֶעמְט מֶען נִישְׁט מִיט מִיט זִיךְ.

**נָאר** דָאס וֶועט אִיבֶּער בְּלַייבְּן, נָאר דִי תּוֹרָה וָואס מֶען
לֶערְנְט - דָאס נֶעמְט מֶען מִיט; דִי בְּלֶעטֶער גְּמָרָא אוּן
פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת וָואס מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט יֶעדְן טָאג.
אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ו, כב): "בְּהִתְהַלֶּכְךָ תַּנְחֶה אֹתָךְ", דִי
תּוֹרָה וֶועט דִיךְ בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט, "בְּשָׁכְבְּךָ תִּשְׁמֹר

עָלֶיךָ", דִי תּוֹרָה וֶועט דִיךְ אָפְּהִיטְן אִין קֶבֶר פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, "וַהֲקִיצוֹתָ הִיא תְשִׂיחֶךָ", אוּן דִי תּוֹרָה וֶועט זַיין פַאר דִיר אַ מֵלִיץ יֹשֶׁר בַּיים בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה.

קֶענְסְט לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי עֶס אִיז דִיר גֶעשְׁמַאק אוּן בַּאקְוֶועם; מוֹהֲרָא"ש הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט מֶען זָאל לֶערְנֶען דַוְקָא אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע אֵיינְגֶעאַרְטִיגֶע וֶועג, מוֹהֲרָא"ש ווִיל אֵיין זַאךְ: "יֶעדֶער אִיד זָאל לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אָן אַ שִׁעוּר מָאל"; אֵיינֶער הָאט אַ גֶעשְׁמַאק צוּ עֶנְדִיגְן שַׁ"ס כְּסִדְרָן, אַ צְוֶוייטֶער הָאט אַ גֶעשְׁמַאק צוּ נֶעמֶען אֵיין מַסֶכְתָּא אוּן דָאס אִיבֶּערְגֵיין הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל אוּן נָאכְדֶעם נֶעמֶען נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא אוּן דָאס לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן גָארְנִישְׁט, דֶער עִקָר זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען פְּלַייסִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרלט לט

### פַארְוָואס הָאב אִיךְ פְּלוּצְלוּנְג פַארְלוֹירְן דֶעם גֶעפִיל צוּם רֶבִּי'ן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

גֶעלוֹיבְּט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַז אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דוּרְךְ דִי הֶערְלִיכֶע שִׁעוּרִים, מַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְגֶעהוֹיבְּן, אִיךְ

הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעטְוֶוישְׁט צוּם גוּטְן אִין יֶעדְן הִינְזִיכְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

אִין דִי לֶעצְטֶע פָּאר טֶעג הָאט אָבֶּער עֶפֶּעס פַּאסִירְט מִיט מִיר, אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ פַארְלוֹירְן מַיין טַעַם אִין לֶעבְּן אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר אוֹיף דִי וֶועלְט. אִיךְ הָאבּ פְּלוּצְלוּנְג בַּאקוּמֶען אַ קַאלְטְקֵייט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אָן קֵיין שׁוּם סִבָּה הוֹיבּ אִיךְ אָן טְרַאכְטְן פַארְוָואס דָאס פֶעלְט מִיר אוֹיס, אוּן אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ מְשׁוּגָע וֶוערְן פוּן דֶעם.

עֶס הֶערְט זִיךְ אִינְטֶערֶעסַאנְט, אָבֶּער אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, וּבִפְרַט אַז אִיךְ וֵויים נִישְׁט פַארְוָואס עֶס קוּמֶען צוּ מִיר דִי אַלֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר בִּיטֶע מְחַזֵּק זַיין ווייל עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער מִיט דֶעם, אוּן עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר אִין מַיין סֵדֶר הַיּוֹם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ז' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פַארֶענְטְפֶערְט דַיין פְּרַאגֶע, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן עב): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט נִתְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה, עֶר וויל עֶפֶּעס טוּן צוּ זַיין גוּט, עֶר וויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶר מַאכְט אָפּ צוּ גֵיין צוּם צַדִּיק, "וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁנּוֹסֵעַ, מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַיֵּצֶר הָרָע וְנוֹפֵל מִתְּשׁוּקָתוֹ

שֶׁהָיָה לוֹ תְּחִילָּה", נָאכְדֶעם וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיפְן וֶועג אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע מִתְגַּבֵּר אוֹיף אִים אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן פַארְלִירְן זַיין גֶעפִיל צוּ גֵיין צוּם צַדִּיק, "וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁבָּא לְהַצַּדִּיק, מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַיֵּצֶר הָרָע עוֹד יוֹתֵר, וְאוֹבֵד כָּל חֶשְׁקוֹ", נָאכְדֶעם וֶוען עֶר קוּמְט אָן צוּם צַדִּיק אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע מִתְגַּבֵּר אוֹיף אִים אוּן עֶר פַארְלִירְט דֶעם גַאנְצְן גֶעפִיל, זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: "אַל יִקְשֶׁה בְּעֵינֶיךָ זֹאת, וְאַל יִבַהֲלוּךָ רַעְיוֹנֶיךָ עַל זֶה", זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן צֶעמִישְׁט פַארְוָואס דָאס פַּאסִירְט אוּן נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוערְן, דִי סִבָּה צוּ דֶעם אִיז, וַוייל וִוי מֶער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיף זַיין יֵצֶר הָרָע אַלְץ מֶער אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע מִתְגַּבֵּר אוֹיף אִים, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה נב.): "כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ יִצְרוֹ גָּדוֹל הֵימֶנּוּ", וִוי גְרֶעסֶער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַלְץ אַ גְרֶעסֶערֶע יֵצֶר הָרָע הָאט עֶר, דֶערִיבֶּער אִין אָנְהוֹיב וֶוען עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען בַּיים צַדִּיק אִיז עֶר נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה, הָאט עֶר גֶעהַאט נָאר אַ קְלֵיינֶעם יֵצֶר הָרָע, אָבֶער נָאכְדֶעם וֶוען עֶר גֵייט צוּם צַדִּיק אִיז עֶר שׁוֹין גְרֶעסֶער - קוּמְט אַ פְרִישֶׁער יֵצֶר הָרָע, בִּיז וֶוען עֶר קוּמְט שׁוֹין צוּם צַדִּיק וָואס דֶעמָאלְט אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע זֵייעֶר שְׁטַארְק מִתְגַּבֵּר.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט לֶעצְטְנְס וִוי דוּ פַארְלִירְסְט דַיין גַאנְצֶע חֵשֶׁק, עֶס קוּמֶען דִיר אַרַיין מַחְשָׁבוֹת אַז דוּ זָאלְסְט אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן - דָאס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם; יֶעדֶער וָואס וֶוערְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, בַּיים אָנְהוֹיב

אִיז עֶר אִין אַ פְלַאקֶער אוּן אַ בְּרֶען, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז אַרַיין אִין גַּן עֵדֶן לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, עֶר הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין תּוֹרָה וּמִצְווֹת, אָבֶּער מִיט דִי צַייט נֶעמְט מֶען אִים אַוֶועק דֶעם גֶעפִּיל כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען אַרוֹיפְגֵיין צוּ אַ הֶעכֶערֶע דַּרְגָּא; אוֹיבּ עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ, עֶר הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק אִין רֶבִּי'ן אֲפִלּוּ אָן אַ גֶעפִּיל, אֲפִלּוּ מִיט אַלֶע קַשְׁיוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים - דַאן אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ אַ הֶעכֶערֶע דַּרְגָּא.

דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִיז בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעזֶען אָן דֶעם רֶבִּי'ן"; נָאר מִיט תְּפִלָּה אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט, נָאר מִיט הִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען זִיךְ הַאלְטְן אִין רֶבִּי'ן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ; לָאז נִישְׁט אָפּ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, בִּינְד זִיךְ צוּ צוּם רֶבִּי'ן, קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי קַשְׁיוֹת, קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם וָואס דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ, דָאס אִיז נָאר אַז דוּ זָאלְסְט גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כה): "וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה'", אִין דֶעם זֶענֶען זִיךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן טוֹעֶה וֶוען זֵיי שְׁפִּירְן פְּלוּצְלוּנְג אַ יְרִידָה, זֵיי שְׁפִּירְן וִוי זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶר

בְּרֶען און חֵשֶׁק וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט און עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן, "וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל, רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה, וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִפּוֹת, שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחְשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ"ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ", אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נְפִילָה, דָאס אִיז נָאר אַ דִּמְיוֹן וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר אִיז מַצְלִיחַ און עֶר קֶען שׁוֹין גֵיין וַוייטֶער אִין דִי קְדֻשָּׁה, דֶעמָאלְט מַאכְט עֶר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, סְפֵקוֹת און מְנִיעוֹת וְכוּ'; מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם נָאר וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף אַלֶע בִּלְבּוּלִים.

## תתרמ מ

**זָאל אִיךְ וַוייטֶער לֶערְנֶען סִפְרֵי חַבַּ"ד, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סְפָרִים?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ לִיוּבַּאוִויטְשֶׁער חָסִיד, און אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁעוּרִים, אָבֶּער דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת און רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ - רֶעדְט נִישְׁט צוּ מִיר. וַוייל ווי בַּאקַאנְט הָאט מֶען אִין חַבַּ"ד גֶעלֵייגְט אַ גְרֶעסֶערֶער דְגוּשׁ אוֹיף הִתְבּוֹנְנוּת און מַחְשָׁבָה, דָאס רֶעדְן הָאט

מֶען נָאר גֶעטוּן בַּיים דַאוֶונֶען אִין סִדּוּר, דִי תְּפִלּוֹת; ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן יָא צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶען לֶערְנְט אִין בְּרֶסְלֶב?

כָאטְשׁ וָואס אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין חַבַּ"ד, הָאט מֶען אָבֶּער בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים גֶעלֶערְנְט דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סְפָרִים, מַיין טַאטֶע פְלֶעגְט פָארְלֶערְנֶען "סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת", אוּן מַיין נָאמֶען אִיז "נָתָן". כָאטְשׁ וָואס מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אַלְס אַ וֶועג וַוייזֶער אִין לֶעבְּן, בִּין אִיךְ אָבֶּער בַּאקַאנְט מִיט דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סְפָרִים. אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַ פְּרָאבְּלֶעם, אַז דִי וֶועג ווִי אַזוֹי דִי סְפָרִים זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן - רֶעדְט נִישְׁט צוּ מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף צוּ אַ פָּשׁוּטְ'עֶ וֶועג. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אָבֶּער, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן חַבַּ"ד, הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר לִיבּ דִי וֶועג ווִי אַזוֹי עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן, מִיטְן גַאנְצְן אֱמֶת אוּן אַ הוֹיכֶע שֵׂכֶל, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז מִיר עֶס שְׁוֶוער צוּ נוּצְן אוֹיפְן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט אִין לֶעבְּן, אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס אִיךְ ווִיל אוּן וָואס אִיךְ דַארְף ווֶעלְן; אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען וַוייזְן אַ וֶועג ווֶעלְכֶע סֵפֶר אִיךְ זָאל לֶערְנֶען, אָדֶער אוֹיף וֶועלְכֶע נְקוּדוֹת אִיךְ זָאל זִיךְ פַארְלֵייגְן, אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן אוּן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ז' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

### לֶערְן וַוייטֶער סִפְרֵי חַבַּ"ד, לָאז נִישְׁט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים; בְּנוֹסָף לָזֶה זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת,

עֶס זֶעט טַאקֶע אוֹיס וִוי אַ פָּשׁוּטְ'עֶ וֶועג, אָבֶּער דִי פָּשׁוּטְ'עֶ זַאכְן דָאס זֶענֶען דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע אִין לֶעבְּן.

**בְּרוֹיט** און וַואסֶער אִיז נָאךְ מֶער פָּשׁוּט'עֶר, אָבֶּער אָן בְּרוֹיט, אָן וַואסֶער - אִיז נִישְׁטָא קֵיין לֶעבְּן. אַזוֹי אוֹיךְ אוּן נָאךְ מֶער אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ פָּשׁוּטְ'עֶ זַאךְ, אָבֶּער אָן דֶעם קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן, מִיט דִי בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם בְּרוּחָנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

**מוֹהֲרָא"שׁ** הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ חַבַּ"ד'סְקֶער בָּחוּר וֶועלְכֶער הָאט גֶעהַאט אַ קָרוֹב אִין אוּמַאן, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן בַּיי זַיין קָרוֹב הָאט עֶר דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעהֶערְט פוּן "הִתְבּוֹדְדוּת", וַוייל אִין חַבַּ"ד רֶעדְט מֶען מֶער פוּן מַחְשָׁבָה, פוּן זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין אִין גַּדְלוּת הַבּוֹרֵא; עֶס אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן דִי פָּשׁוּטְ'עֶ עֲבוֹדָה וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז, מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס מִיט אַ גוּטֶער פְרֵיינְד, מֶען זָאל אַלֶעס דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**שְׁפֶּעטֶער** וֶוען דִי רוּסְן יִמַּח שְׁמָם הָאבְּן אִים פַארְכַאפְּט אוּן גֶעפִירְט קֵיין סִיבִּיר הָאט עֶר גֶעהַאט דָארְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע נִסָּיוֹן, עֶר הָאט נוֹשֵׂא חֵן גֶעוֶוען בַּיי דִי רוּסְן יִמַּח שְׁמָם אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶענוּמֶען פַאר אַ מְשָׁרֵת אִין זֵייעֶר אָפִּיס, דָארְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען פַארְכַאפְּט אַ גוֹי'אִישׁ מֵיידְל, אַ גַלָּחִ'ס אַ טָאכְטֶער, אוּן זִי הָאט זִיךְ פַארְטְשֶׁעפֶּעט

אִין אִים, זִי הָאט אִים גֶעמוּטְשֶׁעט עֶר זָאל מִיט אִיר טוּן אַן עֲבֵירָה, עֶר זָאל מִיט אִיר חֲתֻנָּה הָאבְּן. טָאג נָאךְ טָאג, נַאכְט נָאךְ נַאכְט - הָאט זִי אִים גֶעמוּטְשֶׁעט אָן קַיין אוֹיפְהֶער; עֶר הָאט דָאךְ גֶעהֶערְט פוּן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְכַאפְּן יֶעדֶע נַאכְט אִין דִי בִּיטֶערֶע פְרֶעסְטְן אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וָואס טוּ אִיךְ דָא? אִיךְ לַייד דָא פוּן אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע נִסָּיוֹן, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אָט אָט וֶוער אִיךְ אוֹיס, אָט אָט וֶוער אִיךְ פַארְבְּרֶענְט, אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעם צוּ מַיין נְשָׁמָה וִוי אֵיידֶער אִיךְ זָאל זַיין מִיט דִי גוֹי'טֶע", אַזוֹי הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן יֶעדֶע נַאכְט אוּן דֶערְפוּן הָאט עֶר בַּאקוּמֶען כֹּחַ עוֹמֵד צוּ זַיין בְּנִסָּיוֹן פַאר נָאךְ אַ טָאג, דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג וֶוען דִי נִסָּיוֹן אִיז נָאכְאַמָאל אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר נָאכְאַמָאל גֶענוּמֶען דִי פָּשׁוּטְ'עֶ עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת.

וֶוען עֶס אִיז אַרִיבֶּער דְרֵיי יָאר הָאבְּן אִים דִי רוּסְן בַּאפְרֵייט, מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ גֶעזֶעגֶענוּנְגְס מָאלְצַייט, הָאט דָאס מֵיידְל גֶעבֶּעטְן דִי אָפִּיצִירְן אוֹיבּ זִי קֶען רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער פַאר זַיין כָּבוֹד, אוּן זִי הָאט אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אִיז דָא אִין דִי וֶועלְט אַ הֵיילִיגֶער מַאן אִיז עֶס דֶער בָּחוּר! אִיךְ מוּטְשֶׁע אִים פַאר אַזַא לַאנְגֶע צַייט עֶר זָאל זַיין מִיט מִיר, אוּן עֶר הָאט מִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְגֶערִירְט".

דֶער בָּחוּר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן אוּן דֶערְצֵיילְט דִי גֶעשִׁיכְטֶע; אַלֶע אִידְן פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס וָואס

הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאבְּן גֶעוֵויינְט, זֵיי הָאבְּן בַּאוואוּנְדֶערְט ווִי אַ יוּנְגֶער בָּחוּר זָאל קֶענֶען זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק ווִי יוֹסֵף הַצַּדִּיק; הָאט דֶער בָּחוּר גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן דִי פָּשׁוּטְ'עֶ עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, וָואלְט אִיךְ זִיכֶער פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן; נָאר דִי עֵצָה, דִי פָּשׁוּטְ'עֶ עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן וֵויינֶען צוּ אִים, פוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים - דָאס הָאט מִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט".

**דֶערִיבֶּער** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין וֶועג אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; בְּלַייב מְקוּשָּׁר צוּ דִי הֵיילִיגֶע רֶבֵּיִים נְשִׂיאֵי חַבַּ"ד וֶועלְכֶע הָאבְּן לִיכְטִיג גֶעמַאכְט דִי וֶועלְט, וּבְנוֹסָף לָזֶה זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי פָּשׁוּטְ'עֶ בְּרוֹיט, דִי פָּשׁוּטְ'עֶ וַואסֶער, דִי פָּשׁוּטְ'עֶ וֶועג פוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וֶועט דִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דִי פָּשׁוּטְ'עֶ וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת קֶען בְּרֶענְגֶען אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנד): "אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ וָואס אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפִירְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אִיךְ הָאבּ אַסאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפִירְט ווִי אַ פְּרָאסְטַאק".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פָּשׁוּטְ'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן.

# תתרמא מא

## מֶעג אִיךְ קוֹיפְן אַן אַיינְטְרִיט קַארְטְל צום סִיּוּם מִיט מַעֲשֵׂר גֶעלְט?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וויל וויסְן צִי אִיךְ מֶעג קוֹיפְן אַן אַיינְטְרִיט קַארְטְל צוּם סִיּוּם מַסֶּכֶת שַׁבָּת דֶעם קוּמֶענְדִיגְן זוּנְטָאג פַּרְשַׁת רְאֵה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה - מִיט מַעֲשֵׂר גֶעלְט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מַעֲשֵׂר גֶעלְט דַארְף גֵיין פַאר עֲנִיִּים, פַאר אָרֶעמֶעלַייט; מֶען קֶען נִישְׁט נוּצְן מַעֲשֵׂר גֶעלְט פַאר סְתַּם זַאכְן.**

**אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ און מִיטְהַאלְטְן דִי סִיּוּם און דִי שִׁעוּרִים אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# תתרמב מב

**ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן מַיין מַאן מֶער אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר?**[לו]

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְּרוֹי וָואס אִיז זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק פוּן דִי שִׁעוּרִים, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

מַיין מַאן הָאט אַסַאךְ חֲבֵרִים, עֶר פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זֵיי יֶעדֶע נַאכְט אוּן סֵיי וֶוען עֶר קֶען נָאר. אַסַאךְ מָאל קוּמְט עֶר אַהֵיים גָאר שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, דְרֵיי אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט אִיז נָארְמַאל עֶר זָאל אַהֵיימְקוּמֶען.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, וַוייל רוֹב מָאל בִּין אִיךְ אַלֵיין. אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶר אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר, זַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען אִים מֶער אִינְטֶערֶעסַאנְט.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז עֶר זָאל וֶועלְן זַיין מֶער אִינֶדֶערְהֵיים, אַז עֶר זָאל וֶועלְן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט מִיר? מִיר הָאבְן עֶס שׁוֹין דוּרְכְגֶעשְׁמוּעֶסְט צְווִישְׁן זִיךְ, אָבֶער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשׁ"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**דֶעם טָעוּת מַאכְן זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז מִיט אֵיין מָאל רֶעדְן קֶען מֶען פּוֹעֶל'ן אוּן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען**

לו. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א' עא.

פוּעֶלְ'ט נִישְׁט - וֶוערְט מֶען מְיוּאָשׁ, מֶען גֶעבְּט אוֹיף; וָואלְט מֶען וֶוען גֶערֶעדְט נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל שֵׁיינֶערְהֵייט - וָואלְט מֶען גֶע'פּוּעֶלְ'ט, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז קְלָאר גֶעזָאגְט אַז מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן אֲפִלּוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי מֶען פּוּעֶלְ'ט נִישְׁט, וַוייל בַּיים סוֹף פּוּעֶלְ'ט מֶען יָא.

**אַז** אַייעֶר מַאן קוּמְט נִישְׁט אַהֵיים בַּיינַאכְט, עֶר דְרֵייט זִיךְ
מִיט חֲבֵרִים בִּיז אִין דִי שְׁפֶּעטֶע נַאכְט שָׁעוֹת, קֶען דָאס זַיין צוּלִיבּ צְוֵויי סִבּוֹת, אָדֶער וִויל עֶר אַהֵיים קוּמֶען אָבֶער עֶפֶּעס שְׁטֶערְט אִים אִין שְׁטוּבּ, אָדֶער אִיז עֶר קְלֵיינְקֶעפְּלְדִיג, עֶר אִיז נָאךְ אִין דִי קִינְדֶערִישֶׁע בָּאבְל פוּן חֲבֵרִים, עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַרוֹיס פוּן זַיין אֵייעֶר שָׁאלֶעכְץ, עֶר מֵיינְט אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ וִוי חֲבֵרִים.

**דֶערִיבֶּער** זָאלְט אִיר רֶעדְן מִיט אִים, זָאגְט אִים שֵׁיינֶערְהֵייט:
"מַיין טֵייעֶרֶער מַאן, אִיךְ הָאבּ דִיר אַזוֹי לִיבּ, אִיךְ וִויל זַיין מִיט דִיר, אִיךְ וִויל פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִיר; זָאג מִיר, עֶפֶּעס שְׁטֶערְט דִיר פוּן וֶועלְן זַיין מִיט מִיר? עֶפֶּעס בַּאדֶערְט דִיר אִין שְׁטוּבּ אַז דוּ לוֹיפְסְט אַרוֹיס צוּ זַיין מִיט חֲבֵרִים גַאנְצֶע נֶעכְט?" זָאגְט אִים אוּן בֶּעטְס אִים שֵׁיינֶערְהֵייט: "אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין מִיט דִיר, אִיךְ וִויל הָאבְּן דֶעם זֶעלְבְּן סֵדֶר הַיּוֹם מִיט דִיר, אִיךְ וִויל נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן אַלֵיין, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק מִיר זָאלְן גֵיין שְׁלָאפְן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט, מַיין טֵייעֶרֶער מַאן, וָואס קֶען אִיךְ טוּן דוּ זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ? אִיךְ וֶועל אַלֶעס טוּן פַאר דִיר".

מִיט דִי שֵׁיינֶע רֵייד וָואס אִיר וֶועט רֶעדְן צוּ אִים אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן אַ דְרִיטֶע מָאל; מִיט שֵׂכֶל, מִיט וַוארֶעמְקֵייט - וֶועט אִיר אִים וֵוייךְ מַאכְן אוּן עֶר וֶועט אַהֵיים קוּמֶען, עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן זַיין שִׁכְּרוּת פוּן חֲבֵרִים, אוּן אוֹיבּ עֶס הָאט מִיט אַייךְ, עֶר וֶועט אַייךְ זָאגְן וָואס שְׁטֶערְט אִים, וֶועט אִיר אִים צוּפְרִידְן שְׁטֶעלְן, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר שׁוֹין אַהֵיים קוּמֶען.

**אָבֶּער** וִויסְן זָאלְט אִיר אַז אִיר וֶועט דַארְפְן הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אִיר וֶועט דַארְפְן וַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד. דָאס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין טָאג, דָאס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, אוּן טַאקֶע וַוייל עֶס נֶעמְט צַייט בִּיז מֶען בֵּייגְט אַ מַאן, בִּיז מֶען פּוֹעֵלְ'ט בַּיי אִים וָואס מֶען דַארְף פּוֹעֵלְ'ן - הָאבְּן פְרוּיעֶן נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ נֶעמֶען דֶעם וֶועג, דֶערִיבֶּער וֶוערְט אַסַאךְ גִיטִין; מֶען נֶעמְט דִי גְרִינְגֶע, שְׁנֶעלֶע אוּן פוּילֶע וֶועג, מֶען הֶערְט אוֹיף רֶעדְן, מֶען הוֹיבְּט זִיךְ אָן צוּ עֶסְן אִינֶעוֵוייִנִיג, מֶען עֶסְט זִיךְ אוּן מֶען עֶסְט זִיךְ בִּיז דִי לִיבְּשַׁאפְט וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְלַיידְן, בִּיז עֶס וֶוערְט אַ גֶּט. מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַן עֵצָה, מֶען מֵיינְט אַז גֶּטְ'ן אִיז אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז גֶּטְ'ן אַ וֶועג אַרַיין צוּ שְׁרֶעקְלִיכֶע בִּיטֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

**בְּעֶטְס** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַייךְ הֶעלְפְן, עֶר זָאל הֶעלְפְן אַייעֶר מַאן עֶר זָאל הָאבְּן גוּטֶע עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים וָואס וֶועלְן אִים נִישְׁט אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן בַּיינַאכְט פוּן שְׁטוּבּ. פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס וֶוען אִיר צִינְדְט דִי לִיכְט זָאלְט אִיר זִיךְ

אויסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען פִירְט זִיךְ צוּ לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְן פָּנִים אַז מֶען זָאל גָארְנִישְׁט זֶען, מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן גֶעשְׁטֶערְט פוּן קֵיינֶעם, דֶעמָאלְט מִיט דִי הֶענְט אוֹיפְן פָּנִים זָאלְט אִיר בֶּעטְן פוּן אַייעֶר צֶעבְרָאכֶענֶעם הַארְץ:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אוּן מַיין מַאן מִיר זָאלְן לֶעבְן מִיט שָׁלוֹם, מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְן אוּן מִיר זָאלְן זִיךְ פַארְשְׁטֵיין. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מַיין מַאן עֶר זָאל הָאבְן גוּטֶע חֲבֵרִים, הֶעלְף אִים עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן אִין גַאס בַּיינַאכְט, עֶר זָאל לִיבּ הָאבְן צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ";

אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט נָאר בַּיי דִי לִיכְט נָאר יֶעדְן טָאג; דוּרְכְדֶעם וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, אִיר וֶועט זֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן פַאר דִי פְרוֹיעֶן וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין וַוייבּ אוּן זַיינֶע טֶעכְטֶער, אַז וֶוען זֵיי צִינְדְן אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְן זֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי וִוי אִיךְ צִינְד אָן דִי לִיכְט אַזוֹי זָאל אָנְגֶעצִינְדְן וֶוערְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִיכְט אִין אַלֶע אִידִישֶׁע הֶערְצֶער", פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְן דִי פְרוֹיעֶן זֵיי זָאלְן אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט בַּיי דִי לִיכְט אוּן בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, טַאטֶע זִיסֶער! גֶעבּ מִיר אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת אוּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן. אַ לֶעבְן מִיט שָׁלוֹם, אַ לֶעבְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיךְ דִינֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַזוֹי וִוי אִיךְ צִינְד

יֶעצְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט, מַאךְ אוּנְז לִיכְטִיג אוּנְזֶער לֶעבְּן אוּן מַאךְ לִיכְטִיג פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַלֶע זָאלְן וִויסְן פוּן דִיר אוּן אַלֶע זָאלְן וִויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. צִינְד אָן מַיין מַאנְ'ס הַארְץ עֶר זָאל דִיךְ דִינֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן צִינְד אָן דִי הֶערְצֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער".

**אַז** אִיר וֶועט טוּן וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם בְּרִיוו וֶועט אִיר זֶען ווִי אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן, אִיר וֶועט הָאבְּן אַ הֵיילִיגֶע שְׁטוּב, אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתרמג מג

**ווִיפִיל דַארְף אִיךְ הָאבְּן מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן נָאךְ דִי חֲתֻנָּה?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל ווִיסְן ווִי סַאךְ אִיךְ דַארְף הָאבְּן מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן נָאךְ דִי חֲתֻנָּה; אִיךְ ווִיל בֶּאֱמֶת נִישְׁט הָאבְּן מִיט זֵיי, אִיךְ ווִיל אָבֶער ווִיסְן וָואס אִיךְ דַארְף טוּן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**פִּינְקְט וִויפִיל דוּ ווילְסְט אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן מִיט דִיר וֶוען זֵיי וֶועלְן חֲתֻנָּה הָאבְּן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

## תתרמד מד

**וְוי נֶעמְט מֶען כֹּחַ צוּ דִי לַחַץ פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג?**

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

עֶס קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע טֶעג אוּן מַיין קָאפּ הוֹיבְּט מִיר אָן שְׁווִינְדְלֶען, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ זַיין עֶרְנְסְט, צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין, צוּ דִי גַאנְצֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר. יֶעדֶעס יָאר וַוארְט אִיךְ נָאר אַז דִי הֵיילִיגֶע טֶעג זָאל אַוֶועקְגֵיין, דִי לַחַץ אַז אִיךְ וֵוייס "מֶען מוּז" זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן ווייל יֶעצְט שְׁרַייבְּט מֶען אָן דִי גַאנְצֶע יָאר, מַאכְט מִיר שׁוֹין יֶעצְט אָנְגֶעצוֹיגְן. עֶס אִיז אַ פַאקְט אַז עֶס קוּמְט אַ מִשְׁפָּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אָבֶּער עֶס בְּרֶענְגְט מִיר צוּ שְׁפִּירְן אַזוֹי ווִי אֵיינֶער פִילְט פַאר אַ מִשְׁפָּט; דֶערְשְׁרָאקְן אוּן נֶערְוֶועז.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶרְלִיכֶע אִידְן ווִי אַייךְ זִינְגֶען זִיךְ אוּנְטֶער דִי נִגּוּנִים פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט זֵיי שִׂמְחָה, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז פַארְקֶערְט;

אַז אֵיינֶער הוֹיבּט אָן צוּ זִינְגֶען אַ תְּנוּעָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג דְרֵייט זִיךְ מִיר דִי קִישְׁקֶעס.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דִי** הֵיילִיגֶע טֶעג זֶענֶען טֶעג פוּן רַחֲמִים; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוייזְט זַיין רַחְמָנוּת, עֶר שְׁטֵייט אוּן וַוארְט מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען זָאל פַארֶרעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן. דִי הֵיילִיגֶע טֶעג זֶענֶען נִישְׁט קַיין שְׁרֶעקֶעדִיגֶע טֶעג, דָאס זֶענֶען טֶעג פוּן לִיבְשַׁאפְט, עֶס אִיז אַ צַייט וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (לִקּוּטֵי תּוֹרָה פַּרְשַׁת רְאֵה לב, ב), אַ מָשָׁל צוּ אַ גְרוֹיסֶער קֶענִיג וָואס זִיצְט אִין אַ מֶעכְטִיגֶע פַּאלַאץ, דֶעמָאלְט קֶענֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועג צוּצוּקוּמֶען צוּם קֶענִיג, אָבֶּער וֶוען דֶער קֶענִיג אִיז אִין פֶעלְד, דֶעמָאלְט קֶענֶען אַלֶע צוּקוּמֶען צוּ אִים, דֶעמָאלְט שְׁמֵייכְלְט דֶער קֶענִיג צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם. זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא, חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי וִוי אַ קֶענִיג אִין פֶעלְד, דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וֶוען יֶעדֶער אֵיינֶער בַּאקוּמְט אַ שְׁמֵייכְל פוּנֶעם קֶענִיג, אָן קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד וֶוער מֶען אִיז.

מֶענְטְשְׁן וֶוערְן פַארְלוֹירְן וֶוען עֶס קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע טֶעג
וַוייל מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶען מֵיינְט
מֶען דַארְף טוּן גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת; מֶען דַארְף פַאסְטְן, מֶען
דַארְף זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, אוּן וֶוען מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ
אַז מֶען טוּט גָארְנִישְׁט - וֶוערְט מֶען זֵייעֶר בְּעַצְבוּת. אָבֶער
בֶּאֱמֶת אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, עֶס
אִיז זֵייעֶר גְרִינְג אָנְצוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים", וֶוער עֶס וִויל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זָאל זָאגְן תְּהִלִּים. וַוייל יֶעדֶער אִיד וִויל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן טוּן דִי ווילְן פוּנֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, אָבֶער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה טַאקֶע צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶס אִיז דָא אַפָּאר סִבּוֹת דֶערְצוּ; אֵיינֶער הָאט בִּכְלָל נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ", אוּן אֲפִלּוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר דַארְף טוּן, "וַאֲפִלּוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה", אוּן אֲפִלּוּ דֶער וָואס הָאט אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן עֶר וֵוייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטַארְק אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן אַלֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען וְכוּ' וְכוּ', זָאגְט דֶער רֶבִּי: "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִלּוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם

הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִלּוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט מֶען נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן מֶען וֵוייסְט וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", מֶען קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקְקֵייט וְכוּ', בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים. מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה): "הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל", הִתְבּוֹדְדוּת אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע עֲבוֹדוֹת. אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מַאכְן אַ צַייט וָואס עֶר לָאזְט אַלֶעס אָפּ אוּן גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, "וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ בִּטְעָנוֹת וַאֲמַתְלָאוֹת, בְּדִבְרֵי חֵן וְרִצּוּי וּפִיּוּס, לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן מִלְּפָנָיו יִתְבָּרַךְ, שֶׁיְּקָרְבוֹ אֵלָיו לַעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת", עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ אוּן אִים בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ שׁוֹין רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, זַיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר", מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן - אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, "כִּי בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ קָשֶׁה לוֹ לְפָרֵשׁ כָּל שִׂיחָתוֹ", וַוייל אוֹיף לָשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ אִיז

שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְן הַארְץ, "וְגַם אֵין הַלֵּב נִמְשָׁךְ אַחֲרֵי הַדִּבּוּרִים, מֵחֲמַת שֶׁאֵינוֹ מֻרְגָּל כָּל כָּךְ בְּהַלָּשׁוֹן, כִּי אֵין דַּרְכֵּנוּ לְדַבֵּר בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ", וַוייל מִיר רֶעדְן נִישְׁט קַיין לְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ, דֶערְפַאר אִיז שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ, "אֲבָל בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז שֶׁמְּסַפְּרִים וּמְדַבְּרִים בּוֹ, קַל וְקָרוֹב יוֹתֵר לְשַׁבֵּר לִבּוֹ", אוֹיפְן שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען רֶעדְט אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ אוֹיס צוּ גִיסְן דָאס הַארְץ.

**טז** דִי עֲבוֹדָה גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל - וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַ נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן עֶפֶּעס וָואס דוּ הָאסְט נָאךְ קֵיינְמָאל בֶּעפָאר נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט, דִי זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע אַיינְגֶעגֶעמֶע טַעַם וָואס צַדִיקִים שְׁפִּירְן אִין גַּן עֵדֶן; דַיין לֶעבְּן וֶועט זַיין אָן לַחַץ, אָן פְּרֶעשׁוּר, דוּ וֶועסְט הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה!

## תתרמה מה

### מַיין וַוייבּ לַיידְט שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסוּרִים, ווִי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין אַ יָאר צַייט וָואס מַיין וַוייבּ לַיידְט אוֹיף אַרְטְרֵייטִיס, זִי פֵּיינִיגְט זִיךְ מִיט שְׁטַארְקֶע יִסוּרִים. אִיךְ הֶער דִי שִׁעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ צוּ זַיין סַיי אַ טַאטֶע אוּן סַיי אַ מַאמֶע

פַאר מַיינֶע זִיסֶע קִינְדֶער קַיין עַיִן הָרָע, אָבֶער מִיר שְׁפִּירְן אַז עֶס גֵייט שׁוֹין אַרִיבֶּער אַלֶע גְרֶענִיצְן.

אִיךְ מִיט מַיין וַוייבּ הַאלְטְן אִין אֵיין שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער אִיךְ שְׁפִּיר ווִי מִיר טַאפְּן אַ וַואנְט, אִיךְ זֶע נִישְׁט דֶעם וֶועג אַרוֹיס, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ פַּאל שׁוֹין אַרַיין אִין יֵאוּשׁ, אִיךְ דַארְף חִזּוּק זִיךְ צוּ קֶענֶען וַוייטֶער דֶערְהַאלְטְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁעוּרִים, אָן דֶעם וָואלְט אִיךְ זִיכֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְגֵיין בִּיז יֶעצְט.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): "אִם רוֹאֶה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נַעֲנָה, יַחֲזוֹר וְיִתְפַּלֵּל", וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ אוּן מֶען זֶעט אַז מֶען וֶוערְט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן - זָאל מֶען נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים כז, יד): "קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה'"; מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זֶעט נָאכְנִישְׁט דִי יְשׁוּעָה, מֶען דַארְף וַוארְטְן אוּן וַוייטֶער בֶּעטְן בִּיז מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְן.

**וֶוען** מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ סַבְלָנוּת וֶוען מֶען זֶעט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ

לַאנְגֶע צַייט און מֶען זֶעט נָאכְנִישְׁט דִי יְשׁוּעָה. מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת נִישְׁט אוֹיפְצוּהֶערְן בֶּעטְן; וַוייל יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען וויל פּוֹעֵלְ'ן הָאט אַ סְכוּם וְויפִיל תְּפִלָּה עֶס פָּאדֶערְט זִיךְ אוֹיף דֶעם.

מִיר גֶעפִינֶען בַּיי משֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וויל אַרַיינְגֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (דְּבָרִים רַבָּה יא, י): "משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן פִינְף הוּנְדֶערְט און פוּפְצְן תְּפִלּוֹת, אַזוֹיפִיל וְויפִיל דָאס וָוארְט 'וָאֶתְחַנַּן' בַּאטְרֶעפְט, וֶוען משֶׁה רַבֵּינוּ וָואלְט גֶעבֶּעטְן נָאךְ אֵיין תְּפִלָּה וָואלְט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרַיין צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט (דְּבָרִים ג, כו): 'רַב לָךְ, אַל תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה', בֶּעט נִישְׁט מֶער אוֹיף דֶעם"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען טָאר נִישְׁט אָפְּלָאזְן תְּפִלָּה, מֶען דַארְף בֶּעטְן אֵיין מָאל און נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל אָן אַן אוֹיפְהֶער, בִּיז דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט.

נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, חַזֶר פַאר זִיךְ און חַזֶר מִיט דַיין וַוייבּ: "וָואס דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, אַלֶעס אִיז נָאר פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. און וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס גוּטְס, מֶען זֶעט נִישְׁט דָאס גוּטְס, מֶען זֶעט נָאר דָאס שְׁלֶעכְטְס - אִיז דָאס נָאר אַזוֹי פַאר אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס גוּט"; אַיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן, אוֹיבּ אִיז דָאס גוּט פַארְוָואס זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מַאכְן אַנְדֶערְשׁ? וִוי אַזוֹי קֶען מֶען בֶּעטְן עֶר זָאל טוּישְׁן וָואס עֶר טוּט - וֶוען אַלֶעס אִיז גוּט?! וַוייל דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער

הײסט אוּנְז מִיר זָאלְן אִים בֶּעטְן, מִיר זָאלְן אִים מוּטְשֶׁען עֶר זָאל מַאכְן אַזַא סָארְט גוּט וָואס מִיר זֶעעֶן דָאס גוּטְס מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וָואס מִיר וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן עֶר זָאל מַאכְן גוּט, גְלֵייבְּן מִיר אַז עֶס אִיז גוּט; וַוייל אַלֶעס אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז אִיז נָאר לְטוֹבָה.

**שְׁטַארְק** דַיין וַוייבּ, בְּלָאז אַרַיין אִין אִיר אֱמוּנָה; דָאס וֶועט אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן וֶוען זִי וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועלְן דִי שְׁלֶעכְטֶע קְרֶענְק אַוֶועק גֵיין פוּן אִיר, וַוייל שִׂמְחָה אִיז דִי רְפוּאָה פַאר אַלֶע מַחֲלוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "כָּל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען וַוייל מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, "גַּם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ, שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֳלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אֲפִלּוּ דִי דָאקְטוֹירִים זָאגְן אַז אַלֶע מַחֲלוֹת קוּמֶען פוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן פוּן זַיין נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

**דוּ** מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ, עֶס אִיז אַ מִצְוָה פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן דִי וַוייבּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו:): "אִשָּׁה, בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ", דֶער מַאן הָאט אַ מִצְוָה פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן זַיין וַוייבּ.

**דֶער** אײבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זִי זָאל הָאבְן אַ שְׁנֶעלֶע רְפוּאָה, זִי זָאל זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְהֵיילְן.

# תתרמו מו

## קֶען מֶען יוֹצֵא זַיין לִמּוּד הֲלָכָה מִיטְן לֶערְנֶען קִיצוּר שֻׁלְחָן עָרוּךְ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין אַ שְׁטִיק צַייט צוּרִיק הָאט מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעשְׁרִיבְּן וֶועגְן לֶערְנֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ עַל הַסֵּדֶר, אִיךְ בִּין אָבֶּער נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאלְט לְגַבֵּי דֶעם אַז אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן מִיט קִיצוּר שֻׁלְחָן עָרוּךְ וָואס אִיז מְחֻלָּק לוֹיט דִי טֶעג אִין יָאר, אוּן עֶנְדִיגְן אֵיינְמָאל בִּיזְן סוֹף, וָואס דָאס וֶועט מִיר זַיין אַסַאךְ גְרִינְגֶער כַּמּוּבָן, צִי קֶען מֶען מִיט דֶעם אוֹיךְ יוֹצֵא זַיין בְּדִיעֶבַד דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ יֶעדְן טָאג? וּבִפְרַט אַז מַיין וַוייבּ ווִיל אוֹיךְ אִיךְ זָאל מִיט אִיר לֶערְנֶען הֲלָכוֹת.

אִיךְ וַוארְט זֵייעֶר צוּ זֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בְּקָרוֹב מַמָּשׁ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת עֵקֶב, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מֶען קֶען יוֹצֵא זַיין מִיט דֶעם - נִישְׁט נָאר בְּדִיעֶבַד, נָאר אֲפִלּוּ לְכַתְּחִילָּה.**

דֶער רֶבִּי ווִיל מִיר זָאלְן לֶערְנֶען הֲלָכָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט): "כָּל אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי מְחֻיָּב לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם פּוֹסְקִים וְלֹא יַעֲבֹר", יֶעדֶער אִיד דַארְף לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר שֻׁלְחָן עָרוּךְ, "וְאַף אִם הוּא אָנוּס וְאֵין לוֹ פְּנַאי, יִלְמַד עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה סְעִיף 'שֻׁלְחָן עָרוּךְ' בְּאֵיזֶה מָקוֹם שֶׁהוּא", אֲפִלּוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט, מֶען אִיז אַן אוֹנֵס - דָאךְ זָאל מֶען לֶערְנֶען כָאטְשׁ אֵיין סְעִיף שֻׁלְחָן עָרוּךְ, "אֲפִלּוּ שֶׁלֹּא בִּמְקוֹמוֹ שֶׁהוּא עוֹמֵד עַתָּה בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ", אֲפִלּוּ עֶר הַאלְט אִין אַן אַנְדֶערְע פְּלַאץ, "כִּי צָרִיךְ לִלְמֹד אֵיזֶה דִּין בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּל יְמֵי חַיָּיו", ווַייל יֶעדֶער אִיד מוּז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אִין זַיין לֶעבְּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ - זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, "וּכְשֶׁאֵינוֹ אָנוּס יִלְמַד כְּסֵדֶר כָּל הָאַרְבָּעָה שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִדֵּי יוֹם בְּיוֹמוֹ", אוּן וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט קַיין אוֹנֵס, מֶען קֶען לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג - זָאל מֶען לֶערְנֶען אִין אַ רֵייעֶ יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, בִּיז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן גַאנְץ שֻׁלְחָן עָרוּךְ, "וּכְשֶׁיִּגְמֹר וִיסַיֵּם הָאַרְבָּעָה שֻׁלְחָן עָרוּךְ יַחֲזֹר וְיַתְחִיל לְלָמְדָם כְּסֵדֶר, וְכֵן יִנְהַג כָּל יְמֵי חַיָּיו", אוּן נָאכְדֶעם זָאל מֶען אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַזוֹי זָאל מֶען זִיךְ פִירְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

**עֶם** אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער תִּקּוּן פַאר אַלֶעם וָואס מֶען דַארְף פַארֶערְכְטְן. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "וְהוּא תִּקּוּן גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד", עֶס אִיז אַ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער תִּקּוּן צוּ לֶערְנֶען הֲלָכָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט: "אִם יָכוֹל לִלְמֹד כָּל הָאַרְבָּעָה שֻׁלְחָן עָרוּךְ עִם כָּל הַפֵּרוּשִׁים הַגְּדוֹלִים מַה טּוֹב", אוֹיבּ קֶען מֶען

לֶערְנֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַלֶע פֵּרוּשִׁים אִיז זֵייעֶר גוּט, "וְאִם לָאו עַל כָּל פָּנִים יִלְמַד כָּל הָאַרְבָּעָה שֻׁלְחָן עָרוּךְ הַקְּטַנִּים", אוּן אוֹיב קֶען מֶען נִישְׁט, זָאל מֶען לֶערְנֶען מְחַבֵּר אוּן רַמָּ"א צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

זֵייעֶר גוּט טוּסְטוּ אַז דוּ לֶערְנְסְט אַבִּיסְל הֲלָכָה מִיט דַיין ווַייבּ, אַזוֹי וֶועט אִיר ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; אִיר וֶועט קֶענֶען הִיטְן דִי תּוֹרָה אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתרמז מז

### וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַאן גֶעטְרוֹיעֶט מִיר נִישְׁט?[לז]

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁעוּרִים וָואס אִיז מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּה. אִיךְ הֶער שׁוֹין דִי שִׁעוּרִים כִּמְעַט אַ יָאר, אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן אָן הֶערְן דֶעם פְרִישְׁן שִׁעוּר, דָאס גֶעבְּט מִיר מַמָּשׁ לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין חֲתֻנָּה גֶעהַאט צְוֶועלְף יָאר בָּרוּךְ הַשֵּׁם, מִיר הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן מִיט אַ טֵייעֶרֶער מַאן וָואס הֶעלְפְט מִיר גָאר אַסַאךְ, טְרָאץ וָואס עֶר אִיז זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן וַוייטֶער.

לז. אַ הֶמְשֵׁךְ צוּ דֶעם בְּרִיוו, ווַייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א' סד.

איך פְּרוּבִיר דָאס מֶערְסְטֶע צוּ טוּן מַיינֶע פְלִיכְטְן אַלְס וַוייבּ אוּן מַאמֶע, אָבֶער איך הָאבּ אַ שְׁוֶועריקַייט אִין אוּנְזֶער לֶעבְּן וָואס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר. מַיין מַאן אִיז גֶעוָוארְן אַ יָתוֹם אַלְס קִינְד אוּן אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן, אוּן דָאס הָאט אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט אוֹיף אִים אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צוּטְרוֹי צוּ קֵיינֶעם אוּן עֶר לַיידְט פוּן אַסַאךְ פְּחָדִים, דָאס מַאכְט אוּנְז אַסַאךְ מָאל זֵייעֶר שְׁווער.

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם וָואךְ הָאבּ איך גֶעהַאט אַזַא מַעֲשֶׂה, עֶר קוּמְט אַהֵיים אוּן בַּאפַאלְט מִיר מִיט חֲשָׁדוֹת אוּן זַאכְן וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁייְכוּת מִיט פַאקְטְן, אוּן וֶוען איך זָאג אִים אַז איך הָאבּ נִישְׁט קַיין אַנוּנְג פוּן וָואס עֶר רֶעדְט וֶוערְט עֶר בַּאבְּלָאזְן אוּן וִויל אֲפִלּוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, עֶר זָאגְט אַז עֶר גְלֵייבְּט מִיר מִמֵּילָא נִישְׁט.

איך בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, דָאס הָאט מִיר מַמָּשׁ שְׁוַואךְ גֶעמַאכְט, אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁווער אִים מוֹחֵל צוּ זַיין. אֲפִלּוּ שְׁפֶּעטֶער וֶוען מִיר הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אוּן עֶר הָאט גֶעבַּאפְּט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּן רִיכְטִיג, וֶוערְט מִיר נָאכְאַלְץ שְׁלֶעכְט וֶוען איך זֶע אִים, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער וֶוען מַיין נָאנְטְסְטֶער מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט מִיר נִישְׁט אוּן עֶר הָאט אַזֶעלְכֶע דִמְיוֹנוֹת אוֹיף מִיר; אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַייעֶר וֵוייטָאג; עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע גֶעפִיל צוּ לֶעבְּן מִיטְן מַאן וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צוּטְרוֹי אִין**

אַייךְ וְכוּ' וְכוּ', וָואס נָאךְ דַארְף דֶען אַ פְרוֹי? אַ פְרוֹי דַארְף דָאךְ נָאר אַז אִיר מַאן זָאל אִיר גְלֵייבְן אוּן אִיר גֶעטְרוֹיעֶן, אוּן וֶוען אַ פְרוֹי הָאט דָאס נִישְׁט אִיז אִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער.

**אָבֶער** אִין אַייעֶר פַאל אִיז דָאס אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ. אִיר שְׁרַייבְּט דָאךְ אַלֵיין ווִי גֶעטְרֵייאַ אַייעֶר מַאן אִיז צוּ אַייךְ, ווִי שְׁטַארְק עֶר הֶעלְפְט אַייךְ; עֶר הָאט נָאר אַ פְּרָאבְלֶעם אַז עֶר לַיידְט פוּן פְּחָדִים פוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעבֶּעךְ גֶעוָוארְן אַ יָתוֹם. אִין דֶעם פַאל אִיז דָאס אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ, אִיר דַארְפְט נִישְׁט זַיין אָנְגֶעוֵוייטָאגְט אוֹיף אִים, דָא קוּמְט עֶנְדֶערְשׁ אַרַיין דָאס וָוארְט 'רַחְמָנוּת'; אִיר דַארְפְט רַחְמָנוּת הָאבְן אוֹיף אִים אוּן אִים פַארְשְׁטֵיין.

**אִיךְ** ווִיל אַייךְ פְרֶעגְן, וָואס טוּט אִיר וֶוען אַייעֶר קִינְד זָאגְט אַייךְ: "בִּיסְט נִישְׁט אַ גוּטֶע מַאמֶע!" אָדֶער אַייעֶר קִינְד זָאגְט אַייךְ: "אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט לִיבּ!" וֶוערְט אִיר אָנְגֶעוֵוייטָאגְט אוֹיפְן קִינְד אָדֶער אִיר פַארְשְׁטֵייט אַז דָאס קִינְד אִיז נָאךְ אַ קִינְד אוּן וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִיךְ אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען וְכוּ'? אַזוֹי זָאלְט אִיר קוּקְן אוֹיף אַייעֶר מַאן, עֶר אִיז טַאקֶע שׁוֹין דֶערְוַואקְסְן אוּן נִישְׁט קִינְדִישׁ, אָבֶּער דָאס וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן יוּנְגֶערְהֵייט אַ יָתוֹם לֹא עָלֵינוּ הָאט אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט אוֹיף אִים אִין אַ פָארֶעם פוּן אוּמְזִיכֶערְקֵייט אוּן עֶס פַאסִירְט וָואס פַאסִירְט.

**אַנְשְׁטָאט** צוּ זַיין אָנְגֶעוֵוייטָאגְט אוֹיף אִים זָאלְט אִיר אִים דַן זַיין לְכַף זְכוּת, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ

דַּן זַיין לְכַף זְכוּת אוּן אִיר וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן אַייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתרמח מח

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיפְקְלֶערְן מַיינֶע חֲבֵרִים נִישְׁט צוּ זַיין מְחֻצָּפִים?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ זֶע אֵייבִּיג ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הֶעלְפְט בָּחוּרִים מִיט אַלֶע סָארְט פְּרָאבְּלֶעמֶען, אֶפְשָׁר וֶועט אִיר מִיר אוֹיךְ קֶענֶען הֶעלְפְן.

אִיךְ בִּין אַ חֲסִידִי׳שֶׁער בָּחוּר, אִין אַ חֲסִידִי׳שֶׁע יְשִׁיבָה, מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים - חָשׁוּב׳עֶ אֵיידֶעלֶע בָּחוּרִים, מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז זֵיי קֶענֶען אַסַאךְ מָאל זַיין חֻצְפָּה׳דִיג צוּם מַשְׁגִּיחַ. דֶער מַשְׁגִּיחַ אִיז אַ חָשׁוּב׳עֶר תַּלְמִיד חָכָם וָואס הֶעלְפְט יֶעדְן פוּן אוּנְז שְׁטֵייגְן, עֶר אִיז אַפָּאר מָאל אוֹיךְ אַבִּיסְל שְׁטְרֶענְג אוּן דִי בָּחוּרִים מַאכְן חוֹזֶק פוּן אִים אָדֶער אִיגְנָארִירְן אִים. עֶר מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן, אָבֶּער אִיךְ זֶע אַז עֶס שְׁטֶערְט אִים עֶכְט יָא. אוֹיךְ וֶוען עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף זָאגְן אַ דְרָשָׁה, קֶענֶען זֵיי זַיין חֻצְפָּה׳דִיג אוּן בְּרוּמֶען; ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זֵיי מַסְבִּיר זַיין אַז זֵייעֶר אוֹיפְפִירוּנְג אִיז נִישְׁט גוּט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי דוּ זָאלְסְט מוּסָר'ן דִי בָּחוּרִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סה:): "כְּשֵׁם שֶׁמִּצְוָה עַל אָדָם לוֹמַר דָּבָר הַנִּשְׁמָע, כַּךְ מִצְוָה עַל אָדָם שֶׁלֹּא לוֹמַר דָּבָר שֶׁאֵינוֹ נִשְׁמָע", אוֹיבּ מֶען וֵייסְט קְלָאר אַז מֶען וֶועט זָאגְן פַאר אֵיינֶעם מוּסָר אוּן יֶענֶער וֶועט דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען - זָאל מֶען נִישְׁט מוּסָר'ן יֶענֶעם; זָאג זֵיי נִישְׁט קַיין מוּסָר, נִישְׁט נָאר זֵיי וֶועלְן נִישְׁט אָנְנֶעמֶען וָואס דוּ זָאגְסְט, דוּ וֶועסְט נָאךְ וֶוערְן אַ חוֹזֶק צְווִישְׁן זֵיי.

דוּ פִיר זִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן נוּץ אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב.): "יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַרְדָּא", דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז וִוי אַ קְרוֹין פוּן שֵׁיינֶע רוֹיזְן; אַז מֶען נוּצְט אוֹיס דִי יוּנְגֶע יָארְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין - אִיז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן נָאכְדֶעם וִוי אַ קְרוֹין. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם): "וַוי לַהּ לַחֲדָא דְאָזְלָא וְלָא אָתְיָא", וֵויי פַאר דִי שֵׁיינֶע יוּנְגֶע יָארְן וָואס גֵייעֶן אַוֶועק אוּן קוּמֶען נִישְׁט צוּרִיק; נוּץ אוֹיס דִי יוּנְגֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה.

גֶעבּ אַכְטוּנְג קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן אַ צְוֵויטְן - נִישְׁט קַיין חִילּוּק אַ בָּחוּר, אַ מַשְׁגִּיחַ אָדֶער דֶער וָואס רוּמְט

דִי יְשִׁיבָה. אַז דוּ וֶועסְט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַנְדֶערֶע וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתרמט מט

### אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער דִי לִמּוּדִים פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים

**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ ווִיל אַבִּיסֶל מִיטְטֵיילְן מִיטְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶטְלִיכֶע פְרֵיילִיכֶע זַאכְן.

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן זַייעֶנְדִיג מְקוּרָב צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאבּ אִיךְ יֶעדְן טָאג - כִּמְעַט - פְּרוּבִּירְט אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים דִי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען.

אַזוֹי ווִי עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ יֶעצְט דִי יָאר, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט מַיינֶע תַּלְמִידִים (אַכְט יָאר אַלְט) וָואס זֵיי הָאבְּן סְפֶּעצִיעֶל קוֹנֶה גֶעוֶוען דָאס יָאר, דִי תְּשׁוּבָה הָאבְּן אַלֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט אִינְאֵיינֶעם: א) תְּפִלָּה, ב) זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי צִיצִית, ג) מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ טַאטֶע מַאמֶע.

בְּנוֹסָף צוּ דֶעם גֵייעֶן אַסַאךְ תַּלְמִידִים מְסַיֵּים זַיין מַסֶּכֶת תַּעֲנִית אַלְס אַ זַייטִיגֶע לִמּוּד אִין דִי פְרֵייעֶ צַייטְן, לְכָבוֹד דִי נַיין טֶעג, נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ זֵיי אוֹיף דֶעם מְחַזֵּק גֶעוֶוען. הַיינְט הָאט מִיר אַ תַּלְמִיד גֶעוִויזְן אַ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה וָואס זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעקוֹיפְט, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט וואוּ עֶר הַאלְט, אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעלֵייגְט אַ סְטִיקֶער.

דִי קְרֶעדִיט קוּמְט זִיךְ פַּארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס שְׁפָּארְט נִישְׁט קַיין מִי און כֹּחַ, אַלֶעס כְּדֵי אַרייַנְצוּבְּרֶענְגֶען דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין דִי וָועלְט, אִיךְ שְׁפִּיר אַלְס אַ חוֹב דָאס מִיטְצוּטֵיילְן מִיטְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דוּ** קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דַיין זְכוּת פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד - אוֹיבְן אִין הִימְל; אַ מְלַמֵּד וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער, עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי תּוֹרָה - הָאט אַ גְרוֹיסֶער כֹּחַ אִין הִימְל, עֶר קֶען פּוֹעֵלְ'ן אַלֶעס וָואס עֶר ווִיל.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.) עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶעְנִישׁ - עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, הָאט מֶען זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר רֶעגְן, אַ פָּשׁוּט'ער אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד און גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" - הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעגֶענֶען, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד דַרְדַקֵי - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער און אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד פוּן אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל

לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט; נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ, אַז וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד וָואס וִויל נִישְׁט לֶערְנֶען, בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד; אִיךְ קוֹיף אִים אוּנְטֶער, אִיךְ הָאבּ אִין שְׁטוּבּ אַ פִישׁ טַאנְק אוּן אִיךְ בִּין אִים מְשַׁכְנֵעַ אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען וֶועל אִיךְ אִים וַוייזְן דִי פִישֶׁעלֶעךְ אוּן דוּרְכְדֶעם הוֹיבְּט עֶר אָן לֶערְנֶען"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד אָדֶער אַ טִיטְשֶׁער גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס קִינְדֶער, הָאט מֶען אַ כֹּחַ אִין הִימְל אוּן מֶען נֶעמְט אָן אַלֶע תְּפִלּוֹת.

**וָוער** רֶעדְט נָאךְ אַ מְלַמֵּד מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - אִיז דָאךְ גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; מֶען הָאט וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן, מֶען הָאט וָואס אַרַיין צוּ לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער. דֶער רֶבִּי גֶעבְּט סְחוֹרָה אִין דִי הַאנְט, מֶען הָאט וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן וַוייטֶער; אָפְּגֶערֶעדְט אַז מֶען קֶען אַרַיינְבַּאקְן אִין דִי הֶערְצֶער פוּן דִי קִינְדֶער רֵיינֶע אֱמוּנָה, וַוייל אֱמוּנָה קֶען מֶען נָאר אִיבֶּערְגֶעבְּן אוֹיבּ מֶען הָאט דָאס אִין זִיךְ; אַ מְלַמֵּד וָואס דִי אֱמוּנָה שַׁיינְט אִין אִים - דֶער קֶען אִיבֶּערגֶעבְּן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן אוֹיךְ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמ, רמא; חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תסה, תקצא): "אִיךְ וִויל נִישְׁט מַיינֶע לַייט זָאלְן זַיין מְלַמְּדִים, אָבֶּער אַז מֶען דַארְף שׁוֹין יָא זַיין אַ מְלַמֵּד, וֶוער דֶען זָאל זַיין אַ מְלַמֵּד אוֹיבּ נִישְׁט פוּן מַיינֶע לַייט?"[לח] וַוייל מֶען דַארְף

לח. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א' נז.

אַלֵיין הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה דָאס צוּ קֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן פַּאר תַּלְמִידִים, זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה; דָאס אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אַ אִיד, מֶען זָאל ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, מֶען זָאל לֶעבְּן מִיט דֶעם אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַּארְגֶעסְן פוּן דִי אֱמוּנָה.

לֵיידֶער לֵיידֶער הַיינְטִיגֶע טֶעג רֶעדְט מֶען פוּן אַלֶעס נָאר נִישְׁט פוּן דִי פָּשׁוּטְ'עֶ אֱמוּנָה; מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער פוּן לִמּוּד הַתּוֹרָה, מֶען רֶעדְט פוּן לֶערְנֶען רְצוּפוֹת, מֶען רֶעדְט פוּן זַיין אַ מְצוּיָן, מֶען רֶעדְט פוּן זִיךְ פַּארְהֶערְן אוּן בַּאקוּמֶען אַן אוֹיסְצֵייכֶענוּנְג - נָאר פוּן דִי פָּשׁוּטְ'עֶ אֱמוּנָה רֶעדְט מֶען נִישְׁט, שְׁפֶּעטֶער וואוּנְדֶערְט מֶען זִיךְ פַארְוָואס בָּחוּרִים הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, מֶען וואוּנְדֶערְט זִיךְ פַארְוָואס מֶען טְרֶעפְט בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס טוּעֶן עֲבֵירוֹת אוּן הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ אַ שַׁבָּת, צוּ מִצְווֹת; וָואלְט מֶען וֶוען גֶעפִילֶעוֶועט אִין זֵיי אֱמוּנָה, וָואלְטְן זֵיי גֶעבְּלִיבְּן עֶרְלִיכֶע פָּשׁוּטְ'עֶ אִידְן.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי מַמְשִׁיךְ בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז, וִיהִי רָצוֹן שֶׁתִּשְׁרֶה שְׁכִינָה בְּמַעֲשֵׂה יְדֵיכֶם.

# תתרנ נ

## מֶעג מֶען שִׁיקְן אַ חָתָן-כַּלָּה בִּילְד?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט מְבַשֵּׂר זַיין פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה' אַ חָתָן גֶעוָוארְן בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת מִיט אַן עֶרְלִיכֶע מֵיידְל.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג שִׁיקְן פַאר חֲבֵרִים אַ בִּילְד פוּן מִיר מִיט מַיין כַּלָּה?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מַזָּל טוֹב** פַאר דַיין שִׁדּוּךְ! אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן אַ גוּטֶע שִׁדּוּךְ, אַ וואוֹיל מֵיידְל; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, לַה' וּלְתוֹרָתוֹ.

**שִׁיק** נִישְׁט קֵיין בִּילְד פוּן דַיין כַּלָּה פַאר קֵיינֶעם; עֶס אִיז נִישְׁט אֵיידְל צוּ שִׁיקְן פְּרִיוַואטֶע בִּילְדֶער פוּן זִיךְ אוּן דִי

כַּלָּה. אַזוֹי אויךְ נָאךְ דַיין חֲתֻנָּה זָאלְסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְלֵייגְן אַ בִּילְד פוּן דִיר אוּן דַיין וַוייבּ, עֶס אִיז נִישְׁט אֵיידְל.

**לֵיידֶער** אִיז נִישְׁטָא וֶוער עֶס זָאל לֶערְנֶען אִינְגֶעלַייט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס אִיז רִיכְטִיג אוּן וָואס נִישְׁט, מֶען טוּט וָואס מֶען זֶעט בַּיי חֲבֵרִים, מֶען מֵיינְט אַז וָואס דֶער חַבֵר טוּט - אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן. אִינְגֶעלַייט שְׁטֶעלְן אַרוֹיס פְּרִיוַואטֶע בִּילְדֶער פוּן זִיךְ אוּן דִי וַוייבּ, מֶען מֵיינְט אַז מִיט דֶעם וֶועט מֶען אִים מְקַנֵא זַיין, מֶען וֶועט אִים אַרוֹיפְקוּקְן.

**שִׁיק** נִישְׁט קֵיינֶעם דַיינֶע בִּילְדֶער אוּן דוּ קוּק נִישְׁט יֶענֶעמְ'ס בִּילְדֶער; יֶעדֶע מָאל מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן שְׁפָּארְט מֶען זִיךְ נָאךְ אַ בְּרִי אִין גֵיהִנּוֹם. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אַ קוּק וֵוינְצִיגֶער - אַ בְּרִי וֵוינְצִיגֶער", דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן שְׁפָּארְט מֶען זִיךְ אַיין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע עוֹנְשִׁים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**נֶעם** נִישְׁט דַיינֶע חֲבֵרִים פַאר דַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ; יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ וִוילְסְט וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן - זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן עֶרְלִיכֶע אִידְן. אַז דוּ גֵייסְט בּוֹיעֶן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס פַאר אַ הֶכְשֵׁרִים דוּ נֶעמְסְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ; קוֹיף נָאר עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען וָואס פַארְמָאגְן עֶרְלִיכֶע הֶכְשֵׁרִים. וָואס מֶען זֶעט בַּיי חֲבֵרִים מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז מֶען מֶעג דָאס עֶסְן, מֶען וֶוערְט נִישְׁט מֶער פְרֵיילִיךְ אַז מֶען עֶסְט וָואס מֶען וִויל אוּן וָואס מֶען זֶעט; הַיינְט קֶען מֶען הָאבְּן כִּמְעַט אַלֶע עֶסְן מִיט גוּטֶע עֶרְלִיכֶע הֶכְשֵׁרִים.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין מַאגַאזִינֶען, צֵייטוּנְגֶען און לַיין מַאטְרִיַאל. אֲפִילוּ עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט מִיט אִידִישֶׁע אוֹתִיוֹת, דָאס מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז דִי שְׁרַייבֶּער זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן; עֶס לִיגְט בַּאהַאלְטְן סַם צְווִישְׁן דִי וֶוערְטֶער וָואס דָאס גֵייט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ בִּיז מֶען וֶוערְט אַוֶועק גֶעשְׁלֶעפְּט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַז** דוּ וֶועסְט פְּרֶעגְן יֶעדֶע זַאךְ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין צוּ בּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

## תתרנא נא

### אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג, אִיז מַיין דַאוֶוענֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל וָואס קוּמְט פוּן זֵייעֶר אַ גוּטֶע און עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶס אִיז מִיר צוּ שְׁוֶוער מִיט אַלֶע פְּרוּמְקֵייטְן פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה, אִיךְ וִויל זֵיי קֶענֶען צוּפְרִידְנְשְׁטֶעלְן אָבֶּער עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער, עֶס אִיז אָדֶער מִיר אָדֶער זֵיי, עֶס גֵייט נִישְׁט בֵּיידֶע צוּזַאמֶען, און אִיךְ שְׁפִּיר אוֹיף אַסַאךְ זַאכְן אַז וֶוען מֶען וָואלְט מִיר וֶוען גֶעלָאזְט טוּן פָּשׁוּט'עֶ זַאכְן וָואלְט אִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ טוּן עֶרְגֶערֶע זַאכְן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל מַיין מַאמֶע וִויל נִישְׁט אִיךְ זָאל זִיךְ פַארְבְּן דִי פָּנִים אֲפִילוּ מִיט פָּשׁוּט'עֶ פַארְבּ, אִיז טַאקֶע וַוייל זִי לָאזְט מִיר נִישְׁט, פַארְבּ אִיךְ אוֹיךְ מַיינֶע אוֹיגְן, אַ זַאךְ וָואס אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעטוּן וֶוען זִי וָואלְט מִיר גֶעלָאזְט זִיךְ פַארְבְּן אֲפִילוּ אֵיידְל.

אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, בִּפְרַט אַז אִיךְ לֶעבּ אִין אַ סְבִיבָה וָואס יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ, זָאגְן אַלֶע מִיר אוֹיס

פַּאר מַיין מַאמֶע און בַּאבֶּע וְכוּ', אִיךְ וויל נִישְׁט מַאכְן בּוּשׁוּת פַּאר מַיין מִשְׁפָּחָה, אָבֶער אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין צְנִיעוּת'דִיג נָאר זֵיי צוּפְרִידְן צוּ שְׁטֶעלְן, נִישְׁט וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וויל אַזוֹי; אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ פוּן מַיין אֵייגֶענֶעם ווילְן, נִישְׁט וֶועגְן אַלֶע זָארְגְן אוֹיף מִיר.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ מִיר צוּ זָאגְן זַאכְן, וָואס בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה גֵייט עֶס נִישְׁט אַרַיין אֱמֶת'דִיג אִין הַארְץ, אָבֶער בִּיז אַ תְּקוּפָה גֶעשֶׁעט זַאכְן. לְמָשָׁל אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "וָואס הָאסְטוּ פוּן דַאוֶוענֶען? קֹדֶם זָאלְסְטוּ זַיין צְנִיעוּת'דִיג", בֶּאֱמֶת בִּין אִיךְ צְנִיעוּת'דִיג אָבֶער פַאר זֵייעֶרֶע קְרוּמְקֵייטְן נִישְׁט.

אַמָאל פְלֶעג אִיךְ מַקְפִּיד זַיין צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג און דָאס טוּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט הַיינְט, עֶס אִיז מִיר גֶעוָוארְן אַ קַאלְטְקֵייט אִין דֶעם, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אוֹיךְ זֵייעֶר וַוייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער וַוייל אִין מַיין קָאפּ אִיז דָא אַ בִּילְד אַזוֹי ווי פוּן אַ מַעֲרָכָה, עֶס אִיז דָא צְוֵויי צְדָדִים, אֵיינֶע בִּין אִיךְ, און דִי צְווייטֶע זַייט אִיז מַיין מַאמֶע טַאטֶע זֵיידֶע בַּאבֶּע און דֶער בַּאשֶׁעפֶער, און עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער דִי וַוייטְקֵייט וָואס אִיךְ שְׁפִּיר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ וֵויים נִישְׁט אוֹיבּ אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן, אָבֶער אֶפְשָׁר וֶועט אִיר זַיין דֶער גוּטֶער שְׁלִיחַ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַסַאךְ הָאבְּן מִיר מַמְלִיץ גֶעוֶוען אַייךְ צוּ שִׁיקְן אַ בְּרִיוו.

יְיִשַׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשׁ"פ לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

## טְרַאכְטְס נִישְׁט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז וַוייט פוּן אַייךְ, עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת; דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט וַוייט פוּן אַייךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אַייךְ, בַּיי אַייךְ אוּן נֶעבְּן אַייךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ לִיבּ אוּן וַוארְט אִיר זָאלְט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן דַאוֶועגֶען צוּ אִים, רֶעדְן צוּ אִים אוּן אִים בֶּעטְן וָואס אִיר דַארְפְט. עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אוּן וָואס מֶען טוּט, שְׁטֶענְדִיג וַוארְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוּן רֶעדְן צוּ אִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אוּנְז צוּ וַוייזְן דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי שְׁטַארְק עֶר הָאט לִיבּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן עֶר וַוארְט מֶען זָאל דַאוֶונֶען צוּ אִים; וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הוֹיבְּט מֶען אָן שְׁפִּירְן זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע נָאנְטְקֵייט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען הָאט אֵיינֶעם, מֶען שְׁפִּירְט וִוי אֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט מִיךְ, אֵיינֶער נֶעמְט מִיךְ אָן וִוי אַזוֹי אִיךְ בִּין, וִוי אַזוֹי אִיךְ זֶע אוֹיס.

נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, פְּרוּבִּירְט אוֹיס דִי זִיסֶע וֶועג; וֶוען אִיר זֶענְט אַלֵיין אִין אַייעֶר שְׁטוּבּ, קֵיינֶער הֶערְט אַייךְ נִישְׁט אוּן קֵיינֶער זֶעט אַייךְ נִישְׁט - זָאלְט אִיר פְּרוּבִּירְן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְט צוּ אִים אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס אִיר רֶעדְט צוּ אַייעֶרֶע נָאנְטֶע חַבֶרְ'טֶעס, דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט אַייךְ אוּן וָואס אִיר שְׁפִּירְט, דֶערְצֵיילְט אִים וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז אַייךְ דִי גַאנְצֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אִיר לֶעבְּט, דִי מִלְחָמָה וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִין אַייךְ, וִוי אַלֶעס אִיז גֶעצְוִוינְגֶען - אָן קַיין אֱמֶת אוּן אָן קַיין גֶעפִיל. אִין אָנְהוֹיבּ

וֶועט דָאס אֶפְשָׁר זַיין אַבִּיסְל שְׁוֶוער, אָבֶּער מִיט דִי צַייט וֶוען אִיר וֶועט דָאס טוּן וֶועט אִיר וֶוערְן זַייעֶר שְׁטַארְק, אִיר וֶועט שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אַייךְ אוּן הָאט אַייךְ לִיבּ.

**הֶערְט** נִישְׁט אוֹיס דִי וָואס טְשֶׁעפֶּען אוּן זָאגְן אַייךְ: "וָואס הָאסְטוּ פוּן דַאוֶוענֶען? קֹדֶם זָאלְסְטוּ זַיין צְנִיעוּת'דִיג"; עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת וָואס זֵיי זָאגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַנְדֶערְשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל מֶען זָאל דַאוֶוענֶען צוּ אִים, אִים בֶּעטְן עֶר זָאל אוּנְז צוּרִיק קֶערְן צוּ אִים אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין אוּנְז אַ רֵיינְקֵייט צוּ וֶועלְן טוּן זַיין ווִילְן, צוּ וֶועלְן טוּן וָואס אִיז גוּט.

**אִיךְ** בֶּעט אַייךְ, הֶערְט נִישְׁט אוֹיס דִי וָואס זָאגְן אַייךְ: "וָואס הָאסְטוּ פוּן דַאוֶוענֶען? קֹדֶם זָאלְסְטוּ זַיין צְנִיעוּת'דִיג", דָאס אִיז עֲצַת הַיֵּצֶר, דָאס אִיז אַ נִסָּיוֹן פַאר אַייךְ, אַייךְ מַחְלִישׁ דַעַת זַיין, אַייךְ אָפְּקִילְן פוּן וֶועלְן זַיין עֶרְלִיךְ; לֵייגְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אֵיין זַייט מִיט דִי אַלֶע וָואס טְשֶׁעפֶּען אַייךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט אוֹיף אוּנְז, עֶר זֶעט אוּנְזֶער הַארְץ, עֶר זֶעט ווִי שְׁטַארְק מִיר ווִילְן זַיין גוּט. עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אוּנְז אַזוֹי ווִי מֶענְטְשְׁן קוּקְן אוֹיף אוּנְז, עֶר זֶעט יֶעדֶע קְלֵיינֶע פִּינְטֶעלֶע גוּטְס וָואס מִיר טוּעֶן.

**אוֹיבְן** אִין הִימְל אִיז זַייעֶר חָשׁוּב יֶעדֶע קְלֵיינֶע פִּינְטֶעלֶע גוּטְס, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אִין דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲשֶׂה (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א) ווִי דֶער מְמוּנֶה הָאט

גֶעפְרֶעגְט דֶעם ווינְט: "וָואס אִיז דָארְט חָשׁוּב?" הָאט דֶער ווינְט גֶעזָאגְט: "דָארְט אִיז אַלֶעס חָשׁוּב"; מוֹהֲרָא"ש אִיז מַסְבִּיר (בְּסֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) אַז 'דָארְט' מֵיינְט מֶען 'אוֹיבְן אִין הִימְל', אִין הִימְל אִיז אַלֶעס חָשׁוּב, יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ, יֶעדֶע בֵּייג וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט זִיךְ צוּ זַיין גוּט, אוּן אֲפִלּוּ יֶעדֶע גוּטֶע מַחְשָׁבָה, וֶוען מֶען טְרַאכְט אַז מֶען וויל זַיין גוּט - אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב. אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (זֹהַר תְּרוּמָה, קנ:): "לֵית רְעוּתָא טָבָא דְּאִתְאַבִיד", קַיין שׁוּם גוּטֶע ווילְן וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וֶוען מֶען זָאגְט אַ גוּטֶע וָוארְט אוּן אַוַדַאי וֶוען מֶען טוּט אַ גוּטֶע מַעֲשֶׂה - אִיז עֶס זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל.

**אִיךְ** הָאף אַז דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועט אַייךְ זַיין אַ שְׁטַארְקֶע חִזּוּק אִיר זָאלְט נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן פוּן אַנְדֶערֶע; אִיר זָאלְט אָנְהוֹיבְן לֶעבְן אַן אֶמֶתְ'עֶ לֶעבְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיר זָאלְט יֶעדֶע זַאךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיז אַייךְ שְׁוֶוער זָאלְט אִיר אִים דֶערְצֵיילְן אוּן אִים בֶּעטְן - וֶועט אִיר זֶען אַז אִיר וֶועט פְּלוּצְלוּנְג אָנְהוֹיבְן לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אַ אִיד, אִיר וֶועט לִיבּ הָאבְּן אַייעֶר לֶעבְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרנב נב

**וִוי אַזוֹי אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ שְׁווִימֶען בִּצְנִיעוּת?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס דַארְף אִיךְ עֶנְטְפֶערְן פַאר אַ מֵיידְל וָואס פַארְרוּפְט זִיךְ אַ תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵיגָא און זִי מַאכְט מִיר כְּסֵדֶר מְשׁוּגָע מִיט הַצָּעוֹת פוּן שִׁדּוּכִים, נָאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ אִיר שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֵיידְלֶעךְ רֶעדְן נִישְׁט צְווִישְׁן זִיךְ פוּן דִי נוֹשֵׂא, אָבֶער זִי לַאכְט זִיךְ אַלְץ אוֹיס אַז נִישְׁט דָאס מֵיינְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה צוּ זָאגְן.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם לוֹיט דִי הֲלָכָה צוּ גֵיין דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ דִי אָפְּגֶעטֵיילְטֶע פְּלַאץ בַּיים וַואסֶער [חוֹף הַנִּפְרָד] אָן שְׁטְרִימְפּ, און מִיט קוּרְצֶע עֶרְמְל.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס פַארְרוּפְט זִיךְ אַ 'תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא' אִיז טַאקֶע אַ תַּלְמִידָה און נִישְׁט יֶעדֶער וָואס לֶערְנְט אִין בֵּית פֵיגָא אִיז אַ תַּלְמִידָה; דִי תַּלְמִידוֹת זֶענֶען דִי וָואס פָאלְגְן וָואס מֶען לֶערְנְט אִין שׁוּלֶע.**

זְוַוי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען וֶוער אִיז אַ תַּלְמִיד אוּן וֶוער אִיז אַ תַּלְמִידָה? הַיינְט אִיז דֶער אַ תַּלְמִיד אוּן מָארְגְן אִיז עֶר שׁוֹין אָפְּגֶעקִילְט אוּן אִיז אַ חָסִיד שֶׁנָּפַל וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף דֶעם אַז דָאס אִיז עֶרְגֶער פוּן אַלֶעם (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת נְזִיקִין הֲלָכָה ד, אוֹת כז; שְׁלוּחִין הֲלָכָה ה, אוֹת יז; רֹאשׁ חוֹדֶשׁ הֲלָכָה ז, אוֹת נב), דֶערִיבֶּער אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע.

וֶוערְט נִישְׁט בַּאגֵייסְטֶערְט פוּן אַנְדֶערֶע; נֶעמְט דִי שִׁעוּרִים אוּן לִמּוּדִים פַאר זִיךְ, נֶעמְט דָאס פַאר אַייעֶר לֶעבְּן.

אִיר מֶעגְט זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ אוֹיךְ אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, עֶס אִיז גוּט צוּ הָאבְּן גוּטֶע חַבֶרְ'טֶעס, אָבֶּער וֶוערְט נִישְׁט נִתְפָּעֵל וֶוען אִיר זֶעט אַז אַנְדֶערֶע טוּעֶן נִישְׁט אוּן פָאלְגְן נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ'.

אִיר זָאלְט נִישְׁט רֶעדְן מִיט אַנְדֶערֶע פוּן שִׁדּוּכִים; עֶס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט אֵיידְל צוּ רֶעדְן צְווִישְׁן מֵיידְלֶעךְ פוּן דֶעם בָּחוּר אוּן פוּן יֶענֶעם בָּחוּר, עֶס אִיז קִינְדִישׁ. אַז מֶען טְרַאכְט פוּן אַ שִׁדּוּךְ קֶען מֶען דָאס מִיטְטֵיילְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן אָדֶער מִיט דִי מְנַהֶלֶת וְכוּ', אָבֶּער נִישְׁט צְווִישְׁן מֵיידְלֶעךְ.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע צִי מֶען מֶעג גֵיין אָן שְׁטְרִימְפּ אוּן מִיט קוּרְצֶע עֶרְמְל בַּיים וַואסֶער; עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אוֹיבּ דָאס אִיז אַ פַארְמַאכְטֶע פְּלַאץ. אוֹיבּ אִיז דָאס אַ פַארְמַאכְטֶע פְּלַאץ אַזוֹי וִוי דִי פְּלֶעצֶער וואוּ מֶען גֵייט שְׁווִימֶען - מֶעג מֶען גֵיין אָן שְׁטְרִימְפּ אוּן מִיט קוּרְצֶע עֶרְמְל.

זַייט שְׁטַארְק מִיט אַייעֶר גוּטֶע אוֹיפְפִירוּנְג; אִין דֶעם זְכוּת וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁדּוּךְ אוּן הָאבְּן

עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַז אַ פְרוֹי גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף צְנִיעוּת וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרנג נג

**וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי וַוייבּ גֶעבְּט אוֹיס אַסַאךְ גֶעלְט אָן רְשׁוּת?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין שְׁאֵלָה אִיז ווִי אַזוֹי מֶען גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אַ וַוייבּ וָואס טוּט ווִילְדֶע זַאכְן; ווִי לְמָשָׁל אַז זִי מַאכְט יֶעצְט אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע הוֹיז אָן פְּרֶעגְן רְשׁוּת פוּן מִיר צִי זִי מֶעג עֶס טוּן, אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ הָאבּ אִיר קְלָאר גֶעזָאגְט אַז יֶעצְט אִיז נִישְׁט דִי צַייט פַאר דֶעם, עֶס אִיז שְׁוֶוערֶע צַייטְן אוּן אִיךְ מַאךְ קוֹים פַּרְנָסָה, אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוּן נָאךְ מֶער, אַז כָאטְשׁ וָואס זִי אַרְבֶּעט אוּן מַאכְט גֶעלְט, ווִיל זִי אָבֶּער נָאר נֶעמֶען דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן מִיר.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן מִיט שַׁיינֶעם, עֶס הֶעלְפְּט אָבֶּער נִישְׁט, דִי אַרְבֶּעט גֵייט שׁוֹין אָן אִין פוּלְן שְׁוואוּנְג אָן מַיין רְשׁוּת.

ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

## טוּ אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אַז דַיין שְׁטוּבּ זָאל בְּלַייבְּן גַאנְץ.

**פְּרוּבִיר** צוּ רֶעדְן צוּ אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט, רֶעד וֵוייכֶע וֶוערְטֶער צוּ אִיר, גֶעבּ אִיר צוּ פַארְשְׁטֵיין ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר יֶעצְט דַיין מַצָּב פַּרְנָסָה, זָאג אִיר אַז דוּ וֶועסְט אִיר אַלֶעס נָאכְגֶעבְּן וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן גֶעלְט. אוּן אַז דוּ זֶעסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן, זִי אִיז פַארְ'עַקְשְׁנְ'ט, זִי הָאט שׁוֹין אַלֵיין גֶערוּפְן דִי בַּעֲלֵי מְלָאכָה אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּערְבּוֹיעֶן דִי הוֹיז אָן דַיין רְשׁוּת - זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן טוּן אַלֶע מִיטְלֶען אַז דַיין שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט צֶעפַאלְן.

**לָאז** זִיךְ נִישְׁט פַארְפִירְן פוּן טֶערָאפִּיסְטְן וָואס זוּכְן צוּ מַאכְן גֶעלְט פוּן צָרוֹת יִשְׂרָאֵל אוּן בַּיים סוֹף וַוארְפְן זֵיי אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַ טִיפְן גְרוּבּ, זֵיי רֶעדְן צוּ מֶען זָאל זִיךְ גֶטְ'ן; אָךְ אוּן וֵויי פַאר דִי וָואס פַאלְן אַרַיין אִין זֵייעֶרֶע הֶענְט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין רַחֲמָנוּת אוֹיף קֵיינֶעם, וֶוען זֵיי הֶערְן אוֹיס צָרוֹת יִשְׂרָאֵל אִיז דָאס נִישְׁט מִיט הַארְץ צוּ הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז זֵייעֶר פַּרְנָסָה, זֵיי צֶעטֵיילְן שְׁטִיבֶּער, יֶעדֶער לַיידְט פוּן דִי טֶערָאפִּיסְטְן אוּן שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶערְס, סַיי דִי פָּארְפָאלְק אוּן נָאךְ מֶער דִי קִינְדֶער.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, נֶעם אָן מַיינֶע וֶוערְטֶער; אִיךְ שְׁרַייבּ דָאס אָן קַיין שׁוּם נְגִיעוֹת, אִיךְ וֵויים נִישְׁט וֶוער דוּ בִּיסְט אוּן וֶוער דַיין פְּרוֹי אִיז, אִיךְ וִויל אַייךְ פָּשׁוּט רַאטֶעוֶוען פוּן אָנְקוּמֶען צוּ בְּלַייבְּן אַלֵיין, אִיךְ וִויל רַאטֶעוֶוען אַייעֶר שְׁטוּבּ, אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט לַיידְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה אִיז אַז דֶער מַאן זָאל טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אַז זַיין וַוייבּ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן. דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט (שַׁעַר הַמִּצְווֹת, פָּרָשַׁת עֵקֶב): "רָאִיתִי לְמוֹרִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה", אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי מַיין הֵיילִיגֶע רֶבִּי דֶער אֲרִיזַ"ל, "שֶׁלֹּא הָיָה חוֹשֵׁשׁ בְּעַצְמוֹ לְהִתְכַּבֵּד בְּמַלְבּוּשִׁים נָאִים יוֹתֵר מִדַּאי", וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ קוֹיפְן קְלֵיידֶער פַאר זִיךְ אַלֵיין, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקוֹיפְט קַיין טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, "גַּם בְּמַאֲכָלוֹ הָיָה אוֹכֵל דָּבָר מוּעָט מְאֹד", אוֹיךְ בַּיי עֶסְן - וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶערֶעדְט פַאר זִיךְ - הָאט עֶר נִישְׁט גֶעגֶעסְן קַיין סַאךְ, עֶר פְלֶעגְט עֶסְן זֵייעֶר וֵוייניג, "אֲבָל בְּמַלְבּוּשֵׁי אִשְׁתּוֹ הָיָה זָהִיר מְאֹד לְכַבְּדָהּ וּלְהַלְבִּישָׁהּ", אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין וַוייבּ הָאט עֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אִיר צוּ מְכַבֵּד זַיין מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, "וְהָיָה מֵפִיק כָּל רְצוֹנָהּ", עֶר הָאט אִיר צוּפְרִידְן גֶעשְׁטֶעלְט אִינְגַאנְצְן, וָואס זִי הָאט גֶעוָואלְט הָאט עֶר אִיר גֶעגֶעבְּן, "אַף אִם לֹא הָיְתָה יָדוֹ מַשֶּׂגֶת כָּל כָּךְ", אֲפִלּוּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט דָאס צוּ קֶענֶען טוּן.

**דָאס** אִיז דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, דֶער מַאן זָאל טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אַז זַיין וַוייבּ זָאל זַיין צוּפְרִידְן; אֲפִלּוּ זִי אִיז

נִישְׁט גֶערֶעכְט, זֵי גֶעבְּט אוֹיס גֶעלְט וָואס אִיז נִישְׁטָא. דָאס אִיז אוּנְזֶער אַרְבֶּעט, מִיר זָאלְן הַאלְטְן דִי שְׁטוּבּ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת עֶס זָאל נִישְׁט צֶעפַאלְן, דָאס הָאט אוּנְז מוֹהֲרָא"ש גֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן אוּן דָאס לֶערְנְט מֶען וַוייטֶער אִין הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ, נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי שְׁטוּבּ.

**נָאךְ** אַ כְּלַל הָאט מוֹהֲרָא"ש אוּנְז גֶעלֶערְנְט אוּן וֶוער עֶס לֶעבְּט מִיט דֶעם כְּלַל הָאט אַ גוּט לֶעבְּן. מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: "אַ פְרוֹי אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעכְט"; מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אוּן אוּנְז גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן נִישְׁט גֵיין אִין וִיכּוּחִים מִיט דִי וַוייבּ, נִישְׁטָא קַיין טַעְנָה'נֶען אוּן נִישְׁטָא קַיין אוֹיפְוַוייזְן, אֲפִלּוּ זִי אִיז גֶעפַאלְן אוֹיפְן קָאפּ אוּן גֶעפַאלְן אוֹיפְן נָאז, זִי זָאגְט בַּייטָאג אַז יֶעצְט אִיז נַאכְט - זָאל מֶען נִישְׁט טַעְנָה'עֶן מִיט אִיר נָאר אִיר גֶעבְּן גֶערֶעכְט: "יָא יָא, יֶעצְט אִיז נַאכְט, לָאמִיר אַרוֹיסְגֵיין מְחַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה", בִּיז זִי וֶועט אַלֵיין זָאגְן: "עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין לְבָנָה, אִיז אַ סִימָן אַז עֶס אִיז יָא טָאג".

**מוֹהֲרָא"ש** פְלֶעגְט דָאס שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן מִיט אוּנְז, עֶר פְלֶעגְט אַלְץ גֶעבְּן דִי מָשָׁל, אַז עֶס אִיז נַאכְט אִין דִי פְרוֹי זָאגְט: "יֶעצְט אִיז טָאג" - זָאלְסְטוּ נִישְׁט טַעְנָה'עֶן מִיט אִיר, נָאר גֶעבּ אִיר גֶערֶעכְט, זָאג אִיר: "יָא יָא, יֶעצְט אִיז טָאג, לָאמִיר גֵיין אַבִּיסְל אוּנְטֶער דִי זוּן זִיךְ אָפְּבְּרָאטְן וְכוּ'", בִּיז זִי אַלֵיינְס וֶועט זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ טָעוּת, יֶעצְט אִיז נַאכְט, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין זוּן"; עֶס זֶעט אוֹיס מָאדְנֶע, אָבֶּער דֶער וָואס פִירְט זִיךְ אַזוֹי דֶער הָאט אַ לֶעבְּן.

**וויסְן** זָאלְסְטוּ אַז דִי אַלֶע חֲבֵרִים אָדֶער מִשְׁפָּחָה מִיטְגְלִידֶער וָואס הֶעצְן דִיר אוּנְטֶער: "גֵיי גֶט זִיךְ", זֵיי רֶעדְן דִיךְ צוּ: "לָאז אִיר אָפּ", "זִי אִיז אַ שְׁקְלַאפְּטֶע", "וְויפִּיל אִיז דִי שִׁעוּר צוּ לַיידְן? וְכוּ' וְכוּ'", דִי אַלֶע זֶענֶען גוּט וְוילַאנְג דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט גֶע'גֶט, אֵיינְמָאל מֶען בְּלַייבְּט אַלֵיין - וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן וואו צוּ גֵיין, דוּ וֶועסְט זִיךְ וַואלְגֶערְן פוּן אֵיין שְׁטוּבּ צוּם צְוֵוייטְן, דוּ וֶועסְט וֶוערְן דֶערְבִּיטֶערְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

**דֶערִיבֶּער** אַז זִי הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּערְבּוֹיעֶן דַיין הוֹיז אָן רְשׁוּת, זִי פִּירְט זִיךְ נִישְׁט רִיכְטִיג, דִי גַאנְצֶע גֶעלְט נֶעמְט זִי דִיר אַוֶועק - זָאלְסְטוּ זֶען אַז כָאטְשִׁיג זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן מִיט אַ שְׁטוּבּ, זָאלְן דַיינֶע קִינְדֶער בְּלַייבְּן מִיט אַ שְׁטוּבּ.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתרנד נד

### זָאל אִיךְ נָאכְגֶעבְּן פַאר מַיין מַאן וָואס וויל הָאבְּן אַ קָאמְפְּיוּטֶער אִין שְׁטוּבּ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קֹדֶם מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע דְרָשׁוֹת, עֶס גֶעבְּט מִיר צוּ אַ שְׁטִיק לֶעבְּן.

מַיין מַאן וויל הָאבְּן אַ קָאמְפְּיוּטֶער אִין שְׁטוּבּ, וָואס מֶען קֶען דֶערוֹיף גָארְנִישְׁט קוּקְן, עֶס אִיז נָאר גֶעמַאכְט צוּ קֶענֶען אִיבֶּערְלֵייגְן פוּן אַ סִידִי אוֹיף אַ קַארְטְל, אָדֶער צוּ שְׁרַייבְּן זַאכְן אוֹיף וָוארְד, עֶקְסֶעל אוּן דָאס גְלַייכְן. עֶר טַעְנָה'עט אַז אַזַא סָארְט קָאמְפְּיוּטֶער הֵייסְט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קָאמְפְּיוּטֶער, דָאס אִיז נִישְׁט פוּן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן אַ קָאמְפְּיוּטֶער אִין שְׁטוּבּ.

אִיךְ ווֵייס אַז מַיין מַאן אִיז אֵייבִּיג גֶערֶעכְט, לְמָשָׁל אִיךְ פְלֶעג אַמָאל הַאלְטְן אַז בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁט אַ גוּטֶע פְּלַאץ, מַיין מַאן הָאט אָבֶּער גֶעהַאלְטְן אַז עֶס אִיז יָא גוּט, אוּן הַיינְט זֶע אִיךְ אַז עֶר אִיז גֶערֶעכְט. וויל אִיךְ ווִיסְן צִי דָא בִּין אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ טוֹעֶה, ווַייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ הָאבְּן קַיין שׁוּם סָארְט קָאמְפְּיוּטֶער אִינְדֶערְהֵיים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**דִי שְׁאֵלָה אִיז אַבִּיסְל אִינְטֶערֶעסַאנְט.**

**אוֹיבּ עֶר ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק אִיר זָאלְט זַיין בַּיי זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן עֶר ווִיל אַלֶעס פָאלְגְן זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה - פַארְוָואס זָאל עֶר אַלֵיין נִישְׁט פְרֶעגְן זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיבּ דָאס אִיז אוֹיךְ נִכְלָל אִין דָאס וָואס זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן אַ קָאמְפְּיוּטֶער אִין שְׁטוּבּ?**

**אַ שָׁאד זִיךְ אַרוּם צוּ קְרִיגְן אוּן זִיךְ אַרוּם טַעְנָה'עֶן דִי פָּאר יָאר וָואס מֶען לֶעבְּט; אַז עֶס אִיז דָא חִלּוּקֵי דֵעוֹת אִין**

שְׁטוּב נֶעמְט מֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ קְלוּגֶער אִיד - וָואס בֵּיידֶע, סַיי דֶער מַאן און סַיי דִי וַוייבּ וֶועלְן אָנְנֶעמֶען וָואס דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד זָאגְט, אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה'עֶן און קְרִיגְן.

**אִיר** דַארְפְט פַארְשְׁטֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אַ גְרוֹיסֶע וֶועלְט מִיט אָן אַ שִׁיעוּר מֶענְטְשְׁן און אֵיינְס פון דִי גְרֶעסְטֶע וואוּנְדֶער אִיז דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נח.): "שֶׁאֵין דַעְתָּם דוֹמֶה זֶה לָזֶה", יֶעדֶער אֵיינֶער טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ, יֶעדֶער הָאט אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס עֶר ווִיל; דָאס קְלַאפְּט אוֹיס צְווִישְׁן מַאן און וַוייבּ, יֶעדֶער אֵיינֶער הַאלְט אַז עֶר הָאט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען אֵיינִיג נָאר אַז מֶען גֵייט אוֹיף דִי וֶועג פון דִי תּוֹרָה, מֶען פְרֶעגְט בַּיי יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען זָאל טוּן.

**בֶּעטְם** אַייעֶר מַאן עֶר זָאל דָאס אַלֵיין אַדוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיט זַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ און וָואס עֶר זָאגְט וֶועט אִיר טוּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרנה נה

## אַ פַארְנוּמֶעגֶע פְּרוֹי זָאל עֶנְדֶערְשׁ דַאוֶונֶען אָדֶער אִיז גֶענוּג דִי בְּרָכוֹת מִיט תְּהִלִּים?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען אוֹיף אַלֶע חִזּוּק אִין לֶעבְּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ וַוייטֶער שִׁיקְן כֹּחַ אוּן בְּרָכָה אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג, אַזוֹי ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז אַ פְּרוֹי זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים; אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּן אוֹיבּ אִיךְ יָאג נִישְׁט אָן צוּ זָאגְן תְּהִלִּים וֶוען עֶס אִיז נָאךְ טָאג, קֶען אִיךְ אוֹיךְ זָאגְן בַּיינַאכְט? וַוייל אִיךְ וֵויס אַז עֶס אִיז נִישְׁט לְכַתְּחִילָה צוּ זָאגְן תְּהִלִּים בַּיינַאכְט.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אַ פַּארְנוּמֶענֶע טָאג, אִיז בֶּעסֶער צוּ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית אָדֶער בֶּעסֶער זָאגְן בְּרָכוֹת אוּן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**עֶס** אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ זָאגְן תְּהִלִּים בַּיינַאכְט. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר אֵשֶׁל אַבְרָהָם פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ

מְבּוּטְשַׁאטְש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רלח, סְעִיף ב) אַז תְּהִלִּים מֶעג מֶען זָאגְן בַּייְנַאכְט, וַוייל מֶען זָאגְט דָאס צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין און צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַ** אִידִישֶׁע מַאמֶע וָואס אִיז פַּארְנוּמֶען טָאג און נַאכְט מִיט די שְׁטוּב ווירְטְשַׁאפְט קֶען יוֹצֵא זַיין דָאס דַאוֶּועןֶ - מִיט הִתְבּוֹדְדוּת; אִין די צַייט וָואס אִיר קָאכְט און אִיר רֵיינִיגְט די שְׁטוּב וְכוּ' וְכוּ' - זָאלְט אִיר שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן פַּאר אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט, מִיט דֶעם אִיז מֶען יוֹצֵא די מִצְוָה פוּן דַאוֶּוענֶען.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט די תְּפִלּוֹת פוּן פְרוֹיעֶן; מֶען הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַּארְן רֶבִּי'ן אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען מְבַטֵּל זַיין אַלֶע וַוייבֶּער שׁוּלְן", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס גֶעזָאגְט, פִּינְקְט פַּארְקֶערְט! מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת די תְּפִלּוֹת פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס זֵיי דַאוֶּוענֶען און בֶּעטְן אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהַאלְטְן פוּן תְּפִלּוֹת פוּן פְרוֹיעֶן.

**בַּיי** פְרוֹיעֶן אִיז שְׁטֶערְקֶער די זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל עֶס אִיז דָא בַּיי זֵיי מֶער תְּמִימוּת, עֶס אִיז דָא בַּיי זֵיי מֶער אֱמוּנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעהַאלְטְן פוּן די תְּמִימוּת וָואס פְרוֹיעֶן הָאבְּן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָבָר קָטָן, וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל

מְאֹד, וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל, רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקַייט, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִקָּר אֱמוּנָה אָן קַיין חֲקִירוֹת אוּן אָן קַיין חָכְמוֹת, נָאר פָּשׁוּט אַזוֹי וִוי פְּרוֹיעֶן אוּן פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן גְלֵייבְּן; פְּרוֹיעֶן הָאבְּן אִין זִיךְ אַ מוֹרָא'דִיגֶע תְּמִימוּת, דֶערְפַּאר זֶענֶען זֵיי נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וִוי מֶער מֶען פִּירְט זִיךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת - אַלְץ מֶער רֶעדְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**הוֹיבְּט** אָן דִי טָאג מִיט דִי בְּרָכוֹת אוּן וֶוען אִיר הָאט אַבִּיסְל צַייט זָאלְט אִיר זָאגְן תְּהִלִּים, אוּן דֶער עִקָּר זָאלְט אִיר אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתרנו נו

### מֶעג מֶען אוּנְטֶערְשְׁנַיידְן דִי פֵּאוֹת וָואס וַואקְסְן לַאנְג?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים אוּן בְּרִיווּ. אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דֶעם בְּרִיווּ[לט] וואו דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן שְׁטְרֶענְג אוּן שַׁארְף אִיבֶּער דֶעם אִסּוּר פוּן שְׁנַיידְן אָדֶער צוּפּוּצְן דִי בָּארְד, מַיין פְּרַאגֶע

---

לט. פְּרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א' יג.

אִיז וֶועגְן שְׁנַיידְן דִי פֵּאוֹת אוֹיבּ עֶס וַואקְסְט צוּ לַאנְג; אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז דָא וֶועלְכֶע רִירְן נִישְׁט צוּ דִי פֵּאוֹת אוּן שְׁנַיידְן עֶס נִישְׁט אוּנְטֶער אֲפִלּוּ וֶוען עֶס וַואקְסְט לַאנְג, אוּן אַנְדֶערֶע פִירְן זִיךְ יָא צוּ שְׁנַיידְן, וְוייל אִיךְ ווִיסְן וָואס אִיז אוּנְזֶער מִנְהָג בַּיי דֶעם.

אוֹיךְ ווִייל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ מֶען מֶעג שְׁנַיידְן דִי שְׁנוֹיצְן הֶעכֶער דִי מוֹיל.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת רְאֵה, כ' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי תְּשׁוּבָה אִיז נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן שְׁטְרֶענְג אוּן שַׁארְף, דָאס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג, אֵיין שְׁטִיק רַחֲמָנוּת; אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין שֵׂכֶל אִין מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע רַחֲמָנוּת, נִישְׁט וָואס זֶעט אוֹיס ווִי רַחֲמָנוּת מֵיינְט רַחֲמָנוּת, רַחֲמָנוּת אִיז אַז מֶען בְּרֶענְגְט צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ז): "מִי שֶׁהוּא רַחֲמָן, הוּא יָכוֹל לִהְיוֹת מַנְהִיג", וֶוער קֶען זַיין אַ מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל? דֶער וָואס הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, "כִּי עִקַּר הָרַחֲמָנוּת הוּא כְּשֶׁיִּשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ נוֹפְלִין, חַס וְשָׁלוֹם, בַּעֲווֹנוֹת, רַחֲמָנָא לִצְּלָן, כִּי זֶהוּ הָרַחֲמָנוּת הַגָּדוֹל מִכָּל מִינֵי

רַחֲמָנוּת", וַוייל דֶער עִקָר רַחְמָנוּת אִיז וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע רַחְמָנוּת פוּן אַלֶע רַחְמָנוּת. אוּן דֶער רֶבִּי אִיז מַסְבִּיר: "וּבֶאֱמֶת, מֵהֵיכָן בָּאִים לַעֲוונות, חַס וְשָׁלוֹם", ווִי אַזוֹי קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן עֲבֵירוֹת? וַוייל בֶּאֱמֶת פוּן וואו קוּמְט בִּכְלַל צוּ אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זִינְדִיגְן חַס וְשָׁלוֹם? "הוּא רַק עַל יְדֵי שֶׁאֵין לוֹ דַעַת", דָאס אִיז נָאר וַוייל עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ג.): "אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵרָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת", אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט נִישְׁט נָאר נָאכְדֶעם וָואס עֶס גֵייט אַרַיין אִין אִים אַ רוּחַ שְׁטוּת, עֶר מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט נִישְׁט וָואס עֶר טוּט, עֶר מֵיינְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין סַיי ווִי פַארְפַאלְן וְכוּ', "וְזֶהוּ הָרַחֲמָנוּת הַגָּדוֹל מִן הַכֹּל, שֶׁצְּרִיכִין לְרַחֵם עָלָיו לְהַכְנִיס בּוֹ דַעַת", מִמֵּילָא אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע רַחְמָנוּת, מֶען זָאל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אִים דַעַת, עֶר זָאל ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים נָאכְאַלְץ לִיבּ אוּן עֶר קֶען נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים מא, ב): "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל", וואוּיל אִיז דֶעם וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין שֵׂכֶל אִין אַן אָרֶעמַאן, "כִּי 'אֵין עָנִי אֶלָּא מִן הַדַּעַת' (נְדָרִים מא.) וּצְרִיכִין לְרַחֵם עָלָיו, לְהַכְנִיס בּוֹ דַעַת", וֶוער אִיז אַן אָרֶעמַאן? דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן דַארְף מֶען רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי שֵׂכֶל; דָאס טוּט אַ צַדִּיק, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל צוּ ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, עֶר אִיז אִים מְשַׂמֵּחַ אוּן מְחַזֵּק עֶר זָאל ווִיסְן

אַז עֶר קֶען נָאךְ אוֹיךְ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַזַא אֵיינֶער קֶען זַיין אַ מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל.

אַ רַחְמָנוּת אוֹיף בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס שְׁנַיידְן זִיךְ אָפּ דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת; עֶס רַייסְט דָאס הַארְץ צוּ זֶען וִוי מֶען רַייסְט אַרָאפּ פוּן זִיךְ דֶעם צֶלֶם אֱלֹקִים, וָואס דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע טְרִיט אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן פוּן זִיךְ דָאס אִידִישְׁקֵייט. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גִילּוּחַ הֲלָכָה ג', אוֹת ב): "עִקַּר הַדָּת יִשְׂרָאֵל וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת אִיז אַן עִקָּר פוּן אַ אִיד אוּן פוּן דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, "וּבָהֶם נִכָּר הַיְּהוּדִי כִּי הוּא מִזֶּרַע בֵּרַךְ ה', מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל", אוּן מֶען דֶערְקֶענְט אַ אִיד דוּרְךְ זַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת אַז עֶר אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד. "וּמִי שֶׁרוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, וְרוֹצֶה לִכְפֹּר, חַס וְשָׁלוֹם, בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל", אוּן וֶוער עֶס וִויל לֵייקֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "תְּחִלַּת הַכְּפִירָה הוּא, שֶׁמַּשְׁלִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מֵעָלָיו הַזָּקָן וְהַפֵּאוֹת", דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ נֶעמְט עֶר אַרָאפּ זַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, "כִּי בֶּאֱמֶת כָּל דַּת יִשְׂרָאֵל הַקָּדוֹשׁ הוּא תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", וַוייל דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם בָּארְד אוּן פֵּאוֹת; קוּק אַרַיין דָארְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער מֶער בַּאֲרִיכוּת.

דִי פֵּאוֹת דַארְף נִישְׁט זַיין לֶענְגֶער פוּנֶעם פָּנִים; מֶען קֶען שְׁנַיידְן דִי פֵּאוֹת עֶס זָאל נִישְׁט זַיין לַאנְגֶע שְׁוֶוענְץ, אוֹיךְ דִי שְׁנוּיצְן קֶען מֶען שְׁנַיידְן (בְּאֵר הֵיטֵב יוֹרֶה דֵעָה סִימָן קפא סְעִיף י, סְעִיף קָטָן ה).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרנז נז

## הָאט דֶער רֶבִּי גֶעלָאזְט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זַיין מְלַמְּדִים?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פָּאלְג בָּרוּךְ הַשֵּׁם דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ לֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אַזוֹי ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ בְּרִיוו, אִיךְ הָאבּ גֶעקוֹיפְט אַ חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן אוּן אִיךְ לֶערְן אַ שְׁטִיקְל כִּמְעַט יֶעדְן טָאג.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ שְׁטִיקְל וָואס אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער ווּאוּנְדֶער, רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט דָארְט (סִימָן תסה): "אָמַר, רְצוֹנוֹ שֶׁכָּל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ לֹא יִהְיֶה אֶחָד מֵהֶם מְלַמֵּד וְכַמָּה פְּעָמִים דִּבֵּר מִזֶּה"; אִיךְ וֵויים דָאךְ אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַזֵּק מְלַמְּדִים, אוּן זֵייעֶנְדִיג אַלֵיין אַ מְלַמֵּד זָאג אִיךְ בְּפֶה מָלֵא אַז דָאס גַאנְצֶע חִזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם אִיז דָאךְ נָאר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען אוֹיסְקְלָארְן.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז אֱמֶת אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן זַיין מְלַמְּדִים; דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶער**

פון דִי תַּלְמִידִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד: "וִויפִיל פַּארְדִינְסְטוּ אַ וָואךְ שְׂכַר לִמּוּד? צֶעטֵייל דַיין גֶעלְט אוֹיפְן טָאג אוּן אוֹיפְן שָׁעָה, וִויפִיל קוּמְט דִיר אוֹיס צוּ מַאכְן אַ מִינוּט? מַמָּשׁ קְלֵיין גֶעלְט, קוּמְט אוֹיס אַז דוּ קֶענְסְט פַאַרְלִירְן יֶענֶע וֶועלְט פַאר בְּלוֹיז אַפָּאר דָאלֶער; וַוייל וֶוען מֶען אִיז מְבַטֵּל תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער קֶען מֶען דָאס נִישְׁט בַּאצָאלְן. וֶוען מֶען גַנְבְ'עֶט גֶעלְט פוּן אַ צְוֵוייטְן קֶען מֶען דָאס בַּאצָאלְן אוּן יֶענֶער קֶען דָאס מוֹחֵל זַיין, אָבֶער וֶוען מֶען אִיז מְבַטֵּל תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער קֶען מֶען דָאס נִישְׁט בַּאצָאלְן אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מוֹחֵל זַיין" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמ); אַזוֹי אִיז דָא כַּמָּה וְכַמָּה שִׂיחוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מֶען זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תסה; תקצא)[מ].

מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק, אַז אוֹיב אִיז דָא אַ מְלַמֵּד אָדֶער אַ שׁוֹחֵט זָאל דָאס זַיין דַוְקָא פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט (הוּבָא בְּבַעַל שֵׁם טוֹב עַל הַתּוֹרָה פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, אוֹת יט) דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף שׁוֹחֲטִים זֵיי זָאלְן זַיין קַלִּים וְרֵקִים אוּן מַכְשִׁיל זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט נְבֵלוֹת וּטְרֵפוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן; אוֹיךְ פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוֹיף דִי מְלַמְּדִים זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין עֶרְלִיךְ אַזוֹי וֶועלְן זֵיי פַארְסַמְ'עֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט זֵייעֶרֶע אֶפִּיקוֹרְסוּת; דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט:

מ. נָאךְ אַ בְּרֵיווּ אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, פְרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א' מט.

"אויבּ יָא אַ שׁוֹחֵט, אויבּ יָא אַ מְלַמֵּד, זָאל דָאס שׁוין עֶנְדֶערְשׁ זַיין פוּן מַיינֶער אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם".

**עֶס** זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען מְלַמְּדִים, וִוי זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם; מוֹהֲרָא"שׁ אַלֵיין אִיז גֶעוֶוען יָארְן לַאנְג אַ מְלַמֵּד. זָאלְסְטוּ וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן דַיין מְלַמְּדוּת בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז, לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה; רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקְקֵייט אוּן אַ קְלָארְקֵייט, לֶערְן זֵיי אוֹיס זֵיי זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס דִי קִינְדֶער בֶּעטְן דִיר, יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי ווילְן - זָאלְסְטוּ זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען זֵיי זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס וֶועט זֵיי בַּאגְלֵייטְן פַאר זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן.

**מוֹהֲרָא"שׁ** פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן וִוי עֶר גֶעדֶענְקְט פוּן דִי זֶעקְס יָאר וִוי זַיין מְלַמֵּד רֶבִּי יַעֲקֹב קַלְמְנוֹבִיץ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וֶועם מֶען הָאט גֶערוּפְן בִּלְשׁוֹן חִבָּה "ר' יַעֲקֹב מְלַמֵּד", אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד - פְלֶעגְט אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה. דִי חֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַ שׁוּל אוּן וֶוען אַ קִינְד הָאט עֶפֶּעס גֶעדַארְפְט פְלֶעגְט דֶער מְלַמֵּד נֶעמֶען דָאס קִינְד אוּן אִים שְׁטֶעלְן בַּיים אָרוֹן הַקֹּדֶשׁ, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן דֶעם קִינְד קוּשְׁן דֶעם פָּרֹכֶת, עֶר הָאט אִים פָארְגֶעזָאגְט אַ תְּפִלָּה אוּן אִים גֶעהֵייסְן נָאכְזָאגְן וָוארְט בַּיי וָוארְט; אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי קִינְדֶער דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, אַז וֶוען מֶען דַארְף עֶפֶּעס זָאל מֶען צוּגֵיין צוּם אָרוֹן הַקֹּדֶשׁ, גֶעבְּן אַ

קוּשׁ דֶעם פָּרֹכֶת אוּן בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף; דָאס הָאט אִים בַּאגְלֵייט לַאנְגֶע יָארְן.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; קוּק אוֹיף דִי קִינְדֶער ווִי זַיי זֶענֶען דַיינֶע קִינְדֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין יט:): ״כָּל הַמְלַמֵּד אֶת בֶּן חֲבֵרוֹ תּוֹרָה, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילוּ יְלָדוֹ״; פְּשַׁט דֶערְפוּן אִיז, אַז אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אַ צְוֵוייטְנְ'ס קִינְד דַארְף טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ: 'דָאס אִיז מַיין קִינְד', נָאר אַזוֹי קֶען עֶר מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי תַּלְמִידִים. עֶס זֶענֶען דָא מְלַמְּדִים רוֹצְחִים וָואס פַּארְשֶׁעמֶען דִי קִינְדֶער, זַיי שְׁלָאגְן, צִיפְּן וְכוּ' וְכוּ'; זַיי מֵיינֶען אַז עֶס אִיז הֶפְקֵר וֶועלְט, אָבֶּער עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַפָּאר יָאר אוּן נָאכְדֶעם בַּאצָאלְט מֶען מִיט דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער בְּכֵפֶל כִּפְלַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרנח נח

## מֶעג מֶען בֶּעטְן שַׁבָּת אוֹיף פַּרְנָסָה?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּם שַׁבָּת קֹדֶשׁ אִיבֶּער גֶעבְּרוֹיכְן פוּן פַּרְנָסָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, וּבִפְרַט פַאר אַייעֶר בַּאזוּךְ אִין לֶעיקְוָואד[מא], וָואס הָאט מִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**שַׁבָּת** אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶערְקֶער וִוי אַ גַאנְצֶע וָואךְ; שַׁבָּת קֶענֶען אֲפִילוּ פְּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק. דֶערִיבֶּער אִיז שַׁבָּת אַ צַייט וָואס מֶען קֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ: פַּרְנָסָה, גֶעזוּנְט, קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ'; מֶען מֶעג אֲפִילוּ וֵויינֶען אוּם שַׁבָּת וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מִדְרָשׁ אַגָּדָה; הוּבָא בְּבֵית יוֹסֵף אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפח): דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא, וֶוען עֶר פְלֶעגְט דַאוֶונֶען שַׁבָּת פְלֶעגְט עֶר וֵויינֶען, עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען אַ פַארְגֶענִיגְן דָאס וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר פְלֶעגְט זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן, עֶר פְלֶעגְט שְׁפִּירְן בַּיים זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; פוּן

---

מא. מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת חֻקַּת, תש"פ, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אוֹיף אַ בַּאזוּךְ אִין שְׁטָאט לֶעיקְוָואד, וִוי עֶס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אַ מְסִבָּה לְטוֹבַת כּוֹלֵל הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

דֶעם זֶעט מֶען אַז אוֹיבּ דָאס אִיז אַן עֹנֶג שַׁבָּת מֶעג מֶען וַויינֶען (טוּרֵי זָהָב סִימָן רפח, סְעִיף קָטָן ב).

זַיי מְכַבֵּד דֶעם שַׁבָּת וֶועסְטוּ הָאבְּן שֶׁפַע פַּאר דִי גַאנְצֶע וָואךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז (שַׁבָּת קיט.), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד דֶעם שַׁבָּת וֶוערְט עֶר גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט עֲשִׁירוּת, אַזוֹי וִוי רֶבִּי חִיָיא בַּר אַבָּא הָאט דֶערְצֵיילְט, אַמָאל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטָאט לוּדְקִיָא אוּן אִיךְ בִּין דָארְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אֵיינֶעם, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז מֶען הָאט אִים אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ גָאלְדֶענֶעם טִישׁ, דֶער טִישׁ אִיז גֶעוֶוען גֶעמַאכְט פוּן אַזוֹיפִיל גָאלְד אַז זֶעכְצְן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דָאס גֶעדַארְפְט אוֹיפְהֵייבְּן; אִינֶעם טִישׁ זֶענֶען גֶעוֶוען זֶעכְצְן זִילְבֶּערְנֶע קֵייטְלֶעךְ צוּגֶעבִּינְדְן צוּ זַיי טֶעלֶערְס אוּן גְלֶעזֶער, אוֹיפְן טִישׁ זֶענֶען גֶעוֶוען אַלֶע סָארְט גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אוּן שְׁמֶעקֶעדִיגֶע בְּשָׂמִים.

וָוען מֶען הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם טִישׁ הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען דֶעם קַאפִּיטְל (תְּהִלִּים כד, א): "לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ וְגוֹ'", אַלֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס, נָאכְן עֶסְן הָאבְּן זַיי גֶעזִינְגֶען דֶעם קַאפִּיטְל (תְּהִלִּים קטו, טז): "הַשָּׁמַיִם שָׁמַיִם לַה' וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם", הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט - דֶערְצֵיילְט רֶבִּי חִיָיא בַּר אַבָּא - "אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, וָואס פַאר אַ גוּטֶע זַאךְ הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַזאַ רַייכְטוּם?" הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ קַצָּב (בּוּטְשֶׁער) אוּן וֶוען אִיךְ זֶע אַ שֵׁיינֶע בְּהֵמָה לֵייג אִיךְ דָאס אַוֶועק פַאר מִיר פַאר שַׁבָּת",

הָאט אִים רֶבִּי חִיָיא גֶעזָאגְט: "אַשְׁרֶיךָ שֶׁזָּכִיתָ", וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם, "וּבָרוּךְ הַמָּקוֹם שֶׁזִּכְּךָ לְכָךְ", און גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר הָאט דִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען מִיט דֶעם.

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען לֶעבְּט אַ גַאנְצֶע וָואךְ מִיטְן שַׁבָּת, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתרנט נט

**מֶעג אִיךְ אַוֶועקְגֶעבְּן הַאלְבּ פוּן מַיין גֶעלְט צוּ דְרוּקְן סְפָרִים?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, יֶעדֶע בְּרִיוו בְּרֶענְגְט פָּשׁוּט אַרַיין אִין מִיר אֱמוּנָה און בִּטָּחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶס גֶעבְּט מִיר חֵשֶׁק צוּ טוּן נָאר דֶעם רְצוֹן הַשֵּׁם.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ מֶעג אַוֶועקְגֶעבְּן הַאלְבּ פוּן מַיינֶע פַארְדִינְסְטְן פַאר הֲפָצָה און הַדְפָּסָה, אָדֶער פַאר אַנְדֶערֶע צְדָקוֹת. אִיךְ בִּין גְרֵייט דָאס צוּ טוּן, אִיךְ טְרַאכְט נָאר אַז אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ דַארְפְן הָאבְּן דָאס גֶעלְט אִין אַ שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע צַייט, און אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס אִיךְ וֶועל זַיין מֶער אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט און אִיךְ וֶועל עֶס נִישְׁט קֶענֶען בַּאוַוייזְן.

מֶעג אִיךְ זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַּארְלָאזְן אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אַז מֶען וֶוערְט נִישְׁט אָרֶעם פוּן גֶעבְּן מַעֲשֵׂר?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**קֶענְסְט** זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן דָאס פַּארְפְלֵייצְן אוֹיף דִי וֶועלְט.

**מִיר** לֶעבְּן הַיינְט אִין אַ פִינְסְטֶערֶע דוֹר, עֶס קוּמֶען אַרוֹיס יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע מִינוּט אַזוֹיפִיל שְׁמוּץ; מִיר הָאבְּן הַיינְט דֶעם דוֹר הַמַּבּוּל מִיטְן דוֹר הַפְּלָגָה אִינְאֵיינֶעם. עֶס אִיז אַזוֹי גְרִינְג אָנְצוּקוּמֶען צוּ זֶען אַלֶע עֶקְלְדִיגֶע אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע שְׁמוּץ פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער אוּן מֶען קֶען אַזוֹי גְרִינְג אַרַיינְגֶעכַאפְּט וֶוערְן מִיט מִינוּת וְאֶפִּיקוֹרְסוּת, יוּנְגֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ פַאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט; פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע שְׁטִיבֶּער, פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע קְהִלּוֹת - פַאלְן אַוֶועק אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**וָואס** אִיז דִי עֵצָה, וָואס קֶען מֶען טוּן וֶוען מֶען זֶעט וִוי דִי מַבּוּל פַּארְפְלֵייצְט נָאךְ אוּן נָאךְ? מִיר קֶענֶען טוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז צַוָאָה גֶעלָאזְט. רֶבִּי נָתָן

אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת שְׁנַת תר"ה לִפְרָט קָטָן. אַפָּאר שָׁעָה בֶּעפָאר עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער (אוּן דָאס אִיז פַּאר אוּנְז אַזוֹי וִוי אַ צַוָּאָה פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה): "נוּ, אַז עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אוּן טְרֵיף פָּסוּל אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר, אַזוֹיפִיל וִוי עֶס אִיז הַיינְט דָא אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵיף פָּסוּל; נָאר אִיךְ הָאף אַז אֵיין בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועט זַיין אַ תִּקּוּן אוֹיף אַלְצְדִינְג", אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אִיךְ זָאג אַייךְ אָן אַז אַייעֶר עוֹבְדָא זָאל זַיין אִיר זָאלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים, סֶע זָאל זַיין 'יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה', אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט 'גֶעלְט' מִיט 'רָצוֹן' אוּן מִיט 'טִירְחָא'"; (עֶזְרָא הַסּוֹפֵר אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס מְרַמֵּז גֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ, אַז עֶר הָאט גֶעהַאט נִשְׁמַת עֶזְרָא הַסּוֹפֵר).

**דָאס** אִיז דִי עֵצָה, מִיר דַארְפְן טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת קֶען מֶען אַלֶעמֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען.

**אִין** הִימְל אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב דִי וָואס דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים. דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:): "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּידָא דְחַיָּבָא וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר, אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק

הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא, גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; עֶר נֶעמְט אַוֶועק טֻמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גּוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

**וזאויל** אִיז דִי וָואס הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דְרוּקְן דִי סְפָרִים וָואס בְּרֶענְגֶען צוּרִיק אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרס ס

## פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מֶער פַאלְן נָאכְן טְרֶעפְן מַיין שִׁדּוּךְ?[מב]

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ חָתָן גֶעוָוארְן לְמַזָּל טוֹב, אָבֶּער זַייט אִיךְ בִּין אַ חָתָן גֶעוָוארְן פַאל אִיךְ מֶער אוּן מֶער, בִּפְרַט אִין קוּקְן מָאוִוים. אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט מֶער, אִיךְ בִּין זַייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם אַז אִיךְ פַאל דַוְקָא נָאכְדֶעם וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא גְרוֹיסֶע מַתָּנָה, אוּן אוֹיךְ אַז אִיךְ בִּין פּוֹגֵעַ אִין מַיין כַּלָּה מִיט דֶעם אַז אִיךְ טוּ עֲבֵירוֹת, עֶס קוּמְט אִיר נִישְׁט אַזַא מַאן אַ בַּעַל עֲבֵירָה וִוי אִיךְ; וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים, עֶס דֶערְוַוארֶעמְט מַיין הַארְץ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הַחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מַזָּל טוֹב פַאר דַיין שִׁדּוּךְ! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ מִיט עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.**

מב. אַ הֶמְשֵׁךְ צוּ דֶעם בְּרִיוו, וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א' סה.

**עֶס** אִיז אַ שָׁאד אַז יֶעצְט וֶוען דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַ חָתָן זָאלְסְטוּ
וַוייטֶער קוּקְן מָאוּוִיס; וֶוען מֶען קוּקְט עֶקְלְדִיגֶע מָאוּוִיס,
מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן - פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין דִי הַארְבֶּע
עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן,
דָאס שְׁטֶערְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן קֶענֶען לֶעבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן,
עֶס דֶערְבִּיטֶערְט דֶעם מֶענְטְשׁ בִּיז מֶען ווִיל שׁוֹין נִישְׁט לֶעבְּן.

**זֵייעֶר** אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן לַיידְן הַיינְטִיגֶע טֶעג פוּן עַצְבוּת אוּן
מָרָה שְׁחוֹרָה, מֶענְטְשְׁן פַּיינִיגְן זִיךְ מִיט שְׁוֶוערֶע מַחְשָׁבוֹת,
דִמְיוֹנוֹת אוּן פְּחָדִים; אַלֶעס נֶעמְט זִיךְ פוּן נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן.
וֶוען מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן,
מֶען קוּקְט אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע עֶקְלְדִיגֶע בִּילְדֶער, קְלִיפְּס אוּן מָאוּוִיס
- גֵייט דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה אַוֶועק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי ווִי עֶס
שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה (דְּבָרִים כג, טו): "כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ
מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ לְהַצִּילְךָ וְלָתֵת אֹיְבֶיךָ לְפָנֶיךָ, וְהָיָה מַחֲנֶיךָ
קָדוֹשׁ, וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר, וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ", דֶער
אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "אִיר זָאלְט זִיךְ פִּירְן הֵיילִיג, וַוייל אוֹיבּ
אִיר וֶועט זִיךְ נִישְׁט פִּירְן הֵיילִיג וֶועל אִיךְ אַוֶועק גֵיין פוּן אַייךְ";
וֶוען מֶען קוּקְט עֶקְלְדִיגֶע בִּילְדֶער, קְלִיפְּס, מָאוּוִיס אוּן ווִידִיאוֹס
פוּן עֲבֵירוֹת - גֵייט דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה אַוֶועק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ,
דָאס מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ פַּיינִיגְן מִיט שְׁוֶוערֶע גֶעפִילְן אַ גַאנְץ
לֶעבְּן, מֶען הָאט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, מֶען הָאט דִמְיוֹנוֹת אוּן
פְּחָדִים, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מְנוּחָה; מֶען לוֹיפְט פוּן אֵיין
טֶערָאפִּיסְט צוּם צְוֵוייטְן, מֶען זוּכְט אַן עֵצָה, אַ רְפוּאָה - אָבֶער
גָארְנִישְׁט הֶעלְפְט נִישְׁט ווִי לַאנְג מֶען אִיז מַפְקִיר דִי אוֹיגְן.

מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, 'וָואס ווילְסְטוּ אִין לֶעבְּן, ווילְסְט זִיךְ מוּטְשֶׁען דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן? אָדֶער דוּ ווילְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ און צוּפְרִידְן?' דוּ אַלֵיין דַארְפְסְט מַאכְן דֶעם חֶשְׁבּוֹן פַאר דִיר, אויבּ דוּ ווילְסְט שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אִין לֶעבְּן, דוּ ווילְסְט זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ - זָאלְסְטוּ פוּן הַיינְט אָפְּלָאזְן דִי מָאוִוים; וַוארְף אַוֶועק דַיינֶע כֵּלִים אויף וָואס דוּ קוּקְסְט דִי עֶקְלְדִיגֶע אויסְגֶעלַאסֶענֶע בִּילְדֶער און קְלִיפֶּס, וַוייל דָאס גֵייט נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם. דִי קְלִיפֶּס, דִי מָאוִוים בְּרֶענֶען אויס דִי מֹחַ מַחְשָׁבָה פוּנֶעם אִיד, עֶס פַארְטוּנְקְלְט דִי אֱמוּנָה, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לא): אֱמוּנָה און בְּרִית גֵייעֶן צוּזַאמֶען, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פט, כט): "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - פַארְלִירְט עֶר דִי אֱמוּנָה.

נֶעם דִיר דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, רֶעד זִיךְ אוּיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט קֶענֶען זַיין שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין עֲבֵירוֹת, בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן קַיין מָאוִוים, אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן קַיין שְׁמוּץ. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ קוּקְן מָאוִוים, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען פוּן דֶעם! אִיךְ וֵוייס דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט דֶערְפוּן, אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט, דָאךְ אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער; וִויפִיל אִיךְ מַאךְ אָפּ אַז אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט קוּקְן - פַאל אִיךְ אַרַיין טִיפֶער און טִיפֶער.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, לֵייג אַרַיין אִין מִיר אַ רֵיינְקֵייט, לֵייג אַרַיין אִין מִיר אַ הֵיילִיגְקֵייט; לֵב טָהוֹר בְּרָא לִי אֱלֹקִים, גֶעבּ מִיר אַ נֵייעַ הַארְץ, וְרוּחַ נָכוֹן חַדֵּשׁ בְּקִרְבִּי, בַּאנֵיי אִין מִיר אַ נֵייעֶ ווילְן, אַ נֵייעֶ גֵייסְט - אִיךְ זָאל זִיךְ עֶקְלֶען פוּן קוּקְן מָאוִוים. עֲנֵנוּ ה׳ עֲנֵנוּ, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶנְטְפֶער מִיר, נֶעם אָן מַיין גֶעבֶּעט. הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וּבִזְכוּת אַלֶע צַדִיקִים, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה׳ צוּרִי וְגֹאֲלִי״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן זוּיבֶּערֶע אוֹיגְן אוּן גֵיין צוּ דַיין חֲתֻנָּה רֵיין אוּן הֵיילִיג.

## תתרסא סא

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין רוּאִיג אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט פַאלְן נָאךְ דִי חֲתֻנָּה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ בִּין אַ פַארבְּרֶענְטֶע ״בֵּית פֵיגָא״ תַּלְמִידָה, אוּן אִיךְ הָאבּ פְּרֵיילִיכֶע נַייעֶס פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א, אַז אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעעֶנְדִיגְט דִי פִינְף אוּן פוּפְצִיגְסְטֶע מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים, דָאס אִיז כְּמִנְיַן כַּלָּה.

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן תְּהִלִּים אַרוּם אַ הַאלְבּ יָאר צוּרִיק נָאכְן הֶערְן אוּמְצָאלִיגֶע דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א וֶועגְן תְּהִלִּים, וַוייל נָאר

נָאכְן הֶערְן אַזוֹיפִיל שִׁעוּרִים הָאבּ אִיךְ גֶעכַאפְּט אַז תְּהִלִּים אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן אוֹיךְ פַּאר מִיר; יְיַשֶּׁר כֹּחַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַארְן מִיר גֶעבְּן מַיין בֶּעסְטֶע פְרַיינְד - מַיין תְּהִלִּים.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיךְ גֶעוָואלְט בַּאדַאנְקֶען פַארְן מִיךְ מַאכְן אַ נֵייעֶ מֶענְטְשׁ; אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף הֶערְן פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן שֶׁיִחְיוּ וְויפִיל נַחַת זֵיי הָאבְּן פוּן מִיר, וְויפִיל מֶער צְנִיעוּת'דִיג אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן, וְוי אִיךְ הֶעלְף אַזוֹי שַׁיין אִין שְׁטוּבּ אוּן אִיךְ רֶעד אֵיידְל צוּ זֵיי אוּן צוּ מַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער.

אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וְוי אַ גֶעהֶערִיגֶע "בֵּית פֵּיגָא" תַּלְמִידָה; אִיךְ זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם תִּקּוּן הַכְּלָלִי, אִיךְ הָאבּ אַ שִׁעוּר אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אִיךְ טוּ אַסַאךְ הֲפָצָה אוּן אִיךְ בִּין אַלֶעמָאל פְרֵיילִיךְ; יְיַשֶּׁר כֹּחַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן אִיז מַיין מִשְׁפָּחָה גֶעוֶוען פֵייעֶר קֶעגְן מַיין הִתְקַרְבוּת, אָבֶּער וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דִי "נֵייעֶ מֵיידְל" וָואס אִיז "גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן", הָאט זִיךְ אַלֶעס גֶעטוֹישְׁט; מַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אוֹיךְ רֶעדְן צוּ מַיינֶע בְּרִידֶער דִי דִבּוּרִים וָואס אִיךְ הֶער בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

אוּן טַאקֶע צוּלִיבּ דִי אַלֶע גוּטֶע אוֹיבְּנֶדֶערְמַאנְטֶע זַאכְן הָאבּ אִיךְ אָבֶּער יֶעצְט אַ שְׁוֶוערֶע פְּלָאנְטֶער אִין לֶעבְּן. בְּנוֹגֵעַ מַיין רוּחָנִיּוּת'דִיגֶע זַייט שְׁפִּיר אִיךְ זִיךְ יֶעצְט מַמָּשׁ אוֹיפְן שְׁפִּיץ בַּארְג; אִיךְ טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה יֶעדֶע מִינוּט אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד, אַז אִיךְ הָאבּ תְּהִלִּים, צְנִיעוּת, שַׁבָּת אוּן פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת, אַזוֹי וְוי אִיךְ לֶערְן בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אוּן אַזוֹי וְוי יֶעדֶע גֶעזוּנְטֶע מֵיידְל - וְויל אִיךְ חֲתֻנָּה הָאבְּן, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ חָשׁוּבֶ'ע לֶערֶערִין בַּיי דִי סְקוּל וואוּ אִיךְ לֶערְן, אַ בַּאקַאנְטֶע חֲסִידִ'ישֶׁע הוֹיךְ שׁוּלֶע, אוּן זִי הָאט גֶערֶעדְט צוּ אוּנְז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן וֶועגְן חֲתֻנָּה הָאבְּן.

זִי הָאט לְמָשָׁל גֶעזָאגְט אַז אִין רוּחָנִיּוּת, כְּדֵי צוּ זַיין הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גוּט נָאךְ דִי חֲתֻנָּה, דַארְף מֶען יֶעצְט זַיין צְוֵויי הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט; זִי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט אַז מִיר זָאלְן קוּקְן אוֹיף יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ וְוי גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתֻנָּה פַאלְן זֵיי אַרָאפּ, יֶעדֶע אֵיינֶע לוֹיט אִיר פְּרִיעֶרְדִיגֶע דַרְגָּה, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז עֶס אִיז טַאקֶע רִיכְטִיג. מֵיידְלֶעךְ וָואס פְלֶעגְן גֵיין לַאנְג אָנְגֶעטוּן אוּן גֶערֶעדְט אֵיידְל וְכוּ' זֶענֶען גֶעוָוארְן מֶער מָאדֶערְן נָאךְ דִי חֲתֻנָּה.

איך בִּין זַייעֶר דֶערשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן און איך ווייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; איך וויל חֲתֻנָּה הָאבְּן אָבֶּער סאך מֶער וויל איך בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ, צְנִיעוּת׳דִיג און אֵיידְל, איך וויל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי תְּהִלִּים.

איך בִּין שׁוֹין אִין דִי יָארְן פוּן שִׁדּוּכִים און איך שְׁפִּיר אַז איך וויל נִישְׁט חֲתֻנָּה הָאבְּן, איך וויל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן.

מַיין קַשְׁיָא וֶוערְט גְרֶעסֶער וֶוען איך הֶער פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אַז נָאךְ דִי חֲתֻנָּה קֶען מֶען זַיין עֶרְלִיךְ, אֶפְשָׁר אִיז דָאס נָאר בַּיי בָּחוּרִים? איך זֶע קְלָאר בַּיי יוּנְגֶע ווייבְּלֶעךְ אַז נָאךְ דִי חֲתֻנָּה וֶוערְן זֵיי ווֵיינִיגֶער פְרוּם, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אַ תֵּירוּץ פַאר מִיר?

איך הָאבּ נָאךְ אַ קַשְׁיָא אוֹיף וָואס דִי לֶערֶערִין הָאט גֶעזָאגְט, זִי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז זִי רֶעדְט מִיט אִירֶע תַּלְמִידוֹת וָואס הָאבְּן חֲתֻנָּה גֶעהַאט און זִי הָאט שׁוֹין זַייעֶר אַסאךְ גֶעהֶערְט פוּן זֵיי אַז דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעקוּקְט אִין לֶעבְּן קוּמֶען אַרוֹיף פַאר דִי אוֹיגְן בִּשְׁעַת דִי חֻפָּה און מֶען קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען און זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן. זִי הָאט דֶערְצֵיילְט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעלֶערְנְט נֵייעְן פוּן גוֹי׳אִישֶׁע בִּיכֶער און דִי אַלֶע נִישְׁט צְנִיעוּת׳דִיגֶע בִּילְדֶער וָואס זֵיי הָאבְּן דָארְט גֶעזֶען, זֶענֶען זֵיי גֶעשְׁטַאנֶען פַאר דִי אוֹיגְן אִין דִי הֵיילִיגְסְטֶע מִינוּטְן אִין לֶעבְּן, בִּשְׁעַת דִי חֻפָּה.

וֶוען זִי הָאט עֶס דֶערְצֵיילְט אִין קְלַאס הָאבְּן מֵיידְלֶעךְ פָּשׁוּט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ ווֵיינֶען; בָּרוּךְ ה׳ איךְ קוּק נִישְׁט קַיין מָאוּוים, אָבֶּער איך הָאבּ אוֹיךְ זַאכְן אִין מַיין קָאפּ וָואס איך וָואלְט אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט עֶס אוֹיסְצוּמֶעקְן, אָבֶּער יֶעצְט שְׁטֵייעֶן מִיר דִי אַלֶע בִּילְדֶער פַאר דִי אוֹיגְן און לַאזְן פוּן מִיר, אַז זֵיי בְּלַייבְּן דָא כְּדֵי אַרוּיס צוּ טַאנְצְן בַּיי מַיין חֻפָּה צַייט.

איך שְׁפִּיר ווִי איך וֶוער צֶעדְרֵייט פוּן דִי צְווֵיי פְּרָאבְּלֶעמֶען, איך ווייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, איךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א זָאל זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ מִיר צוּ הֶעלְפְן ווִי שְׁנֶעלֶער.

נָאכְאַמָאל, יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר מַיין לֶעבְּן.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ ווִי אִיר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; אִיר זֶענְט גֶעוָוארְן אַ נֵייעֶ מֶענְטְשׁ זַייט אִיר הֶערְט דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער. אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן פְרֵייעֶן זִיךְ אַז אִיר זֶענְט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ גוּטֶע פְּלַאץ אוּן זֵיי בֶּעטְן אַייךְ אִיר זָאלְט אַרַיינְשְׁלֶעפְּן דִי אַנְדֶערֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער זֵיי זָאלְן אוֹיךְ לֶעבְּן דִי שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

**יֶעצְט** אַז אִיר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי פִינְף אוּן פוּפְצִיגְסְטֶע מָאל תְּהִלִּים אַזוֹי ווִי עֶס בַּאטְרֶעפְט דָאס וָוארְט "כַּלָּה", זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אִיר זָאלְט טְרֶעפְן אַייעֶר שִׁדּוּךְ שְׁנֶעל אוּן גִיךְ, אִיר זָאלְט בְּקָרוֹב וֶוערְן אַ כַּלָּה.

**אוֹיף** אַייעֶרֶע צְוֵויי פְרַאגֶעס וְכוּ'; וָואס דִי חָשׁוּבֶ'ע רֶעבֶּעצִין בַּיי אַייךְ אִין סְקוּל דֶערְשְׁרֶעקְט דִי מֵיידְלֶעךְ אַז נָאךְ דִי חֲתֻנָּה פַאלְט מֶען אִין אִידִישְׁקֵייט, דָאס אִיז שֶׁקֶר וְכָזָב, עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת; אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאגְן אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי רֶעבֶּעצִין. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְבָמוֹת סב:) נָאךְ דִי חֲתֻנָּה דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר זָאגְט אָן אַ שִׁעוּר מָאל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּט נִישְׁט בַּיים מֶענְטְשׁ נָאר וֶוען מֶען הָאט חֲתֻנָּה (זֹהַר הַקָּדוֹשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, קמט ע"ב; וַיִּקְרָא ז ע"ב; נט ע"א; וְעוֹד).

**דָאס** וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר זֶעט קְלָאר אַז דִי רֶעבֶּעצִין
אִיז גֶערֶעכְט, אִיר זֶעט וַוייבְּלֶעךְ פַאלְן אִין אִידִישְׁקֵייט
נָאךְ דִי חֲתֻנָּה; דָאס אִיז נִישְׁט דִי חֲתֻנָּה וָואס מַאכְט זֵיי
פַאלְן, דָאס אִיז וַוייל בִּיז דִי חֲתֻנָּה אִיז זֵייעֶר גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט
גֶעוֶוען אַ שְׁפִּיל, מֶען שְׁפִּילְט פַאר דִי לֶערֶערִינְס, מֶען שְׁפִּילְט
וִוי אַ אִיד פַאר דִי עֶלְטֶערְן אוּן נָאךְ דִי חֲתֻנָּה קוּמְט אַרוֹיס
דֶער אֱמֶת'עֶר מֶענְטְשׁ; עֶס וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט וָואס מֶען וִויל
זַיין. בַּיי אַסַאךְ מֵיידְלֶעךְ אִיז צְנִיעוּת אַ זַאךְ וָואס מֶען וִויל
נִישְׁט, מֶען עֶקְלְט זִיךְ פוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן אֵיידְל, מֶען
טוּט דָאס גֶעצְווּינְגֶענֶערְהֵייט, דֶערִיבֶּער גְלַייךְ וֶוען מֶען הָאט
חֲתֻנָּה, מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט דִי פַּחַד פוּן סְקוּל, דִי פַּחַד אַז
מֶען וֶועט אַרוֹיסְוַוארְפְן וְכַדוֹמֶה - דֶעמָאלְט טוּט מֶען זִיךְ אָן
וִוי אַזוֹי מֶען הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט גֵיין אַלֶע יָארְן, דָאס מַאכְט
אוֹיסְזֶען אַז חֲתֻנָּה הָאבְּן מַאכְט פַאלְן אִין אִידִישְׁקֵייט.

**זָאגְט** פַאר דִי רֶעבֶּעצִין וָואס רֶעדְט דִי שְׁטוּתִים צוּ דִי
מֵיידְלֶעךְ אַז אַנְשְׁטָאט זָאגְן פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ אַז
חֲתֻנָּה הָאבְּן אִיז אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ וְכוּ', זָאל מֶען זֶען וָואס
פַּאסִירְט מִיט אַלֶע תַּלְמִידוֹת נָאךְ דִי חֲתֻנָּה, וִוי זֵיי וַוארְפְן
אַרָאפּ פוּן זִיךְ דִי צְנִיעוּת אוּן מֶען זָאל טְרַאכְטְן וֶועגְן וִוי
אַזוֹי מֶען קֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי מֵיידְלֶעךְ אַז זֵיי זָאלְן
וֶועלְן זַיין אֵיידְל; עֶס וַוייזְט זִיךְ אוֹיס אַז דִי גַאנְצֶע סְקוּל אִיז
אֵיין שְׁטִיק בְּלָאף, דִי גַאנְצֶע סְקוּל מִיט אַלֶע רֶעבֶּעצִינְס אִיז
נִישְׁט וָואר, עֶס אִיז נָאר אַ מִיטְל וִוי אַזוֹי מֶען קֶען דֶערְשְׁרֶעקְן
דִי קִינְדֶער מִיט דֶעם וָואס מֶען סְטְרַאשֶׁעט זֵיי אַז מֶען וֶועט

זַיי נִישְׁט צוּרִיק גֶעמֶען, אָדֶער מִיט אַנֶדערֶע סָארְט פְּחָדִים, אַז מֶען וֶועט נִישְׁט קַיין כַּלָּה וֶוערְן וְכַדוֹמֶה.

דִי זֶעלְבֶּע שְׁטוּתִים רֶעדְט מֶען צוּ בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבוֹת, מֶען זָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים: "אַ הֵייסֶער בָּחוּר אִיז אַ וַוארֶעמֶער אִינְגֶערְמַאן, אַ וַוארֶעמֶער בָּחוּר אִיז אַ קַאלְטֶער אִינְגֶערְמַאן וְכוּ' וְכוּ'"; דָאס אִיז פַארְקֶערְט פוּן דִי תּוֹרָה, דִי תּוֹרָה זָאגְט (יְבָמוֹת סב:): "כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא בְּרָכָה, בְּלֹא טוֹבָה", אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט חֲתֻנָּה גֶעהַאט הָאט נִישְׁט דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן; נָאךְ דִי חֲתֻנָּה, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין עֶרְלִיךְ. דָאס וָואס מֶען זֶעט אַז אִינְגֶעלַייט רַייסְן זִיךְ אוֹיף נָאךְ דִי חֲתֻנָּה, זַיי טוּעֶן נַארִישְׁקֵייטְן וְכוּ' - דָאס אִיז אַ סִימָן אַז אַלֶעס פוּן דִי בָּחוּרִ'ישֶׁע יָארְן אִיז גֶעוֶוען נָאר לְפָנִים, נָאר פוּן פַּחַד הַמַשְׁגִּיחַ, פַּחַד הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה - נִישְׁט פוּן פַּחַד ה'; אַלֶע עֲבוֹדוֹת אִיז גֶעוֶוען צוּ דִינֶען דִי מַגִּידֵי שִׁעוּרִים, דִינֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה וְכוּ' וְכוּ'.

**אוֹיף** דִי צְווייטֶע פְרַאגֶע וְכוּ' וָואס דִי רֶעבֶּעצִין דֶערְשְׁרֶעקְט אַייךְ אוּן אַלֶע מֵיידְלֶעךְ וֵויינֶען וְכוּ' וְכוּ'; אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי מֵיידְלֶעךְ, וָואס דַארְף מֶען זֵיי דֶערְשְׁרֶעקְן? וָואס דַארְף מֶען זֵיי מַאכְן וֵויינֶען? דָאס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן זַיי זָאלְן אוֹיפְהֶערְן קוּקְן מָאוִויס.

**בְּנוֹגֵעַ** אַייעֶרֶע מַחְשָׁבוֹת וְכוּ'; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט מַחְשָׁבוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן עב), דָאס אִיז דִי טֶבַע פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, ווִי שְׁטַארְק מֶען

ווייל דָאס פַארְטְרַייבְּן אַלְס שְׁטֶערְקֶער קוּמֶען זֵיי צוּרִיק, אַנְשְׁטָאט זִיךְ קְרִיגְן מִיט אַ מַחְשָׁבָה דַארְף מֶען טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס אִיז מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, דוּרְכְדֶעם גֵייעֶן דִי אַלֶע מַחְשָׁבוֹת אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֵיין. וֶוען מֶען חַזֶר'ט אֱמוּנָה וֶוערְט לִיכְטִיג, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל מג, ב): "וְהִנֵּה כְּבוֹד אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל בָּא מִדֶּרֶךְ הַקָּדִים, וְקוֹלוֹ כְּקוֹל מַיִם רַבִּים", יְחֶזְקֵאל הַנָבִיא דֶערְצֵיילְט ווי עֶר הָאט גֶעזֶען כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמֶען אִין דִי עֲזָרָה, עֶס הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אַ רַעַשׁ ווי וַואסֶער שְׁטוּרֶעמְט, "וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבֹדוֹ", אוּן פְּלוּצְלוּנְג אִיז לִיכְטִיג גֶעוָוארְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט לִיכְטִיג, אֱמוּנָה מַאכְט לִיכְטִיג.

אַז עֶס קוּמְט אַרַיין אַ שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה דַארְף מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, מֶען דַארְף נִישְׁט וֶוערְן אוּיסֶער זִיךְ; אֲפִלּוּ אַז מֶען טְרַאכְט אַ שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה אוּנְטֶער דִי חֻפָּה וֶוערְט נָאכְנִישְׁט אוּיס וֶועלְט, מֶען וֶוערְט נִישְׁט אוּיס הֵיילִיג, מֶען זָאגְט שְׁטִילֶערְהֵייט: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט, אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעם אַרוּיס דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן פוּן מִיר"; אוּן שׁוֹין, מֶער פוּן דֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט טוּן, מֶען בְּלַייבְּט רֵיין אוּן הֵיילִיג.

וָוען מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֵיידְלֶעךְ טוּעֶן זִיךְ אָן שֵׁיין, רַייךְ אוּן אֵיידְל וַוייל זֵיי הָאבְּן דָאס לִיבּ - וֶועלְן זֵיי נָאךְ דִי חֲתֻנָּה נִישְׁט פַאלְן, זֵיי וֶועלְן נָאךְ דִי

חֲתֻנָּה אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן אַ זִיסֶערֶע לֶעבְּן, זֵיי וֶועלְן הָאבְּן זֵייעֶר מַאן מִיט וֶועם צוּ לֶעבְּן, זֵיי וֶועלְן זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין.

מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל בָּטֵל וֶוערְן אַלֶע עֶלְטֶערֶע קְלַאסְן פוּן סְקוּל וָואס לָאזְן נִישְׁט דִי מֵיידְלֶעךְ חֲתֻנָּה הָאבְּן; מֶען הַאלְט זֵיי אוֹיף נָאךְ אַ יָאר אוּן נָאךְ אַ יָאר מִיט הֶבֶל הֲבָלִים, כְּאִילוּ דָאס אִיז דֶער דֶרֶךְ הַתּוֹרָה. וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְּאֻלָּה שְׁלֵמָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתרסב סב

### ווי אַזוֹי קֶען מֶען צֶערַייסְן דֶעם הֵיילִיגְן גִּלְיוֹן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט לֶעצְטְנְס אַ שִׁעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט אִיבֶּער דֶעם "גִּלְיוֹן הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ", הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעוָואלְט בַּאדַאנְקֶען פַארְן גִּלְיוֹן, אוּן זֵייעֶר בֶּעטְן אַז מֶען זָאל וַוייטֶער שְׁרַייבְּן אַזוֹי ווִי בִּיז יֶעצְט; דָאס אִיז מַיין גִּלְיוֹן, דָאס הָאט גֶערַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן.

טַאקֶע יֶענֶער גִּלְיוֹן [פָּרָשַׁת נֹחַ תשע"ט] וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט דֶערְפוּן, וואוּ עֶס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דֶער בְּרִיוו אִיבֶּער אַ קִינְד וָואס דֶער שָׁכֵן הָאט אִים אָנְגֶערִירְט נִישְׁט בִּצְנִיעוּת[מג], הָאט גֶערַאטֶעוֶועט מַיין מִשְׁפָּחָה.

מג. דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

וֶוען אִיךְ קוּם אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּם שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ קוּים כֹּחַ צוּ דַאוֶונֶען, אִיךְ קֶען נִישְׁט קוּקְן קַיין גִּלְיוֹנוֹת, אָבֶּער אֵיין שַׁבָּת נָאכְן דַאוֶונֶען הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען וִוי מַיין נַיין יֶערִיג אִינְגֶל אִיז זֵייעֶר בְּלַאס אוּן דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְּרֶעגְט צִי עֶר פִּילְט נִישְׁט גוּט, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז אַלֶעס אִיז גוּט, אִיךְ הָאבּ אָבֶער גֶעזֶען אַז עֶפֶּעס טוֹיג נִישְׁט, הָאבּ אִיךְ אִים גֶערוּפְן פְּרִיוַואט אִין דִי זַייט אוּן אִים גֶעפְּרֶעגְט וָואס גֵייט פָּאר, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט נָאר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן טַאשׁ דֶעם גִּלְיוֹן, עֶס אִיז גֶעוֶוען גֶעקְנֵייטְשְׁט צוּ דֶעם בְּרִיוו, אוּן עֶר וַוייזְט עֶס מִיר.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַּארְטִיפְט אִין דֶעם בְּרִיוו אוּן עֶס אִיז מִיר שְׁלֶעכְט גֶעוָוארְן, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אִיז מִיר גוּט גֶעוָוארְן, אַז אִיךְ בִּין גֶעווּאוֹיר גֶעוָוארְן וָואס גֵייט פָּאר. בָּרוּךְ ה' אַז עֶס אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אָנְהוֹיבּ פוּן אַ מַעֲשֶׂה, וָואס וָואלְט זִיךְ גֶעקֶענְט צִיעֶן לַאנְג אוּן זִיךְ עֶנְדִיגְן גֶעפֶערְלִיךְ, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מֶען הָאט עֶס גֶעקֶענְט מְסַדֵּר זַיין בַּאצַייטְנְס אוּן גֶערַאטֶעוֶועט מַיין זוּן.

זַייט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁעוּרִים אוּן מַיין גַאנְצֶע שְׁטוּבּ הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט. יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אוֹיפְן שִׁעוּר אַז עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁרֵייעֶן אוֹיפְן גִּלְיוֹן אַז עֶס אִיז נִיבּוּל פֶּה, דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן בְּרַחֲמִים אִיר זָאלְט זֵיי לָאזְן וַוייטֶער שְׁרֵייעֶן, אָבֶּער אִיר זָאלְט וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט צוּ רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן טוֹיט. וִוי גֶערֶעכְט זֶענְט אִיר אַז נָאר אַ מְנֻוָּל וֶועט שְׁרֵייעֶן אוֹיף דֶעם, וַוייל עֶר הָאט מוֹרָא מֶען וֶועט אִים כַאפְּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וואוּיל** אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מְנֻוָלִים, זֵיי זָאלְן נִישְׁט לָאזְן קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן טוּן מִיט זֵיי עֲבֵירוֹת. עֶס לִיגְט אַ פְלִיכְט אוֹיף עֶלְטֶערְן מְחַנֵךְ צוּ זַיין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין הֵיילִיג; אַז מֶען גְרֵייט אָן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם הָאט מֶען שְׁפֶּעטֶער שֵׁיינֶע נַחַת, זֵיי וַואקְסְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן.

**לֵיידֶער** בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים לֶעבְּן מִיר אִין אַ דוֹר פוּן הֶפְקֵרוּת, מֶען הָאט גֶעגֶעבְּן פַארְן יֵצֶר הָרָע אַזֶעלְכֶע כּוֹחוֹת הַטֻמְאָה, עֶר שְׁנַיידְט שְׁטִיקֶער פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מֶען נֶעמְט אוּמְשׁוּלְדִיגֶע קִינְדֶער אוּן מֶען פַארְכַאפְּט זֵיי אִין עֲבֵירוֹת. מֶען נֶעמְט אַוֶועק זֵייעֶר פוּנְדַאמֶענְט, זֵייעֶר יְסוֹד; זֵיי פַאלְן אִין קְדֻשָּׁה אוּן זֶענֶען פּוֹגֵם בַּבְּרִית, מִיט דֶעם הַרְגֶ'עט מֶען זֵייעֶר עָתִיד.

**קֶענְן** דִי טֻמְאָה וָואס אִיז דָא הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז גֶעשִׁיקְט אַ צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז לוֹחֵם מִיטְן סַמֶ"ךְ מֶ"ם; עֶר אִיז מַכְנִיעַ דִי טֻמְאָה אוּן רַאטֶעוֶועט אוּנְז פוּן פַארְכַאפְּט וֶוערְן בַּיי דִי קְלִפּוֹת.

**דֶער** רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן קְדֻשַּׁת הַבְּרִית ווַייל אַז דֶער יְסוֹד אִיז גוּט, דֶער פוּנְדַאמֶענְט אִיז

שְׁטַארְק - קֶען מֶען בּוֹיעֶן שֵׁיינֶע בִּנְיָנִים, אָבֶער אַז דֶער יְסוֹד אִיז צֶעבְּרָאכְן קֶען מֶען נִישְׁט בּוֹיעֶן, דֶערִיבֶּער הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי פַארְלֵייגְט צוּ פַארְרֶעכְטְן דֶעם יְסוֹד כְּדֵי מִיר זָאלְן קֶענֶען זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

קֶעגְן דֶעם קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע אוּן פַארְדֶעקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר מַאכְט חוֹזֶק פוּן רֶבִּי'ן מִיט הוֹצָאַת שֵׁם רַע, מֶען רֶעדְט כָּל דָּבָר אָסוּר אוֹיפְן רֶבִּי'ן אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים. שׁוֹין אִיבֶּער פוּפְצִיג יָאר וָואס מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט, דְרוּקְט אוּן פַארְפְלֵייצְט סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים צוּ וַוייזְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דִי וֶועג פוּן לֶעבְּן, אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן מֶען קֶען זִיךְ צוּרִיק קֶערְן פוּן וואוּ מֶען אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן, זֶענֶען גֶעקוּמֶען מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם מֶלֶךְ הָאַכְזָר (עַיֵּן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג - פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס) אוּן גֶעמַאכְט גֶעשְׁפֶּעט אוֹיף דִי סְפָרִים, אַז מֶען דַארְף דָאס צֶערַייסְן, מֶען דַארְף דָאס פַארְבְּרֶענֶען אוּן מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְקוּקְן אִין דִי סְפָרִים; מֶען דַארְף שְׁרֵייעֶן "גִיוַואלְד!" וִוי מֶעג מֶען צֶערַייסְן דִי סְפָרִים? וִוי מֶעג מֶען צֶערַייסְן דִי קוּנְטְרֵסִים וָואס רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער?!

נֵיתֵי סֵפֶר וְנֶחֱזֵי, לָאמִיר אַרַיינְקוּקְן וָואס שְׁטֵייט אִין דִי סְפָרִים, וָואס שְׁטֵייט אִין דִי קוּנְטְרֵסִים? דָאס אִיז דָאךְ רֵיין יִרְאַת שָׁמַיִם, דָאס אִיז דָאךְ רֵיין קְדֻשָּׁה; וִוי מֶעג מֶען רֶעדְן אוֹיף דִי סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה פַאר אַלֶעמֶען דִי אֱמוּנָה?!

וֶוער צֶערַייסְט דִי גִּלְיוֹנוֹת? וֶוער צֶערַייסְט דִי סְפָרִים? נָאר אַ בַּעַל עֲבֵירָה, נָאר אֵיינֶער וָואס לִיגְט אִין נִיאוּף;

אַנְדֶערְשׁ וָואלְט דָאךְ יֶעדֶער טַאטֶע גֶעדַארְפְט לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, דֶער בְּרִיוו וָואס מִיר הָאבְּן פַארְשְׁפְּרֵייט אִינֶעם גִלְיוֹן וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט לֶערְנֶען מִיט אַלֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

**דָאס** אִיז נִיבּוּל פֶּה? דָאס אִיז נִישְׁט אֵיידְל?! נִיבּוּל פֶּה אִיז וָואס טוּט זִיךְ בַּיי דִי טוּנְקֶעלֶע שָׁלשׁ סְעוּדוֹת תּוֹרָה'ס וֶוען מֶען פַארְלֶעשְׁט דִי לֶעקְטֶער, וואו זֶענֶען דֶעמָאלְט דִי קִינְדֶער? וָואס טוּעֶן זֵיי?! אֶפְשָׁר אִיז עֶר יֶעצְט בַּיי אַ מְנֻוָּל אִין שׁוּיס, אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען שְׁרֵייעֶן גִיוַואלְד! אָדֶער אִין דִי לַאנְגֶע פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאגְס אוּן לַאנְגֶע שַׁבָּתִים - וואו זֶענֶען דִי קִינְדֶער וֶוען דִי עֶלְטֶערְן שְׁלָאפְן? אֶפְשָׁר טוּט עֶר יֶעצְט נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר וֶועט זִיךְ נֶעבֶעךְ מוּטְשֶׁען זַיין גַאנְצֶע לֶעבְן? אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען שְׁרֵייעֶן גִיוַואלְד! אַ גִלְיוֹן וָואס בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין טָהֳרָה - דָאס אִיז נִישְׁט אֵיידְל?!

**אַזוֹי** גֵייט דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, מֶען צֶערַייסְט דִי סְפָרִים, מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְדֶעקְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ז', מִזְבּוּב וְעַכָּבִישׁ) פַּאר זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֶעשְׁרִיגְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיךְ בַּאשַׁאפְן?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ גֵיי אוּן זוּךְ דִיר אַן עֵצָה", אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטִיטְשְׁקְן אַן

אַיינְגֶעבּוֹיגֶעגֶעם, און זַיי הָאבְּן גֶעלַאכְט און גֶעזָאגְט: "דִי נְשָׁמָה קֶען שׁוֹין אַרָאפְּגֵיין, מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַן עֵצָה"; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (בְּסֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן): "וָואס אִיז זֵייעֶר עֵצָה, וָואס זַיי הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן? לַאכְן - מֶען לַאכְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן, און מֶען שְׁפֶּעט אָפּ פוּן דִי סְפָרִים", אָבֶער עֶס וֶועט אִים שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן, מֶען זֶעט וִוי דֶער רֶבִּי נֶעמְט אַיין דִי וֶועלְט, אַלֶע זָאגְן הַיינְט קְלָאר אַז דֶער רֶבִּי אִיז דֶער וָואס הַאלְט אוּנְז בַּיים לֶעבְּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זַיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אַ שָׁכֵן הָאט אָנְגֶערִירְט מַיין קִינְד אוֹיף נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיגֶע פְּלֶעצֶער, וָואס טוּט מֶען?[מד]

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כֹּל מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁעוּרִים און חִזּוּק, דָאס אִיז מַמָּשׁ מַיין לֶעבְּן, דִי לֶעבְּן וֶוערְט גְרִינְגֶער און שֶׁענֶער, און דִי קִינְדֶער זֶעעֶן מֶער אַ פְרֵיילִיכֶערֶע מַאמֶע, און אַזוֹי וַוייטֶער טוּישְׁט דָאס מַיין גַאנְצְן לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

מַיין פְרַאגֶע אִיז אַזוֹי, בְּעֶרֶךְ אַ יָאר צוּרִיק הָאט אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁעוּרִים און אִיךְ בִּין נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן צוּ רֶעדְן אָפְּן

מד. סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ח, מִכְתָּב תלח.

צוּ דִי קִינְדֶער, זֵיי אָנְוָואֹרֶעגֶען זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן קְרַאנְקֶע בָּחוּרִים אוּן מֶענְטְשְׁן, אוּן זַייט דֶעמָאלְט רֶעד אִיךְ צוּ מַיינֶע קִינְדֶער אִיבֶּער דֶעם יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט, אוּן אוֹיךְ זָאג אִיךְ זֵיי אַז אוֹיבּ הָאבְּן זֵיי אַ חֲשַׁד אוֹיף אֵיינֶעם זָאלְן זֵיי קוּמֶען דֶערְצֵיילְן.

אֵיין טָאג קוּמְט צוּ מִיר מַיין זוּן - נַיין יָאר אַלְט - אוּן דֶערְצֵיילְט מִיר אַז לֶעצְטֶע יָאר הָאט אִים אַ שָׁכֵן - אַ אִינְגֶל פוּן צְוֶועלְף יָאר - אָנְגֶערִירְט אוֹיף נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיגֶע פְּלֶעצֶער, אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה אוּן יֶעצְט הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי שְׁטַארְקְקֵייט צוּ קוּמֶען דֶערְצֵיילְן. (שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט אִיךְ זָאל רֶעדְן מִיט אִים וֶועגְן דִי מַעֲשֶׂה).

יֶעצְט אִיז מַיין שְׁאֵלָה וָואס אִיךְ זָאל טוּן מִיט דֶעם קִינְד אַז עֶר זָאל נִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן פוּן דֶעם, עֶר אִיז אַ וואוּיל אִינְגֶל אוּן הָאט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מִיר צוּגֶערֶעדְט אִים צוּ שִׁיקְן צוּ אַ גֶעוִויסֶע סָארְט טֶערָאפִּי וָואס קֶען אִינְגַאנְצְן אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אִים דִי פְּרָאבְּלֶעם אוּן מֶען קֶען אוֹיךְ זֶען אוֹיבּ עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אִינְגַאנְצְן אָדֶער נִישְׁט, פוּן דִי שִׁעוּרִים הָאבּ אִיךְ אָבֶּער פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה, אִיךְ בִּין אָבֶּער נִישְׁט רוּאִיג וָואס אִיךְ דַארְף צוּ טוּן.

אוּן נָאךְ אַ שְׁאֵלָה אִיז וֶועגְן דֶעם בָּחוּר דֶער פוֹגֵעַ וָואס אִיז הַיינְט שׁוֹין דְרַייצְן יָאר אוּן אִיז אַרַיין צוּ אַ גוּטֶע יְשִׁיבָה אוּן קוּקְט אוֹיס אַ גוּטֶער בָּחוּר, וֵוייסְן מִיר נִישְׁט אוֹיבּ מִיר זָאלְן דָאס דֶערְצֵיילְן פַאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן, וָואס וֶועלְן זֵיי דֶען קֶענֶען טוּן? אוּן וָואס קֶענֶען מִיר טוּן?

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע עֶנְטְפֶער וָואס מִיר דַארְפְן צוּ טוּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ט לְפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**וואוּיל** אִיז אַייךְ אַז אִיר צִיט אוֹיף אַייעֶרֶע קִינְדֶער מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; אִיר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים אוּן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים.

**בְּנוֹגֵעַ** דִי מַעֲשֶׂה וָואס אַייעֶר קִינְד פוּן נַיין יָאר אַלְט הָאט אַייךְ דֶערְצֵיילְט, אַז אַ שָׁכֵן - אַ קִינְד פוּן צְוֶועלְף יָאר - הָאט אִים אָנְגֶערִירְט אוֹיף נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיגֶע פְּלֶעצֶער אוּן אִיר ווִילְט ווִיסְן וָואס אִיר דַארְפְט טוּן.

**אִיר** זָאלְט וַוייטֶער רֶעדְן צוּ אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער בִּכְלָלִיּוּת פוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען זָאגְט בִּרְמִיזָה: מֶען דַארְף הָאבְּן 'גוּטֶע חֲבֵרִים', אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט חַבֶר'ן מִיט 'שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים', נָאר מֶען דַארְף אַרוֹיסְזָאגְן קְלָאר אוּן דֵייטְלִיךְ פַאר דִי קִינְדֶער וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט אוּן וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן וְכוּ', אוּן אוֹיבּ אַ צְוֵוייטֶער - זָאל זַיין וֶוער זָאל נָאר זַיין - ווִיל אִים אָנְרִירְן זָאל עֶר אַנְטְלוֹיפְן פוּן יֶענֶעם אוּן קוּמֶען דֶערְצֵיילְן, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי זַיין עֶרְלִיךְ אוּן רֵיין.

**רֶעדְט** נִישְׁט מֶער מִיט אַייעֶר קִינְד פוּן דִי מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז גֶענוּג אַז עֶר הָאט עֶס אַייךְ דֶערְצֵיילְט, יֶעצְט זָאלְט

אִיר אִים נָאר הֵייבְּן. עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּן דֶעם, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אִיר זָאלְט אִים דָאס אוֹיפְבְּרֶענְגֶען, עֶר הָאט שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוֹיף דֶעם.

**מֶען** דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אִין קִינְדֶער אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרוּמְגֵיין מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף זֵיי, מֶען דַארְף זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז אֲפִלּוּ מֶען הָאט גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

**זֵייעֶר** גוּט אַז אִיר גֶעוואוֹינְט אִים אַיין צוּ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט אִים מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אָבֶּער גֶעדֶענְקְט אַז אַ קִינְד דַארְף אוֹיךְ שְׁפִּילְן; וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים פוּן חֵדֶר אִיז נִישְׁט גוּט צוּפִיל אִים צוּ שְׁטוּפְּן צוּ לֶערְנֶען, אַ קִינְד דַארְף זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן מִיט שְׁפִּילְן, נָאר שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר עֶנְדִיגְט שְׁפִּילְן בְּלַייבְּט נָאךְ צַייט, דֶעמָאלְט אִיז גוּט אִים צוּ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), צוּ זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת.

**בְּנוֹגֵעַ** צִי אִיר זָאלְט נֶעמֶען אַייעֶר קִינְד פַאר טֶערָאפִּי וְכוּ'; אִין דֶעם פַאל וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער אַזַא מַעֲשֶׂה מִיט אַ צְוֵוייטֶע קִינְד - אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין טֶערָאפִּי, עֶס וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן. מַה שֶּׁאֵין כֵּן אוֹיב מֶען וֶוערְט בַּאצְווִוינְגֶען פוּן אַן עֶרְוַואקְסֶענֶעם מֶענְטְשׁ דֶעמָאלְט דַארְף מֶען וִויסְן וִוי וַוייט עֶס אִיז גֶעוֶוען, וַוייל דָאס קֶען צוּגְרִינְדְלֵייגְן אַ קִינְד אוֹיף זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

**איר** קֶענְט מְעוֹרֵר זַיין דִי עֶלְטֶערְן פוּן דֶעם בָּחוּר זֵיי זָאלְן רֶעדְן צוּ אִים; דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג, וַוייל לֵיידֶער רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּ זֵיי. עֶס קֶען זַיין אַז זֵיי וֵוייסְן אַז זֵיי טוּעֶן נִישְׁט קַיין אֵיידֶעלֶע זַאךְ אָבֶער זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט ווִי גְרוֹיס דִי עֲבֵירָה אִיז אוּן וִויפִיל מֶען לַיידְט פוּן דֶעם שְׁפֶּעטֶער. אִיר דַארְפְט נָאר אַכְטוּנְג גֶעבְן נִישְׁט צוּ מַאכְן אַ קְרִיגֶערֵיי, וַוייל זֵיי קֶענֶען נָאךְ אוֹיסְדְרֵייעֶן דִי מַעֲשֶׂה אוֹיף אַייךְ וְדַ"ל.

**עֶלְטֶערְן** דַארְפְן אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער; בִּפְרָט אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע דַארְף בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט פַארְגִיסְן טְרֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶעם קִינְד בַּאזוּנְדֶער.

**מוֹהֲרַא"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער"; דֶערְפַאר דַארְפְן עֶלְטֶערְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע אוּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרסג סג

## אִיז אֱמֶת אַז וֶוער עֶס קוּמְט נִישְׁט אוֹיף אוּמַאן גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין בַּאשֶׁעפֶער?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר זֶענֶען צְוֵויי מֵיידְלֶעךְ חַבֶר'טֶעס פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים אוּן חִזּוּק וָואס דֶערְגֶענְטֶערְן אוּנְז צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר הָאבְּן גֶעוָואלְט פְרֶעגְן צְוֵויי זַאכְן. אֵיינְס אִיבֶּער אַ בַּאקַאנְטֶע לִיד מִיט דִי וֶוערְטֶער: "רֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל, מִי שֶׁמַּאֲמִין בַּה' יִתְבָּרַךְ צָרִיךְ לָבוֹא", דָאס מֵיינְט אַז וֶוער עֶס גְלֵייבְּט אִין בַּאשֶׁעפֶער דַארְף קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף אוּמַאן; מֵיינְט דָאס טַאקֶע אַז וֶוער עֶס גֵייט נִישְׁט רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין בַּאשֶׁעפֶער? מִיר ווילְן וויסְן אוֹיבּ דָאס אִיז טַאקֶע וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט.

אוֹיךְ ווילְן מִיר וויסְן, מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ אַ חָתָן אוּן כַּלָּה טְרֶעפְן זִיךְ פוּן נָאךְ דִי תְּנָאִים בִּיז דִי חֲתֻנָּה, בְּרֶענְגְט דָאס אַ מַבּוּל; ווילְן מִיר וויסְן אוֹיבּ עֶס אִיז טַאקֶע אֱמֶת, ווייל מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז מוֹהֲרַנְ"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אַז חָתָן כַּלָּה מֶעגְן יָא רֶעדְן; ווילְן מִיר וויסְן וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן ווייטֶער כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִּי שִׂיחוֹת וָואס מֶען זֶעט אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן און שִׂיחוֹת הָרַ"ן זֶענֶען קְרַאנְט און וָואר, אַנְדֶערֶע שִׂיחוֹת וָואס מֶען זָאגְט נָאךְ בְּשֵׁם דֶעם און יֶענֶעם אִיז אַ צְוֵייטֶע גֶעשִׁיכְטֶע.

בְּנוֹגֵעַ קוּמֶען קַיין אוּמַאן; דָאס אִיז קְלָאר אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלְצְדִינְג, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה", עֶס אִיז מִיר אַ ווּאוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פֶעלְן, "כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", וַוייל מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה. "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי

לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: וֶוער עֶס קוּמְט צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם נִגּוּן אִיז אוֹיסְגֶעזוֹיגְן פוּן פִינְגֶער; אַזוֹי אִיז אוֹיךְ מִיט דִי צְוֵוייטֶע שִׂיחָה.

דֶער עִקָּר זָאלְט אִיר זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים אוּן וָואס אִיר דַארְפְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן צח): "אֲמִירַת תְּהִלִּים מַעֲלָה גְּדוֹלָה, כְּאִלּוּ אֲמָרָם דָּוִד הַמֶּלֶךְ בְּעַצְמוֹ. כִּי הוּא אֲמָרָם בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ, וְהָרוּחַ הַקֹּדֶשׁ מֻנָּח בְּתוֹךְ הַתֵּבוֹת, וּכְשֶׁאוֹמְרָם הוּא מְעוֹרֵר בְּרוּחַ פִּיו אֶת הָרוּחַ הַקֹּדֶשׁ, עַד שֶׁנֶּחֱשָׁב כְּאִלּוּ אֲמָרָם דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם בְּעַצְמוֹ", דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים מִיט אַזַא רוּחַ הַקֹּדֶשׁ אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט תְּהִלִּים שְׁפִּירְט וִוי דֶער קַאפִּיטְל מֵיינְט אִים.

וֶוען אִיר הָאט אִיבְּרִיג צַייט זָאלְט אִיר נֶעמֶען דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים אוּן זָאגְן דֶעם "יוֹם", אוּן אַרַיינְפְלֶעכְטְן אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע גֶעבֶּעטְן, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרסד סד

**ווי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן פְּחָדִים אוּן חֲשָׁדוֹת?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְן עֶנְטְפֶערְן מַיין שְׁאֵלָה[מה] אִיבֶּער מַיין מַאן וָואס אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אַלְס יָתוֹם אוּן אִיז פוּל מִיט פְּחָדִים, עֶר אִיז מִיר חוֹשֵׁד כְּסֵדֶר מִיט נַארִישְׁקֵייטְן. מַיין מַאן זָאגְט מִיר אַז עֶר ווִיל אַלֵיין אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי פְּחָדִים, עֶר פַארְשְׁטֵייט אַז עֶס שְׁטֶערְט דָאס לֶעבְּן, עֶר וֵוייסְט אָבֶּער נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ הֶעלְפְן; אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּן פַאר אִים אַן עֵצָה אוּן חִזּוּק אוֹיף דֶעם?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**דַיין** ווַייבּ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז זִי ווִיל דִיר הֶעלְפְן, זִי ווִיל דִיךְ אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן דִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין אוּמְזִיכֶערְקֵייט; זִי הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי פְּחָדִים.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "דַע, שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לַעֲבֹר עַל גֶּשֶׁר צַר מְאֹד מְאֹד", דִי וֶועלְט אִיז ווִי אַ

מה. פְּרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א' מז.

שְׁמָאלֶער בְּרִיק, מֶען דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין זַייעֶר אַ שְׁמָאלֶער בְּרִיק, "וְהַכְּלָל וְהָעִקָּר שֶׁלֹּא יִתְפַּחֵד כְּלָל", דֶער עִקָּר אִיז מֶען זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, וֶוען מֶען גֵייט אוֹיף אַ שְׁמָאלְן בְּרִיק דַארְף מֶען הָאבְּן אַ צווֹים פוּן בֵּיידֶע זַייטְן כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז צְוֵויי צוֹימֶען אִין וָואס מֶען זָאל זִיךְ אָנְכַאפְּן אַז מֶען זָאל קֶענֶען אַדוּרְכְגֵיין דִי וֶועלְט בְּשָׁלוֹם, דָאס אִיז 'שִׂמְחָה' אוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת'; אַז מֶען הָאט דִי צְוֵויי צוֹימֶען קֶען מֶען אַרִיבֶּערְגֵיין אֲפִלּוּ דֶעם שְׁמָאלְסְטְן בְּרִיק אָן קַיין שׁוּם פַּחַד.

דֶער עֶרְשְׁטֶער צוֹים אִיז שִׂמְחָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין דֶעפְּרֶעסְט; וֶוען מֶען אִיז פְּרֵיילִיךְ - דֶעמָאלְט אִיז דָא אַ פְּלַאץ פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים א טז, כז): "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְּרֵיילִיךְ קֶען עֶר צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, וֶוען מֶען אִיז פְּרֵיילִיךְ גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נה, יב): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", דוּרְךְ שִׂמְחָה גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן י).

דֶער יֵצֶר הָרָע ווִיל נָאר אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג אוּן אַרַיינְפַאלְן אִין אַ טִיפֶע דֶעפְּרֶעסְיֶע,

דָאס אִיז זַיין גַאנְצֶע צִיל וָואס עֶר ווִיל עֶרְרֵייכְן וֶוען עֶר וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְש אִין עֲבֵירוֹת - אִים אַרַיינְוַוארְפְן אִין אַ קַטְנוּת הַדַעַת, אִין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "עַצְבוּת הִיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׂוֹנֵא אוֹתָהּ", וֶוען אַ מֶענְטְש אִיז דֶעפְּרֶעסְט אִיז עֶר אִין דִי הֶענְט פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַּיינְט וֶוען מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט; דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט יֶעדֶע גוּטֶע נְקוּדָה וָואס מֶען הָאט.

דִי צְווֵייטֶע צוּים אִיז הִתְבּוֹדְדוּת; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְן אַ גְרִינְגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי מִיר זָאלְן קֶענֶען נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַמָאל הָאט מֶען גֶעדַארְפְט טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת צוּ קֶענֶען זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט גֶעדַארְפְט פַּאסְטְן אוּן זִיךְ מְסַגֵּף זַיין וְכוּ' וְכוּ' בִּיז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְן אַבִּיסְל פוּן דִי וֶועלְט אוּן וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בִּיז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אוּנְז גֶעגֶעבְן דִי גְרִינְגֶע וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה): "הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל"; אַ מֶענְטְש זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז בַּאקְוֶועם צוּ רֶעדְן, כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, אַזוֹי ווִי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ נָאנְטֶער חָבֵר. אִים אַלֶעם דֶערְצֵיילְן, אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט אוּן אַלֶע מַעֲשִׂים אוּן מַחְשָׁבוֹת אִין וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אַרָאפּ, דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְש עֶר זָאל וֶוערְן זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַז** מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט דִי צְווֵיי עֲבוֹדוֹת, מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען טוּט; מֶען פְרֵייט זִיךְ מִיט דֶעם וָואס מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין גוֹיִם, מֶען פְרֵייט זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי וֶועלְט - דֶעם שְׁמָאלְן בְּרִיקְל - אָן קַיין פְּחָדִים אוּן אָן קַיין שְׁרֶעק. מֶען וֶוערְט זִיכֶער מִיט זִיךְ; מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּחָדִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בִּטָּחוֹן, סִימָן א'): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בִּטָּחוֹן, אֵין לוֹ שׁוּם פַּחַד", וֶוער עֶס הָאט בִּטָּחוֹן הָאט נִישְׁט קַיין פְּחָדִים פוּן קֵיינֶעם; וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים אוּן עֶר לִיגְט אִין זַיינֶע הֶענְט, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קלא, ב): "כְּגָמֻל עֲלֵי אִמּוֹ, כַּגָּמֻל עָלַי נַפְשִׁי", אִיךְ בִּין וִוי אַ קִינְד וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף דִי מַאמֶע אָן קַיין שׁוּם דַאֲגוֹת אוּן אָן קַיין שׁוּם פְּחָדִים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרסה סה

## זָאל אִיךְ רֶעדְן מִיט מַיין כַּלָּה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מִיר עֶנְטְפֶערְן אוֹיף מַיין שְׁאֵלָה[מו] וָואס צוּ טוּן אַז דַוְקָא נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ חָתָן גֶעוָוארְן, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאךְ מֶער פַאלְן.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן אִיךְ הָאבּ צֶעבְּרָאכְן מַיין אַייפַאד, נָאךְ אַסַאךְ תְּפִלּוֹת אוּן בִּזְכוּת דִי וַוארֶעמֶע בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אַזַא שְׁאֵלָה, אִיךְ זֶע אַז יֶעדֶעס מָאל נָאכְן רֶעדְן מִיט מַיין כַּלָּה אִיז מִיר פִיל גְרִינְגֶער, אֶפְשַׁר זָאל אִיךְ רֶעדְן מֶער מִיט אִיר, וַוייל זִי וִויל רֶעדְן אָבֶּער מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווילְן נִישְׁט אִיךְ זָאל רֶעדְן מִיט אִיר.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**ווָאזִיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט אַוֶועק גֶעוָוארְפְן דֶעם אַייפַאד; מִיט דֶעם הָאסְטוּ מְקַיֵּים גֶעוֶוען אַ מִצְוָה פוּן "וּבִעַרְתָּ**

מו. פְרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א' ס.

הָרַע מִקִּרְבֶּךָ" (דְּבָרִים יז, ז); דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט בְּלַייבְּן שְׁטַארְק דַיין גַאנְץ לֶעבְּן נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין מָאוִוים - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת.

**אַוַדַאי** זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט דַיין כַּלָּה, אַזוֹי וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס. עֶס זֶענֶען דָא פְּלֶעצֶער וואוּ מֶען אִיז זֵייעֶר מַקְפִּיד אַז חָתָן כַּלָּה זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן אוּן זִיךְ נִישְׁט טְרֶעפְן, אָבֶּער מוֹהֲרָא"ש הָאט מַדְרִיךְ גֶעוֶוען חֲתָנִים אוּן כַּלוֹת זֵיי זָאלְן יָא רֶעדְן.

**מַאךְ** דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנוֹת פַאר דַיין חֲתֻנָּה; עֶס קוּמְט אַ גְרוֹיסֶער טָאג, דִי יוֹם הַחֻפָּה וֶוען מֶען אִיז מוֹחֵל חָתָן כַּלָּה אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מֶדְרָשׁ שְׁמוּאֵל יז, א; הוּבָא בְּרַשִׁ"י בְּרֵאשִׁית לו, ג): "שְׁלֹשָׁה מוֹחֲלִים לָהֶן עֲוֹנוֹתֵיהֶן ... וְהַנּוֹשֵׂא אִשָּׁה", פַאר דְרֵיי מֶענְטְשְׁן אִיז מֶען מוֹחֵל אַלֶע זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, אֵיינֶע פוּן זֵיי - אַ חָתָן וָואס הָאט חֲתֻנָּה; מֶען הוֹיבְּט אָן אַ פְּרִישֶׁע בְּלֶעטְל אִין לֶעבְּן.

**זָאלְסְט** זִיךְ בַּאנֵייעֶן, נִישְׁט קוּקְן וָואס אִיז גֶעוֶוען נָאר שְׁטֶענְדִיג אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל נָאכְגֶעזָאגְט פַאר אַ חָתָן דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת יז.): "כֵּיצַד מְרַקְּדִין לִפְנֵי הַכַּלָּה", דֶער רֶבִּי הָאט אִים דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען: "כֵּיצַד 'מְרַקְּדִין וּמְדַלְּגִין' עַל מַה שֶׁהָיָה לִפְנֵי הַכַּלָּה, הַיְנוּ לִפְנֵי הַחֲתֻנָּה", מְרַקְּדִים אִיז טַייטְשְׁט טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען; מֶען דַארְף אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי חֲתֻנָּה; דָאס הֵייסְט,

**אַז אַ חָתָן דַארְף פַארְגֶעסְן זַיין גַאנְצֶע עָבַר אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי** (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקפו).

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# תתרסו סו

## זָאל אִיךְ צוּרִיק גֵיין לֶערְנֶען מִיט מַיין חַבְרוּתָא בְּעִיּוּן?

### שְׁאֵלָה:

שׁוֹין עֶטְלִיכֶע יָאר וָואס אִיךְ הַאלְט זִיךְ פַאר אַ תַּלְמִיד פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען מוֹהֲרָא"שׁ אוּן אוֹיךְ נִישְׁט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, הֶער אִיךְ הָאבּ דִי שִׁעוּרִים וָואס גֶעבְּן מִיר דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג אִין לֶעבְּן אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק דַאנְקְבַּאר אוֹיף דֶעם.

אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה הָאבְּן אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם לִיבּ גֶעהַאט צוּ לֶערְנֶען אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעשָׁאנְקֶען אַ גוּטֶע קָאפּ צוּ פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם גוּטֶע חַבְרוּתוֹת אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

נָאךְ מַיין חֲתֻנָּה הָאבְּן אִיךְ מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען מִיט מַיין חַבְרוּתָא אִין כּוֹלֵל פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר אוּן מִיט דִי צַייט הָאבְּן מִיר בֵּיידֶע גֶעדַארְפְט גֵיין אַרְבֶּעטְן, אָבֶּער מִיר הָאבְּן זִיךְ נָאכְאַלְץ וַוייטֶער קוֹבֵעַ גֶעוֶוען יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען אִינְאֵיינֶעם אֵיין אוּן אַ הַאלְבּ שָׁעָה, מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ ה' נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט נָאר בֶּאֱמֶת גֶעלֶערְנְט פְלַייסִיג גְּמָרָא רַשִׁ"י תוֹסְפוֹת אוּן אַזוֹי הָאבְּן מִיר גְרוּנְטְלִיךְ דוּרְכְגֶעלֶערְנְט עֶטְלִיכֶע מַסֶכְתּוֹת.

נָאכְן אָנְהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁעוּרִים הָאבּ אִיךְ זִיךְ גָאר שְׁטַארְק גֶעטוֹוישְׁט צוּם גוּטְן אִין הַנְהָגוֹת הַבַּיִת, אִין חִנּוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער אוּן אִין נָאךְ אַסַאךְ

זַאכְן. בִּיז מִיט אַ הַאלְבּ יָאר צוּרִיק בְּעֶרֶךְ הָאט מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן כַאפְּן אוֹיךְ דֶער סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד. וֶוען מֶען הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן מַסֶּכֶת נִדָּה אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דַאן גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט וַוארְטְן אָנְצוּהוֹיבְּן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת נָאר שׁוֹין זִיךְ מִיטְכַאפְּן מִיט אַ דַּף גְּמָרָא אַ טָאג[מז], דָאס הָאט מִיךְ זֵייעֶר גֶעכַאפְּט אוּן אִיךְ הָאבּ טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, צוּ דֶעם הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע חִזּוּק צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג נָאךְ פִּילֶע שִׁעוּרִים כְּסִדְרָן, חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דַּף בַּבְלִי, דַּף יְרוּשַׁלְמִי, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, נַ"ךְ, חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, זֹהַר, רַמְבַּ"ם, תּוֹסֶפְתָּא, מֶדְרָשׁ רַבָּה, לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן אַזוֹי צִיט זִיךְ דָאס שׁוֹין אִיבֶּער זִיבְּן חֳדָשִׁים.

לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ יֶעצְט שׁוֹין גֶעלֶערְנְט מֶער וִוי זִיבְּן מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אוּן דִי אַנְדֶערֶע שִׁעוּרִים, אָבֶּער דָאס אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן אוּנְזֶער לַאנְג יֶערִיגֶע חַבְרוּתָא'שַׁאפְט, אִיךְ הָאבּ גֶעמוּזְט אוֹיפְגֶעבְּן דֶעם שִׁעוּר גְּמָרָא תּוֹסְפוֹת מִיט מַיין חַבֶר, אִיךְ הָאבּ אִים עֶרְקְלֶערְט אַז אֲפִלּוּ מִיר הָאבְּן טַאקֶע פְלַייסִיג אוּן גְרוּנְטְלִיךְ גֶעלֶערְנְט, זֶענֶען מִיר אָבֶּער נָאר אָנְגֶעקוּמֶען צוּ עֶטְלִיכֶע מַסֶּכְתּוֹת אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז מִיטְן דֶּרֶךְ הַלִּימוּד קֶען אִיךְ אָנְקוּמֶען פִיל מֶער.

אִיךְ מוּז אָבֶּער זָאגְן דֶעם אֱמֶת אַז לֶעצְטְנְס הָאט מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁטַארְק צוּרִיק צוּ צִיעֶן צוּ מַיין אַלְטֶע שִׁעוּר, דִי גֶעשְׁמַאק פוּן אָפְּלֶערְנֶען גְרוּנְטְלִיךְ אַ בְּלַאט גְּמָרָא מִיט אַ חַבְרוּתָא אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אַוֶועקְצוּמַאכְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גָאר אַ שְׁטַארְקֶע גֶעשְׁמַאק אִין לֶערְנֶען אוּן אָנְקוּמֶען אַסַאךְ מִיטְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, אוּן דֶערְפַאר בִּין אִיךְ זֵייעֶר צֶעמִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין וַוייטֶער פוּן דָא.

מַיין חַבְרוּתָא בֶּעט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי מִיר אִיךְ זָאל צוּרִיק קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים, אָבֶּער אִיךְ זֶע אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט פַאר בֵּיידֶע

---

מז. מִיר טְרֶעפְן אִינֶעם מִכְתָּב יוֹמִי פוּן יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן, וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט:

"הֵייבּ הַיינְט אָן מַסֶּכֶת נִדָּה דַּף ע, אַזוֹי וֶועסְטוּ אָנְהֵייבְּן זוּנְטָאג שַׁ"ס".

זַאכְן, אָדֶער בִּין אִיךְ מַמְשִׁיךְ מִיט מַיינֶע שִׁעוּרִים אוֹיפְן דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אָדֶער גֵיי אִיךְ צוּרִיק לֶערְנֶען מִיט אִים אַזוֹי ווִי פְרִיעֶר.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א ווֶעט מִיר גֶעבְּן אַ קְלָארֶע תְּשׁוּבָה ווָאס אִיךְ זָאל טוּן, ווַייל אִיךְ ווֵייס בֶּאֱמֶת נִישְׁט ווָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע ווֶעג צוּ גֵיין.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**בִּיסְט** נִישְׁט גֶערֶעכְט מִיט דֶעם ווָאס דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דִי חַבְרוּתָא'שַׁאפְט; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ גוּטֶער חָבֵר ווָאס דוּ לֶערְנְסְט שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן מִיט אִים בְּהַתְמָדָה - אַזַא חָבֵר לָאזְט מֶען נִישְׁט אָפּ, זָאלְסְטוּ ווַייטֶער אָנְהַאלְטְן דַיין שִׁעוּר אוּן לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**דָאס** אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה מִיטְן דֶרֶךְ הַלִּימוּד; דֶער זֶעלְבֶּער רֶבִּי ווָאס הֵייסְט לֶערְנֶען שְׁנֶעל הֵייסְט אוֹיךְ לֶערְנֶען בְּעִיוּן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "גַּם צְרִיכִין לִלְמֹד אֵיזֶה שִׁעוּר בַּיּוֹם, בְּקְצָת עִיּוּן", אוֹיךְ דַארְף מֶען הָאבְּן אַ שִׁעוּר אִין עִיּוּן יֶעדְן טָאג; אוֹיסֶער דִי שִׁעוּרִים ווָאס מֶען זָאל לֶערְנֶען שְׁנֶעל אָן זִיךְ פַּארְטִיפְן, דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן אַ שִׁעוּר אִין עִיּוּן הַתּוֹרָה.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ צוּרִיק בַּאנֵייעֶן דַיין שִׁעוּר מִיט דַיין חַבְרוּתָא בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז; בִּיז יֶעצְט הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט מִיט אִים אַ שָׁעָה אוּן אַ הַאלְבּ זָאלְסְטוּ מוֹסִיף זַיין נָאךְ מֶער צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אִין דִי זַייטִיגֶע צַייטְן זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁעוּרִים כְּסִדְרָן בִּגְירְסָא; מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, מֶדְרָשׁ, הֲלָכָה וְאַגָּדָה, אוּן אַלֶע סְפָרִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כח): "רָאוּי לָאָדָם, שֶׁיַּעֲבֹר וְיֵלֵךְ בְּזֶה הָעוֹלָם בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, וְלִלְמֹד כֻּלָּם, כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה בְּכָל מָקוֹם", עֶס אִיז גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ אַדוּרְךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדֶע סֵפֶר וָואס אִיז דָא, כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען זָאגְן אַז מֶען אִיז גֶעוֶוען אִין יֶעדְן פְּלַאץ, "כְּמוֹ שֶׁנִּמְצָא הַשָּׂרִים הַגְּדוֹלִים, שֶׁהוֹלְכִים וְעוֹבְרִים בַּמְּדִינוֹת וּמוֹצִיאִים הוֹצָאוֹת רַבּוֹת עַל זֶה כְּדֵי שֶׁיּוּכַל אַחַר כֵּן לְהִתְפָּאֵר וְלוֹמַר שֶׁהָיָה בַּמְּדִינוֹת", אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי דִי גְרוֹיסֶע שָׂרִים וָואס פָארְן אַרוּם דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, זֵיי גֶעבְּן אוֹיס אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט, אַלְץ נָאר כְּדֵי זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען נָאכְדֶעם בַּארִימֶען פַאר אַלֶעמֶען וואוּ זֵיי זֶענֶען אַלְץ גֶעוֶוען, "כְּמוֹ שֶׁדֶּרֶךְ הַשָּׂרִים לְהִתְפָּאֵר וְלוֹמַר 'הָיִיתִי בְּוַרְשָׁא' וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה", אַזוֹי וִוי דִי גְרוֹיסֶע שָׂרִים הַאלְטְן זִיךְ גְרוֹיס "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין וַוארְשָׁא" אוּן נָאךְ, "כְּמוֹ כֵן רָאוּי שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה בְּכָל מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים שֶׁל הַתּוֹרָה, כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְהִתְפָּאֵר בָּעוֹלָם הַבָּא שֶׁהָיָה בְּכָל מָקוֹם, דְּהַיְנוּ בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים כַּנַּ"ל", דָאס זֶעלְבֶּע דַארְף אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנֶען אַלֶע סְפָרִים אַז עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּארִימֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אַז

עֶר הָאט אַלֶעס גֶעלֶערְנְט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערָאל; "וּלְעָתִיד, בָּעוֹלָם הַבָּא מַזְכִּירִין אוֹתוֹ כָּל מַה שֶׁלָּמַד בָּעוֹלָם הַזֶּה", אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט דֶערְמַאנְט מֶען פַארְן מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיף דִי וֶועלְט.

**זָאג** נִישְׁט אַז עֶס גֵייט נִישְׁט בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם, עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת; עֶס אִיז דָא גֶענוּג אוּן נָאךְ צַייט סֵיי פַאר עִיּוּן אוּן סֵיי פַאר גִּירְסָא.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתרסז סז

**דַארְף אִיךְ אוֹיסְזָאגְן בַּיי אַ שִׁדּוּךְ אַז אִיךְ הָאבּ פְּחָדִים?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר אִין דִי יָארְן פוּן שִׁדּוּכִים; אִיךְ לַייד פוּן פְּחָדִים אָבֶּער אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' גֶעטְרָאפְן אַ דָאקְטֶער וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן מֶעדֶעצִין דָאס צוּ בַּארוּאִיגְן אוּן מִיט דֶעם בִּין אִיךְ מַמָּשׁ אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ, אָבֶּער אָן דִי מֶעדֶעצִין אִיז מַיין לֶעבְּן אוֹיס.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז וָואס צוּ טוּן וֶועגְן שִׁדּוּכִים; מוּז אִיךְ אוֹיסְזָאגְן אַז אִיךְ נֶעם מֶעדֶעצִין פַאר פְּחָדִים? אִיךְ טְרַאכְט אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל אוֹיסְזָאגְן וֶועט מִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט וֶועלְן נֶעמֶען, ווִידֶער אוֹיבּ אִיךְ זָאג נִישְׁט אוֹיס אִיז עֶס אֶפְשָׁר גְּנֵיבַת דַּעַת, עֶס הֵייסְט אַז אִיךְ הָאבּ יֶענֶעם אַרַיינְגֶענַארְט.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִין אַ בְּרִיווּ[מח] וואוּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט אַז דָאס אִיז בְּלוֹיז וִוי נֶעמֶען טֵיילֶענָאל פַאר קָאפּ וֵויי און דָאס מַאכְט מִיךְ טְרַאכְטְן אַז לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען דָאךְ נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן אַז מֶען נֶעמְט טֵיילֶענָאל, מִמֵּילָא דַארְף מֶען אויךְ נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן אַז מֶען נֶעמְט מֶעדֶעצִין; אָדֶער אֶפְשָׁר אִיז עֶס נִישְׁט מַמָּשׁ גְלַייךְ?

אִיךְ הָאפְּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** קֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען אִיךְ קֶען נִישְׁט דַיין מַצָּב פוּן דֶער נָאנְט; עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי שְׁטַארְק דִי פְּחָדִים זֶענֶען און וִוי שְׁטַארְק עֶס קְלַאפְּט אוֹיס.

**פְּרֶעג** דַיין מוֹרֶה דֶּרֶךְ וָואס קֶען דִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ עֶר זָאל דִיר זָאגְן אוֹיבּ דַיין מַצָּב אִיז גוּט אָדֶער דוּ דַארְפְּסְט פַארְצֵיילְן וְכוּ'. וַוייל נִישְׁט אַלֶץ דַארְף מֶען זָאגְן, אָבֶער דָאס

מח. פְּרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א' כד.

אַזוֹי אויךְ טְרֶעפְן מִיר אִין אַ בְּרִיוו אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק א', מִכְתָּב לב, וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט:

"וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט לְמָשָׁל קָאפּ וֵויי, נֶעמְט עֶר טֵיילֶענָאל וְכוּ', אַזוֹי אויךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַן אַנְדֶערֶע מַחֲלָה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, גֵייט מֶען צוּם דָאקְטֶער און מֶען נֶעמְט מֶעדֶעצִין. אַזוֹי אויךְ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אִינֶערְלִיכֶע יִסוּרִים, עֶר הָאט דִמְיוֹנוֹת וְכוּ', דַארְף מֶען נֶעמֶען מֶעדֶעצִין פַאר זַיינֶע יִסוּרֵי הַנֶּפֶשׁ, אָבֶער וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי רְפוּאוֹת הֵיילְט נִישְׁט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס טוּט נָאר בַּארוּאִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ וְכוּ'; דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה פַאר דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת און פַאר דֶעפְּרֶעסְיֶע וְכוּ', אִיז אֱמוּנָה. וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ

אִיז קְלָאר אַז אוֹיב דִי פְּחָדִים זֶענֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק וְכוּ' - דַארְף מֶען יָא זָאגְן, זָאלְסְטוּ דָאס פְרֶעגְן דַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ וָואס קֶען דִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ.

**דֶער** עִקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, עֶס זָאל דִיר בִּכְלַל נִישְׁט אָנְגֵיין אַז דוּ דַארְפְּסְט נֶעמֶען מֶעדֶעצִין צוּ זַיין רוּאִיג. דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן דִי רִיכְטִיגֶע מֶעדֶעצִין וָואס אַרְבֶּעט פַאר דִיר אוּן מַאכְט דִיךְ רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ.

**דַאנְק** אוּן לוֹיב דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיין גוּטֶע לֶעבְּן וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אוֹיף דִי וֶועלְט דִי זִיסֶע טַעַם וָואס אַלֶע צַדִיקִים שְׁפִּירְן אִין גַן עֵדֶן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב): "וֶוען מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁפִּירְט מֶען אַ טַעַם פוּן גַן עֵדֶן"; וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דֶער מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִקְרָא רַבָּה ט, ז): "לֶעָתִיד לָבוֹא כָּל הַקָרְבָּנוֹת בְּטֵלִין, וְקָרְבַּן תּוֹדָה אֵינוֹ בָּטֵל; כָּל הַתְּפִלּוֹת בְּטֵלוֹת, הַהוֹדָאָה אֵינָהּ בְּטֵלָה", לֶעָתִיד לָבוֹא וֶועלְן אַלֶע קָרְבָּנוֹת בָּטֵל וֶוערְן, חוּץ קָרְבַּן תּוֹדָה וֶועט אִיבֶּערְבְּלַייבְּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

* * *

חַזֶר'ט זִיךְ דִי אֱמוּנָה - עֶר חַזֶר'ט אַיין בַּיי זִיךְ: 'קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר הִיט מִיר פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן', וֶוערְט עֶר מֶער אוּן מֶער רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן".

# תתרסח סח

## מֶעג מֶען הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן פַאר דִי אַרְבֶעט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים וָואס זֶענֶען מְחַיֶה אוּנְזֶער גַאנְצֶע שְׁטוּב; אִיךְ, מַיין וַוייבּ אוּן דִי קִינְדֶער הֶערְן אוֹיס אַלֶע שִׁעוּרִים, אוּן דָאס אִיז אוּנְזֶער וֶועג וַוייזֶער אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ אַ סְמַארְטְפָאוֹן פַאר דִי אַרְבֶעט אוּן מַיין וַוייבּ טַעֲנָה'עֶט אַז אִיךְ מוּז עֶס אוֹיפְגֶעבְּן, וַוייל אֲפִילוּ אִיךְ נוּץ עֶס טַאקֶע בְּלוֹיז פַאר פַּרְנָסָה אוּן עֶס הָאט אַ גוּטֶע פִילְטֶער, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז עֶס נִישְׁט גוּט פַאר דִי חִנּוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער, וַוייל זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אוֹיבּ עֶס הָאט אַ פִילְטֶער, אוּן זֵיי וֶועלְן גֵיין נָאךְ וַוייטֶער, צוּ הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן אָן אַ פִילְטֶער אוּן נִישְׁט פַאר פַּרְנָסָה.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז אִיךְ נוּץ עֶס טַאקֶע בֶּאֱמֶת נָאר פַאר פַּרְנָסָה, אִיךְ בִּין נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען זֶען קַיין שׁוּם סְטֶעטוּס אוּן וֶוען מֶען זֶעט מִיר אַרַיינֶרעדְן אִינֶעם טֶעלֶעפָאן [אַזוֹי וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַאכְט עֶס נָאךְ בַּיי דִי שִׁעוּרִים] אִיז עֶס נָאר אַז אִיךְ גֶעבּ אָנְוַוייזוּנְגֶען פַאר מַיין אַרְבֶּעטֶער וִוי אַזוֹי צוּ טוּן וָואס עֶר דַארְף טוּן, אִיךְ שִׁיק נִישְׁט קַיין שְׁטוּתִים; דַארְף אִיךְ אוֹיפְגֶעבְּן מַיין טֶעלֶעפָאן אוּן אוֹיפְהֶערְן אַרְבֶּעטְן?

פוּן דִי שִׁעוּרִים וֶוער אִיךְ אַבִּיסְל צֶעמִישְׁט, אַמָאל זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז מֶען קֶען הָאבְּן אַ פָאוֹן אָבֶער מֶען זָאל עֶס נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶער אַ צְווייטֶע מָאל זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, "פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ עֶס הָאבְּן? פַאר בִּיזְנֶעס?! אָךְ אוּן וֵויי פַאר אַזַא בִּיזְנֶעס!" אַמָאל זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז אוֹיבּ מֶען דַארְף עֶס פַאר פַּרְנָסָה אִיז אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ, אוּן ווִידֶער מַאכְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה חוֹזֶק פוּנֶעם סְמַארְטְפָאוֹן מִיט דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי קוּ, אַז עֶר שְׁלֶעפְּט אַרַיין דֶעם קוּ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לְצֹרֶךְ פַּרְנָסָה.

לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט מִיט מַיין וַוייבּ אַז מִיר גֵייעֶן פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס צוּ טוּן, אוּן מִיר וֶועלְן פָאלְגְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט זָאגְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵייליגֶער רֶבִּי הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזָאגְט פַאר אַ צְוֵוייטְן וָואס צוּ טוּן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט אוֹיף אַן אוֹפָן עֶס זָאל אַלְץ בְּלַייבְּן דִי בְּחִירָה.

**מֶען** הָאט יֶענֶעם גֶעווִינְקֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אָבֶער נִישְׁט גֶעזָאגְט קְלָאר; וַוייל וִוי קֶען מֶען זָאגְן פַאר אַ צְוֵוייטְן וָואס צוּ טוּן? עֶס קֶען זַיין אַז מִיט דֶעם וָואס מֶען זָאגְט יֶענֶעם וָואס צוּ טוּן, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן - מִיט דֶעם שְׁנַיידְט מֶען אִים אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז מֶען זָאגְט פַארְן מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אַן עֲבוֹדָה וָואס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ פַאר אִים, קֶען מֶען אִים דוּרְכְדֶעם אִינְגַאנְצְן מְרַחֵק זַיין, דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי שְׁטֶענְדִיג גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף אַ וֶועג אַז יֶענֶער זָאל אַלֵיין אוֹיסְקְלוֹיבְּן דִי גוּטֶע וֶועג.

**אַזוֹי** אוֹיךְ, דֶער הֵייליגֶער צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן מִטוּלְטְשִׁין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען מֶען פְלֶעגְט אִים פְרֶעגְן

הַנְהָגוֹת, מֶען פְלֶעגְט אִים פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, פְלֶעגְט עֶר אַלְץ זָאגְן: "ווִי קֶען מֶען זָאגְן יֶענֶעם ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן? אֵיין זַאךְ קֶען מֶען, יֶענֶעם מְחַזֵק זַיין עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען מֶען אִיז מְחַזֵק אַ צְוֵוייטְן עֶר זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט עֶר שׁוֹין אַלֵיינְס ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן".

**אַז** דוּ ווִילְסְט בֶּאֱמֶת ווִיסְן וָואס צוּ טוּן מִיטְן טֶעלֶעפָאן - זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין הֵיילִיג; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ, אִיךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיטְן טֶעלֶעפָאן", אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג נָאךְ טָאג וֶועסְטוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

**בַּיי** יֶעדֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ אַזוֹי טוּן; וָואס דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אוּן וָואס דוּ מֵיינְסְט אַז דוּ וֵוייסְט - זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן: "הוֹרֵינִי ה' דַּרְכֶּךָ אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ, וַוייז מִיר דֶעם וֶועג אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וַוייז מִיר ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; אִיךְ וֵוייס גָארְנִישְׁט, אֵיין מִינוּט ווִיל אִיךְ דָאס - אַ צְוֵוייטֶע מִינוּט ווִיל אִיךְ יֶענְץ, הֶעלְף מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן", דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

**דָאס** וָואס דוּ וֶועְרסְט צֶעמִישְׁט פוּן דִי שִׁעוּרִים; אֵיינְמָאל הֶערְסְטוּ מֶען זָאל בִּכְלַל נִישְׁט הָאבְּן קַיין טֶעלֶעפָאן,

אַ צְוֵוייטֶע מָאל הֶערְסְטוּ 'אַז דוּ הָאסְט אַ טֶעלֶעפָאן לֵייג אַ פִּילְטֶער', אַ דְרִיטֶע מָאל הֶערְסְטוּ 'דֶער עִקָּר מֶען זָאל נִישְׁט אַהֵיים בְּרֶענְגֶען וְכוּ' וְכוּ''; דָאס אִיז וַוייל מֶען דַארְף אַרוּם דְרֵייעֶן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם לוֹיט זַיין קָאפּ אַז יֶענֶער זָאל עֶס קֶענֶען נֶעמֶען, עֶס זָאל בַּיי יֶענֶעם פּוֹעֵל'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

## תתרסט סט

**ווִי אַזוֹי זֶע אִיךְ זִיךְ אַרוֹיס פוּן בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת?**[מט]

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

אַלְס בָּחוּר הָאבּ אִיךְ פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, גֶעעֶנְדִיגְט אַסַאךְ מָאל מִשְׁנַיוֹת, אַסַאךְ דַפִּים גְמָרָא, אוּן נָאךְ אַסַאךְ זַאכְן. וֶוען אִיךְ הָאבּ חֲתֻנָּה גֶעהַאט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁוֶוער צוּ אַרְבֶּעטְן אוּן זַייט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ מֶער נִישְׁט דֶעם זֶעלְבְּן חֵשֶׁק צוּם לֶערְנֶען ווִי אַמָאל אוּן עֶס וֶוערְט נָאר שְׁוַואכֶער אוּן שְׁוַואכֶער. כִּמְעַט וָואס אִיךְ עֶפְן נִישְׁט קַיין מִשְׁנַיוֹת, נָאר צְוֵויי לִמּוּדִים הַאלְט אִיךְ שְׁטַארְק, דָאס אִיז דִי בְּלַאט גְמָרָא

מט.אַ הֶמְשֵׁךְ צוּ דֶעם בְּרִיוו, וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א' קב.

און מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג. אִין אַ גוּטֶע טָאג קֶען אִיךְ אוֹיךְ זָאגְן תִּקּוּן הַכְּלָלִי און צוּמָאל אַבִּיסְל תְּהִלִּים און מִשְׁנָיוֹת.

לֵיידֶער הָאט דֶער יֵצֶר הָרָע זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף מִיר לֶעצְטְנְס, אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ לֶעבְּן מִיט מַיין ווַייבּ, אָבֶּער עֶס הֶעלְפְט מִיר לֵיידֶער נִישְׁט, אִיךְ זִינְק אִין דִי נ' שַׁעֲרֵי טֻמְאָה און נָאךְ מִיט אַ שְׁמִיץ אַרִיבֶּער, אִיךְ גֵיי צוּ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע פְּלֶעצֶער, עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאר מִיט אַבִּיסְל קְלֵיינִיקֵייטְן, און צוּבִּיסְלִיךְ אִיז עֶס גֶעגַאנְגֶען ווַייטֶער און ווַייטֶער בִּיז צוּ דָאס עֶרְגְסְטֶע רַחֲמָנָא לִצְלָן, און יֶעצְט אִיז שׁוֹין לֵיידֶער נַעֲשָׂה לוֹ כְּהֶיתֵּר, עֶס קְלַאפְּט מִיר שׁוֹין אֲפִלּוּ נִישְׁט דָאס הַארְץ.

אָבֶּער אַז מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין זַיינֶע סְפָרִים אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אֲפִלּוּ אוֹיף נַשְׁגַ"ז, מֵיינְט דָאס אַז אִיךְ קֶען נָאךְ הָאבְּן אַ תִּקּוּן; דִי פִּילֶע דְּרָשׁוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט שְׁרֵייעֶן מִיר אִין קָאפּ אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן מִיט דִי עֲבֵירוֹת ווַייל מַיין סוֹף וֶועט זַיין בִּיטֶער, אִיךְ זָאל תְּשׁוּבָה טוּן בַּאצַייטְנְס. דִי מַאֲמָרֵי חֲזַ"ל וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט, אַז אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְט זִיךְ מִיט עֲבֵירוֹת אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים מְפַרְסֵם זַיין אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט - הַאקְן מִיר אִין קָאפּ און לָאזְן מִיר נִישְׁט מְנוּחָה.

אִיךְ הָאבּ אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה; וָואס אִיז מַיין טֵייעֶרֶע ווַייבּ שׁוּלְדִיג אַז אִיר מַאן קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהֶערְשְׁן? כָאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהֶערְט אַלֶע דְּרָשׁוֹת און עֵצוֹת, ווִיל אִיךְ אָבֶּער אָנְהוֹיבְּן פוּן יֶעצְט אַ נַייעֶ לֶעבְּן, אָבֶּער ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען דָאס?

אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל אִין אוּמַאן און אִיךְ פָּאר אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אוֹיךְ דָאס יָאר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּ ווַייזְן מַיין פָּנִים ווִי אַזוֹי דִי יָאר אִיז מִיר אַרִיבֶּער, אַזוֹי שְׁרַייבְּנְדִיג דִי שׁוּרוֹת וֶוער אִיךְ רוֹיט פַאר בּוּשָׁה.

אִיךְ בֶּעט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ אַז אִיךְ דַארְף אַ תִּקּוּן, אִיךְ דַארְף אַ תְּשׁוּבָה, אִיךְ דַארְף אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן מַיין בִּיטֶערֶע נַארִישֶׁע לֶעבְּן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן
לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וַוויי** אוּן בִּיטֶער אִיז דִיר, וַויי אוּן בִּיטֶער אִיז פַאר דַיין נְשָׁמָה; שֶׁעם זִיךְ אַז דוּ גֵייסְט זִינְדִיגְן מִיט פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעְן, שֶׁעם זִיךְ! נָאכְדֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ טֵייעֶרֶע פְרוֹי גֵייסְטוּ זִיךְ בַּאהַאלְטְן, טוּן עֲבֵירוֹת מִיט גוֹי'טֶעס?! שֶׁעם זִיךְ, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דִיר אַלֶעס אִין לֶעבְּן פַארְקוֹיפְסְטוּ דַיין לֶעבְּן פַארְן שָׂטָן.

**הֶענְט** אוּן פִּיס צִיטֶערְן מִיר פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דַיין בְּרִיוו; ווִי קֶען אַ אִיד אַזוֹי אַרָאפְּפַאלְן? ווִי קֶען מֶען אַזוֹי פַארְלִירְן דִי שֵׂכֶל אוּן אָפְּלָאזְן אַ זִיסֶע לֶעבְּן? ווִי קֶען מֶען אָפְּלָאזְן דִי מַתָּנָה, דִי וַוייבּ - וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אוּן גֵיין מִיט עֶקְלְדִיגֶע גְרוֹילִיגֶע גוֹי'טֶעס טוּן עֲבֵירוֹת?! וָואס וֶועסְטוּ עֶנְטְפֶערְן וֶוען דוּ וֶועסְט שְׁטֵיין פַארְן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה אוּן מֶען וֶועט אַפִּיר נֶעמֶען אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים? וָואס וֶועסְטוּ עֶנְטְפֶערְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן? וואוּ וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען פַארְשְׁטֶעקְן פַאר בּוּשָׁה?!

**טוּ** תְּשׁוּבָה, אַז נִישְׁט וֶועט זַיין זֵייעֶר בִּיטֶער; מֵיין נִישְׁט אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (יִרְמְיָה כג, כד): "אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ, נְאֻם ה'", ווִי קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְטְן

פון מִיר? "הֲלוֹא אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ אֲנִי מָלֵא נְאֻם ה'",
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אִיבֶּעְרָאל.

מֵיין נִישְׁט אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן טוּן עֲבֵירוֹת אוּן דָאס וֶועט בְּלַייבְּן אַ סוֹד. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (אִיּוֹב כד, טו): "וְעֵין נֹאֵף שָׁמְרָה נֶשֶׁף לֵאמֹר לֹא תְשׁוּרֵנִי עָיִן", דִי בַּעֲלֵי עֲבֵירוֹת זָאגְן 'מִיר וֶועלְן וַוארְטְן עֶס זָאל וֶוערְן נַאכְט דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר טוּן עֲבֵירוֹת; מִיר וֶועלְן גֵיין אִין בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלֶעצֶער אַז קֵיינֶער זָאל אוּנְז נִישְׁט זֶען'. זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ט, א): "הַנּוֹאֵף אוֹמֵר אֵין בְּרִיָּה יוֹדַעַת בִּי, לְפִי שֶׁכָּל מַעֲשָׂיו אֵינָן אֶלָּא בַּחֹשֶׁךְ", אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט טַאקֶע אַז עֶר קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְפַרְסְמָן בָּעוֹלָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשֶׁעמְט אִים אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אַז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן - וֶועט דִיר גוּט זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר מוֹחֵל זַיין, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט זְנוּת וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁוֶוערֶע קְלַאפּ; דַיין וַוייבּ וֶועט דִיךְ אָפְּלָאזְן, דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִיר, דוּ וֶועסְט זַיין פַארְשֶׁעמְט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

# תתרע ע

**מַיינֶע עֶלְטֶערְן גֵייעֶן זִיךְ גֶט'ן, ווִי אַזוֹי בִּין אִיךְ זִיךְ מְחַזֵּק?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר הָאבְּן חֲתֻנָּה גֶעהַאט פַאר נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן אַ זִיס גֶעשְׁמַאק לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַיינְט זוֹכֶה גֶעוֶוען מְסַיֵּם צוּ זַיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה צוּם צְוֵויי אוּן דְרַייסִיגְסְטְן מָאל, אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַזֵּק דָא אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי תַּלְמִידִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן גֵייעֶן זִיךְ יֶעצְט גֶּטְ'ן, אוּן אִיךְ דַארְף חִזּוּק פַאר מִיר אוּן פַאר מַיין וַוייבּ ווִי אַזוֹי דָאס צוּ הַאנְדְלֶען.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז זֵייעֶר וֵוייטָאגְלִיךְ וֶוען קִינְדֶער דַארְפְן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין וֶוען טַאטֶע מַאמֶע גֶּטְ'ן זִיךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ; קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי צַעַר אוּן וֵוייטָאג וָואס קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער וֶוען דִי עֶלְטֶערְן גֶּטְ'ן זִיךְ. דִי עֶלְטֶערְן טְרַאכְטְן נָאר פוּן זִיךְ; דֶער טַאטֶע טוּט וָואס אִיז אִים בַּאקְוֶועם אוּן דִי מַאמֶע טוּט וָואס אִיז אִיר בַּאקְוֶועם,

קֵיינֶער פוּן זֵיי טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין אוּן
וֵוייטָאג וָואס דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער.

בַּיי דִיר אִיז דָאס אַבִּיסְל גְרִינְגֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט
צוּגֶעגְרֵייט דַיין רְפוּאָה פַאר דִי מַכָּה, דוּ הָאסְט חֲתֻנָּה
גֶעהַאט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה יג:; שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה ד, יב) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט נִישְׁט דִי מַכָּה פַאר עֶר גְרֵייט
צוּ דִי הֵיילוּנְג דֶערְצוּ; דָאס אַז דוּ הָאסְט חֲתֻנָּה גֶעהַאט, דוּ
לֶעבְּסְט אַזוֹי שֵׁיין, דוּ לֶעבְּסְט אַזוֹי זִיס מִיט דַיין וַוייבּ - דָאס
אִיז דַיין רְפוּאָה אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט צֶעפַאלְן וֶוען דַיין
עֶלְטֶערְנְ'ס שְׁטוּבּ צֶעפַאלְט.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין וַוייבּ; אִיר זָאלְט לֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.
אִיר וֶועט אִינְאֵיינֶעם אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ
וַוייל אִיר וֵוייסְט דָאךְ יָא וָואס קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער וֶוען
זֵיי זֶעעֶן מִיט זֵייעֶרֶע אוֹיגְן וִוי מֶען פַארְבְּרֶענְט זֵייעֶר בֵּית
הַמִּקְדָּשׁ, וִוי מֶען צֶעבְּרֶעכְט זֵייעֶר טֵייעֶרְסְטֶע אוּן הֵיילִיגְסְטֶע
זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

וָואס יָא? דוּ זָאלְסְט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דַיינֶע יוּנְגֶערֶע
גֶעשְׁוִויסְטֶער וָואס זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט זֵייעֶר אֵייגֶענֶע
שְׁטוּבּ, זֵיי זֶעעֶן נָאךְ אָנְגֶעלַיינְט אוֹיף טַאטֶע מַאמֶע, פַאר זֵיי
אִיז יֶעצְט גָאר בִּיטֶער; וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז פַאר דִיר אִיז דָאס
פַאר זֵיי אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער, זָאלְסְטוּ זֵיי עֶפֶענֶען דַיין טִיר, זֵיי
זָאלְן וִויסְן אַז זֵיי הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ וואוּ זֵיי קֶענֶען קוּמֶען רֶעדְן,
שְׁמוּעֶסְן אוּן בַּאקוּמֶען אַבִּיסְל לִיבְּשַׁאפְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

## תתרעא עא

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן מַיין וַוייבּ מֶער אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר?[נ]

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען ווִי אַ פְרוֹי הָאט גֶעפְרֶעגְט אַ שְׁאֵלָה[נא] ווִי אַזוֹי זִי קֶען מַאכְן אִיר מַאן מֶער אִינְטֶערֶעסִירְט אִין אִיר, דָאס הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט צוּ פְרֶעגְן אַ פַארְקֶערְטֶע שְׁאֵלָה, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן מַיין וַוייבּ מֶער אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר?

מַיין וַוייבּ אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר פֵיין און וואויל, עֶס קוּקְט אָבֶער נִישְׁט אוֹיס אַז זִי אִיז צוּפִיל אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר. וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזַא גֶעלוּנְגֶענֶער מֶענְטְשׁ אַזוֹי ווִי זִי הָאט גֶעוָואלְט? זִי דַארְף מִיר בְּעִקָּר אִיךְ זָאל מַאכְן קִדּוּשׁ און הַבְדָלָה, און אִיךְ זָאל פַארְרֶעכְטְן דִי זַאכְן וָואס צֶעבְּרֶעכְן זִיךְ אִין הוֹיז; וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז זִי זָאל יָא זַיין אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

נ. אַ הֶמְשֵׁךְ צוּ דֶעם בְּרִיוו, וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א' צו.

נא. פְרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א' מב.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** הָאט נִישְׁט צוּטוּן צִי מֶען אִיז גֶעלוּנְגֶען אָדֶער נִישְׁט; אַ פְּרוֹי דַארְף אֵיין זַאךְ, אַ וואוּילֶער מַאן וָואס רֶעדְט שֵׁיין אוּן פִּירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

**דֶערִיבֶּער** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, פִּיר זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן זֶע צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ; וֶוען דִי פְּרוֹי זֶעט אִיר מַאן לֶערְנְט אוּן דַאוֶונְט אוּן פִּירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם קוּקְט זִי אַרוֹיף אוֹיף אִים, דֶער מַאן וֶוערְט חָשׁוּב אִין אִירֶע אוֹיגְן. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן וֵוייךְ אוּן שֵׁיין, וֶועט זִי הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ דִיר.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט נָאךְ צוּ לוֹיפְן דַיין וַוייבּ צוּ סַאךְ; אַז מֶען לוֹיפְט נָאךְ דִי וַוייבּ, מֶען מוּטְשֶׁעט אִיר וְכוּ' - דֶעמָאלְט הוֹיבְּט זִי אָן זִיךְ צוּ גְרוֹיסְן אוֹיפְן מַאן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשְׁטְרָאפְּט חַוָּה (בְּרֵאשִׁית ג, טז): "וְאֶל אִישֵׁךְ תְּשׁוּקָתֵךְ, וְהוּא יִמְשָׁל בָּךְ", דוּ וֶועסְט גְלִיסְטְן נָאךְ דַיין מַאן אוּן דַיין מַאן וֶועט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף דִיר וְכוּ', זָאגְט מוֹהֲרַ"ש דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייעֶן גֶעקְנִיפְּט אוּן גֶעבִּינְדְן, אוֹיבּ עֶס אִיז "וְאֶל אִישֵׁךְ תְּשׁוּקָתֵךְ", דִי פְּרוֹי לוֹיפְט נָאךְ דֶעם מַאן, דֶעמָאלְט אִיז "וְהוּא יִמְשָׁל בָּךְ", אִיז דֶער מַאן דֶער

וָואס גֶעוָועלְטִיגְט וְכוּ' און דִי פְרוֹי קוּקְט אַרוֹיף אוֹיף אִים, זִי שֶׁעצְט אִים; אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז פַּארְקֶערְט, דֶער מַאן לוֹיפְט נָאךְ זַיין וַוייב, עֶר מוּטְשֶׁעט אִיר וְכוּ' - "וְאֶל אִשָּׁה תְּשֻׁקָתְךָ", דֶעמָאלְט דְרֵייט זִיךְ אוֹיס דֶער פָּסוּק אוֹיפְן מַאן, עֶס וֶוערְט "וְהִיא תִּמְשָׁל בְּךָ", זִי הוֹיבְּט אָן גֶעוָועלְטִיגְן אוֹיפְן מַאן; ווִי מֶער מֶען לוֹיפְט נָאךְ דִי וַוייבּ וְכוּ' וֶוערְט דֶער מַאן זֵייעֶר אַרָאפְּגֶעקוּקְט אִין דִי פְרוֹי'ס אוֹיגְן.

**עֶס** אִיז שְׁוֶוער צוּ שְׁרַייבְּן מֶער בִּפְרָטִיּוּת אִין דֶעם עִנְיָן מִפְּנֵי הַצְּנִיעוּת, אָבֶּער דָאס אִיז דֶער מְצִיאוּת, וִוי מֶער מֶען לוֹיפְט נָאךְ דִי וַוייבּ - אַלְץ וֵוייניגֶער חָשׁוּב וֶוערְט מֶען אִין אִירֶע אוֹיגְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תתרעב עב

### וָואס הָאט דִי חֲסִידִ'ישֶׁע זַאכְן און דִי קַבָּלָה זַאכְן מִיט מִיר?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אַ קַשְׁיָא וָואס אִיז אַבִּיסְל סֶענְסִיטִיוו און עֶס לִיגְט מִיר שׁוֹין אוֹיפְן הַארְץ זַייט אִיךְ בִּין אַ יוּנְגֶער בָּחוּר, מִמֵּילָא זָאלְט אִיר פַארְשְׁטֵיין אַז אִיךְ קוּם נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַטַאקִירְן, נָאר פִּינְקְט פַארְקֶערְט, וַוייל אִיךְ

הָאבּ אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאקוּמֶען אַ תְּשׁוּבָה, פְרֶעג אִיךְ עֶס דָא, ווייל אִיךְ הָאף אַז דָא וֶועל אִיךְ בַּאקוּמֶען קְלָארְקֵייט.

אִיךְ שֶׁעפּ אַסַאךְ חִזּוּק פוּן דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן פוּן דִי בְּרִיוְו אוּן שִׁעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, מִמֵּילָא הָאף אִיךְ אַז אֶפְשָׁר דָא וֶועל אִיךְ עֶנְדְלִיךְ בַּאקוּמֶען אַ הֶסְבֵּר אוֹיף וָואס בַּאדֶערְט מִיר.

אִיךְ וֶועל זִיךְ בַּאצִיעֶן צוּ אַ בְּרִיוו[נב] וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס פְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר מֶעג אַבִּיסְל צוּפוּצְן דִי בָּארְד ווייל זַיין ווייבּ וויל עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דִי בָּארְד אִיז דִי צִינוֹרוֹת הַשֶּׁפַע אוּן אַז מֶען שֶׁערְט דִי בָּארְד פַארְלִירְט מֶען דִי פַּרְנָסָה.

דָאס פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט, טְרֶעפְן מִיר דֶען נִישְׁט צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן וָואס שֶׁערְן זִיךְ דִי בָּארְד אוּן הָאבְּן יָא פַּרְנָסָה בְּרֶוַח? צְוֵויטְנְס, שְׁנַיידְן דִי בָּארְד מִיט אַ שֶׁערְל אִיז דָאךְ מוּתָּר עַל פִּי הֲלָכָה? דְרִיטְנְס, דִי גְּמָרָא זָאגְט דָאךְ אַז מֶען בַּאקוּמְט גָאר עֲשִׁירוּת פַארְן מְכַבֵּד זַיין דִי ווייבּ, אוּן דָא קוּמְט אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס וויל מְכַבֵּד זַיין דִי ווייבּ אוּן טוּן אַ זַאךְ וָואס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן לַהֲלָכָה, אוּן מֶען זָאגְט אִים אַז עֶר וֶועט דוּרְכְדֶעם פַארְלִירְן זַיין פַּרְנָסָה?

אָבֶער דֶער עִקָּר הָאט מִיר גֶעשְׁטֶערְט וָואס אִיר שְׁרַייבְּט וֶועגְן דִי צִינוֹרוֹת הַשֶּׁפַע, בֶּאֱמֶת אִיז דִי קַשְׁיָא מִיר אַלְץ שְׁוֶוער גֶעוֶוען אוֹיף אַלֶע סִפְרֵי חֲסִידוּת; עֶס אִיז זִיכֶער אַז דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה זֶענֶען אַ חֵלֶק פוּן דִי תּוֹרָה אוּן מִיר גְּלֵייבְּן אַז יֶעדֶעס וָוארְט אִיז אֱמֶת וְיַצִּיב, אָבֶער מִיר זֶענֶען דָאךְ פְּשׁוּט'ע אִידְן, וָואס הָאבְּן דִי אַלֶע זַאכְן מִיט מִיר?

אִיךְ וֶוער זֵייעֶר צֶעמִישְׁט וֶוען אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ לֶערְנֶען חֲסִידִי'שֶׁע סְפָרִים אוּן זֵיי הוֹיבְּן אָן צוּ רֶעדְן פוּן בְּחִינוֹת אוּן עוֹלָמוֹת, זַאכְן וָואס אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁייכוּת מִיט מִיר. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דֶער וֶועלְט אוּן אִיךְ קֶען אֲפִילוּ אַבִּיסְל פַארְשְׁטֵיין תּוֹרָה, בָּאטְשׁ אִיךְ ווייס אַז עֶס לִיגְט

---

נב. פְרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א' יג.

טיפֶּע סודות בַּאהַאלְטְן אִין יֶעדֶע אות, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ חֲסִידוּת הויב אִיךְ נִישְׁט אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין; בִּיטֶע הֶעלְפְט מִיר צוּקוּמֶען צוּ אַ הֲבָנָה אִין דֶער חֵלֶק פוּן תּוֹרָה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מֶען** דארְף רַייסְן קְרִיעָה וֶוען מֶען לֵיינְט דַיינֶע וֶוערְטֶער; ווי שֶׁעמְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיפְן הֵיילִיגְן זֹהַר אַז דָאס אִיז נִישְׁט אַ חֵלֶק אִין דִי תּוֹרָה? ווי קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת אַז דָאס אִיז נִישְׁט אִידִישְׁקֵייט?!

**קוּק** דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גִּילּוּחַ הֲלָכָה ג', אוֹת ב): "עִקַּר הַדָּת יִשְׂרָאֵל וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת אִיז אַן עִקָּר פוּן אַ אִיד אוּן פוּן דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, "וּבָהֶם נִכָּר הַיְּהוּדִי כִּי הוּא מִזֶּרַע בֵּרַךְ ה', מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל", אוּן מֶען דֶערְקֶענְט אַ אִיד דוּרְךְ זַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת אַז עֶר אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד. "וּמִי שֶׁרוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, וְרוֹצֶה לְכַפֵּר, חַס וְשָׁלוֹם, בֵּאלֹקֵי יִשְׂרָאֵל", אוּן וֶוער עֶס ווִיל חַס וְשָׁלוֹם לֵייקֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "תְּחִלַּת הַכְּפִירָה הוּא, שֶׁמַּשְׁלִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מֵעָלָיו

הַזָּקָן וְהַפֵּאוֹת", דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ נֶעמְט עֶר אַרָאפּ זַיין בָּארְד און פֵּאוֹת, "כִּי בֶּאֱמֶת כָּל דַּת יִשְׂרָאֵל הַקָּדוֹשׁ הוּא תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", ווייל דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דִי בָּארְד און פֵּאוֹת; קוּק אַרַיין דָארְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע ווֶערְטֶער מֶער בַּאֲרִיכוּת.

**מֶען** דַארְף רַייסְן קְרִיעָה אוֹיף דִי ווֶערְטֶער ווָאס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז מֶען דַארְף טוּן אַלֶעס ווָאס דִי וַוייבּ בֶּעט! דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "כָּל הַהוֹלֵךְ בַּעֲצַת אִשְׁתּוֹ נוֹפֵל בְּגֵיהִנֹּם", ווֶער עֶס פָאלְגְט דִי וַוייבּ ווֶעט בַּיים סוֹף אָנְקוּמֶען אִין גֵיהִנּוֹם, אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת עֵצָה, סִימָן ט): "הַהוֹלֵךְ אַחַר עֲצַת אִשְׁתּוֹ, נוֹפֵל בְּגֵיהִנֹּם", ווֶער עֶס גֵייט נָאךְ דִי עֵצָה פוּן זַיין וַוייבּ ווֶעט בַּיים סוֹף אָנְקוּמֶען אִין גֵיהִנּוֹם; אָךְ און ווֵיי פַאר דִי ווָאס גֵייעֶן נָאךְ דִי וַוייבּ און טוּעֶן אַלֶעס ווָאס זֵיי בֶּעטְן.

**דָאס** ווָאס דוּ מִישְׁט אוֹיס דִי יוֹצְרוֹת, דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז אוֹיבּ מֶען פָאלְגְט דִי וַוייבּ ווֶערְט מֶען רַייךְ; אוֹיף דֶעם זָאגְן חֲזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא, שָׁם) עֶס ווֶענְדְט זִיךְ ווָאס זִי ווִיל, ווָאס זִי פַארְלַאנְגְט; ווֶען עֶס רֶעדְט זִיךְ פוּן שְׁטוּבּ זַאכְן אָדֶער סְתַּם ווֶעלְטְלִיכֶע זַאכְן, דֶעמָאלְט אִיז גוּט מִיט צוּ גֵיין מִיט אִיר און זִיךְ נִישְׁט עַקְשְׁנְ'עֶן און זִיכֶער נִישְׁט טַעֲנָה'עֶן און מַאכְן וִכּוּחִים, אָבֶער ווֶען עֶס רֶעדְט זִיךְ פוּן גֵיין קֶעגְן דִי תּוֹרָה - טָאר מֶען נִישְׁט נָאכְגֵיין דִי וַוייבּ, ווייל בַּיים סוֹף קוּמְט מֶען אָן אִין גֵיהִנּוֹם.

**אַ** מַאן דַארְף הָאבְּן שְׁטַארְקֶע פְּרִינְצִיפְּן וָואס עֶר בֵּייגְט זִיךְ נִישְׁט דֶערְבֵּיי פַּאר קֵיינֶעם. מֶען דַארְף אַוֶועק שְׁטֶעלְן שְׁטַארְקֶע פְּרִינְצִיפְּן אִין שְׁטוּב, גְּדָרִים וּסְיָגִים כְּדֵי מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אָנְקוּמֶען עוֹבֵר צוּ זַיין אוֹיף קַיין שׁוּם אִסּוּר, בִּפְרַט אִין שְׁמִירַת הַמִּצְוֹת, וָואס אֲפִלּוּ זִי וֵויינְט אוּן שְׁרֵייט טָאר מֶען נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן, מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט מְוַתֵּר זַיין בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן. סֵיי אִין כַּשְׁרוּת, בַּיים עֶסְן וְכוּ' אוּן סֵיי אִין דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען טוּט זִיךְ אָן וְכוּ'; וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִדּוּשִׁין פ:): "נָשִׁים דַעְתָּן קַלּוֹת", פְרוֹיעֶן זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק; נָאר וֶוען עֶס קוּמְט צוּ וֶועלְט זַאכְן וְכַדוֹמֶה, דָארְט דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "אִיתְּתָךְ גּוּצָא גְּחִין וְתִלְחוֹשׁ לָהּ", בֵּייג אַרָאפּ דַיין גַּאֲוָה אוּן הֶער אוֹיס וָואס זִי זָאגְט.

**אוֹיף** דַיין אַנְדֶערֶע פְּרַאגֶע: "מֶען זֶעט דָאךְ טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁנַיידְן דִי בָּארְד אוּן הָאבְּן פַּרְנָסָה וְכוּ' וְכוּ'"; דִי פְּרַאגֶע קֶען דִיךְ מַאכְן פַּאר אַ גְרוֹיסֶער אֶפִּיקוֹרֶס, דִי פְּרַאגֶע הָאט נִישְׁט מִיט שְׁנַיידְן דִי בָּארְד, דִי פְּרַאגֶע זָאגְן דִי אֶפִּיקוֹרְסִים אוֹיף אַלֶע מִצְוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט: "מִיר זֶענֶען דָאךְ פָּשׁוּט'ֶע אִידְן וְכוּ'"; אַז דוּ ווִילְסְט אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַ פָּשׁוּט'ֶער אִיד זָאלְסְטוּ אָנְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי צַדִיקִים וָואס נָאר זֵיי וֵוייסְן וָואס אִיז אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יב): "כְּשֶׁאָדָם הוֹלֵךְ אַחַר שִׂכְלוֹ וְחָכְמָתוֹ, יוּכַל

לְפֹל בִּטָעוּתִים וּמִכְשׁוֹלוֹת רַבִּים, וְלָבוֹא לִידֵי רָעוֹת גְּדוֹלוֹת, חַס וְשָׁלוֹם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאךְ זַיין שֵׂכֶל אוּן זַיין חָכְמָה קֶען עֶר צוּקוּמֶען צוּ מַאכְן גְרוֹיסֶע טָעוּתִים אוּן צוּ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, "וְיֵשׁ שֶׁקִּלְקְלוּ הַרְבֵּה, כְּגוֹן הָרְשָׁעִים הַגְּדוֹלִים מְאֹד הַמְפֻרְסָמִים, שֶׁהִטְעוּ אֶת הָעוֹלָם וְהַכֹּל הָיָה עַל יְדֵי חָכְמָתָם וְשִׂכְלָם", עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע רְשָׁעִים וָואס הָאבְּן פַּארְדְרֵייט דִי וֶועלְט אוּן אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוייל זֵיי זֶענֶען נָאכְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא, רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, וּלְהִסְתַּכֵּל בְּכָל דָּבָר שֶׁעוֹשֶׂה שֶׁיִּהְיֶה שָׁם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דֶער עִקָּר פוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז, מֶען זָאל פָּאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אוּן פַאר מֶען טוּט אַ זַאךְ זָאל מֶען קוּקְן צִי דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וזאויל** אִיז דֶעם וָואס פִירְט זִיךְ מִיט תְּמִימוּת, עֶר גֵייט אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת; דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן אַ זִיכֶערֶע לֶעבְּן. אַזוֹי ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי י, ט): "הוֹלֵךְ בַּתֹּם יֵלֶךְ בֶּטַח", וֶוער עֶס גֵייט בִּתְמִימוּת - גֵייט אוֹיף אַ זִיכֶערֶע וֶועג.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תתרעג עג

## אִיךְ וֶוער זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט פוּן לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַסַאךְ מָאל וֶוען אִיךְ לֶערְן אַ גַאנְצְן טָאג, הָאבּ אִיךְ מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ, אוּן דָאס מַאכְט מִיךְ אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גִיסְטֶע.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ? זָאל אִיךְ לֶערְנֶען אַבִּיסְל וֶוייניגֶער, אֲפִילוּ אוֹיבּ אִיךְ וֶועל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע שִׁעוּרִים? אָדֶער זָאל אִיךְ זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ קֶען זִיךְ קוֹים רִירְן?

דָאס אִיז מִיר וִויכְטִיג אוֹיךְ פַאר מַיין שְׁלוֹם בַּיִת.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג דוּ זָאלְסְט אַרַיינְקוּקְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן כז), אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ צוּ סַאךְ, וַוייל אַז מֶען נֶעמְט אוֹיף זִיךְ צוּפִיל קֶען מֶען נָאכְדֶעם אַלֶעס אָפְּלָאזְן.

**נֶעם** נִישְׁט אוֹיף זִיךְ צוּ סַאךְ שִׁעוּרִים וַוייל נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ אַלֶעס אָפְּלָאזְן; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ קֶענֶען, מֶען דַארְף

ווִיסְן בִּיז וויפִיל מֶען קֶען לֶערְנֶען. לֶערְנֶען דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן דֶעם מֶענְטְש, עֶס דַארְף זֶעטִיגְן דֶעם מֶענְטְש, אוֹיב וֶוערְט מֶען אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גִיסְטֶע פוּן לֶערְנֶען - קֶען זַיין אַז עֶס אִיז צוּפִיל.

זֶע צוּ עֶסְן גוּט אוּן שְׁלָאפְן גֶענוּג אוּן אוֹיךְ אַבִּיסְל לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען; גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין גֶעזוּנְט נִישְׁט אִיבֶּערְרַייסְן דֶעם שְׁטְרִיק. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "אַ קְלֵיינֶע לָאךְ אִינֶעם גוּף אִיז אַ גְרוֹיסֶער לָאךְ אִין דִי נְשָׁמָה"; וַוייל וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ - קֶען מֶען נָאכְדֶעם אִינְגַאנְצְן אַרָאפְּפַאלְן. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן פד): "תִּקּוּן הַגּוּף קוֹדֶם תִּקּוּן הַנֶּפֶשׁ", אַ מֶענְטְש דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן קוֹדֶם אַז זַיין גוּף זָאל זַיין רוּאִיג אוּן נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, נָאכְדֶעם זָאל עֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיין נֶפֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תתרעד עד

## קֶען איךְ מַאכְן אַ גִּלְיוֹן פוּנֶעם סֵפֶר "זֹאת הַתּוֹרָה"?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק מַאכְן הֲפָצָה, עֶס אִיז מִיר אָבֶער זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוּם צוּ גֵיין מִיט קוּנְטְרֵסִים. לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַ סֵפֶר פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ "זֹאת הַתּוֹרָה" אוֹיף דִי פַּרְשִׁיּוֹת הַשָּׁבוּעַ, אִיז אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ דָאס מַאכְן אוֹיף אַן אוֹיסְשְׁטֶעל ווִי אַ גִּלְיוֹן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשׁ"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אוֹיף** צוּ טוּן הֲפָצָה דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין רְשׁוּת פוּן קֵיינֶעם; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז זַיינֶע סְפָרִים זֶענֶען מַתָּנוֹת פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דָאס דְרוּקְן אוּן וֶוער עֶס וֶועט דָאס דְרוּקְן וֶועט וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת.

**דָא** הָאסְטוּ פַאר דִיר דֶעם שְׁטִיקְל פוּן צַוָּואַת מוֹהֲרָא"שׁ (אוֹת יז): "דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אַז אִיר זָאלְט אָפְּדְרוּקְן דִי אַלֶע בְּרִיוְון אוּן מֶען

זָאל עֶס אִיבֶּערְדְרוּקְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. אוֹיף דִי אַלֶע סְפָרִים קֶען מֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן: "כָּל הַזְכֻיּוֹת שְׁמוּרוֹת", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן אַז נָאר עֶר הָאט דִי רֶעכְט דָאס צוּ דְרוּקְן. נָאר יֶעדֶער מֶעג אוּן קֶען עֶס דְרוּקְן, אוּן אִיךְ זָאג צוּ אַז װער עֶס װֶעט דְרוּקְן אַ בַּאנְד פוּן "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" װֶעט זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה פוּן הִימְל. דִי בְּרִיוְן הָאבְּן שׁוֹין גֶערַאטֶעװֶעט צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, אוּן װאוּיל אִיז דֶעם װָאס װֶעט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דָאס אָפְּדְרוּקְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תתרעה עה

### וָואס זָאל אִיךְ רֶעדְן מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דִי בְּרִיוו אִיבֶּער וָואס צוּ רֶעדְן מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים אִין דִי יְמֵי בֵּין הַמְּצָרִים[נג], אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעפָאלְגְט אַלֶעס וָואס אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען, יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

נג. פְרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א' לא.

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי און וָואס מֶען זָאל רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער - מַיינֶע תַלְמִידִים וָועלְכֶע זֶענֶען אַכְט יָאר אַלְט - אִין דִי טֶעג פוּן חוֹדֶש אֶלוּל, פַאר דִי הֵיילִיגֶע טֶעג.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַפָּאר וֶוערְטֶער לְתוֹעֶלֶת דִי תַלְמִידִים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ און אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין דִיר אַזוֹי מְקַנֵא מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; דוּ זִיצְט מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, רֵיינֶע נְשָׁמוֹת, אַכְט יֶערִיגֶע קִינְדֶער וָואס וֵוייסְן נָאכְנִישְׁט פוּן קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין לֶעבְּן, זֵיי שְׁלִינְגֶען יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דֶער מְלַמֵד זָאגְט, יֶעדֶעס וָוארְט פוּנֶעם מְלַמֵד גֵייט אַרַיין טִיף טִיף אִין זֵייעֶרֶע רֵיינֶע הֶערְצֶער.

אַ מְלַמֵד וָואס הָאט דִי רִיכְטִיגֶע הַקְדָמוֹת, עֶר וֵוייסְט ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן און וָואס צוּ רֶעדְן - קֶען עֶר בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער צוּ אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקְקֵייט, דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, זֵיי וֶועלְן ווִיסְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן דִי וֶועג ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט און וַוארְט מֶען זָאל אִים

אִיבֶּערְבֶּעטְן, מֶען זָאל אִים צוּזָאגְן אַז מֶען גֵייט זַיין וואוּיל. לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דָאס רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי עֶר וִויל נָאר גוּטְס, עֶר וִויל נִישְׁט שְׁטְרָאפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר וַוארְט מֶען זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים.

**דֶערְצֵייל** זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה, דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוֹיף קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, וִוי וַוייט מֶען אִיז פַארְקְרָאכְן קֶען מֶען זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**רֶעד** נִישְׁט צוּ זֵיי קַיין הוֹיכֶע זַאכְן; עֲבוֹדוֹת פוּן צַדִיקִים פוּן תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים. רֶעד צוּ זֵיי דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, דִי פָּשׁוּטְ'עֶ וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה, וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל וֶוען מֶען זָאגְט אַרוֹיס פָּשׁוּטְ'עֶ וֶוערְטֶער: "אִיךְ וִויל זַיין גוּט", "אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט", "אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן דִי עֲבֵירָה", וָואס דֶעמָאלְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ מוֹחֵל דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים בְּחֻקֹּתַי כו, מ) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "מִיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם, מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת בֵּין אִיךְ אִים גְלַייךְ מוֹחֵל אוּן אִיךְ פִיר זִיךְ מִיט אִים מִיט רַחְמָנוּת.

**אִין** דִי זֶעלְבֶּע צַייט זָאלְסְטוּ זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן טְשֶׁעפֶּען אַ חַבֵר; וַוייל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת קֶען מֶען

תְּשׁוּבָה טוּן, פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין, אָבֶער ״עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ, אֵין יוֹם הַכִּפּוּרִים מְכַפֵּר עַד שֶׁיְּרַצֶּה אֶת חֲבֵירוֹ״ (יוֹמָא פה:), אוֹיבּ מֶען טוּט וַויי אַ צְוֵוייטְן הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, נָאר מֶען מוּז יֶענֶעם אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן יֶענֶער דַארְף מוֹחֵל זַיין.

**זָאלְסְט** אַסַאךְ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וַויי צוּ טוּן אַ חַבֵר אוּן נִישְׁט לַאכְן פוּן אַ חַבֵר; קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער אוּן אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ זֵיי דֶערְפוּן - וַוייסְן זֵיי נִישְׁט, אוּן אַז זֵיי וַוייסְן נִישְׁט - קֶענֶען זֵיי נִכְשָׁל וֶוערְן אִין פַארְשֶׁעמֶען אַנְדֶערֶע קִינְדֶער הַשֵׁם יִשְׁמְרֵנוּ אוּן אַלֶעס אִיז דֶער מְלַמֵּד שׁוּלְדִיג, ווייל מֶען רֶעדְט נִישְׁט גֶענוּג פוּן דִי הַארְבְּקֵייט פוּן דִי עֲבֵירָה.

**לֵייג** אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בְּלָאזְן שׁוֹפָר, ווִי דֶער שָׂטָן וֶוערְט דֶערְפוּן צֶעטוּמְלְט אוּן צֶעמִישְׁט; אַ גַאנְץ יָאר גְרֵייט עֶר זִיךְ אָן פֶּעק אוּן זֶעק פוּן עֲבֵירוֹת, עֶר וַוארְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ קוּמֶען טַעֲנָה'עֶן קֶעגְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן וֶוען מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר וֶוערְט עֶר אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר מֵיינְט אַז מָשִׁיחַ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן מֶען גֵייט אִים שׁוֹין שֶׁחְטְ'ן - לוֹיפְט עֶר אַוֶועק, עֶר לוֹיפְט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת.

**עֶס** אִיז דָא אַסַאךְ וָואס צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער אָבֶער דִי פָּאר פּוּנְקְטְן זֶענֶען זֵייעֶר וִויכְטִיג; דָאס אִיז דֶער עִקָר פוּן אִידִישְׁקֵייט, דִי קִינְדֶער זָאלְן וִויסְן אַז עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא

אַ װֶעג װִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ גְלַייךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֵיי נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תתרעו עו

**וִוי אַזוֹי פַארְרֶעכְט מֶען דִי עֲבֵירוֹת וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעלֵיינְט אַ קוּנְטְרֵס פוּן מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וואוּ עֶר בְּרֶענְגְט זֵייעֶר שַׁארְפֶע מַאֲמָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיבֶּער פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִצְלָן. הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, הֲגַם אַז מִיט דִי חִזּוּק פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א בִּין אִיךְ זִיךְ מִתְגַּבֵּר און אִיךְ גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף מַיינֶע אוֹיגְן, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אַמָאל אַז אִיךְ וֶועל דָאס נָאךְ קֶענֶען בַּאַווייזְן, ווִיל אִיךְ אָבֶּער ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף לְשֶׁעָבַר, אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ אַמָאל עוֹבֵר גֶעוֶוען.

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ אַז עֶס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן דֶעם כּוֹחוֹת הַטֻּמְאָה וָואס לוֹיפְן נָאךְ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; אִיז דָא אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מְבַטֵּל צוּ זַיין דִי כּוֹחוֹת הַטֻּמְאָה, אָדֶער אִיז דָאס שׁוֹין פַארְפַאלְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** אייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר אוּן אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס עֶר הֵייבְּט אוֹיף אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה אוּן דוּרְךְ זַיינֶע עֵצוֹת בְּרֶענְגְט עֶר זֵיי אַלֶע צוּרִיק צוּם אייבֶּערְשְׁטְן.

**נָאר** דֶער רֶבִּי הָאט דִי כֹּחַ אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דִי וָואס זֶענֶען אַריינְגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית; וַוייל דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה יג:): "כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּב מִיתָה", דֶער וָואס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - אִיז חַיָּב מִיתָה. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם) וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה, "כְּאִילּוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה אוּן שְׁפִיכוּת דָּמִים. אַזוֹי אוֹיךְ: "כְּאִילּוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז זַייעֶר אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, עֶס אִיז עֶרְגֶער פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת; אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אֶבֶן הָעֵזֶר סִימָן כג, סְעִיף א): "עָוֹן זֶה חָמוּר מִכָּל עֲבֵירוֹת

שֶׁבַּתּוֹרָה", דִי עֲבֵירָה אִיז הַארְבֶּער פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת אוֹיף דִי וָועלְט, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה, מֶען וֶוערְט קְרַאנְק, אַלְט אוּן שְׁוַואךְ. דִי שָׁאדְן וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אִיז גֶעפֶערְלִיךְ, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רמ, סְעִיף יד): וֶוען מֶען אִיז פּוֹגֵם בַּבְּרִית - "זִקְנָה קוֹפֶצֶת עָלָיו, וְכֹחוֹ תָּשַׁשׁ" - וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, פַארְעֶלְטֶערְט אוּן מֶען פַארְלִירְט דִי כּוֹחוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ: "עֵינָיו כֵּהוֹת, וְרֵיחַ רַע נוֹדֵף מִפִּיו", דִי אוֹיגְן וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אוּן עֶס הוֹיבְּט אָן גֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן מוֹיל; "וּשְׂעַר רֹאשׁוֹ וְגַבּוֹת עֵינָיו וְרִיסֵי עֵינָיו נוֹשְׁרִים וְכוּ'", דִי הָאר פוּן קָאפּ פַאלְט אַרוֹיס, "וְהַרְבֵּה כְּאֵבִים חוּץ מֵאֵלּוּ בָּאִים עָלָיו", אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אַסַאךְ וֵוייטָאג אוֹיפְן מֶענְטְשׁ.

**דָאס** אִיז אוֹיסֶער דֶעם וָואס מֶען פַארְלִירְט דִי פַּרְנָסָה; דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פִּנְחָס רמד:): "מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפִרוּרִין דְּנַהֲמָא, עֲנִיּוּתָא רָדִיף אֲבַתְרֵיהּ", וֶוער עֶס וַוארְפְט אַרָאפּ בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן בְּרוֹיט וֶועט זַיין אַן אָרֶעמַאן, "כָּל שֶׁכֵּן מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפִירוּרִין דְּמוֹחָא", אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דֶער וָואס וַוארְפְט אַרוֹיס דִי טְרָאפְּלֶעךְ פוּן מֹחַ, מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - פַארְלִירְט מֶען דָאס מַזָל אוּן מֶען וֶוערְט אַן אָרֶעמַאן.

**דָאס** אִיז אוֹיסֶער דֶעם וָואס מֶען בַּאקוּמְט שׂוֹנְאִים; מֶען בַּאשַׁאפְט קְלִפּוֹת וָואס זֶענֶען זִיךְ נוֹקֵם אִינֶעם מֶענְטְשׁ, זֵיי מַאכְן שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסּוּרִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִאוּף, סִימָן כו): "עַל יְדֵי הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה", וֶוען מֶען זִינְדִיגְט

אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן, "בּוֹרֵא קְלִפּוֹת", טוּט מֶען בַּאשַׁאפְן קְלִפּוֹת, "הַמִּתְלַבְּשִׁים בִּבְנֵי אָדָם מִתְנַגְּדִים וְחוֹלְקִים עָלָיו", דִי קְלִפּוֹת גֵייעֶן אַרַיין אִין מֶענְטְשְׁן, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ מִיטְן מֶענְטְשׁ, "וְעוֹשִׂין לוֹ יִסּוּרִין", אוּן זֶענֶען אִים מְצַעֵר.

**דָאס** אִיז אוּיסֶער דֶעם וָואס מֶען פַארְלִירְט אַלֶע לִיכְטִיגְקֵייטְן; עֶס וֶוערְט טוּנְקְל, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי אֱמוּנָה קִילְט זִיךְ אָפּ; מֶען דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיט קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, מֶען גֵייט אַרוּם מִיט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, בִּיז מֶען וִויל מֶער נִישְׁט לֶעבְן. מֶען וֶוערְט אַ בֵּייזֶער מֶענְטְשׁ, מֶען וֶוערְט בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט. מֶען שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ וָואס דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (וַיֵּשֶׁב קפח.; וַיְחִי ריט.): "מַאן דְאוֹשִׁיד זַרְעָא בְּרֵיקַנְיָא חַס וְשָׁלוֹם, אֵין מוֹעִיל תְּשׁוּבָה", וֶוער עֶס אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה; מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁלָאסְן פוּן אַלֶעס, מֶען גֵייט אַרוּם מְיוּאָשׁ.

**נָאכְן** הֶערְן אַזֶעלְכֶע זַאכְן, אִיז דָאךְ זֵייעֶר גֶעפֶערְלִיךְ; ווִי הוֹיבְּט מֶען אָן? וָואס קֶען מֶען טוּן אַז מֶען הָאט לֵיידֶער יָא עוֹבֵר גֶעוֶועזְן אוֹיף דִי עֲבֵירָה? וָואס קֶען מֶען טוּן נִישְׁט צוּ בַּאקוּמֶען דִי אַלֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁטְרָאפְן? אוֹיף דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְז אוּן אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס נְשָׁמָה אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס עֶר הֵייבְּט אוּנְז אוֹיף פוּן דִי נִידְרִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער אוּן מִיט זַיינֶע עֵצוֹת בְּרֶענְגְט עֶר אוּנְז צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא): "קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זֹהַר, נָאר אִיךְ, אוּן אִיךְ זָאג אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה, אֲפִילּוּ אֵיינֶער וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט קֶען נָאךְ יָא תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן"; אַז מֶען וֶועט פְרֶעגְן: 'ווי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה נָאכְדֶעם וָואס אַלֶע סְפָרִים זָאגְן אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה?' דָאס פְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִלִּין הֲלָכָה ד, אוֹת ד): "ווי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ אַז דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בַּבְּרִית הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה?" זָאגְט רֶבִּי נָתָן, "בֶּאֱמֶת הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עֲבֵירָה וָואס מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן דֶערוֹיף, נָאר וַוייַבאלְד דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, ווייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בַּבְּרִית רַייסְט עֶר זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וויל תְּשׁוּבָה טוּן שְׁטֶעלְט מֶען אִים אוּנְטֶער אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע נִסָּיוֹן, דֶער נִסָּיוֹן אִיז אַז מֶען זָאגְט אִים עֶר אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, עֶר דַארְף הֶערְן ווי מֶען זָאגְט אִים 'דוּ קֶענְסְט שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן'; אוֹיב הָאט עֶר שֵׂכֶל אוּן עֶר זָאגְט 'עֶס גֵייט מִיר גָארְנִישְׁט אָן, אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף קַיין שׁוּם פַאל, צִי מֶען דַארְף מִיךְ יָא צִי מֶען דַארְף מִיךְ נִישְׁט, אִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּטֵיילְן, אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר מֶער נִישְׁט צוּ זִינְדִיגְן, נִישְׁט קַיין חִילּוּק צִי אִיךְ וֶועל יָא וֶוערְן אַ צַדִּיק אָדֶער נִישְׁט, נִישְׁט קַיין חִילּוּק צִי אִיךְ וֶועל זִיךְ דַארְפְן

מוּטְשֶׁען מַיין גַאנְץ לֶעבְּן אָדֶער נִישְׁט׳, אַזַא אֵיינֶער וֶועט זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן. אָבֶּער דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל אוּן זָאגְט ׳אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ בִּין דֶערְנָאךְ׳, בְּלַייבְּט עֶר אִינְדְרוֹיסְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ״.

**דֶערִיבֶּער** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם, הִיט אָפּ דַיינֶע אוֹיגְן נִישְׁט צוּ קוּקְן עֲבֵירוֹת אוּן הִיט זִיךְ פוּן טוּן עֲבֵירוֹת - וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְעֶכְטְן, בִּפְרַט אַז דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תוֹרָה - וֶועסְטוּ מְבַטֵּל זַיין אַלֶע קְלִפּוֹת. נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס זָאל פַארְבְּרֶענֶען דִי קְלִפּוֹת וִוי דִי הֵיילִיגֶע תוֹרָה, וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תוֹרָה וֶוערְן דִי קְלִפּוֹת בָּטֵל וּמְבוּטָל כְּעַפְרָא דְאַרְעָא, זֵיי וֶוערְן אוֹיס, וִוי דִי שְׁטוֹיב פוּן דִי עֶרְד. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): ״כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִימֵיכֶם״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תוֹרָה רֶעכְנְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן יט): ״אֲפִלּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן״, אֲפִלּוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדֻשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, ״אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן

הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

**נָאכְדֶעם** זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין גְּמָרָא; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ לִילִית, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", תַּלְמוּד בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע ווִי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, דֶערְפַאר אַז מֶען לֶערְנְט גְּמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִפָּה; אֲפִלּוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט אִין אָנְהוֹיב וָואס דוּ לֶערְנְסְט, נִיטְאָמָאל עִבְרִי מִיט טַייטְשׁ קֶענְסְטוּ, זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "אֲפִלּוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען, זָאל מֶען וַוייטֶער לֶערְנֶען, מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין".

**נָאכְדֶעם** זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין תִּקּוּנֵי זֹהַר; דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעגֶעבְן אַ תִּקּוּן פַאר אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה וָואס הָאט גֶעבֶּעטְן אַ תִּקּוּן פַאר עֲבֵירוֹת, עֶר זָאל זָאגְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר בְּלַאט פוּן סֵפֶר הַתִּקּוּנִים; וֶוען מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן תִּקּוּנֵי זֹהַר וַואשְׁט עֶס אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע פְלֶעקְן.

**וְעַל** כּוּלָם זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מִתְוַדֶה זַיין; יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ צַייט וָואס דוּ וֶועסְט דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, דָאס וֶועט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי עֲבֵירוֹת פוּן דַיינֶע בֵּיינֶער. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְן אַיינְגֶעקְרִיצְט דִי עֲבֵירוֹת אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל לב, כז): "וַתְּהִי עֲוֹנוֹתָם [חֲקוּקָה] עַל עַצְמוֹתָם", אוּן דָאס גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ד). זָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט צוּ דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע פְּרַט אוּן פְּרַט, בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זַיי מִיר מוֹחֵל, פַארְגֶעב מִיר מַיינֶע זִינְד, אִיךְ וִויל זַיין גוּט; אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ זָאג דִיר צוּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ גֵיי עֶס מֶער נִישְׁט טוּן, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ טוּן מֶער קַיין עֲבֵירוֹת".

**דָאס** זָאלְסְטוּ טוּן יֶעדְן טָאג; אַ גַאנְצְן טָאג זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, נָאר אֵיין צַייט אִין טָאג זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין אוּן צֶעבְּרֶעכְן דַיין הַארְץ; וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אוֹיסְצוּמֶעקְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תתרעז

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט לִיבּ בְּרֶסְלֶב?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּז זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף מַיין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעוָוארְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם דְרֵיי יָאר אַלְט, פַאר דְרֵיי יָאר צוּרִיק בִּין אִיךְ גֶעווָאוּיר גֶעוָוארְן אִיבֶּער דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁעוּרִים, אוּן פוּן דֶעמָאלְט אִיז מַיין לֶעבְּן גֶענְצְלִיךְ גֶעטוֹישְׁט גֶעוָוארְן צוּם גוּטְן, סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז פַאר מַיין טַייעֶרֶע וַוייבּ גֶעפֶעלְט נִישְׁט דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ זַאכְן; אוֹיסֶער דֶעם וָואס זִי וִויל בִּכְלַל אַז מִיר זָאלְן זַיין מֶער אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן מָאדֶערְן, זִי הַאלְט מִיךְ כְּסֵדֶר פָאר אַז אִיךְ בִּין צוּ פַארְצַייטִישׁ אוּן פַאנַאטִישׁ, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, זִי ווִיל זַייעֶר אִיךְ זָאל זִיךְ "מְסַדֵּר" זַיין דִי בָּארְד, וָואס אִיךְ הֶער אַזוֹיפִיל בַּיי דִי שִׁעוּרִים אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן דֶעם.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיךְ זָאל אִיר נָאכְגֶעבְּן אוּן מִיט דֶעם אִיר צוּפְרִידְן שְׁטֶעלְן, אָדֶער וֶועט זִיךְ עֶס נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן בַּיי דֶעם נָאר גֵיין וַוייטֶער.

אִיךְ בִּין זַייעֶר פַארְלוֹירְן אוּן אִיךְ וַוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר גֶעבְּן אַ גוּטֶע עֵצָה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, ה' אֱלוּל, שְׁנַת תשׁ"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זַייעֶר צוּ הֶערְן אַז דַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, דוּ שְׁפִּירְסְט נֵיי גֶעבּוֹירְן פוּן וֶוען דוּ לֶעבְּסְט

מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי וִוי דוּ זָאגְסְט, וֶוען מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן וֶוערְט דָאס לֶעבְּן אַ נַייעֶ לֶעבְּן[נד].

**בְּנוֹגֵעַ** דַיין וַוייבּ וְכוּ'; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן אַזוֹי סַאךְ סְפָרִים אִיבֶּער דְּבָרִים שֶׁבֵּינָהּ לְבֵינוֹ, דָאס זֶעלְבֶּע וויפִיל אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם סֵפֶר לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת"; וַוייל מֶען דַארְף הָאבְּן אַזוֹיפִיל חִזּוּק אוּן אַזוֹיפִיל שֵׂכֶל צוּ ווִיסְן וִוי אַזוֹי צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ אוּן וִוי אַזוֹי אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף אִיר כָּבוֹד כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ קַיין קְרִיגֶעריַיעֶן אוּן זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם דַארְפְן גֶט'ן.

**עֶס** קֶען נִישְׁט זַיין אַז פַאר דַיין וַוייבּ גֶעפֶעלְט נִישְׁט דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ זַאכְן; מִן הַסְתָּם לֵייגְסְטוּ אַרוֹיף אוֹיף אִיר פְרוּמֶע זַאכְן אוּן זִי מֵיינְט אַז דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב, דֶערִיבֶּער זָאגְט זִי אַז זִי ווִיל נִישְׁט דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ זַאכְן. וֶוען דוּ זָאלְסְט זִיךְ פִירְן וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי ווִיל, דוּ וָואלְסְט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן - וָואלְט זִי זִיךְ גֶעפְרֵייט מִיט דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ זַאכְן.

**בְּרֶסְלֶב** הָאט נִישְׁט מִיט קַיין פְרוּמְקֵייט; אַז אִיךְ וֶועל דִיר אוֹיסְרֶעכֶענֶען וָואס דֶער רֶבִּי פַארְלַאנְגְט וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט פְרוּמְקֵייטְן וְכוּ'. וָואס ווִיל שׁוֹין דֶער רֶבִּי פוּן אוּנְז? דֶער רֶבִּי ווִיל מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט

נד. נָאךְ אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, אִין סֵפֶר אִישׁ אֱמוּנוֹת תש"פ, מִכְתָּב ו; עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ט, מִכְתָּב תתמז..

וֶוען מֶען גֵייט שְׁלָאפְן זָאל מֶען טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און רֶעדְן צוּ אִים (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן צו)**; אַז דוּ וֶועסְט דָאס** טוּן - וֶועט דַיין וַוייב נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיף דִיר, אַדְרַבָּה זִי וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן, זִי וֶועט זֶען ווִי דוּ בִּיסְט שְׁטַארְק אוּן דוּ וֶוערְסְט נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט אַזוֹי שְׁנֶעל. וַוייל וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט זַייעֶר שְׁטַארְק דִי אֱמוּנָה, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער אִים, אִיז דָאךְ נִישְׁט שַׁיָּךְ צוּ וֶוערְן גֶערֶעגְט. יֶעדֶע פְרוֹי וָואלְט זִיךְ גֶעווָאוּנְטְשְׁן צוּ הָאבְּן אַ מַאן וָואס וֶוערְט נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט, אַ מַאן וָואס הַאלְט זִיךְ רוּאִיג אֲפִלּוּ אִין שְׁוֶוערֶע צַייטְן; דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב.

**וָואס** נָאךְ ווִיל דֶער רֶבִּי פוּן אוּנְז? דֶער רֶבִּי ווִיל מִיר זָאלְן לֶערְנֶען און עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אָן אַ שִׁעוּר מָאל; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַז אֲפִלּוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, אֲפִלּוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, קַיין קָאפּ און מֹחַ צוּ פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען - דָאךְ זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה. מֶען זָאל זָאגְן און זָאגְן בִּיז דֶער מֹחַ וֶועט זִיךְ אֵיין טָאג עֶפֶענֶען און מֶען וֶועט אָנְהוֹיבְּן פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען; אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער לֶערְנֶען. דֶער שְׁוַואכְסְטֶער קָאפּ, דֶער אַיינְגֶעשְׁפַּארְטְסְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, חַבְרוּתוֹת - קֶען זִיצְן אִין שְׁטוּב אַלֵיין אָן קֵיינֶעם; מֶען נֶעמְט דִי מִשְׁנַיוֹת, דִי גְּמָרָא - פַאר אַ חַבֵר, מֶען לֶערְנְט און מֶען עֶנְדִיגְט נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא און נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא. אַז דוּ וֶועסְט

דָאס טוּן, דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען - וֶועט דַיין וַוייבּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיף דִיר, אַדְרַבָּה זִי וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז זִי הָאט אַ מַאן וָואס לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַ מַאן וָואס נוּצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט גוּטֶע זַאכְן; זִי וֶועט נָאר הָאבְּן רֶיוַח פוּן דֶעם וָואס דוּ פָאלְגְסְט דֶעם רֶבִּי'ן. וֶוען זִי וֶועט וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין אַמָאל בַּיינַאכְט צוּ אַ חַבְר'טֶע אָדֶער מִשְׁפָּחָה וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין מִשְׁנַיוֹת'ל, מִיט דַיין גְמָרָא אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער; וֶוען זִי וֶועט וֶועלְן מְסַדֵר זַיין דִי שְׁטוּבּ וֶועסְטוּ זִיצְן אִין דֶער זַייט מִיט דַיינֶע שִׁעוּרִים, זִי וֶועט נָאר הָאבְּן רֶיוַח; דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב.

**וָואס** נָאךְ וִויל דֶער רֶבִּי פוּן אוּנְז? דֶער רֶבִּי וִויל מִיר זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין דֶעפְּרֶעסְט; אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַּאלְן פוּן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, וֶועט דַיין וַוייבּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיף דִיר, אַדְרַבָּה זִי וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ לֶעבְּן מִיט אַ פְרֵיילִיכֶער מַאן, זִי וֶועט נָאר מַרְוִיחַ זַיין פוּן דֶעם וָואס דוּ פָאלְגְסְט דֶעם רֶבִּי'ן; דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב.

**אַזוֹי** אִיז מִיט יֶעדֶע זַאךְ; דֶער רֶבִּי וִויל מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, שֵׁיין רֶעדְן אוּן הַאלְטְן טֵייעֶר אִיר כָּבוֹד. אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, דוּ וֶועסְט אִיר הַאלְטְן

טֵייעֶר און חָשׁוּב - וֶועט זֵי נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיף דִיר, אַדְרַבָּה, זֵי וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ בִּיסְט בְּרֶסְלֶב; זֵי וֶועט דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר מַאן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב. זֵי וֶועט שְׁרֵייעֶן צוּ אַלֶע אִירֶע פְרַיינְד: "טְרָאגְט אַייעֶרֶע מֶענֶער קַיין בְּרֶסְלֶב, וֶועלְן זֵיי שֵׁיין רֶעדְן צוּ עֶנְק".

**וָואס** נָאךְ וִויל דֶער רֶבִּי? דֶער רֶבִּי וִויל מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית, מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת; גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר וֶועלְן בַּאלְד צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן, קֵיינֶער בְּלַייבְּט נִישְׁט דָא, יֶעדֶער דַארְף בַּיים סוֹף צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַז מֶען לֶעבְּט מִיט דִי מַחְשָׁבָה - אִיז דָאס לֶעבְּן גָאר אַנְדֶערְשׁ, מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם וַוייל מֶען וֵוייסְט אַז מֶען אִיז דָא פַאר נִישְׁט צוּ לַאנְג, מֶען כַאפְּט אַרַיין גוּטֶע זַאכְן, מֶען כַאפְּט אַרַיין חֶסֶד.

**מַאךְ** אִיר נִישְׁט פְרוּם, לֵייג נִישְׁט אַרוֹיף קַיין פְרוּמְקֵייטְן אוֹיף אִיר, צֶעדְרוּק אִיר נִישְׁט; וֶועסְטוּ זֶען ווִי זֵי וֶועט זִיךְ צוּכַאפְּן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֵי וֶועט נָאר וֶועלְן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ לֶעבְּן, דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ וֶועג.

**בְּנוֹגֵעַ** דַיין בָּארְד וְכוּ'[נה]; טוּ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעטוּן נָאךְ דִי חֲתֻנָּה. וֶוען זַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶר זָאל גֵיין מִיט אַ לַאנְגֶע בָּארְד און אַרָאפְּגֶעלָאזְטֶע פֵּאוֹת (דֶעמָאלְט, אִין דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְן אִין אַמֶערִיקֶע אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי ווִי הַיינְט; זֵייעֶר וֵוינִיג זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט אַרָאפְּגֶעלָאזְטֶע פֵּאוֹת

---

נה. נָאךְ אַ בְּרִיוו אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, פְּרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א' יג.

און בָּארְד) הָאט מוֹהֲרָא"ש אַרַיין גֶעקְנִיפְּט דִי בָּארְד און אַרוֹיפְגֶעדְרֵייט דִי פֵּאוֹת אַז זַיין ווייבּ זָאל זַיין צוּפְרִידְן; מוֹהֲרָא"ש הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן און אֵיין טָאג הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז זִי הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט דָאס וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעוָואלְט. זָאלְסְטוּ אוֹיךְ אַזוֹי טוּן, קְנִיפּ אַרַיין דַיין בָּארְד, און אַז עֶס שְׁטֶערְט אִיר דִי פֵּאוֹת - זָאלְסְטוּ דָאס אַרוֹיפְדְרֵייעֶן כְּדֵי עֶס זָאל אִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן און בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין גַאנְצֶע שְׁטוּבּ זָאל זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען מִיט דִי בָּארְד און פֵּאוֹת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תתרעה עה

**אוֹיבּ אַלֶעס טוּט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער,**
**וְוִי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ בִּכְלַל בַּאהִיטְן?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁעוּרִים, סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי שִׁעוּרִים אִין לָשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ, הַלְוַאי זָאל זַיין יֶעדְן טָאג אַ שִׁעוּר אִין לָשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ.

איךְ וויל פַארְשְׁטֵיין אַן עִנְיָן אִין אֱמוּנָה, פוּן אֵיין זַייט ווייסְן מִיר דָאךְ אַז קֵיינֶער קֶען אוּנְז נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן אָדֶער גוּטְס טוּן אָן רְשׁוּת פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶע אִיךְ לְמָשָׁל ווִי מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אַסַאךְ אַז מֶען זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן, מֶען קֶען נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן מֶענְטְשְׁן, סְפֶּעצִיעֶל מִיט גֶעלְט זַאכְן; לִכְאוֹרָה ווָאלְט מֶען גֶעקֶענְט זָאגְן אַז מֶען זָאל זִיךְ פִירְן נָארְמַאל, אוּן אוֹיבּ וֶועט קוּמֶען אֵיינֶער ווָאס וויל מִיךְ בַּאגַנְבֶ'ענֶען, וֶועט עֶר דָאךְ סַיי ווִי מִיר גָארְנִישְׁט קֶענֶען טוּן אוֹיבּ אִיז נִישְׁט אַזוֹי אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן אוֹיבְן.

בֶּאֱמֶת אִיז דִי שְׁאֵלָה מֶער בִּכְלָלִיּוּת אוֹיךְ, לְמָשָׁל וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פַּרְנָסָה אָדֶער אַנְדֶערֶע הִשְׁתַּדְּלוּת ווָאס מֶען טוּט אִין לֶעבְּן; אוֹיבּ וֶועט סַיי ווִי אָנְקוּמֶען צוּ מִיר אַלֶעס ווָאס קוּמְט זִיךְ מִיר, פַארְוָואס זָאל אִיךְ זִיךְ דַארְפְן פְּלָאגְן אוֹיף דֶעם?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, ה' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַאפְן דִי וֶועלְט עֶס זָאל אוֹיסְזֶען ווִי עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ ווִי טֶבַע; עֶס זֶעט אוֹיס ווִי זַאכְן פַּאסִירְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק בַּאהַאלְטְן אִין דִי וֶועלְט אַז עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן ווִי זַאכְן פַּאסִירְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס; עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן ווִי דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּן, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעמַאכְט - אָבֶּער

חַס וְשָׁלוֹם מֶען זָאל זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַיין רֶגַע אַז עֶס קֶען עֶפֶּעס פַּאסִירְן אָן דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אוּן בַּאפוֹילְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֻלִּין ז:): "אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה, אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְּמַעְלָה", אַ מֶענְטְשׁ צֶעקְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אָנְשְׁרַייבְּן אוֹיבְן אִין הִימְל עֶס זָאל פַּאסִירְן, אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה עט, ו; יְרוּשַׁלְמִי שְׁבִיעִית כה:) וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי מִיט זַיין זוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי אֶלְעָזָר זֶענֶען אַרוֹיס פוּן דִי מְעָרָה נָאךְ דְרַייצְן יָאר הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען ווִי אַ פַאנְגֶער שְׁפְּרֵייט אוֹיס זַיינֶע נֶעצְן צוּ כַאפְּן פֵייגֶלֶעךְ, זֵיי זֶעעֶן ווִי אַזוֹי עֶר שְׁפְּרֵייט אוֹיס דִי נֶעץ אוּן אַ פֵייגְל וֶוערְט שִׁיעֶר אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אִין דִי לֶעצְטֶע סֶעקוּנְדֶע הָאט זִיךְ דִי פֵייגְל גֶערַאטֶעוֶועט, נָאכְדֶעם קוּמְט נָאךְ אַ פֵייגְל אוּן זֵיי הֶערְן ווִי עֶס גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס זָאגְט: "גֶעפַאנְגֶען" אוּן דִי פֵייגְל אִיז גֶעפַאנְגֶען גֶעוָוארְן; הָאט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן: "זֶעסְט, אֲפִלּוּ אַ קְלֵיינְטְשִׁיג פֵייגֶעלֶע קֶען אוֹיךְ נִישְׁט גֶעכַאפְּט וֶוערְן אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל דָאס אָפְּשְׁרַייבְּן אוֹיבְן אִין הִימְל".

דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי וֶועלְט, מֶען זָאל ווִיסְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֲפִלּוּ אַ וָואגְן פָּארְט אוּן עֶס פַאלְן אַרָאפּ שְׁטְרוֹי אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן

אוֹיבְן פִּינְקְטְלִיךְ וואוּ דִי שְׁטְרוֹי זָאל פַאלְן אוּן וֶוען אַ בְּלֶעטֶעלֶע פַאלְט אַרָאפּ פוּן בּוֹים אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן הִימְל פִּינְקְטְלִיךְ וואוּ עֶס זָאל פַאלְן; קַיין שׁוּם זַאךְ פַאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין. דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אִין דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים: "יְדִיעָה", מֶען זָאל ווִיסְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז עֶר אַלֵיינְס, עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אִין דִי זַאכְן עֶס זָאל אוֹיסְזֶען ווִי עֶס אִיז דָא אַ וֶועלְט, אָבֶּער עֶס אִיז אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

**פוּן** דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט מִיר זָאלְן אוֹיסְוֶועלְן צוּ טוּן גוּט; דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אִין דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים: "בְּחִירָה", דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ מֶעגְלִיכְקֵייט אַלֵיין אוֹיסְצוּאוֶועלְן צוּ זַיין גוּט אָדֶער פַארְקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם - טוּן שְׁלֶעכְטְס; אוֹיבּ טוּט עֶר גוּטְס וֶועט עֶר הָאבְּן שְׂכַר אוּן אוֹיבּ טוּט עֶר נִישְׁט גוּט אוּן טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה - וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַן עֹנֶשׁ.

**דָאס** אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, ווִי קֶען זַיין "בְּחִירָה" מִיט "יְדִיעָה"? ווִי אַזוֹי קֶען דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיסְוֶועלְן צוּ טוּן גוּטְס אָדֶער שְׁלֶעכְטְס וֶוען אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? ווִי קֶען זַיין אַז אֵיינֶער זָאל קֶענֶען טוּן דֶעם צְוֵוייטְן שְׁלֶעכְטְס וֶוען אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? אַזוֹי אוֹיךְ אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, ווִי קֶען זַיין אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ בְּחִירָה יָא טוּן אָדֶער נִישְׁט טוּן וֶוען אַלֶעס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אָנְהוֹיבּ יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פִּינְקְטְלִיךְ וָואס גֵייט זַיין? אַלֶעס אִיז דָאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַלֶעס וָואס גֵייט

זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס אַלֵיין, ווִי קֶען זַיין אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיסְוֶועלְן גוּטְס אָדֶער שְׁלֶעכְטְס וֶוען אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער?!

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כא) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִּירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ, עֶר הֵיילִיגְט זַיינֶע שִׁבְעָה נֵרוֹת; עֶר הֵיילִיגְט זַיינֶע אוֹיגְן, אוֹיעֶרְן, נָאז אוּן מוֹיל - דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ, נָאר דֶעמָאלְט קֶען עֶר פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי דִי צְווֵיי זַאכְן גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם, דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער דִי קַשְׁיָא פוּן יְדִיעָה אוּן בְּחִירָה, וַוייל עֶר טְרֶעפְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי בְּחִירָה, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דָאךְ אִיז דָא אַ בְּחִירָה.

**דָאס** קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין נָאר דֶער וָואס הָאט אַ רֵיינֶעם מֹחַ. מֶען רֵיינִיגְט זִיךְ דִי אוֹיגְן; מֶען קוּקְט נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטֶע קוּק, מֶען קוּקְט נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען רֵיינִיגְט זִיךְ דִי אוֹיעֶרְן; מֶען הֶערְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אַזוֹי אוֹיךְ רֵיינִיגְט מֶען זִיךְ דִי נָאז; מֶען גְלֵייבְּט אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִּיקִים, מֶען רֵיינִיגְט זִיךְ דִי מוֹיל; נִישְׁט צוּ רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף קֵיינֶעם, נִישְׁט רֶעדְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן - דֶעמָאלְט וֶוערְט דֶער מֹחַ לוֹיטֶער אוּן רֵיין, דֶעמָאלְט קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט אִינְאֵיינֶעם.

**דָאס** מֵיינְט נִישְׁט אַז דִי שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן שְׁלֶעכְטְס פַאר אַנְדֶערֶע, בַּא'גַנְבְ'עֶנֶען אַנְדֶערֶע, זֶענֶען מְצַעֵר אַנְדֶערֶע - וֶועלְן נִישְׁט בַּאקוּמֶען זֵייעֶר עֹנֶשׁ; דֶער וָואס אִיז מְצַעֵר אַנְדֶערֶע, דֶער וָואס טוּט רִשְׁעוּת פַאר אַנְדֶערֶע -

וֶועט הָאבְּן אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע עֶנְדֶע. קֶען זַיין עֶס וֶועט נֶעמֶען אַ שְׁטִיק צַייט, עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין אַ שְׁטִיק צַייט, אָבֶּער בַּיים סוֹף וֶועט יֶענֶער בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער עֹנֶשׁ, דָאס אַלֵיין אִיז אוֹיךְ פוּן דִי וואוּנְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ווִי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ? אַלֶעס אִיז דָאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט דָאךְ אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס! דָאס אִיז אַ בַּאהַאלְטֶענֶע זַאךְ וָואס מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

**וואוֹיל** אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִיז אַ פֶּערְצוּפַאל, נָאר יֶעדֶע זַאךְ טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכְקֵייט, אוּן אַלֶעס וָואס מִיר זֶעעֶן אוּן אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט - אִיז אַ פַארְשְׁטֶעלְטֶע זַאךְ; עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דֶער טוּט, וִוי יֶענֶער טוּט, עֶס זֶעט אוֹיס אַז אוֹיבּ מֶען אַרְבֶּעט הָאט מֶען פַּרְנָסָה אוּן אוֹיבּ מֶען אַרְבֶּעט נִישְׁט הָאט מֶען נִישְׁט פַּרְנָסָה, וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נָאר אַ פַארְשְׁטֶעלְטֶע זַאךְ, אַלֶעס אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין; דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תתרעט עט

## ווי אַזוֹי קֶען איך דְרוּקְן חִדוּשֵׁי תּוֹרָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איך הָאבּ גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן שְׁרַייבְּן חִדוּשֵׁי תּוֹרָה, אָדֶער כָאטְשׁ צַאמְנֶעמֶען חִדוּשֵׁי תּוֹרָה (עַיֵּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קה). דָאס הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט טְרַאכְטְן צַאמְצוּנֶעמֶען עֵצוֹת אוֹיף אֱמוּנָה אָדֶער אוֹיף שְׁמִירַת הַבְּרִית פוּן סִפְרֵי בְּרֶסְלֶב, אִיךְ זֶע אָבֶּער אַז עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין גֶעהֶעריג מְסוּדָר ווי עֶס דַארְף צוּ זַיין; אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּן אַ וֶועג ווי אַזוֹי אִיךְ קֶען דָאס מַאכְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן אוֹפָן?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה' אֱלוּל, שְׁנַת תשׁ"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ פַאר דַיין תִּקּוּן, אַז דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען דִי סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף שְׁמִירַת הַבְּרִית, אוֹיף אֱמוּנָה און אוֹיף אַנְדֶערֶע נוֹשְׂאִים - און דוּ זָאלְסְט דָאס דְרוּקְן און פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶעמֶען; דָאס וֶועט זַיין דַיין גְרֶעסְטֶער תִּקּוּן, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ מְקַיֵּם זַיין וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט מֶען זָאל צַאמְנֶעמֶען חִדוּשֵׁי תּוֹרָה.**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", ווי אַזוֹי קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית? אַז מֶען בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים, ווי עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה. אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכח): "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּידָא דְּחַיָּבָא וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין צוּ אַ פְּלַאץ וָואס קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה. "גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ", דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טֻמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, "וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גּוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי,

וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵּייט אַרַיין אִין דְּרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

**עֶס** אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה אָבֶּער נִישְׁט אַלֶע חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה קֶען מֶען דְּרוּקְן; אַמָאל קֶען מֶען מִיט חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה אַרָאפְּוַוארְפְן אַ צְוֵייטְן אִין יֵאוּשׁ, אַמָאל קֶען מֶען מְרַחֵק זַיין אַנְדֶערֶע מִיט חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יט): "וּבְחִדּוּשִׁין דְּאוֹרַיְתָא שֶׁמְּחַדְּשִׁין", וֶוען מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה, אִיז מֶען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, "יְכוֹלִים לַעֲבֹר מַמָּשׁ גָּנֹב וְנָאֹף וְרָצֹחַ בְּכָל פַּעַם, בְּכָל רֶגַע, רַחֲמָנָא לִצְלָן", מֶען קֶען צוּקוּמֶען צוּ עוֹבֵר זַיין אוֹיף דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן; מֶען קֶען אַרָאפְּוַוארְפְן אַנְדֶערֶע.

**דֶערִיבֶּער** אַז דוּ ווִילְסְט פַארֶעכְטְן דַיינֶע מַעֲשִׂים - זָאלְסְטוּ דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וּבִפְרַט דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן סְפָרִים וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן; דִי חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה הֵייבְּט אוֹיף נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ הָאפֶענוּנְג אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶס וַוייזְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תתרפ פ

## זָאל מֶען גֵיין מִיט אַ גַארְטְל?[נו]

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

מִיר זֶענֶען לִיטְוִויש, אָבֶער מִיר הָאבְּן אָנְגֶענוּמֶען דֶעם וֶועג פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן מוֹהֲרָא״שׁ, אוּן דָאס הֶעלְפְט אוּנְז גָאר אַסַאךְ אִין לֶעבְּן. מִיר זֶענֶען לֶעצְטְנְס גֶעוֶוען בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא״שׁ אִין יַבְנְאֵל אוּן מִיר זֶענֶען פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין אַ טֵייל פוּן הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ.

מַיין מַאן הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אָנְטוּן אַ גַארְטְל, טְרָאץ וָואס מִיר זֶענֶען לִיטְוִויש, אוּן וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים צִיּוּן אִין יַבְנְאֵל הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן טַאקֶע אָנְצוּטוּן אַ גַארְטְל. אָבֶער אָנְקוּמֶענְדִיג אַהֵיים הָאט אוּנְזֶער רָב אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל עֶס נִישְׁט טוּן, עֶר קֶען זִיךְ פִירְן חֲסִידִי׳שׁ אִינְדֶערְהֵיים אָבֶער נִישְׁט אִינְדְרוֹיסְן, וַוייל אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען אִין לִיטְווִישֶׁע מוֹסְדוֹת אוּן דָאס קֶען זֵיי מַאכְן שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן אַ שְׁוֶוערֶערֶע קֶשֶׁר מִיט זֵייעֶר פָּאטֶער, וַוייל דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶס אָדֶער שְׁוַוארְץ אָדֶער וַוייס - אָדֶער אִיז מֶען חֲסִידִי׳שׁ אָדֶער לִיטְוִויש, מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִינְצְוִוישְׁן.

מַיין מַאן הָאט דָאס אָנְגֶענוּמֶען אָבֶער עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶר פִילְט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן; אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א וֶועט הָאבְּן צַייט אוּנְז צוּ שְׁרַייבְּן אוּן מְחַזֵּק זַיין.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

---

נו. מֶער אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א׳ צח.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, ז' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... שֶׁיִּחְיוּ

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**עֶס** ווערט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן צא, סְעִיף ב): "צָרִיךְ לֶאֱזֹר אֵזוֹר בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה", מֶען דַארְף אָנְטוּן אַ גַארְטְל ווען מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען, "אֲפִילוּ יֵשׁ לוֹ אַבְנֵט שֶׁאֵין לִבּוֹ רוֹאֶה אֶת הָעֶרְוָה", אֲפִלּוּ דֶער וָואס הָאט שׁוֹין סֵיי ווִי אַ צְווִישְׁנְשֵׁייד צְווִישְׁן דִי הַארְץ אִין דִי עֶרְוָה דַארְף זִיךְ אוֹיךְ אָנְטוּן אַ גַארְטְל ווען מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (עָמוֹס ד, יב): "הִכּוֹן לִקְרַאת אֱלֹקֶיךָ יִשְׂרָאֵל", מַאךְ זִיךְ שֵׁיין וֶוען דוּ גֵייסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ווייל וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אַוֶועק דַאוֶוענֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען זִיךְ אָנְגְרֵייטְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַזוֹי ווִי מֶען גֵייט צוּ אַ קֶענִיג; דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ אָנְגַארְטְלֶען מִיט אַ גַארְטְל ווען מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען.

**עֶס** זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז מֶען דַארְף נִישְׁט אָנְטוּן קֵיין גַארְטְל ווייל מֶען גֵייט הַיינְט מִיט הוֹיזְן אוּן אִין דִי הוֹיזְן אִיז דָא אַ גַארְטְל וָואס שֵׁיידְט שׁוֹין סֵיי ווִי אָפּ צְווִישְׁן דִי הַארְץ אוּן דִי עֶרְוָה, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, ווייל דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ זָאגְט קְלָאר אַז אֲפִלּוּ דִי הַארְץ זֶעט נִישְׁט דִי עֶרְוָה דַארְף מֶען אָנְטוּן אַ גַארְטְל, אַלְס הִכּוֹן לִקְרַאת אֱלֹקֶיךָ יִשְׂרָאֵל, דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר יָא גֵיין מִיט אַ גַארְטְל; אִיר וֶועט גָארְנִישְׁט דֶערְלֵייגְן דֶערְפוּן.

**עֶס** אִיז נִישְׁט אֱמֶת דֶער כְּלַל וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קֶען מֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִינְצְווִישְׁן נָאר מֶען מוּז גֶעהֶערְן אַהֶער אָדֶער אַהִין; אַז מֶען קוּקְט וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן, מֶען לֶעבְּט פַּאר אַנְדֶערֶע - וֵויים אִיךְ נִישְׁט, אָבֶער דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶענֶען יָא גֵיין אִינְצְווִישְׁן.

**נֶעמְט** דִי גוּטֶע זַאכְן פוּן דִי לִיטְוִוישֶׁע אוּן דִי גוּטֶע זַאכְן פוּן דִי חֲסִידִים, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דָאס גוּטְס פוּן דִי חֲסִידִים אוּן דָאס גוּטְס פוּן דִי לִיטְוִוישֶׁע"; וַוייל בַּיי חֲסִידִים אִיז דֶער עִקָּר תְּפִלָּה, אוּן בַּיי דִי לִיטְוִוישֶׁע אִיז דֶער עִקָּר תּוֹרָה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט בֵּיידֶע; בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִקָּר תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפז): "מַה יֵּשׁ לְהָאָדָם לַעֲשׂוֹת בָּזֶה הָעוֹלָם, אֵין צָרִיךְ כִּי אִם לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמֹד וּלְהִתְפַּלֵּל", וָואס הָאט אַ מֶענְטְשׁ צוּ טוּן אוֹיף דִי וֶועלְט? נָאר דַאוֶונֶען, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

**אַז** אִיר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַּאר אַייעֶר וֶועג וַוייזֶער זָאלְט אִיר נֶעמֶען דָאס גוּטְס פוּן דִי לִיטְוִוישֶׁע אוּן דָאס גוּטְס פוּן דִי חֲסִידִים, בֵּיידֶע כִּתּוֹת זֶענֶען טַייעֶרֶע אִידְן, בֵּיידֶע הָאבְּן מַעֲלוֹת וָואס מֶען דַארְף זִיךְ לֶערְנֶען פוּן זֵיי. גֵייט וַוייטֶער אוֹיף אַייעֶר וֶועג אוּן שִׁיקְט וַוייטֶער דִי קִינְדֶער אִין דִי לִיטְוִוישֶׁע חֵדֶר אוּן אוֹיךְ זָאלְט אִיר נֶעמֶען דָאס גוּטְס פוּן חֲסִידִים, אִיךְ זָאג אַייךְ צוּ עֶס וֶועט אַייךְ נִישְׁט שָׁאטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן איר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

## תתרפא פא

**מֶעג אִיךְ רֶעדְן מִיט אֵיינֶעם וָואס לַאכְט אֶפּ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מֶעג אִיךְ רֶעדְן מִיט אַ אִיד וָואס לַאכְט און שְׁפֶּעט אֶפּ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, ז' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**לֵיצָנוּת** אִיז אֲבִי אֲבוֹת הַטֻמְאָה, עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא טֻמְאָה וָואס פַארְשְׁטֶעלְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי דִי טֻמְאָה פוּן לֵיצָנוּת.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא לח:): "הַבָּא לְטַמֵא פּוֹתְחִין לוֹ", וֶוער עֶס וִויל אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט

מֶען אִים צוּ פוּן הִימְל עֶר זָאל אַוֶועק גֵיין, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ג, לד): "אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ"; זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן, פַארְוָואס הָאט מֶען אָנְגֶעכַאפְּט דַוְקָא דֶעם פָּסוּק "אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ"? ווייל אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל זִיךְ מְטַמֵּא זַיין בְּרֶענְגְט מֶען אִים אַ לֵץ וָואס יֶענֶער לַאכְט אָפּ פוּן אַלֶעס וָואס צַדִּיקִים זָאגְן, אַזוֹי פַאלְט עֶר מִמֵּילָא אַרָאפּ רַחֲמָנָא לִצְלָן. אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן, רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט אָנְגֶעזָאגְט זַיינֶע קִינְדֶער (פְּסָחִים קיב:): "אַל תָּדוּרוּ בְּשְׁכֶנְצִיב", אִיר זָאלְט נִישְׁט וואוֹינֶען אִין דִי שְׁטָאט שְׁכֶנְצִיב, ווייל זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיסֶע לֵצִים אוּן אִיר וֶועט ווערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זֵיי; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי הַארְבּ לֵיצָנוּת אִיז אוּן וִוי ווייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואוּ עֶר וואוֹינְט אוּן מִיט וֶועם עֶר חַבֶר'ט זִיךְ וְכוּ' וְכוּ'.

**וָואס** פֶעלְט דִיר אוֹיס צוּ רֶעדְן מִיט יֶענֶעם? עֶר וֶועט דִיר דָאךְ אָפְּקִילְן פוּן רֶבִּי'ן; נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ נִישְׁט קֶענֶען נֶעמֶען מֶער דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן, וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן אָפְּגֶעפַּאטְשְׁט אוֹיפְן לֶעבְּן. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ דֶער חָכָם מִכָּל אָדָם זָאגְט אוּנְז אַזוֹיפִיל מָאל אִין סֵפֶר מִשְׁלֵי מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁייכוּת מִיט קַיין לֵצִים אוּן נַארָאנִים, עֶר זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, ז): "לֵךְ מִנֶּגֶד לְאִישׁ כְּסִיל", שְׁטֵיי ווייט פוּן אַ נַארִישֶׁער מֶענְטְשׁ, "וּבַל יָדַעְתָּ שִׂפְתֵי דָעַת", ווייל דֶער וָואס חַבֶר'ט זִיךְ מִיט נַארִישֶׁע מֶענְטְשְׁן, בַּיים סוֹף וֶועט עֶר נִישְׁט ווִיסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

**אִיךְ** פַארְשְׁטֵיי בִּכְלַל נִישְׁט דַיין פְרַאגֶע, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ וֶועלְן רֶעדְן מִיט אֵיינֶער וָואס מַאכְט חוֹזֵק פוּן צַדִּיקִים?

פַארְוָואס זָאלְסְטוּ וֶועלְן הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט אֵיינֶער וָואס ווִיל דִיר אָפְּשְׁנַיידְן דַיין חַיּוּת, דַיין לֶעבְּן? עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה צוּ הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט אַ לֵיץ; אַ לֵיץ אִיז נָאךְ מֶער סַכָּנָה פַארְן מֶענְטְשׁ ווִי אַ פַארְצִיקְנֶדֶע חַיָּה. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יז, יב): "פָּגוֹשׁ דֹּב שַׁכּוּל בְּאִישׁ", עֶס אִיז בֶּעסֶער זִיךְ צוּ בַּאגֶעגֶענֶען מִיט אַ בֶּער וָואס קֶען הַרְגֶ'עֶנֶען אוּן פַארְצִיקְן, "וְאַל כְּסִיל, בְּאִוַּלְתּוֹ", ווִי צוּ בַּאגֶעגֶענֶען אַ נַאר, אַ לֵיץ, וָואס רֶעדְט נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר פַארְפִירְט מֶען זָאל זִינְדִיגְן.

**נֶעם** זִיךְ גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס וֶועלְן דִיךְ מְחַזֵּק זַיין צוּ גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן צַדִּיקִים, וֶועט דִיר זַיין לִיכְטִיג; דוּ וֶועסְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. (מִשְׁלֵי יג, כ): "הוֹלֵךְ אֶת חֲכָמִים יֶחְכָּם", דֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט צוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן וֶועט אַלֵיין וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, "וְרֹעֶה כְסִילִים יֵרוֹעַ", אוּן דֶער וָואס בַּאפְרַיינְדְט זִיךְ מִיט לֵצִים דֶער וֶוערְט צֶעבְרָאכְן; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ נֶעמֶען גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס וֶועלְן דִיךְ מְחַזֵּק זַיין ווִי אֵיידֶער רֶעדְן מִיט לֵצִים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תתרפב פב

**ווי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט נִסְיוֹנוֹת אִין דִי בִּיזְנֶעס?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ סֶעקְרֶעטֶערִי בַּיי מִיר אִין אָפִּיס וָואס אִיךְ וֶוער מַמָּשׁ קְרַאנְק פוּן אִיר, זִי אִיז אַן אֵיידֶעלֶע צְנִיעוּת'דִיגֶע מֵיידְל, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ סֶעקְרֶעטֶערִים וָואס זֶענֶען שֶׁענֶער אוּן מֶער אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט ווִי אִיר, אָבֶּער אִיךְ פִיל ווִי זִי מַאכְט מִיר דִי מֶערְסְטֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קָאפּ.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ? זָאל אִיךְ צוּמַאכְן מַיין בִּיזְנֶעס? זָאל אִיךְ אִיר אַוֶועקְשִׁיקְן? הֲגַם וָואס אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט אַז אִיךְ וֶועל טוּן עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס, אָבֶּער דִי הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה זֶענֶען דָאךְ עֶרְגֶער פוּן דִי עֲבֵירָה אַלֵיין, אוּן נָאכְדֶערְצוּ אַז חֲזַ"ל זָאגְן "אֵין אַפּוֹטְרוֹפּוֹס לַעֲרָיוֹת".

וָואס טוּ אִיךְ דָא?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דוּ ווייסְט אַלֵיין וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן; אֵיינֶע פוּן דִי צְוֵויי זַאכְן וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט - אָדֶער פַארְמַאכְן דִי בִּיזְנֶעס אָדֶער אַוֶועקְשִׁיקְן דִי סֶעקְרֶעטֶערִים.**

**עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ צָאלְן פַאר מֶענֶער אַרְבֶּעטֶער, ווִי צוּ זִיצְן מִיט פְרוֹיעֶן אוּן דִי גַאנְצֶע צַייט טְרַאכְטְן פוּן נִיאוּף.**

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יוֹמָא כט:): "הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה קָשִׁים מֵעֲבֵירָה", טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת אִיז הַארְבֶּער פוּן טוּן עֲבֵירוֹת; וֶוערְסְט דָאךְ פַארְבְּרֶענְט פוּן דִי סֶעקְרֶעטֶערִים, וָואס פֶּעלְט דִיר אוֹיס דִי גַאנְצֶע צָרָה?!

**נֶעם** אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִיר אִין אָפִּיס; מַאךְ אַ פְּלַאץ פַאר אִים עֶר זָאל מַאכְן רוּעֶן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה בַּיי דִיר - וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט רוּעֶן דִי שְׁכִינָה נָאר אוֹיב דִי פְּלַאץ אִיז רֵיין, אוֹיב אִיז דִי פְּלַאץ נִישְׁט רֵיין - שְׁטֵייט (דְּבָרִים כג, טו): "כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ, לְהַצִּילְךָ וְלָתֵת אֹיְבֶיךָ לְפָנֶיךָ, וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ, וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר, וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אִיר זָאלְט זִיךְ פִירְן הֵיילִיג, וַוייל אוֹיב אִיר וֶועט זִיךְ פִירְן נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג - וֶועל אִיךְ אַוֶועק גֵיין פוּן צְווִישְׁן אַייךְ.

# תתרפג פג

## וָואס טוּט מֶען וֶוען דָאס קִינְד הַאלְט נִישְׁט בַּיים פָאלְגְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִזּוּק. אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן מִיט צְוַויי לִיכְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף, אָבֶּער אִיךְ הָאב אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט דִי עֶלְטֶערֶע פִיר יֶערִיג קִינְד וָואס הֶערְט נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִיר, זִי פָאלְגְט נִישְׁט מִיךְ אוּן נִישְׁט מַיין מַאן.

מִיר הָאבְּן שׁוֹין פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע סָארְט וֶועגְן, אָבֶּער גָארְנִישְׁט אַרְבֶּעט נִישְׁט מִיט אִיר. מִיר הַאלְטְן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, זִי בַּאקוּמְט נִישְׁט אַלֶעס וָואס זִי פַארְלַאנְגְט אוּן דָאס הָאט זִי זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אָנְצוּנֶעמֶען, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ טוּן זַאכְן וָואס מֶען הֵייסְט אִיר, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אָנְטוּן נַאכְט קְלֵיידֶער, נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען דִי בֶּעבִּי אוּן דָאס גְלַייכְן - דַאן אִיז מַמָּשׁ נִישְׁטָא צוּ וֶועם צוּ רֶעדְן; זִי וֶוערְט אַזוֹי אוֹיפְּגֶערֶעגְט אוּן ווִילְד, זִי צֶעבְּרֶעכְט אוּן גִיסְט אוֹיס זַאכְן, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס קֶען אִיר אָפְּשְׁטֶעלְן - אִיז נָאר אַ פַּאטְשׁ.

מִיר וֵוייסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אָבֶּער מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע וֶועג. צוּ גֵיין צוּ חִנוּךְ קְלַאסְן אָדֶער טֶערָאפִּי פַארְן קִינְד - וֵוייסְן מִיר אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הַאלְט נִישְׁט דֶערְפוּן.

בִּיטֶע הֶעלְפְט אוּנְז אַרוֹיס מִיט דֶעם, ווַייל מִיר הַאלְטְן עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען אִיר מַאכְן פָאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אַזוֹי** זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער, אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען ווִילְד אוּן נִישְׁט פָאלְגֶעדִיג; קִינְדֶער וֶוערְן אַזוֹי גֶעבּוֹירְן. עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב יא, יב): "וְעַיִר פֶּרֶא אָדָם יִוָּלֵד", אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת ווִי אַן אֵייזִיל אָן שֵׂכֶל, מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן דִי מִדּוֹת; דִי אַרְבֶּעט פוּן עֶלְטֶערְן אִיז צוּ הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן קֶענֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן.

וָוען די קִינְדֶער זֶענֶען גָאר יוּנְג אִיז דִי צַייט אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן זֵייעֶרֶע נַאטוּרְן, זֵיי זָאלְן פָּאלְגְן; קִינְדֶער פְּרוּבִירְן מִיט אַלֶע מִיטְלֶען אוֹיסְצוּפִירְן אוּן נִישְׁט פָּאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן. עֶלְטֶערְן דַארְפְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן שְׁטַארְקֶע לִינִיעֶס כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן פָּאלְגְן, מֶען דַארְף פְּרוּבִירְן מִיט אַלֶע מִיטְלֶען צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי עַקְשָׁנוּת פוּן דִי קִינְדֶער, אוֹיבּ דַארְף דָאס גֵיין מִיט אַ פֶּעטְשְׁל - גֶעבְּט מֶען אַ פֶּעטְשְׁל, בִּיז דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען זִיךְ אוֹיס צוּ פָּאלְגְן.

דִי אַרְבֶּעט אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער צָאלְט זִיךְ עֶס אוֹיס, אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת אִין חִנּוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, אַז מֶען הֶעלְפְט דִי קִינְדֶער אוֹיסְבֵּייגְן דִי שְׁוֶוערֶע נַאטוּרְן - הָאט מֶען שְׁפֶּעטֶער אַסַאךְ נַחַת פוּן זֵיי; זֵיי וַואקְסְן גֶעזוּנְטֶע מֶענְטְשְׁן אוּן גֵייעֶן אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה.

מִיט דֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט נָאךְ דִי קִינְדֶער, מֶען לָאזְט זֵיי טוּן וָואס זֵיי ווילְן, מִיט דֶעם וֶוערְט מֶען נִישְׁט קַיין בַּאלִיבְּטֶע טַאטֶע מַאמֶע. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ", עֶלְטֶערְן וָואס מוּסָר'ן נִישְׁט דִי קִינְדֶער - דִי הָאבְּן פַיינְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, "וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר", ווידֶערְאוֹים עֶלְטֶערְן וָואס מוּסָר'ן דִי קִינְדֶער - דִי הָאבְּן לִיבּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער. פְרֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שְׁמוֹת רַבָּה א, א) וֶוען עֶלְטֶערְן הֶערְן אַז אֵיינֶער הָאט גֶעשְׁלָאגְן זֵייעֶר קִינְד וֶועלְן זֵיי דָאךְ זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִין יֶענֶעם, ווי קֶען דֶער פָּסוּק זָאגְן אַז דִי עֶלְטֶערְן וָואס שְׁלָאגְן נִישְׁט דִי קִינְדֶער הָאבְּן פַיינְט דִי קִינְדֶער? "לְלַמֶּדְךָ, שֶׁכָּל הַמּוֹנֵעַ בְּנוֹ מִן

הַמַּרְדוּת סוֹף בָּא לְתַרְבּוּת רָעָה וְשׂוֹנְאֵהוּ", וַוייל דִי עֶלְטֶערְן וָואס מוּסָר'ן נִישְׁט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועלְן דִי קִינְדֶער אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, זֵיי וֶועלְן אָפְלָאזְן דִי אִידִישֶׁע וֶועג.

**פַּארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין טָאג; קִינְדֶער טוּישְׁן זִיךְ נִישְׁט אִין אֵיין טָאג, מֶען דַארְף אַקֶערְן אוּן זֵייעֶן בִּיז מֶען שְׁנַיידְט דִי פֵּירוֹת, אָבֶּער אַז מֶען הָאט גֶעדוּלְד - זֶעט מֶען אַסַאךְ נַחַת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תתרפד פד

### פַּארְוָואס גִיסְט מֶען אַרָאפּ וַואסֶער פַּארְן טְרִינְקֶען?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי אַ שִׁעוּר וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גִיסְט אַרָאפּ אַבִּיסְל וַואסֶער פוּנֶעם גְלֶעזְל פַּארְן טְרִינְקֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם אוּן וָואס אִיז דֶער מְקוֹר דֶערְצוּ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן** (חוּלִין קה:) **אַבַּיֵי הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ** פְלֶעג מֵיינֶען אַז דֶער טַעַם פַארְוָואס מֶען גִיסְט אַרָאפּ אַבִּיסְל וַואסֶער פַארְן טְרִינְקֶען אִיז וַוייל עֶס שְׁווִימֶען אִין דִי וַואסֶער שְׁטְרוֹיעֶלֶעךְ אוּן שְׁפֶּענְדֶעלֶעךְ, דֶערִיבֶּער גִיסְט מֶען אַרָאפּ דִי שְׁמוּץ, אָבֶּער רַבָּה מַיין רֶבִּי הָאט מִיר גֶעזָאגְט, דִי טַעַם אִיז: "מִשּׁוּם דְּאִיכָּא מַיִם הָרָעִים", אוֹיבּ שֵׁדִים הָאבְּן גֶעטְרִינְקֶען פוּן דִי וַואסֶער קֶען דָאס שָׁאטְן פַארְן מֶענְטְשׁ, אָבֶּער אַז מֶען גִיסְט אַרָאפּ אַבִּיסְל וַואסֶער - שָׁאדְט דָאס נִישְׁט פַארְן מֶענְטְשׁ.

**אַזוֹי וִוי עֶס הָאט פַּאסִירְט אִין שְׁטוּבּ פוּן רַב פָּפָּא;** עֶס הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט דָארְט אַ שׁ' ד' וָואס פְלֶעגְט מְשַׁמֵּשׁ זַיין רַב פָּפָּא, אֵיינְמָאל וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעשִׁיקְט שֶׁעפְּן וַואסֶער פוּן בְּרוּנֶעם, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר פַארְזוֹימְט אוּן נִישְׁט צוּרִיק גֶעקוּמֶען, שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס הָאסְטוּ זִיךְ אַזוֹי לַאנְג פַארְזוֹימְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי שֵׁדִים טְרִינְקֶען פוּן דִי וַואסֶער, הָאבּ אִיךְ גֶעוַוארְט עֶס זָאל אַוֶועק גֵיין דִי שְׁלֶעכְטֶע וַואסֶער, אִיר זָאלְט נִישְׁט וֶוערְן גֶעשֶׁעדִיגְט", פַארְצֵיילְט דִי גְמָרָא, אַזוֹי רֶעדְנְדִיג הָאט דֶער שׁ' ד' גֶעזֶען וִוי זֵיי הוֹיבְּן

אָן טְרִינְקֶען וואסֶער, און פַאר זֵיי טְרִינְקֶען - גִיסְן זֵיי אַוֶועק אַבִּיסְל וַואסֶער, הָאט דֶער ש' ד' גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ זָאל וִויסְן אַז אִיר גִיסְט אַרָאפּ אַבִּיסְל וַואסֶער פַאר אִיר טְרִינְקְט, וָואלְט אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְזוּימְט, וַוייל דָאס אִיז דִי רְפוּאָה דֶערְצוּ".

**דָאס** אִיז דִי מְקוֹר פַארְוָואס מֶען גִיסְט אַרָאפּ אַבִּיסְל פַאר מֶען טְרִינְקְט וַואסֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תתרפה פה

**וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיין מִשְׁפָּחָה רוֹדְפְ'ט מִיךְ וֶועגְן אוּמַאן?**

### שְׁאֵלָה:

אִיךְ קוּם פוּן אַ לִיטְוִוישֶׁע מִשְׁפָּחָה וָואס אִיז נִישְׁט מַחֲשִׁיב בְּרֶסְלֶב און זֵיי דְרֵייעֶן מִיר כְּסֵדֶר אַ קָאפּ וֶועגְן מַיין מַאן וָואס פָארְט קַיין אוּמַאן. נִישְׁט נָאר דָאס יָאר מִיט קָארָאנֶע, נָאר יֶעדֶעס יָאר אִיז דָא עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וָואס זֵיי זָאגְן מִיר. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז אוֹיב ווִיל אִיךְ זַיין אַ גוּטֶע וַוייבּ טָאר אִיךְ נִישְׁט לָאזְן מַיין מַאן פָארְן, עֶס אִיז אַ סַכָּנָה וְכוּ' וְכוּ'; אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען קֶען זָאגְן צוּ פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ.

אָבֶער דָאס יָאר סְפֶּעצִיעֶל רוּפְן זֵיי מִיר יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט צוּ זָאגְן ווִי סַכָּנָה'דִיג עֶס אִיז, אַז דִי גְרֶענִיץ אִיז פַארְמַאכְט און עֶס אִיז דָאךְ דָא קָארָאנֶע וְכוּ', דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיסְצוּהַאלְטְן; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶענוּג מְנִיעוֹת צוּ שִׁיקְן מַיין מַאן צוּ אַ וַוייטֶע פְּלַאץ אוֹיף יוֹם טוֹב פַאר

אַזוי לַאנְג, עֶס אִיז מִיר שׁוֹין גֶענוּג שְׁוֶוער אָן דִי אַלֶע בִּלְבּוּלִים אוּן פְּחָדִים, דִי רְדִיפוֹת פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה מַאכְט עֶס נָאר עֶרְגֶער.

אוֹיךְ, מַיין מִשְׁפָּחָה אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם לָאזוּנְג: "לֶעבּ אוּן לָאז לֶעבְּן", אוּן גֶעוֶוענְלִיךְ מִישְׁן זֵיי זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְנְ'ס לֶעבְּן זֵיי צוּ זָאגְן וָואס צוּ טוּן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען מַיין בְּרוּדֶער הָאט זִיךְ נֶעבֶּעךְ גֶעדְרֵייט מִיט אַ גוֹי'טֶע, הָאבְּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן אַנְדֶערֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, אוּן וֶוען מִיר הָאבְּן זִיךְ יָא אַרַיינְגֶעמִישְׁט אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר טָאר אִיר נִישְׁט בְּרֶענְגֶען צוּ אוּנְזֶער הוֹיז - אִיז דִי מִשְׁפָּחָה גֶעשְׁפְּרִינְגֶען אוֹיף אוּנְז אַז מִיר הָאבְּן אִים נִישְׁט לִיבּ אוּן מִיר זֶענֶען אִים נִישְׁט מְחַזֵּק, אוּן וִוי אַזוי גֵייט עֶר קֶענֶען צוּרִיק וֶוערְן פְרוּם אוֹיבּ מִיר שְׁטוּפְּן אִים וַוייטֶער וְכוּ' וְכוּ'; אָבֶּער וֶוען מַיין מַאן וִויל פָארְן צוּם צַדִיק, זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּ אִים אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין - אִין דֶעם מִישְׁן זֵיי זִיךְ יָא אַרַיין.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵוי אַז זֵיי שְׁפֵּייעֶן אוֹיף עֶפֶּעס וָואס אִיז אַזוי חָשׁוּב בַּיי אוּנְז. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ גוּטֶע קֶשֶׁר מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן גֶעשְׁוִויסְטֶער, אוּן אִיךְ רֶעד מִיט זֵיי אַסַאךְ. אִיךְ הָאבּ זֵיי שׁוֹין גֶעבֶּעטְן זִיךְ נִישְׁט אַרַיין צוּ מִישְׁן, אָבֶּער עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט; וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זֵייעֶר אַסַאךְ פְרוֹיעֶן וֶוערְן צֶעשְׁטָאכְן פוּן זֵייעֶרע עֶלְטֶערְן וֶועגְן בְּרֶסְלֶב; וֶוען דִי עֶלְטֶערְן וֶוערְן גֶעוואוֹיר אַז דֶער אֵיידֶעם פָארְט קַיין אוּמַאן הוֹיבְּן זֵיי אָן רוֹדְפְ'ן זֵייעֶר טָאכְטֶער,

זַיי לֵייגְן גְרוֹיס דְרוּק זֵי זָאל שְׁטֶעלְן אַ ווִידֶערְשְׁטַאנְד אוּן נִישְׁט לָאזְן דֶעם מַאן פָאַרְן קַיין אוּמַאן.

**אַנְשְׁטָאט** דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז זֵייעֶר טָאכְטֶער אִיז גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן מִיט אִיר מַאן, אַנְשְׁטָאט זַיי זָאלְן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז דֶער אֵיידֶעם פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ, עֶר הָאט אַ רֶבִּי וָואס שְׁטַארְקְט אִים - רוֹדְפְ'ט מֶען דֶעם אֵיידֶעם אוּן דִי טָאכְטֶער; ווִי מֶען קֶען שְׁטֶעכְן גֶעבְּט מֶען אַ שְׁטֶעךְ אוּן ווִי מֶען קֶען מַאכְן אַ ווֵייטָאג מַאכְט מֶען אַ ווֵייטָאג, אָן טְרַאכְטְן ווִי שְׁטַארְק דָאס טוּט וֵויי.

**וָואס** זָאל מֶען טוּן אַז בְּרֶסְלֶב אִיז פַארְשֶׁעמְט? וָואס קֶען מֶען טוּן אַז מֶען רֶעדְט אוֹיפְן רֶבִּי'ן אוּן אוֹיף זַיינֶע תַּלְמִידִים - לָשׁוֹן הָרָע; דָאס מַאכְט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן בְּרֶסְלֶב, דָאס מַאכְט מֶען זָאל מוֹרָא הָאבְּן וֶוען מֶען הֶערְט אַז דִי קִינְדֶער הָאבְּן אַ שַׁייְכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב; אַזוֹי מוּז דָאס גֵיין, עֶס דַארְף זַיין לֵיצָנוּת אוֹיף אַ צַדִיק. אוֹיף אַלֶע אֱמֶת'עֶ צַדִיקִים אִיז דָא לֵיצָנוּת, חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ב, ח): "אֵין דוֹר שֶׁאֵין בּוֹ לֵצָנִים", אִין יֶעדֶע דוֹר זֶענֶען דָא לֵצִים; אַלֶע צַדִיקִים הָאט מֶען גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן מֶען הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף זֵיי.

**יֶעדֶער** פְרִישֶׁער מְקוֹרָב וָואס ווִיל קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם נִסָיוֹן, מֶען טְשֶׁעפֶּעט אוּן מֶען שְׁפֶּעט; אַנְדֶערְשׁ קֶען מֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ נֶעמֶען פוּן רֶבִּי'ן אַלֶע גוּטְס. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת מַעֲשֶׂה ז', מִזְבּוּב וְעַכָּבִישׁ) וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן מִיט זַיין נְשָׁמָה אֵיידֶער זִי אִיז

אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, ווִי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיךְ בַּאשַׁאפְן?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ גֵיי אוּן זוּךְ דִיר אַן עֵצָה", אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטִיטְשְׁקְן אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם, זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "דִי נְשָׁמָה קֶען שׁוֹין אַרָאפְּגֵיין, מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַן עֵצָה", מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דִי עֵצָה זַייעֶרע אִיז לֵיצָנוּת; מֶען שְׁפֶּעט פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן, פוּן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים. דָאס אִיז דִי עֵצָה וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט קֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן, דוּרְכְדֶעם הַאלְטְן זִיךְ מֶענְטְשְׁן אָפּ פוּן מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן.

**דָאס** וָואס אִיר שְׁרַייבְּט פוּן אַייעֶר מִשְׁפָּחָה אַז זֵיי זֶענֶען פְּרַיינְדְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי הָאבְּן דִי שִׁיטָה פוּן 'לֶעבּ אוּן לָאז יֶענֶעם לֶעבְן' וְכוּ' וְכוּ'; דָא קֶענְט אִיר זֶען דָאס פַארְפוֹילְקֵייט פוּן דִי אַלֶע לִינְקֶע וְכוּ' וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ אַרוֹיס מִיט אַ שֵׁיינֶעם פָּנִים אַז מֶען דַארְף יֶעדְן אֵיינֶעם לָאזְן לֶעבְן זַייעֶר וֶועג - ווִי לִינְקְט אוּן פַאלְשׁ דָאס אִיז; וְהָא רַאיָ', וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֶרְלִיכְקֵייט, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ זַיין פְרוּם - דֶעמָאלְט פַארְגֶעסְט מֶען פוּן דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע גֶעמַאכְטֶע שְׁפְּרִיךְ וָוארְט: 'לֶעבּ אוּן לָאז יֶענֶעם לֶעבְן'. דִי פְרוּמֶע מֶענְטְשְׁן מֶעג מֶען טְשֶׁעפֶּען, דִי דַארְף מֶען רוֹדְפְ'ן; פְּלוּצְלוּנְג אִיז נִישְׁטָא דֶער בַּאגְרִיף 'לֶעבּ אוּן לָאז יֶענֶעם לֶעבְן', יֶעדְן אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין, מֶען דַארְף יֶעדְן אֵיינֶעם לָאזְן טוּן וָואס זֵיי ווִילְן

- בִּיז דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס וִויל גָארְנִישְׁט, עֶר וִויל נָאר טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט; אִים רַייסְט מֶען אַרָאפּ, בַּיי אִים אִיז מֶער נִישְׁטָא 'לֶעב אוּן לָאז יֶענֶעם לֶעבְּן', אִים דַארְף מֶען נִישְׁט רֶעסְפֶּעקְטִירְן וְכוּ'.

**דַאנְקְט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַ וואוּילֶער מַאן; לֶעבְּט מִיט אִים, זַייט אִים מְכַבֵּד, זַייט אִים מְחַזֵּק עֶר זָאל פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּט יָאר פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן וֶוען אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן טְשֶׁעפֶּען אַייךְ זָאלְט אִיר גָארְנִישְׁט עֶנְטְפֶערְן; טַעְנָה'ט זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי, זָאגְט זֵיי אַז אִיר דַארְפְט טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט, אַ פְּרוֹי דַארְף טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם מַאן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תתרפו פו

### אוֹיבּ רֶעדְט מֶען לָשׁוֹן הָרָע, פַארְלִירְט מֶען אַלֶע זְכוּתִים?

### שְׁאֵלָה:

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז וֶוען מֶען רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע גֵייעֶן אַלֶע מִצְווֹת אוּן זְכוּתִים צוּ דֶעם אוֹיף וֶועם מֶען הָאט גֶערֶעדְט.

אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן גֶעהֶערְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר פְרוֹיעֶן, ווִי מֶען הָאט גֶערֶעדְט אַז דִי פְּרוֹיעֶן קוּמֶען מִיט

פֶּעק און זֶעק פול מִיט זְכוּתִים פון גִּדוּל בָּנִים, טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה און נָאךְ. איךְ אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער אויף שְׁמִירַת הַלָּשׁוֹן, אָבֶער פון מָאל צו מָאל קֶען מֶען אַרָאפְּפַאלְן, דָאס מֵיינְט אַז איךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין זְכוּתִים? אֶפְשָׁר רֶעד איךְ לָשׁוֹן הָרָע בְּטָעוּת אין חוֹדֶשׁ אֱלוּל זֶעלְבְּסְט, מֵיינְט דָאס אַז איךְ הָאבּ נָאר אַפָּאר וָואכְן פון זְכוּתִים, נִישְׁט פון דִי גַאנְצֶע יָאר?

דִי שְׁאֵלָה נֶעמְט מִיר מַמָּשׁ צו מַיין מְנוּחַת הַנֶּפֶשׁ. איךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אויבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

## איךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אין סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים (חוֹבַת הַלְּבָבוֹת שַׁעַר הַכְּנִיעָה פֶּרֶק ז, און אין נָאךְ סְפָרִים) אַז וֶוען מֶען רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע אויף אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ - נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַלֶע מִצְווֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים פון דֶער מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע און מֶען טְרָאגְט עֶס פַארְן מֶענְטְשׁ וָואס מֶען רֶעדְט אויף אִים שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי אויךְ נֶעמְט מֶען אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס יֶענֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוֹן און מֶען בְּרֶענְגְט עֶס צו דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע; מִיט דֶעם טַייטְשְׁט מֶען, דָּוִד הַמֶּלֶךְ קְרֶעכְצְט (תְּהִלִּים סט, יג): "יָשִׂיחוּ בִי יֹשְׁבֵי שָׁעַר, וּנְגִינוֹת שׁוֹתֵי שֵׁכָר", דִי אַלֶע וָואס זִיצְן אין דִי גַאסְן און דִי אַלֶע וָואס טְרִינְקֶען אין טְרִינְק הַייזֶער - רֶעדְן אויף מִיר שְׁלֶעכְטְס; דָּוִד הַמֶּלֶךְ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס אַז דִי אַלֶע

וָואס רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִים זֶענֶען לֵיידִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין מִצְוֹות, קוּמְט אוֹיס אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט מַרְוִיחַ פוּן דֶעם, עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּצוּנֶעמֶען פוּן זַייעֶרע מִצְוֹות.

**אָבֶער** וִויסְן זָאלְט אִיר, אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען הָאט חֲרָטָה אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אוּן מֶען נֶעמְט זִיךְ פָאר מֶער נִישְׁט צוּ רֶעדְן - דֶעמָאלְט בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק אַלֶע מִצְוֹות אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים. אַזוֹי בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (סֵפֶר דִּבְרֵי יוֹאֵל פָּרָשַׁת מְצוֹרָע, דַּף תנא): "אָמְנָם אִם הַמְסַפֵּר לָשׁוֹן הָרָע חוֹזֵר בִּתְשׁוּבָה", אוֹיבּ דֶער וָואס רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע טוּט תְּשׁוּבָה, "אֲזַי שָׁבִים כָּל מִצְוֹתָיו אֵלָיו", דֶעמָאלְט קוּמֶען צוּרִיק אַלֶע מִצְוֹות צוּ אִים, "וְהַכֹּל עַל מְקוֹמוֹ הָרִאשׁוֹן יָבֹא", אוּן אַלֶעס וֶוערְט צוּרִיק אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר.

**דֶערִיבֶּער** אַז אִיר הָאט מוֹרָא וָואס וֶועט זַיין מִיט אַלֶע אַייעֶרע זֶעק אוּן פֶּעק פוּן מִצְוֹות אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן אַ גַאנְץ יָאר וָואס אִיר הָאט פַארְלוֹירְן וֶוען אִיר הָאט גֶערֶעדְט שְׁלֶעכְטְס וְכוּ'; אוֹיבּ אִיר טוּט תְּשׁוּבָה, אִיר נֶעמְט זִיךְ פָאר מֶער נִישְׁט צוּ רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַנְדֶערֶע אוּן אִיר בֶּעט אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיר הָאט וַויי גֶעטוּן - וֶועט צוּרִיק קוּמֶען צוּ אַייךְ אַלֶע אַייעֶרע מִצְוֹות אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תתרפז פז

## זָאל אִיךְ טוּישְׁן דִי רֶבִּי'שֶׁע לְבוּשׁ פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ רֶבִּי'שׁ קִינְד אוּן אִיךְ גֵיי מִיט שְׁוַוארְצֶע זָאקְן וַוייל אַזוֹי גֵייט מַיין מִשְׁפָּחָה, אִיךְ הָאבּ עֶס אָבֶּער זֵייעֶר פַּיינְט, אִיךְ קֶען עֶס מַמָּשׁ נִישְׁט לַיידְן, אוּן אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט טוּישְׁן צוּ נָארְמַאלֶע לַאנְגֶע הוֹיזְן וִוי יֶעדֶער אֵיינֶער.

מֶעג אִיךְ טוּישְׁן דִי לְבוּשׁ צוּ זַיין אַנְדֶערְשׁ פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אַז עֶס זָאל מִיר נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק שְׁטֶערְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וָואס** אִיז דַיין פְּרַאגֶע - צִי דוּ מֶעגְסְט אוֹיסְטוּן דַיין לְבוּשׁ, אָדֶער צִי דוּ זָאלְסְט עֶס אוֹיסְטוּן? מֶעגְן מֶעגְסְטוּ, נִישְׁטָא קַיין הֲלָכָה אִין דֶעם, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַ הֲלָכָה אַז מֶען מוּז גֵיין הַאלְבֶּע הוֹיזְן וְכוּ'; צִי דוּ זָאלְסְט עֶס אוֹיסְטוּן? - דָאס אִיז שׁוֹין עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אוֹיף דֶעם זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט ווִיסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, זָאלְסְט גֵיין אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג.

מִיט אַסאךְ דַאוֶונֶען, מִיט אַסאךְ הִתְבּוֹדְדוּת - וֵוייסְט מֶען ווי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. דַאוֶונֶען און הִתְבּוֹדְדוּת אַרְבֶּעט אוֹיס דֶעם מֶענְטְש, עֶס קְלָארְט אוֹיס דֶעם מֹחַ, אוֹיךְ נֶעמְט עֶס אַוֶועק דִי הֵייסֶע בְּלוּט וָואס מַאכְט מַחְלֹקֶת וְכוּ'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן עה): "דְּהִנֵּה, יֵשׁ מִדַּת נִצָּחוֹן וּמַחֲלֹקֶת וּמִלְחָמָה, וּמֵהֵיכָן בָּא מִדָּה זוֹ, מִדָּמִים שֶׁעֲדַיִן לֹא עָבַד בָּהֶם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דִי מִידוֹת פוּן נִצָּחוֹן, מַחְלֹקֶת און מִלְחָמוֹת קוּמְט פוּן דִי הֵייסֶע בְּלוּט וָואס דֶער מֶענְטְש הָאט נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, "וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְבַטֵּל מִדַּת הַנִּצָּחוֹן וְהַמַּחֲלֹקֶת", מֶען דַארְף אוֹיסאַרְבֶּעטְן דִי בְּלוּט עֶס זָאל זַיין רֵיין פוּן דִי אַלֶע תַּאֲווֹת, "וְלִרְדֹּף אַחַר הַשָּׁלוֹם", מֶען דַארְף זוּכְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם, "וְזֶה זוֹכִין עַל יְדֵי שֶׁיְּדַבֵּר הַרְבֵּה בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לְשָׁלוֹם", דוּרְךְ תּוֹרָה און תְּפִלָּה וֶוערְט דֶער מֶענְטְש אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט פוּן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, מֶען וֶוערְט אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְש, מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם און בְּעִקָּר מִיט זִיךְ אַלֵיין; מֶען אִיז צוּפְרִידְן ווי אַזוֹי מֶען אִיז.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד וָואס מֶען הָאט אִים גֶעהֶערְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער יֶעצְט קוּמְט ווינְטֶער, עֶס גֵייט זַיין זֵייעֶר קַאלְט, אִיךְ דַארְף הָאבְּן פֵיינֶע וַוארֶעמֶע שְׁטִיוְול. און אוֹיבּ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַארְף עֶס נִישְׁט הָאבְּן נֶעם עֶס אַרוֹיס פוּן מַיין קָאפּ, מַאךְ אִיךְ זָאל דָאס נִישְׁט וֶועלְן"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַיין מִשְׁפָּחָה גֵייט אָנְגֶעטוּן

אַזוֹי אוּן אַזוֹי, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ דִי וֶועג, אִיךְ עֶקְל זִיךְ פוּן דֶעם; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל וִויסְן וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ טוּן, אוֹיבּ אִיךְ זָאל דָאס אוֹיסְטוּן. אוּן אוֹיבּ אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן מִיט דֶעם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל דָאס לִיבּ הָאבְּן, עֶס זָאל מִיר נִישְׁט אָנְגֵיין וְכוּ' וְכוּ'".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

## תתרפח פח

**ווִי אַזוֹי הֶעלְף אִיךְ מַיין קִינְד נִישְׁט צוּ וֶוערְן אִין כַּעַס?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה וֶועגְן מַיין טָאכְטֶער וָואס אִיז אַ יָאר אוּן אַ הַאלְבּ אַלְט. זִי אִיז קַיין עַיִן הָרַע זֵייעֶר אַ זִיס קִינְד, אָבֶּער זִי וֶוערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיפְגֶערֶעגְט זֵייעֶר גְרִינְג אוּן זִי קֶען זִיךְ נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן.

אִיךְ אַלֵיין אַרְבֶּעט זֵייעֶר אַסַאךְ אוֹיף מַיין אֵייגֶענֶע כַּעַס, אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אוּן אַסַאךְ אַסַאךְ תְּפִלָּה בִּין אִיךְ אַסַאךְ בֶּעסֶער הַיינְט, אוּן אֲפִילוּ אַזוֹי הָאבּ אִיךְ נָאכְאַלְץ וָואס צוּ דַאוֶוענֶען אוֹיף וַוייטֶער.

ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיר הֶעלְפְן צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי מִדָּה וֶוען זִי אִיז נָאךְ יוּנְג, עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן עֶרְגֶער אוּן שְׁוֶוערֶער?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**מוֹהֲרָא"שׁ** זָאגְט, יֶעדֶע מַאשִׁין אוּן יֶעדֶע חֵפֶץ וָואס מֶען קוֹיפְט קוּמְט מִיט מִיטְן מַאשִׁין - אָנְוַוייזוּנְגֶען (אִינְסְטְרָאקְשֶׁנְס) ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ בַּאנוּצְן דֶערְמִיט, אַנְדֶערְשׁ אִיז מִיט קִינְדֶער, קִינְדֶער קוּמֶען אָן קַיין אָנְוַוייזוּנְגֶען; וֶוען קִינְדֶער הוֹיבְּן אָן אוּנְטֶער וַואקְסְן וֵוייסְט מֶען נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין, עֶלְטֶערְן וֵוייסְן נִישְׁט ווִי אַזוֹי אוֹיפְצוּהָאדֶעוֶועֶן דִי קִינְדֶער, אוּן אֲפִילוּ מֶען וֵוייסְט שׁוֹין יָא ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן אוּן ווִי אַזוֹי צוּ בַּאהַאנְדְלֶען אַ קִינְד, מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז דֶער מִיטְל אוּן מֶעטָאד אַרְבֶּעט בַּיי אַלֶעמֶען, יֶעדֶע קִינְד אִיז אַן אַנְדֶערֶע וֶועלְט, יֶעדֶע קִינְד אִיז אַן אַנְדֶערֶע גֶעשִׁיכְטֶע, דִי מִיטְלֶען וָואס אַרְבֶּעט בַּיי אֵיינֶעם אַרְבֶּעט נִישְׁט בַּיים צְוֵוייטְן.

**אֵיין** עֵצָה אִיז דָא פַּאר עֶלְטֶערְן, עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע קִינְד בַּאזוּנְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן; ווִי מֶער מֶען בֶּעט, ווִי מֶער מֶען וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַלְץ מֶער נַחַת זֶעט מֶען.

**מוֹהֲרָא"שׁ** דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד וָואס הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "ווִי אַזוֹי הָאסְטוּ זוֹכֶה

גֶעוועֶן אַז אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס מֵיינְט אִיר, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרָאפְּגֶעריסְן פוּן בּוֹים?! אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ טְרֶערְן פַארְגָאסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי; אִיךְ פְלֶעג וֵויינֶען יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער,
דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוועֶן צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תתרפט פט

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ חָתָן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְן מִיר גֶעבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ אַן עֶרְנְסְטֶע שְׁאֵלָה, אִיךְ חַלֶשׁ צוּ בַּאקוּמֶען אַ שִׁדוּךְ, אַ בָּחוּר וָואס אִיז אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה, אָדֶער אֵיינֶער וָואס הֶערְט דִי שִׁעוּרִים פוּן יְשִׁיבָה, אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן צוּ לֶעבְּן מִיט אֵיינֶעם וָואס אִיז נִישְׁט מְקוּרָב; וָואס טוּ אִיךְ? אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק אוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן אִיְנְגַאנְצְן נִישְׁט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז נִישְׁט אַזוֹי ווִי אִיר מֵיינְט; מֵיינְט נִישְׁט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער ווָאס הֶערְט דִי שִׁעוּרִים, אָדֶער יֶעדֶער ווָאס לֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה - פָאלְגְט דִי שִׁעוּרִים אוּן נֶעמְט דָאס פַארְן לֶעבְּן. מֶען קֶען זִיךְ דְרֵייעֶן אִין אַ גוּטֶע פְּלַאץ אוּן נִישְׁט טוּן ווָאס מֶען רֶעדְט אִין דֶעם גוּטְן פְּלַאץ; אִיר זָאלְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶער מַאן, אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, אַ פְרֵיילִיכֶע שְׁטוּבּ; דָאס אִיז דֶער עִקָר ווָאס אַ מֵיידְל דַארְף בֶּעטְן.

**אִיר** ווֵייסְט אַוַדַאי ווָאס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ז): "מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד שֶׁהָיָה נָשׂוּי לַחֲסִידָה אַחַת וְלֹא הֶעֱמִידוּ בָּנִים זֶה מִזֶּה, אָמְרוּ, אֵין אָנוּ מוֹעִילִים לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלוּם, עָמְדוּ וְגֵרְשׁוּ זֶה אֶת זֶה", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד ווָאס אִיז גֶעוֶוען חֲתֻנָּה גֶעהַאט צוּ אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, עֶס אִיז אַרִיבֶּער לַאנְגֶע יָארְן ווָאס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעגַטְ'ן, "הָלַךְ זֶה וְנָשָׂא רְשָׁעָה אַחַת, וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ רָשָׁע", דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט חֲתֻנָּה גֶעהַאט מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי אוּן זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ רָשָׁע, "הָלְכָה זֹאת וְנִשֵּׂאת לְרָשָׁע אֶחָד וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ

צַדִּיק", אוּן דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹי הָאט חֲתֻנָּה גֶעהַאט מִיט אַ רָשָׁע אוּן זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, "הֱוֵי שֶׁהַכֹּל מִן הָאִשָּׁה", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דִי פְרוֹי.

**אַז** אִיר לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיר לֶעבְּט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן אִיר הָאט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען צַאמְפְּלֶעכְטְן דִי וֶועלְט מִיט יֶענֶע וֶועלְט - וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ וַוארֶעמֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ צוּזַאמֶען מִיט אַייעֶר מַאן, נִישְׁט קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד וואוּ עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

**קְרִיגְט** אַייךְ נִישְׁט מִיט אַייעֶרע עֶלְטֶערְן; גֶעבְּט אַייךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר ווִילְט חֲתֻנָּה הָאבְּן, אִיר ווִילְט הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ; וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּן מִיט אַייךְ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תתרצ צ

## מֶעג איך טְרָאגְן מַיינֶע קִינְדֶער צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הִיטְן נִישְׁט אִידִישְׁקֵייט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁטְ ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעווַאלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, וָואס גֶעבְּן מִיר מַמָּשׁ חַיּוּת צוּם לֶעבְּן, עֶס מַאכְט מִיר פְרֵיילִיךְ דָאס לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ צְוֵויי זַאכְן צוּ פְרֶעגְן, עֶרְשְׁטְנְס, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער, מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען אָבֶּער לֵיידֶער נָאךְ פְרֵיי, זֵיי הִיטְן נִישְׁט קֵיין תּוֹרָה וּמִצְוֹת, זֵיי הָאבְּן טֶעלֶעווִיזְיֶע אִינֶדֶערְהֵיים, ווִי אוֹיךְ צְוֵויי קָאמְפְּיוּטֶערְס, צְוֵויי טֶעבְּלֶעטְס, צְוֵויי סְמַארְטְפָאוֹנְס אוּן אַלֶעס אִיז אָפְן גֶעהֶערִיג צוּ דִי אִינְטֶערְנֶעט, אוּן כָאטְשׁ וָואס אִיךְ בִּין זֵיי מְכַבֵּד, אִיךְ רֶעד צוּ זֵיי אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן יֶעדְן טָאג אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר אַרִיבֶּערְצוּגֵיין צוּ זֵיי פוּן צַייט צוּ צַייט - הָאבּ אִיךְ אָבֶּער מוֹרָא פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן צוּטְרִיט צוּ דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ טְרַאכְט אִיךְ וָואס וֶועט זַיין אִין אַפָּאר יָאר אַרוּם, אוֹיבּ אִיךְ וֶועל זֵיי קֶענֶען לַאדֶענֶען צוּ קוּמֶען וואוֹינֶען נֶעבְּן מִיר, אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן; ווִי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען מִיט אַזַא זַאךְ?

דִי צְווֵייטֶע זַאךְ ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן, אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה' גֶעוֶוענְלִיךְ פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג, וֶוען אִיךְ וַוארְט אָבֶּער אַ קִינְד, אוּן נָאכְן הָאבְּן אַ קִינְד - פַאל אִיךְ אַרַיין אִין אַ שְׁוֶוערֶע דֶעפְּרֶעסְיֶע, אִיךְ וֶוער זֵייעֶר נֶערְוֶועז, אוּן אִיךְ בִּין פוּל מִיט נֶעגַאטִיוֶוע מַחְשָׁבוֹת; וָואס קֶען מֶען טוּן אִין אַזַא מַצָב? זָאל אִיךְ נֶעמֶען מֶעדֶעצִין פַאר דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י"ח אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אִיר** קֶענְט זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי גְרוֹיס אִיז דִי מִצְוָה פוּן כִּבּוּד אָב וָאֵם; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:): "שְׁלֹשָׁה שֻׁתָּפִין הֵן בָּאָדָם, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אָבִיו, וְאִמּוֹ, בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילוּ דַּרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי", דְרַיי שׁוּתְּפִים אִיז דָא אִינֶעם מֶענְטְשׁ - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, טַאטֶע אוּן מַאמֶע; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד זַיינֶע עֶלְטֶערְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "אִיךְ קוּם וואוֹינֶען צְווִישְׁן אַייךְ אוּן אִיךְ רֶעכְן דָאס אַזוֹי וִוי אִיר זֶענְט מִיךְ מְכַבֵּד".

**זַייט** וַוייטֶער מְכַבֵּד אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אֲפִילוּ זֵיי פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף דִי אִידִישֶׁע וֶועג; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תָּנָא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק כו): "כָּל הָעוֹלָם כּוּלוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז מַיינְס - אִיךְ הָאבּ עֶס בַּאשַׁאפְן, אִיךְ בֶּעט פוּן עֶנְק נָאר אֵיין זַאךְ, אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע.

**אִין** דִי זֶעלְבֶּע צַייט גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן; אִיר זָאלְט בֶּעטְן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן שֵׁיינֶערְהֵייט - אוֹיבּ עֶס אִיז זֵיי נִישְׁט שְׁוֶוער - אַוֶועקְצוּלֵייגְן דִי זַאכְן וֶוען אִיר קוּמְט מִיט דִי קִינְדֶער. נִישְׁט אִיר זָאלְט זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין; אִיר טָארְט נִישְׁט מְחַנֵּךְ זַיין אַייעֶרֶע

עֶלְטֶערְן, נָאר זַייט זֵיי מַסְבִּיר אַז אִיר פְּרוּבִּירְט אוֹיפְצוּצִיעֶן דִי קִינְדֶער וַוייט פוּן דִי זַאכְן, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט פוּן קַיין טֶעלֶעוִויזְיֶע אוּן קָאמְפְּיוּטֶער וְכַדוֹמֶה, אוֹיבּ אִיז מֶעגְלִיךְ וֶוען אִיר קוּמְט זָאל מֶען דָאס נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען.

**אַז** אִיר וֶועט מְכַבֵּד זַיין אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וֶועט עֶס גָארְנִישְׁט שָׁאטְן פַאר דִי קִינְדֶער, אַדְרַבָּה אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים וּבְנֵי בָּנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְווֹת.

**אִיר** זָאלְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ אַייעֶרֶע קִינְדֶער פוּן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן מִיט כָּבוֹד אוּן עֶהְרֶע. וֶוען דִי קִינְדֶער פְּרֶעגְן אַייךְ כָּל מִינֵי פְרַאגֶעס: "פַארְוָואס טוּט זֵיידֶע דָאס?" "פַארְוָואס טוּט בַּאבִּי דָאס?" זָאלְט אִיר זֵיי שֵׁיין גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין: "זֵיידִי אוּן בַּאבִּי וֵוייסְן נִישְׁט פוּן דִי תּוֹרָה, זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת'עֶר, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְאֵיינֶעם, 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף זֵיידִי אוּן בַּאבִּי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, זֵיי זָאלְן הִיטְן דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹות'", אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

**אוֹיף** אַייעֶר צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע; אִיר קֶענְט נֶעמֶען מֶעדֶעצִין פַאר דֶעם, וֶועט אִיר זַיין מֶער פְרֵיילִיךְ, עֶס וֶועט אַייךְ זַיין גְרִינְגֶער צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּ דִי כּוֹחוֹת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן בִּזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן כִּבּוּד אָב וָאֵם זָאלְט אִיר זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן הָאבְּן נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תתרצא צא

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין יוּנְגֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַּארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וָואס הָאט מִיר מַמָּשׁ גֶעגֶעבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן, אַ נֵייעֶ מֹחַ, פָּשׁוּט שֵׂכֶל! אִיךְ לֶעב מִיט אֱמוּנָה, תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ רֶעד שֵׁיין אִין שְׁטוּב צוּ טַאטֶע מַאמֶע, אִיךְ פָאלְג זֵיי אוֹיפְן רֶגַע, אַ זַאךְ פוּן וָואס זֵיי שֶׁעפְּן פִיל נַחַת פוּן מִיר.

אִיךְ הָאבּ אַ זַאךְ וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם, אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוֶועסְטֶער וָואס אִיז יוּנְגֶער פוּן מִיר, אוּן אִיךְ וֶועל זָאגְן דֶעם אֱמֶת אַז אִיךְ הָאבּ אִיר נִישְׁט לִיבּ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ אִיר נַאטוּר, אִיךְ זוּךְ אַלְץ נִישְׁט צוּ זַיין מִיט אִיר צוּזַאמֶען, אוּן נִישְׁט זִיצְן נֶעבְּן אִיר. אִיךְ וֵויים נִישְׁט וֶוער עֶס מַאכְט נֶערְוֶועז וֶועמֶען, אָבֶּער דִי מְצִיאוּת אִיז אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי לִיבּ אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹיפִיל מָאל אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען קַבָּלוֹת צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר, אִיר פָאלְגְן וָואס זִי בֶּעט מִיר אוּן אִיר עֶנְטְפֶערְן שֵׁיין, עֶס אִיז מִיר אָבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוער. אִיךְ רֶעג זִיךְ אוֹיף אַזוֹי שְׁנֶעל וֶוען זִי רֶעדְט צוּ מִיר, אִיךְ דַארְף זִיךְ אַיינְהַאלְטְן מִיט אַיינֶערְנֶע כּוֹחוֹת צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר, אוּן אַז אִיךְ רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר אִיז עֶס נָאר וַוייל אִיךְ אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף מִיר.

אִיךְ וִויל אַן עֵצָה, אִיךְ וִויל וִויסְן צִי אִיךְ וֶועל נָאךְ קֶענֶען אַמָאל זִיצְן אוּן שְׁמוּעסְן מִיט אִיר שֵׁיין אַזוֹי וִוי צְוֵויי גוּטֶע פְרֵיינְד.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י"ח אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**עֶס** דַארְף אַייךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז אִיר קוּמְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס מִיט אַייעֶר יוּנְגֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער. עֶס אִיז דָא בַּיי אַסַאךְ יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן דֶעם גֶעפִיל; מֶען לוֹיפְט אַוֶועק פוּן דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער, מֶען וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן זֵיי. רוֹב מָאל קוּמְט דֶער גֶעפִיל וַוייל מֶען מֵיינְט אַז מֶען טְרָאגְט דִי אַחֲרָיוּת אוֹיף זֵיי, מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען וֶועט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט פוּן זֵייעֶר רֶעדְן, פוּן זֵייעֶר אוֹיפְפִירוּנְג אוּן דָאס גְלַייכְן.

**אַז** אִיר וֶועט אַריינְנֶעמֶען אִין זִיךְ אַז אִיר טְרָאגְט נִישְׁט קַיין אַחֲרָיוּת ווִי אַזוֹי אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער פִירְט זִיךְ אוֹיף, עֶס אִיז נִישְׁט אַייעֶר אַחֲרָיוּת ווִי אַזוֹי זִי פִירְט זִיךְ - וֶועט אַייךְ זַיין גְרִינְגֶער אִיר אוֹיפְפִירוּנְג, אִיר וֶועט קוּקְן אוֹיף אִיר ווִי מֶען קוּקְט אוֹיף אַ פְרֶעמְדֶע מֵיידְל, וֶועט עֶס אַייךְ נִישְׁט אַזוֹי נֶערְוֶועז מַאכְן.

**וֶוען** אִיר מַאכְט קַבָּלוֹת, אִיר ווִילְט זַיין גוּט; דַארְפְט אִיר נִישְׁט מַאכְן קַבָּלוֹת צוּ פָאלְגְן אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער אוּן צוּ טוּן וָואס זִי בֶּעט אַייךְ, פָאלְגְן זָאלְט אִיר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן פָאלְגְן דַארְף מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**בֶּעטְס** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַלֶעמֶען, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק

זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּפִלָּה קֹדֶם הַתְּפִלָּה): "וְשֶׁנְּדַבֵּר כָּל אֶחָד אֶת חֲבֵרוֹ בַּדֶּרֶךְ הַיָּשָׁר וְהָרָצוּי לְפָנֶיךָ", אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ מַיינֶע פְרַיינְד שַׁיין, "וְאַל יַעֲלֶה בְּלִבֵּנוּ שׁוּם שִׂנְאָה מֵאֶחָד עַל חֲבֵרוֹ חָלִילָה", אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן.

וִוי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט מֶען מֶער אוּן מֶער אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט; עֶס בַּאדֶערְט שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹיפִיל זַאכְן, עֶס שְׁטֶערְט נִישְׁט מֶער דִי זַאכְן וָואס פְלֶעגְן שְׁטֶערְן בִּיז אַהֶער. רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַזוֹי וִוי דָאס כָּשֵׁר מַאכְן פְלֵייש, מֶען זַאלְצְט דִי פְלֵייש אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דִי בְּלוּט, דָאס זֶעלְבֶּע אִיז הִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט אִים עֶר זָאל הֶעלְפְן אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת פוּן זִיךְ, דוּרְכְדֶעם גֵייט אַרוֹיס דִי גַאנְצֶע שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּר אוּן מֶען וֶוערְט אַ כָּשֵׁר שְׁטִיקְל פְלֵייש, מֶען וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# תתרצב צב

## אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה?

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן אוּן שִׁעוּרִים, עֶס אִיז מַמָּשׁ מְחַיֶ' נְפָשׁוֹת.

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם מַקְפִּיד צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז אִיךְ הָאבּ דָארְט נִסְיוֹנוֹת אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם; אַסַאךְ מָאל פַאל אִיךְ אַדוּרְךְ אוּן אִיךְ הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן, דָאס מַאכְט מִיךְ טְרַאכְטְן צִי עֶס אִיז נִישְׁט עֶנְדֶערְשׁ אִיךְ זָאל נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן, אָדֶער אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ זִיךְ מַאכְן אַן אֵייגֶענֶע מִקְוֶה בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים?

דָאס שְׁטֶערְט מִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן וִוי שְׁנֶעלֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ"ב אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**פוּן גוּטְס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין שְׁלֶעכְטְס; מִקְוֶה אִיז נִישְׁט דַיין פְּרָאבְּלֶעם, דֶער וָואס הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן הָאט צָרוֹת בִּיזְן מִקְוֶה אוּן נָאכְן מִקְוֶה וְכוּ'. נִישְׁט מִקְוֶה אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם, מִקְוֶה וֶועט דִיר נָאר רֵיינִיגְן אוּן בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין סְפֵקוֹת צוּ גֵיין אִין גַאס אָדֶער גֵיין אַיינְקוֹיפְן אִין גֶעשֶׁעפְטְן וְכוּ' וֶוען דוּ וֶוערְסְט נִכְשָׁל אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם; דָארְט וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט טְרַאכְטְן צִי דוּ מֶעגְסְט גֵיין, דָארְט דַארְפְסְטוּ מַאכְן גְּדָרִים וּסְיָגִים - נִישְׁט צוּ גֵיין אִין גוֹי'אִישֶׁע גֶעשֶׁעפְטְן וואוּ עֶס אִיז אוֹיסְגֶעלֵייגְט אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע בִּילְדֶער, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

זֵיי מַקְפִּיד צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה; מִקְוֶה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, רֶבִּי נָתָן הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ טוֹבֵל'ן יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה וֶועט הָאבְן אַ תִּקְוָה, עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. בִּשְׁעַת דִי טוֹבֵלְ'סְט זִיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן שְׁטִילֶערְהֵייט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאב רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זְוער פַארְבְּרֶענְט פוּן תַּאֲוֹת נִיאוּף, רַאטֶעוֶוע מִיר", אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן וֶוען דוּ טוֹבֵלְ'סְט זִיךְ, צְוִוישְׁן דִי טְבִילוֹת - וֶועסְטוּ בַּיים סוֹף אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דֶעם.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## תתרצג צג

### וְוִי אַזוֹי הֵייבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיף נָאכְן דוּרְכְפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פַאל לֵיידֶער אַדוּרְךְ אִין דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעשָׁאסְן,

אִיךְ פִּיל ווִי דִי װֶעלְט עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיר, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם בִּשְׁלֵמוּת? ווִי אַזוֹי קֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְהֵייבְּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ד' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**ווִיסְן** זָאלְסְטוּ, דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקְלִיךְ, עֶס הַרְגְ'עֶט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַלֶע װֶעגְן; מֶען פַארְלִירְט דִי גֶעזוּנְט אוּן מֶען פַארְלִירְט דִי פַּרְנָסָה.

**דֶער** זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פִּנְחָס רמד:): "מַאן דְמִזַלְזֵל בְּפִרוּרִין דְנַהֲמָא, עֲנִיוּתָא רָדִיף אֲבַתְרֵיהּ", װֶער עֶס וַוארְפְט אַרָאפּ בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן בְּרוֹיט װֶעט עֶר זַיין אַן אָרֶעמַאן, "כָּל שֶׁכֵּן מַאן דְמִזַלְזֵל בְּפִירוּרִין דְמוֹחָא", אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אוֹיבּ מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - פַארְלִירְט מֶען דָאס מַזָל אוּן מֶען װֶערְט אַן אָרֶעמַאן.

**מֶען** װֶערְט זֵייעֶר בְּעַצְבוּת וּבְמָרָה שְׁחוֹרָה, מֶען װֶערְט אַ שִׁבְרֵי כֵּלִי, אַ צֶעבְּרָאכֶענֶער מֶענְטְשׁ. אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נ): "וְזֶה בְּחִינַת חוֹלַאַת שֶׁקּוֹרִין בְּרֶעכֶענִישׁ, רַחֲמָנָא לִצְלָן, שֶׁשּׁוֹבֵר עֲצָמוֹת שֶׁל אָדָם", פוּן דִי עֲבֵירָה קוּמְט דִי מַחֲלָה וָואס הֵייסְט 'בְּרֶעכֶענִישׁ' - דֶער מֶענְטְשׁ

וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקְלֶעךְ אוּן שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין זַיין לֶעבְּן, מֶען פַארְלִירְט דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

**אָבֶער** אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען בַּאקוּמְט צוּרִיק אַלֶעס, מֶען וֶוערְט גֶעזוּנְט, מֶען בַּאקוּמְט צוּרִיק פַּרְנָסָה אוּן מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תנג): "אִם הָיִיתִי עוֹבֵר חַס וְשָׁלוֹם עֲבֵרָה גְּדוֹלָה בְּיוֹתֵר", אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם עוֹבֵר זַיין דִי גְרֶעסְטֶע עֲבֵירָה, "אַף עַל פִּי כֵן לֹא הָיְתָה הָעֲבֵרָה מַשְׁלֶכֶת אוֹתִי כְּלָל", וָואלְט דָאס מִיר גָאר נִישְׁט אַרָאפּ גִיוָוארְפְן, "רַק הָיִיתִי אַחַר הָעֲבֵרָה אִישׁ כָּשֵׁר כְּמוֹ קֹדֶם", אִיךְ וָואלְט נָאךְ דֶעם גְוֶוען אַזוֹי אֵיין עֶרְלִיכֶער יוּד וִוי פְּרִיר, "רַק אַחַר כָּךְ הָיִיתִי עוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה", דֶערְנָאךְ וָואלְט אִיךְ תְּשׁוּבָה גִיטָאן.

**וַויין** זִיךְ אוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין, זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ אוּן בַּיים סוֹף פַאלְסְטוּ אַרָאפּ - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין. מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דֶעם אַזוֹי וִוי מֶען גְלֵייבְּט אַז מֶען קֶען מְקַלְקֵל זַיין; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס, גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט פַארֶעכְטְן.

זָאג דִי תְּפִלָּה וֶועסְטוּ אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע דִינִים:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אַז אִיךְ זִינְדִיג אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה; אִיךְ ווִיל נִישְׁט זִינְדִיגְן, אִיךְ ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ פַאל אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אִיךְ פַארְלִיר מַיין שֵׂכֶל, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהֶערְשְׁן; ווִיפִיל מָאל אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר אַז אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה - פַאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אַרַיין אִין דֶעם.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זֶע מַיין הַארְץ, זֶע מַיין עֶכְטֶע ווִילְן; אַלֶע מְקַטְרִיגִים זָאגְן אוֹיף מִיר אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גוּט, אִיךְ בִּין נִישְׁט עֶרְלִיךְ - אָבֶּער דוּ זֶעסְט דָאךְ מַיין הַארְץ, ווִי שְׁטַארְק אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, בֶּעט אִיךְ דִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה צוּזַאמֶען מִיט גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אָמֵן".

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

## תתרצד צד

**ווִי אַזוֹי נוּצְט מֶען אוֹיס דִי עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה אוֹיפְן רִיכְטִיגְן אוֹפָן?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה בִּין אִיךְ זֵייעֶר צֶעמִישְׁט אוּן אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעלָאזְט מַיין אַרְבֶּעט, אִיךְ

שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין אַרְבֶּעטְן אִין אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע טֶעג, אִיךְ זִיץ אִין שׁוּל מִיט אַ הוֹיפְן סְפָרִים וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט צוּ לֶערְנֶען, אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין טְרָאפ יִשׁוּב הַדַעַת פוּן אַזוֹיפִיל רִבּוּי אוֹר.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי אוֹיסְצוּנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג אוֹיף אַ גוּטֶע פַארְנֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ד' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן עב): מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס טְרַייבְּט אִיבֶּער אוּן מַאכְט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער פוּן דִי מָאס, מֶער ווִיפִיל מֶען קֶען פַארְנֶעמֶען; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) ווֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (שְׁמוֹת יט, כא): "רֵד הָעֵד בָּעָם פֶּן יֶהֶרְסוּ אֶל ה' לִרְאוֹת וְנָפַל מִמֶּנּוּ רָב", גֵיי זָאג דִי אִידְן זֵיי זָאלְן נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּם בַּארְג; ווַייל דִי אִידְן זֶענֶען דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר אַ הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה, הָאט מֶען זֵיי גֶעדַארְפְט זָאגְן זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְצוּרַייסְן, נִישְׁט טוּן מֶער פוּן דִי מָאס.

**וָוער** הָאט דִיר גֶעבֶּעטְן זָאלְסְט אָפְּלָאזְן דַיין אַרְבֶּעט? גֵיי צוּרִיק אַרְבֶּעטְן אוּן נֶעם מִיט דִיר מִיט אַ זֶעקְל

סְפָרִים, וֶוען דו הָאסְט אַפָּאר מִינוּט זָאלְסְטוּ אַרַייְנְכַאפְּן אַבִּיסְל לִימוּד הַתּוֹרָה.

**טז** נִישְׁט קַיין ווילְדֶע זַאכְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין דִי אַרְבֶּעט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין שְׁטוּבּ, מֶען דַארְף נִישְׁט אַוֶועק לוֹיפְן עֶרְגֶעץ וַוייט צוּ טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

## תתרצה צה

### קֶען מֶען יוֹצֵא זַיין הֶפָּצָה מִיטְן גֶעבְּן גֶעלְט דֶערְפַאר?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן גֵיין הֶפָּצָה, עֶס אַרְבֶּעט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט אוֹיס פַאר מִיר פַאר אַסַאךְ סִבּוֹת, ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ קֶען יוֹצֵא זַיין מִיט דֶעם וָואס אִיךְ גֶעבּ יֶעדְן חוֹדֶשׁ אַ סְכוּם גֶעלְט פַאר הֶפָּצָה? אוּן אוֹיךְ אוֹיבּ דָאס אִיז אַ לְכַתְּחִילָה אָדֶער נָאר בְּדִיעֶבֶד?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אֵיידֶער** רֶבִּי נָתָן אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער (אוּן דָאס אִיז פַאר אוּנְז אַזוֹי וִוי אַ צַוָּאָה פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה): "עֶזְרָא הַסוֹפֵר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אוּן טְרֵיף פָּסוּל אִיז זִיךְ מִתְגַבֵּר, אַזוֹיפִיל וִוי עֶס אִיז הַיינְט דָא אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵיף פָּסוּל; נָאר אִיךְ הָאף, אַז אֵיין בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועט זַיין אַ תִּקוּן אוֹיף אַלְצְדִינְג", אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אִיךְ זָאג אַייךְ אָן, אַז אַייעֶר עוּבְדָא זָאל זַיין אִיר זָאלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים, עֶס זָאל זַיין 'יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה', אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט 'גֶעלְט' מִיט 'רָצוֹן' אוּן מִיט 'טִירְחָא'"; (עֶזְרָא הַסוֹפֵר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת; רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס מְרַמֵז גֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ, אַז עֶר הָאט גֶעהַאט נִשְׁמַת עֶזְרָא הַסוֹפֵר).

**אַז** דוּ גֶעבְּסְט גֶעלְט פַארְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים הָאסְטוּ דִי זֶעלְבֶּע חֵלֶק אִין הֲפָצָה וִוי דִי וָואס גֵייעֶן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים; יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט צוּ הֶעלְפְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן - אִיז מְקַרֵב דִי גְאֻלָּה, עֶס בְּרֶענְגְט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען. וַוייל דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים בְּרֶענְגֶען צוּרִיק אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער רַמְבַּ"ם פַּסְקְ'נְט (הִלְכוֹת תְּשׁוּבָה פֶּרֶק ז, הֲלָכָה ה): "הִבְטִיחָה תוֹרָה שֶׁסוֹף

יִשְׂרָאֵל לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה בְּסוֹף גָּלוּתָן, וּמִיַּד הֵן נִגְאָלִין", דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט, וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶועלְן תְּשׁוּבָה טוּן וֶועט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ אוֹיסְלֵייזְן.

**ווֹאוּיל** אִיז דֶעם וָואס הֶעלְפְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אוֹיף דִי וֶועלְט.

## תתרצו צו

### ווִי אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי עֶנְטְפֶער וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף מַיין שְׁאֵלָה ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען מַאכְן מַיין ווַייבּ מֶער אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר[נז]. אִיךְ בִּין אַלֶעמָאל גֶעוֶוען צֶעמִישְׁט, ווַייל בַּיים רֶבִּי'ן הָאט מֶען דָאךְ נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן פְּרִישׁוּת, אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט טְרַאכְטְן אַז מֶען דַארְף כְּסֵדֶר נָאכְלוֹיפְן דִי ווַייבּ, אוּן יֶעצְט אִיז מִיר דָאס קְלָאר גֶעוָוארְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען בִּיטֶע שְׁרַייבְּן מֶער אוֹיף דִי נְקוּדָה ווִי ווַייט מֶעגְלִיךְ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

---

נז. פְּרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א' עא.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז נִישְׁט שַׁיָּךְ צוּ שְׁרַייבְּן אִיבֶּער זַאכְן צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ מִפְּנֵי הַצְּנִיעוּת, אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן בִּרְמִיזָה.

**נָאכְלוֹיפְן** דִי וַוייבּ טָאג אוּן נַאכְט וְכוּ' - אִיז נִישְׁט דִי וֶועג אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן שָׁלוֹם בַּיִת, מִיט דֶעם וֶוערְט מֶען נִישְׁט קַיין גוּטֶער מַאן; נִישְׁט דָאס מֵיינְט גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט, דָאס אִיז פַּארְקֶערְט פוּן גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט.

**לִיבּ** הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן אִיז וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי אֵייגֶענֶע וֶועג פַאר יֶענֶעם; אַז דֶער מַאן זָארְגְט פַאר זַיין וַוייבּ אוֹיף זַאכְן וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין בַּאזוּנְדֶערֶע הֲנָאָה דֶערִין - דָאס מֵיינְט גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט. וֶוען בֵּיידֶע, סֵיי דֶער מַאן אוּן סֵיי דִי וַוייבּ - גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן פַארְן צְוֵוייטְן, מֶען טוּט יֶענֶעמְ'ס ווִילְן אֲפִילוּ וֶוען מֶען וָואלְט אַנְדֶערְשׁ גֶעוָואלְט - אַזַא פָּארְפָאלְק הָאט שָׁלוֹם בַּיִת, דָאס אִיז אַ גְלִיקְלִיכֶע קָאפְּל.

**דָאס** וָואס מֶען רֶעדְט אַזוֹיפִיל אִין הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶעבְּן מִיט חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת, מֵיינְט מֶען נִישְׁט צוּ זָאגְן מֶען זָאל נָאכְלוֹיפְן דִי וַוייבּ וְכוּ'; פַּארְקֶערְט, אַז מֶען לוֹיפְט נָאךְ דִי וַוייבּ וְכוּ' וֶוערְט מֶען בִּילִיג אִין אִירֶע אוֹיגְן, מֶען

פַארְלִירְט דָאס חֲשִׁיבוּת, מֶען וֶוערְט אוֹיס מַאן וְכוּ'; זִי הוֹיבְּט אָן שַׁאפְן אוֹיף אִים אַזוֹי וִוי אַ הַאר שַׁאפְט אוֹיף זַיינֶע קְנֶעכְט.

**דָאס** אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה מִיט וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל אִים זָאגְן וִויפִיל וְכוּ'; יֶענֶעמְ'ס וַוייבּ הָאט גֶעהֵייסְן חַוָּה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (תְּהִלִּים יט, ג): וְלַיְלָה לְּלַיְלָה - יְ'חַוֶּה", דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט צוּ זָאגְן מֶען זָאל נָאכְלוֹיפְן אוּן מוּטְשֶׁען דִי וַוייבּ; אָךְ אוּן וֵוי פַאר דֶעם וָואס לוֹיפְט נָאךְ דִי וַוייבּ, דֶער וֶוערְט זֵייעֶר בִּילִיג וְכוּ'.

**אַז** דוּ ווילְסְט זַיין אַ גוּטֶער מַאן זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְן צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ; זָאלְסְט הָאבְּן שְׁטַארְקֶע נֶערְוְון זִיךְ נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן וֶוען זַאכְן גֵייעֶן פַארְקֶערְט פוּן דַיין ווילְן. וֶוען דַיין וַוייבּ אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, זִי פַארְלִירְט זִיךְ אוּן רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי שֵׁיין, זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק בַּיי דִיר נִישְׁט צוּ עֶנְטְפֶערְן, אִיר נִישְׁט וֵוי טוּן, נָאר וַוייטֶער שֵׁיין רֶעדְן - דָאס וֶועט מַאכְן דוּ זָאלְסְט זַיין אַ גוּטֶער מַאן.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף אִיר מִשְׁפָּחָה; אֲפִילוּ דַיין וַוייבּ וֶועט אַלֵיינְס חוֹזֶק מַאכְן פוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט מִיט לַאכְן, דוּ זָאלְסְט אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן שְׁוַוייגְן. וַוייל קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט הֶערְן ווִי מֶען מַאכְט חוֹזֶק אוּן מֶען מַאכְט אַוֶועק דִי אֵייגֶענֶע מִשְׁפָּחָה; פוּן אַ פְרֶעמְדְן ווִיל מֶען דָאס נִישְׁט הֶערְן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט ווִיסְן וָואס מֵיינְט גֶעבְּן, וָואס מֵיינְט זַיין אַ גוּטֶער מַאן און וָואס מֵיינְט נָאכְלוֹיפְן; זָאג פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵויים גָארְנִישְׁט, אִיךְ וֵויים נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶען לֶעבְּט אַ גוּטֶע עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן, אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס מֵיינְט נָאכְלוֹיפְן דִי וַוייבּ, אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס מֵיינְט זַיין אַ גוּטֶער מַאן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת".

בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי עֵצָה פַאר אַלֶע עֵצוֹת; דָאס אִיז דִי עֵצָה וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין עֵצָה, וֶוען מֶען ווייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט ווִי אֵיינֶער דַאוֶועְנְט מַעֲרִיב אוּן עֶר כַאפְּט אָפּ דִי וֶוערְטֶער: "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלח): "דִי וֶוערְטֶער 'וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ', דַארְף מֶען דָאךְ זָאגְן מִיט גְרוֹיס כַּוָּנָה, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ'עֶ תְּפִלָּה"; וַוייל דֶער עִקָר פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען וַוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶען הָאט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ סְפֵקוֹת צִי מֶען זָאל טוּן אַזוֹי אָדֶער אַזוֹי, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה אִיךְ זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן - זָאלְסְטוּ טוּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרצו צז

## ווי אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, ווִי אַזוֹי בַּאווַייזְט מֶען דָאס?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט אוֹיף דֶעם (שָׁם): דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, וֶוער עֶס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ פָאלְגְן - וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק; וַוייל דִי סְפָרִים הָאבְּן אַ מוֹרָא'דִיגְן כֹּחַ אוֹיפְצוּוָואוֶועקְן אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַז** דוּ ווִילְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מח):

"כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת, וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", אַזוֹי גֵייט עֶס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען אִיז נִישְׁט וֶוערְד, ווִי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, "וּבֶאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת", אָבֶער דָאס אִיז נָאר אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען ווִיל דֶערְנֶענְטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, דַאן וֶועט עֶר אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס זֶענֶען נָאר פַארְהַאן.

**דֶערְפַאר** אַז דוּ ווִילְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דוּ ווִילְסְט זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין ווִילְן, זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען מֶען פְּרוּבִירְט דִיךְ אוֹיס מִיט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, דוּ זֵיי שְׁטַארְק נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דַיין גוּטֶע ווִילְן, וַוייל מֶען גֵייט דִיךְ פְּרוּבִירְן אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן, מֶען גֵייט דִיךְ פְּרוּבִירְן צוּרִיק צוּ כַאפְּן צוּ דִי אַלְטֶע וֶועג.

**גֶעדֶענְק** וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "כִּי כֵן דֶּרֶךְ הַבַּעַל דָּבָר וְהַסִּטְרָא אָחֳרָא, כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁהָאָדָם סָמוּךְ מַמָּשׁ לְשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה, וְכִמְעַט שֶׁיִּכָּנֵס, אֲזַי הוּא מִתְפַּשֵּׁט עָלָיו בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד רַחֲמָנָא לִצְלָן", דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט שׁוֹין אָט אָט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, זֵיי זֶעעֶן ווִי דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט אַרַיין אִין דִי טִיר פוּן קְדֻשָּׁה, דֶעמָאלְט פַארְלֵייגְן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיפְן מֶענְטְשׁ מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע

שְׁטאַרְקְקֵייט רַחֲמָנָא לִצְלָן, און וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט אַז דָאס אִיז נָאר אִים אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן און אִים צוּ צֶעבְּרֶעכְן - גֶעבְּט עֶר אוֹיף און לָאזְט אַלֶעס אָפּ.

**הִתְבּוֹדְדוּת** אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועק פַּאלְן פוּן דֶעם; אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְקַבֵּל - קֶען עֶר נָאךְ פוּן דֶעם אַרָאפְּפַאלְן, אַנְדֶערְשׁ אִיז הִתְבּוֹדְדוּת וָואס דָאס בְּלַייבְּט מִיטְן מֶענְטְשׁ אִין אַלֶע צַייטְן; אִיז מֶען אִין אַ גוּטֶע פְּלַאץ - רֶעדְט מֶען דָארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז מֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן, מֶען אִיז אִין נִישְׁט אַ גוּטֶע פְּלַאץ - רֶעדְט מֶען דָארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דָאס** זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ (תְּהִלִּים קלט, ח): "אִם אֶסַּק שָׁמַיִם", אַז אִיךְ פְּלִי אִין הִימְל, אִיךְ בִּין אִין אַ מַצָּב אַזוֹי וִוי אַ מַלְאָךְ, "שָׁם אָתָּה", אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְט, אִיךְ רֶעד צוּ אִים פוּן דָארְט, "וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל", און אוֹיבּ אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי טִיפֶע גֵיהִנּוֹם, אִיךְ לִיג אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן - "הִנֶּךָּ", אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוייטֶער מִיט מִיר, אִיךְ רֶעד צוּ אִים פוּן דָארְט; דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט מִיט מִיטְן מֶענְטְשׁ אִין אַלֶע צַייטְן און אִין אַלֶע זַיינֶע מַצָּבִים, אַזוֹי וִוי אַ מַאמֶע וָואס גֵייט מִיט מִיט אִיר קִינְד, אֲפִילוּ דָאס קִינְד פַארְשְׁמִירְט זִיךְ - בְּלַייבְּט דִי מַאמֶע גֶעטְרֵייא פַארְן קִינְד, אַזוֹי אִיז דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן עח).

**הַיינְט** אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; אַמָאלִיגֶע צַייטְן וֶוען מֶען הָאט גֶעוָואלְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד

הָאט מֶען גֶעדַארְפְט טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, מֶען הָאט גֶעדַארְפְט פַּאסְטְן אוּן זִיךְ מְסַגֵף זַיין וְכוּ' וְכוּ' - בִּיז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַבִּיסְל פוּן דִי וֶועלְט אוּן וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הַיינְט הָאבְּן מִיר דֶעם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גְרִינְגֶע וֶועג צוּצוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דִי וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז בַּאקְוֶועם צוּ רֶעדְן, כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ נָאנְטֶער חַבֵר; אִים אַלֶעם דֶערְצֵיילְן, אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט אוּן אַלֶע מַעֲשִׂים אוּן מַחְשָׁבוֹת אִין וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אִים אַרָאפּ, דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתרצח צח

### וֶוען דַארְף מֶען טוּישְׁן צוּ דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר מִנְהָגִים?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ לֶערְן אַסַאךְ דִי בְּרִיוו פוּן "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" אוּן פוּן "אֲשֶׁר בַּנַחַל", אוּן אִיךְ זֶע אַסַאךְ אַז מֶען דַארְף פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אַלֶעם וָואס עֶר הֵייסְט, אוּן דֶערְפַאר וִויל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיף דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר הַמִדוֹת אַז אָנְטוּן אַ גַארְטְל הֶעלְפְט קֶעגְן שְׁלֶעכְטֶע

מַחְשָׁבוֹת, ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיב אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן גֵיין מִיט אַ גַארְטְל, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ קוּם פוּן אַ לִיטְוִוישֶׁע מִשְׁפָּחָה אוּן בַּיי אוּנְז אִיז נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט אָנְצוּטוּן אַ גַארְטְל[נח].

בִּכְלַל דַארְף אִיךְ אַ קְלָארְקֵייט אִין דֶעם עִנְיָן; בַּיי וֶועלְכֶע זַאכְן דַארְף מֶען נָאכְגֵיין דִי מִנְהָג פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אוּן בַּיי וֶועלְכֶע זַאכְן דַארְף מֶען יָא טוּישְׁן אוּן טוּן אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**זַייעֶר** גוּט טוּסְטוּ אַז דוּ גֵייסְט מִיט אַ גַארְטְל; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הִרְהוּרִים, סִימָן נט): "אַבְנֵט תִּקּוּן עַל הִרְהוּרִים", גֵיין מִיט אַ גַארְטְל אִיז אַ תִּקּוּן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת; ווַייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (זְבָחִים פח:): "אַבְנֵט מְכַפֵּר עַל הִרְהוּר הַלֵּב, הֵיכָא דְּאִיתֵיהּ", דֶער גַארְטְל פוּנֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט מְכַפֵּר גֶעוֶוען אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת עָרְלָה הֲלָכָה ג', אוֹת ב): "כִּי הַתְּפִלָּה נִקְרֵאת חֲגוֹרָה", תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן גַארְטְל, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה יא, ה): "וְהָיָה צֶדֶק אֵזוֹר מָתְנָיו וְהָאֱמוּנָה אֵזוֹר חֲלָצָיו", מָשִׁיחַ וֶועט זַיין אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אֱמוּנָה אַזוֹי וִוי אַ גַארְטְל, אוּן אֱמוּנָה אִיז תְּפִלָּה, אוּן

נח. נָאךְ אַ בְּרִיוו אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, פְרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א' פ.

בֵּיידֶע - סַיי אֱמוּנָה און סַיי תְּפִלָּה קֶען מֶען הָאבְּן נָאר אַז מֶען אִיז מְתַקֵּן דֶעם אוֹת בְּרִית קֹדֶשׁ, עַיֵּן שָׁם.

**דָאס** הֵייסְט נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועג פוּן דִי עֶלְטֶערְן; וֶוען מֶען אִיז מוֹסִיף גוּטֶע מִנְהָגִים - הֵייסְט דָאס נִישְׁט אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דִי וֶועג פוּן דִי עֶלְטֶערְן. קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן פְרֵייעֶן זִיךְ וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי זֵייעֶרֶע קִינְדֶער נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ גוּטֶע עֶרְלִיכֶע מִנְהָגִים, בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע צַייטְן וֶוען עֶס פַאלְן לֵיידֶער אַוֶועק פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע און בֶּעסְטֶע מִשְׁפָּחוֹת, בָּחוּרִים און מֵיידְלֶעךְ, אִינְגֶעלַייט און ווַייבְּלֶעךְ לָאזְן אָפּ דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה - דָאס טוּט וֵויי, דָאס הֵייסְט אָפְּגֶעלָאזְט דִי מְסוֹרָה, אָבֶּער אָנְטוּן חֲסִידִי'שֶׁע קְלֵיידֶער און טוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים בְּרֶענְגְט נָאר נַחַת פַאר עֶלְטֶערְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתרצט צט

### ווִי אַזוֹי אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶוען דִי פָּרָשִׁיּוֹת זֶענֶען נִישְׁט מְסוּדָר גֶעהֶערִיג?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שְׁטֵייעֶנְדִיג יֶעצְט צְווִישְׁן יוֹם כִּיפּוּר און סוּכּוֹת, וֶוען דִי פַּרְשִׁיּוֹת הַשָּׁבוּעַ זֶענֶען נִישְׁט מְסוּדָר גֶעהֶערִיג, ווִיל אִיךְ ווִיסְן וֶוען און ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אִין דִי וָואכְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרָשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים; דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל שְׁרַייבְּט (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר הַשַּׁבָּת, פֶּרֶק ג) מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פְרַייטָאג - עֶרֶב שַׁבָּת, אָבֶּער מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף זִיךְ אוּן זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן: 'וָואס טוּ אִיךְ? הָאבּ אִיךְ גֶעעֶפְנְט אַ חוּמָשׁ פָארִיגֶע וָואךְ? הָאבּ אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען פָארִיגֶע וָואךְ?' אַז מֶען הוֹיבְּט אָן פוּן זוּנְטָאג, מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן מִיט דִי פַּרָשָׁה יֶעדְן טָאג.

**טוּ** אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) פוּנֶעם גְרָ"א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ אוּן וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף יָאר אִיז מֶען מוֹרָא'דִיג בְּשִׂמְחָה אַז מֶען הָאט מְסַיֵּם גֶעוֶוען חֲמִשָּׁה חֻמְשֵׁי תּוֹרָה.

**פוּן** וֶוען מֶען לֵיינְט שַׁבָּת בַּיי מִנְחָה דִי קוּמֶענְדִיגֶע סֶדְרָה, קֶען מֶען שׁוֹין זוּנְטָאג אָנְהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי פַּרְשָׁה; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה לֵיינְט מֶען שַׁבָּת בַּיי מִנְחָה פַּאר יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, קֶען מֶען שׁוֹין גְלַייךְ זוּנְטָאג אָנְהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתש ק

### וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ טְרֶעפְן אַ שִׁדּוּךְ אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן חוֹבוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶע שִׁעוּרִים אוּן חִזּוּק, דָאס גֶעבְּט מִיר מַמָּשׁ לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין אַ גָרוּשׁ, זִיבְּן אוּן דְרַייסִיג יָאר אַלְט, אָן קִינְדֶער, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיסְצוּזָאגְן צְוֵויי מָאל גַאנְץ תְּהִלִּים בַּיים צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ פוּן מוֹהֲרָ"ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ בִּין אָבֶּער נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן; וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועגְן פַּרְנָסָה. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה, אִיךְ פַארְדִין זֵייעֶר שֵׁיין, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט בַּאשְׁטֵיין צוּ הָאבְּן אַ גְרִינְגֶערֶע זַאךְ, נִישְׁט צוּ דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אַזוֹי שְׁוֶוער;

מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז דָאס גֶעלְט רִינְט מִיר אַרוֹיס פוּן צְוִוישְׁן דִי פִינְגֶערְס, אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין בְּרָכָה אִין דִי גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ צוּפִיל הוֹצָאוֹת אוּן חוֹבוֹת.

אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַזֵק מִיט דֶעם וָואס אִיךְ גֵיי פוּן צַייט צוּ צַייט אַבִּיסְל הֲפָצָה מִיט קוּנְטְרֵסִים אוּן גִלְיוֹנוֹת.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען הַדְרָכָה אוּן חִזוּק אִין מַיין מַצָב.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קיב): "הִנֵּה יֵשׁ עֲבֵרָה",

עֶס אִיז דָא אַן עֲבֵירָה, "שֶׁעָנְשָׁהּ שֶׁל עֲבֵרָה הַהִיא, שֶׁיִּהְיֶא בַּעַל חוֹב תָּמִיד", וָואס דֶער עֹנֶשׁ פוּן דִי עֲבֵרָה אִיז אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב. "וַאֲפִילּוּ יַעֲשֶׂה כָּל טַצְדְּקֵי דְאֶפְשָׁר, וְהִתְפַּעֲלוּת, לֹא יוֹעִיל כְּלָל, וְיִהְיֶה בַּעַל חוֹב תָּמִיד", אוּן אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט נִישְׁט צוּ זַיין אַ בַּעַל חוֹב, וֶועט עֶר אֵייבִּיג בְּלַייבְּן אִין חוֹבוֹת; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט דִי עֲבֵירָה אִיז אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בַּבְּרִית, מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, דֶעמָאלְט פַאלְט מֶען אַרַיין אִין חוֹבוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶערִיבֶּער דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ חֲתֻנָּה הָאבְּן; אַז מֶען הָאט חֲתֻנָּה - דֶעמָאלְט קֶען מֶען מְתַקֵּן זַיין וָואס

מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, אָן אַ ווייבּ אִיז זַייעֶר בִּיטֶער. דֶער הייליגֶער רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת יוֹם הַכִּפּוּרִים הֲלָכָה א, אוֹת א): "מִי שֶׁאֵינוֹ נָשׂוּי הוּא פָּגוּם בִּבְרִית", וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט חֲתֻנָּה גֶעהַאט אִיז פָּגוּם בַּבְּרִית, דֶערְפַאר הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל גֶעדַארְפְט זַיין חֲתֻנָּה גֶעהַאט, וַוייל עֶר אִיז עוֹסֵק אִינֶעם הֵיילִיגְן טָאג יוֹם הַכִּפּוּרִים צוּ פַארְעֶכְטְן אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וָואס דָאס קֶען זַיין נָאר מִיט אַ ווייבּ.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, עֶס אִיז דָא גֶענוּג אוּן נָאךְ שִׁדּוּכִים, אַלֶע קֶענֶען חֲתֻנָּה הָאבְּן, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען ווֶעלְט זִיךְ, מֶען זָאגְט אָפּ שִׁדּוּכִים, מֶען וִויל נִישְׁט זַיין אַ מַכִּיר אֶת מְקוֹמוֹ, מֶען הַאלְט זִיךְ מֶער ווי מֶען אִיז; אָבֶער מֶען דַארְף ווִיסְן אַז מֶען דַארְף חֲתֻנָּה הָאבְּן וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, מֶען דַארְף אִיבֶּערְלָאזְן קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס זָאלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט ווֶעלְן אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט ווֶעלְן.

אַז דוּ ווִילְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דִי תִּקּוּן הַכְּלָלִי [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ]; מוֹהֲרָא"ש הָאט אַיינְגֶעפִירְט אִין אַלֶע מִנְיָנִים אִין הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ אַז מֶען זָאל זָאגְן דֶעם תִּקּוּן הַכְּלָלִי אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ נָאכְן דַאוֶוענֶען אַלֶע אִינְאֵיינֶעם, מִיט מִנְיָן. תִּקּוּן הַכְּלָלִי אִיז מְסוּגָל פַאר אַלֶע סְגוּלוֹת אוּן אַלֶע יְשׁוּעוֹת, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כט): תִּקּוּן הַכְּלָלִי אִיז מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה אוּן פַאר אַלֶע

יְשׁוּעוֹת; זָאג יֶעדְן טָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - וֶועסְטוּ מְתַקֵּן זַיין דֶעם חֵטְא אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב', סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", וֶוער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ וֶועט הָאבְּן הַצְלָחָה; דָאס זֶעט מֶען בְּחוּשׁ, דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, זֵיי שְׁטַארְקְן זִיךְ אִין זֵייעֶרע שְׁוֶוערֶע צַייטְן - דִי אַלֶע זֶענֶען מַצְלִיחַ. שִׂמְחָה גֶעבְּט אַ בְּרֵייטְקֵייט, שִׂמְחָה עֶפְנְט אוֹיף דִי מֹחַ אוּן מֶען גֵייט אַרוּם מִיט אַ גַּדְלוּת הַמּוֹחִין, מֶען טוּט נִישְׁט קַיין נַארִישְׁקֵייטְן, מֶען וֵוייסְט וואוּ צוּ לֵייגְן דִי גֶעלְט וְכוּ'.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, בִּפְרַט דוּ וָואס דוּ בִּיסְט אַלֵיין, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין וַוייבּ - וֶועט דִיר זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סב:) אַז מֶען הָאט אַ וַוייבּ קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט הָאט מֶען הַצְלָחָה, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז אַלֵיין, מֶען אִיז נִישְׁט חַתְנָה גֶעהַאט - דֶעמָאלְט הָאט מֶען נִישְׁט דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן; דָאךְ זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת יָא צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ וַוארְט דוּ זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן בְּקָרוֹב אַ מַזָּל טוֹב.

# תתשא קא

**ווי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אָפּ מִיט אַ יָתוֹם אִין קְלַאס?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד, אוּן צוּם נֵייעֶם זְמַן בַּאקוּם אִיךְ צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אַלְס תַּלְמִיד אַ קִינְד וָואס אִיז אַ יָתוֹם. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט וָואס דָאס מֵיינְט, מִמֵּילָא אִיז מִיר טַאקֶע אוּמְמֶעגְלִיךְ אִים צוּ פַארְשְׁטֵיין, אִיךְ וִויל אָבֶער וויסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אִים, ווַייל חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין לז.): "כָּל הַמַּצִּיל נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל כְּאִילוּ קִיֵּם עוֹלָם מָלֵא", אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיף פַארְקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם.

וָואס אִיז מַיין חוֹב זִיךְ אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן פַאר אִים מֶער ווִי פַאר אַן אַנְדֶערֶער קִינְד?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶרְשְׁטְנְס** דַארְפְסְטוּ וויסְן, שֶׁכָּרְךָ הַרְבֵּה מְאֹד, דַיין שְׂכַר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס; אוֹיבְּן אִין הִימְל אִיז אַ מְלַמֵּד זֵייעֶר חָשׁוּב, בִּפְרָט וֶוען דֶער מְלַמֵּד גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט דִי תַּלְמִידִים ווִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, דֶעמָאלְט אִיז עֶר נָאךְ מֶער חָשׁוּב אִין הִימְל. ווַייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין יט:): "כָּל הַמְלַמֵּד

בֶּן חֲבֵרוֹ תּוֹרָה כְּאִלּוּ יְלָדוֹ", וֶוער עֶס לֶערְנְט מִיט תַּלְמִידִים אִיז דָאס אַזוֹי וִוי זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער; אוּן וִוי צַדִּיקִים טַייטְשְׁן, אַז דָאס אִיז נִישְׁט פְּשַׁט מֶען גֶעבְּט דֶעם מְלַמֵּד אַ גוּט וָוארְט, נָאר דָאס אִיז אַן הִתְחַיְּבוּת, מֶען זָאגְט פַאךְן מְלַמֵּד 'וֶוען דוּ לֶערְנְסְט מִיט תַּלְמִידִים זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן כְּאִלּוּ יְלָדוֹ - דָאס אִיז אַזוֹי וִוי דוּ לֶערְנְסְט מִיט דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער'.

**דַארְפְסְטוּ** זַיין זֵייעֶר פְרֵייליךְ אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שֶׁשַּׂמְתָּ חֶלְקֵנוּ מִיּוֹשְׁבֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אַז דַיין לֶעבְּן גֵייט אַרִיבֶּער מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט הֵיילִיגֶע זַאכְן; מִיט לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער תּוֹרָה. בִּפְרַט אַז דוּ בִּיסְט אַ הַארְצִיגֶער מְלַמֵּד, דוּ זָארְגְסְט פַאר דַיינֶע תַּלְמִידִים, דוּ הָאסְט רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיי - בִּיסְטוּ זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל.

**מוֹהֲרָא"ש** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיר אַמָאל זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען דוּ אַרְבֶּעסְט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט וָואס פַארְקוֹיפְט קְלֵיידֶער? שְׁטֶעל זִיךְ פָאר דוּ אַרְבֶּעסְט אִין אַזַא גֶעשֶׁעפְט אוּן עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דִי זִיבֶּעצִיג יָאר, דוּ קוּמְסְט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן מֶען פְרֶעגְט דִיר 'וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן זִיבֶּעצִיג יָאר? זִיבֶּעצִיג יָאר הָאסְטוּ פַארְקוֹיפְט בֶּעקִיטְשֶׁעס? זִיבֶּעצִיג יָאר הָאסְטוּ גֶעשְׁנִיטְן סְחוֹרָה?'" מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "דַארְפְסְט דָאךְ זַיין זֵייעֶר פְרֵייליךְ אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן 'זִיבֶּעצִיג יָאר הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער'".

**בְּנוֹגֵעַ** דֶער יָתוֹם; זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִים מֶער וִוי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, וַוייל יְתוֹמִים זֶענֶען זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר זֵיי, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל זֵיי אוֹיסְהֶערְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - עֶר אִיז זֵייעֶר טַאטֶע, עֶר נֶעמְט זִיךְ אָן פַאר זֵיי, עֶר אִיז דֶער (תְּהִלִּים סח, ו): "אֲבִי יְתוֹמִים".

**וָוען** עֶס קוּמְט אוֹיס צוּ רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער וֶועגְן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דוּ זָאגְסְט דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מִיט זֵייעֶר טַאטֶע אָדֶער זָאלְן מַאכְן נַחַת פַאר זֵייעֶר טַאטֶע, זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען פוּן דֶעם יָתוֹם; אִים גֶעבְּן אַ וֶועג מִיט זַיין טַאטֶע עָלָיו הַשָּׁלוֹם, זָאלְסְט בַּאזוּנְדֶער מַאכְן אַן עֵסֶק פוּנֶעם יָתוֹם, זָאלְסְט אִים זָאגְן: "דַיין טַאטֶע אִיז אִין הִימְל, אִין גַּן עֵדֶן נֶעבְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר זֶעט וִוי פְלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט, עֶר הָאט נַחַת פוּן דִיר, עֶר זָארְגְט פַאר דִיר".

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי שְׁרֶעק פוּן אִים אוּן פוּן אַלֶע קִינְדֶער פוּן שְׁטַארְבְּן; רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער אַז שְׁטַארְבְּן אִיז נִישְׁט קַיין שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוען מֶען שְׁטַארְבְּט - גֵייט מֶען אִין גַּן עֵדֶן, דָארְט לֶערְנְט מֶען תּוֹרָה מִיט אַלֶע צַדִּיקִים אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין גַּן עֵדֶן אִיז דָא אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, מֶען אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן אַלֶע אוֹיפְשְׁטֵיין תְּחִיַּת הַמֵּתִים, עֶס גֵייט זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ זֶען וִוי אַלֶע טַאטֶעס, זֵיידֶעס, עֶלְטֶער זֵיידֶעס, עֶלְטֶער עֶלְטֶער עֶלְטֶער זֵיידֶעס גֵייעֶן אוֹיפְשְׁטֵיין תְּחִיַּת הַמֵּתִים.

זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט בִּיז יֶעצְט, בְּדֶרֶךְ כְּלַל פְּרוּבִּיר אִיךְ צוּ עֶנְטְפֶערְן פַאר מְלַמְדִים שְׁנֶעלֶער ווי אַנְדֶערֶע בְּרִיווּ; עֶס הָאט זִיךְ יֶעצְט פַארְשְׁלֶעפְּט צוּלִיבּ דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן וְכוּ'.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתשב קב

### ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ אֱמֶת'דִיג אִינְגַאנְצְן תְּשׁוּבָה טוּן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי עֶנְטְפֶער וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אוֹיף מַיינֶע וֵוייטָאגְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת אַז אִיךְ בִּין אַזוֹי אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁמוּץ, ווי אַזוֹי אִיךְ זֶע זִיךְ אַרוֹיס פוּן בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת[נט].

אִיךְ הָאבּ עֶס אַדוּרְכְגֶעלֵיינְט צֶענְדְלִיגֶער מָאל, עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר אוֹיפְגֶעשָׁאקְלְט אוּן מְעוֹרֵר גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט. אִיךְ ווִיל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן אָבֶער אִיךְ וֶוער זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְרֶעדְן קַיין וָוארְט, אִיךְ וֶוער רוֹיט פַאר בוּשָׁה פוּן וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְץ צַאם גֶעטוּן, אִיךְ קֶען נָאר זָאגְן: "בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל".

אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ; אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעהַאקְט אַלֶע קְשָׁרִים אוּן אַלֶע וֶועגְן ווי אַזוֹי אִיךְ פְלֶעג אָנְקוּמֶען צוּ שְׁלֶעכְטְס. אִיךְ בֶּעט דֶער

---

נט. פְרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב א' סט.

ראֹשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר שְׁרַייבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ טוּן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן וָואס אִיךְ קֶען טוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר מוֹחֵל זַיין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וזאויל** אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, דוּ הָאסְט אָפְּגֶעהַאקְט אַלֶע קְשָׁרִים מִיט דִי קְלִיפּוֹת, שֵׁדִים אוּן רוּחוֹת רָעוֹת. דָאס הֵייסְט בֶּאֱמֶת תְּשׁוּבָה, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מט): "וְדַע, שֶׁעִקַּר הַתְּשׁוּבָה הַשְּׁלֵמָה הִיא כְּשֶׁאָדָם עוֹבֵר בְּאֵלּוּ הַמְּקוֹמוֹת מַמָּשׁ שֶׁהָיָה מִקֹּדֶם הַתְּשׁוּבָה כָּל אֶחָד לְפִי מַה שֶּׁעָבַר עָלָיו בַּיָּמִים הַקּוֹדְמִים, וּכְשֶׁעוֹבֵר בְּאֵלּוּ הַמְּקוֹמוֹת וְהָעִנְיָנִים שֶׁהָיָה מִתְּחִלָּה מַמָּשׁ וְעַכְשָׁו פּוֹנֶה עֹרֶף מֵהֶם, וְכוֹפֶה יִצְרוֹ לִבְלִי לַעֲשׂוֹת עוֹד מַה שֶּׁעָשָׂה זֶהוּ עִקַּר הַתְּשׁוּבָה הַשְּׁלֵמָה, וְרַק זֶה נִקְרָא תְּשׁוּבָה", וִויסְן זָאלְסְטוּ, וָואס הֵייסְט אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה גֶעטוּן? וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער נָאכְאַמָאל דִי נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶר לָאזְט אָפּ דִי אַלְטֶע וֶועג, דָאס הֵייסְט אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.

**דֶערְפַאר** אַז דוּ הָאסְט אָפְּגֶעהַאקְט אַלֶע קְשָׁרִים מִיט דִי עֲבֵירוֹת, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - דַארְפְסְטוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ; דַארְפְסְט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט

דִּיר גֶעגֶעבְּן דִּי זְכִיָה, הָאסְט זִיךְ גֶעכַאפְּט בַּאצַייטְנְס, דוּ הָאסְט גֶעקֶענְט תְּשׁוּבָה טוּן.

**מוֹהֲרָא"שׁ** זָאגְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה, וָואס אִיז דֶער סִימָן מֶען זָאל וִויסְן קְלָאר אַז דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶענוּמֶען דִּי תְּשׁוּבָה? אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז אַ סִימָן אַז דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶענוּמֶען דִּי תְּשׁוּבָה אוּן אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ אִיז אַ סִימָן אַז מֶען דַארְף נָאךְ אַסַאךְ תְּשׁוּבָה טוּן; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז עֶר זֵייעֶר נָאנְט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן, בַּיים אייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים א טז, כז): "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ", בַּיים אייבֶּערְשְׁטְן אִיז נָאר דָא שִׂמְחָה, דָאס אִיז דִּי סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּיים אייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א): "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט דִּי מִצְוֹות פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, "זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו", אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז גַאנְץ מִיטְן אייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִּי הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען נָאר אָנְקוּמֶען.

**אִיךְ** וֵויים אַז דִּי קְלִיפּוֹת וֶועלְן דִּיר וַוייטֶער נָאכְלוֹיפְן, זֵיי גֶעבְּן נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אוֹיף; וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶער זֵיי - אַנְטְלוֹיפְט פוּן זֵיי אוּן טוּט תְּשׁוּבָה - פְּרוּבִירְן זֵיי נָאכְצוּלוֹיפְן דֶעם מֶענְטְשׁ; בֶּעט אִיךְ דִּיר זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען זֵיי לוֹיפְן דִּיר נָאךְ, נָאר זִיךְ וַוייטֶער פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע גוּטֶע נְקוּדָה וָואס דוּ קֶענְסְט אַרוֹיסְכַאפְּן, פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין צִיצִית,

מִיט דַיין תְּפִלִּין, מִיט דַיין בָּאְרד אוּן פֵּאוֹת, מִיט שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

**בְּרוּדֶער,** אַנְטלוֹיף פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע וִויטֶעבְּסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר זָאגְט (סֵפֶר פְּרִי הָאָרֶץ, מַטּוֹת מַסְעֵי): "עַצְבוּת אִיז אַן עֶרְגֶערֶע קְלִפָּה פוּן עֲבוֹדָה זָרָה"; זֶעט מֶען ווִי שְׁטַארְק מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן פוּן עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה וָואס אִיז הַארְבֶּער פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירָה - עֲבוֹדָה זָרָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ; מִיר הָאבְּן מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נז.) אוֹיפְן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ו, ז): "'כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ', אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ", אֲפִילוּ דִי פְּרָאסְטֶע אִידְן, "מְלֵאִים מִצְווֹת כְּרִמּוֹן", זֶענֶען פוּל מִיט מִצְווֹת, אַזוֹיפִיל וִויפִיל קֶערְלֶעךְ עֶס אִיז דָא אִין אַ מִילְגְרוֹים.

סוֹד ה' לִירֵאָיו וּבְרִיתוֹ לְהוֹדִיעָם
זֶה שְׁמוֹ נָאֶה לוֹ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

תִּקּוּן נוֹרָא וְנִפְלָא מְאֹד מְאֹד
לִכְלָלִיּוּת הַחֲטָאִים
וְהוּא פְּגַם הַבְּרִית, רַחֲמָנָא לִיצְּלָן

וּמְסֻגָּל מְאֹד גַּם לְפַרְנָסָה וּלְהַצְלָחָה
בְּכָל הָעִנְיָנִים בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת
אַשְׁרֵי מִי שֶׁיֹּאמְרֵם בְּכָל יוֹם

יִסְּדוֹ תִּקְּנוֹ וְגִלּוֹ, וְצִוָּה לְפַרְסְמוֹ לְכָל יִשְׂרָאֵל
רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא אוֹר הַגָּנוּז וְהַצָּפוּן
בּוּצִינָא קַדִּישָׁא עִלָּאָה, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
## זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

קרן הדפסה
היכל הקודש

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

טוב לומר זאת לפני אמירת העשרה מזמורים:

הֲרֵינִי מְקַשֵּׁר עַצְמִי בַּאֲמִירַת הָעֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים אֵלּוּ לְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ, וּלְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שׁוֹכְנֵי עָפָר, קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, וּבִפְרָט לְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, רַבֵּנוּ **נַחְמָן בֶּן פֵיגָא**, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שֶׁגִּלָּה תִּקּוּן זֶה.

לְכוּ נְרַנְּנָה לַיהֹוָה נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ: נְקַדְּמָה פָנָיו בְּתוֹדָה בִּזְמִירוֹת נָרִיעַ לוֹ: כִּי אֵל גָּדוֹל יְהֹוָה וּמֶלֶךְ גָּדוֹל עַל כָּל אֱלֹהִים:

קודם שיתחיל תהלים יאמר זה:

הֲרֵינִי מְזַמֵּן אֶת פִּי לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל וּלְשַׁבֵּחַ אֶת בּוֹרְאִי לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ עַל־יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעְלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל:

## טז.

**מִכְתָּם** לְדָוִד שָׁמְרֵנִי אֵל כִּי־חָסִיתִי בָךְ: אָמַרְתְּ לַיהֹוָה אֲדֹנָי אָתָּה, טוֹבָתִי בַּל־עָלֶיךָ: לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר־בָּאָרֶץ הֵמָּה, וְאַדִּירֵי כָּל־חֶפְצִי־בָם: יִרְבּוּ עַצְּבוֹתָם אַחֵר מָהָרוּ, בַּל־אַסִּיךְ נִסְכֵּיהֶם מִדָּם, וּבַל־אֶשָּׂא אֶת־שְׁמוֹתָם עַל־שְׂפָתָי: יְהֹוָה מְנָת חֶלְקִי וְכוֹסִי, אַתָּה תּוֹמִיךְ גּוֹרָלִי: חֲבָלִים נָפְלוּ־לִי בַּנְּעִמִים, אַף־נַחֲלָת שָׁפְרָה עָלָי: אֲבָרֵךְ אֶת־יְהֹוָה אֲשֶׁר יְעָצָנִי, אַף לֵילוֹת יִסְּרוּנִי כִלְיוֹתָי: שִׁוִּיתִי יְהֹוָה לְנֶגְדִּי תָמִיד, כִּי מִימִינִי בַּל־אֶמּוֹט: לָכֵן שָׂמַח לִבִּי וַיָּגֶל כְּבוֹדִי, אַף־בְּשָׂרִי יִשְׁכֹּן לָבֶטַח: כִּי לֹא־תַעֲזֹב

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

נַפְשִׁי לִשְׁאוֹל, לֹא־תִתֵּן חֲסִידְךָ לִרְאוֹת שָׁחַת: תּוֹדִיעֵנִי אֹרַח חַיִּים שֹׂבַע שְׂמָחוֹת אֶת־פָּנֶיךָ נְעִמוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח:

# לב.

לְדָוִד מַשְׂכִּיל, אַשְׁרֵי נְשׂוּי פֶּשַׁע כְּסוּי חֲטָאָה: אַשְׁרֵי־אָדָם, לֹא יַחְשֹׁב יְהוָה לוֹ עָוֹן, וְאֵין בְּרוּחוֹ רְמִיָּה: כִּי הֶחֱרַשְׁתִּי בָּלוּ עֲצָמָי, בְּשַׁאֲגָתִי כָּל־הַיּוֹם: כִּי יוֹמָם וָלַיְלָה תִּכְבַּד עָלַי יָדֶךָ, נֶהְפַּךְ לְשַׁדִּי בְּחַרְבֹנֵי קַיִץ סֶלָה: חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ, וַעֲוֹנִי לֹא־כִסִּיתִי, אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַיהוָה, וְאַתָּה נָשָׂאתָ עֲוֹן חַטָּאתִי סֶלָה: עַל זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל־חָסִיד אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא, רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ: אַתָּה סֵתֶר לִי*) מִצַּר תִּצְּרֵנִי רָנֵּי פַלֵּט תְּסוֹבְבֵנִי סֶלָה: אַשְׂכִּילְךָ וְאוֹרְךָ בְּדֶרֶךְ זוּ תֵלֵךְ אִיעֲצָה עָלֶיךָ עֵינִי: אַל תִּהְיוּ כְּסוּס כְּפֶרֶד אֵין הָבִין בְּמֶתֶג־וָרֶסֶן עֶדְיוֹ לִבְלוֹם בַּל קְרֹב אֵלֶיךָ: רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע, וְהַבּוֹטֵחַ בַּיהוָה חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ: שִׂמְחוּ בַיהוָה וְגִילוּ צַדִּיקִים וְהַרְנִינוּ כָּל־יִשְׁרֵי־לֵב:

# מא.

לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד: אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל־דָּל בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ יְהוָה: יְהוָה יִשְׁמְרֵהוּ וִיחַיֵּהוּ וְאֻשַּׁר בָּאָרֶץ, וְאַל תִּתְּנֵהוּ בְּנֶפֶשׁ אֹיְבָיו: יְהוָה יִסְעָדֶנּוּ עַל עֶרֶשׂ דְּוָי. כָּל מִשְׁכָּבוֹ הָפַכְתָּ בְחָלְיוֹ: אֲנִי־אָמַרְתִּי יְהוָה חָנֵּנִי, רְפָאָה נַפְשִׁי כִּי חָטָאתִי לָךְ: אוֹיְבַי יֹאמְרוּ רַע לִי מָתַי יָמוּת וְאָבַד שְׁמוֹ: וְאִם־בָּא לִרְאוֹת,

---

אחר 'אתה סתר לי' - צריך להפסיק מעט (עיין בלקו"מ ח"א סי' רי"ג)

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

שָׁוְא יְדַבֵּר, לִבּוֹ יִקְבָּץ־אָוֶן לוֹ, יֵצֵא לַחוּץ יְדַבֵּר: יַחַד עָלַי יִתְלַחֲשׁוּ כָּל־שֹׂנְאָי, עָלַי יַחְשְׁבוּ רָעָה לִי: דְּבַר־בְּלִיַּעַל יָצוּק בּוֹ, וַאֲשֶׁר שָׁכַב לֹא־יוֹסִיף לָקוּם: גַּם־אִישׁ שְׁלוֹמִי אֲשֶׁר־בָּטַחְתִּי בוֹ, אוֹכֵל לַחְמִי, הִגְדִּיל עָלַי עָקֵב: וְאַתָּה יְהֹוָה חָנֵּנִי וַהֲקִימֵנִי, וַאֲשַׁלְּמָה לָהֶם: בְּזֹאת יָדַעְתִּי כִּי־חָפַצְתָּ בִּי, כִּי לֹא־יָרִיעַ אֹיְבִי עָלָי: וַאֲנִי, בְּתֻמִּי, תָּמַכְתָּ בִּי, וַתַּצִּיבֵנִי לְפָנֶיךָ לְעוֹלָם: בָּרוּךְ יְהֹוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מֵהָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן:

# מב.

לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לִבְנֵי קֹרַח: כְּאַיָּל תַּעֲרֹג עַל־אֲפִיקֵי־מָיִם, כֵּן נַפְשִׁי תַעֲרֹג אֵלֶיךָ אֱלֹהִים: צָמְאָה נַפְשִׁי לֵאלֹהִים לְאֵל חָי, מָתַי אָבוֹא וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱלֹהִים: הָיְתָה לִּי דִמְעָתִי לֶחֶם יוֹמָם וָלָיְלָה בֶּאֱמֹר אֵלַי כָּל הַיּוֹם, אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: אֵלֶּה אֶזְכְּרָה וְאֶשְׁפְּכָה עָלַי נַפְשִׁי, כִּי אֶעֱבֹר בַּסָּךְ, אֶדַּדֵּם עַד־בֵּית אֱלֹהִים בְּקוֹל־רִנָּה וְתוֹדָה, הָמוֹן חוֹגֵג: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וַתֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִלִי לֵאלֹהִים כִּי עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעוֹת פָּנָיו: אֱלֹהַי, עָלַי נַפְשִׁי תִשְׁתּוֹחָח עַל־כֵּן אֶזְכָּרְךָ מֵאֶרֶץ יַרְדֵּן, וְחֶרְמוֹנִים, מֵהַר מִצְעָר: תְּהוֹם־אֶל־תְּהוֹם קוֹרֵא לְקוֹל צִנּוֹרֶיךָ, כָּל מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ: יוֹמָם יְצַוֶּה יְהֹוָה חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי, תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי: אוֹמְרָה לְאֵל סַלְעִי לָמָה שְׁכַחְתָּנִי, לָמָּה־קֹדֵר אֵלֵךְ, בְּלַחַץ אוֹיֵב: בְּרֶצַח בְּעַצְמוֹתַי חֵרְפוּנִי צוֹרְרָי, בְּאָמְרָם אֵלַי כָּל הַיּוֹם אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וּמַה־תֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי־עוֹד אוֹדֶנּוּ, יְשׁוּעֹת פָּנַי וֵאלֹהָי:

# נט.

לַמְנַצֵּחַ אַל תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם, בִּשְׁלֹחַ שָׁאוּל וַיִּשְׁמְרוּ אֶת־הַבַּיִת לַהֲמִיתוֹ: הַצִּילֵנִי מֵאֹיְבַי אֱלֹהָי, מִמִּתְקוֹמְמַי תְּשַׂגְּבֵנִי: הַצִּילֵנִי מִפֹּעֲלֵי אָוֶן וּמֵאַנְשֵׁי דָמִים הוֹשִׁיעֵנִי: כִּי הִנֵּה אָרְבוּ לְנַפְשִׁי יָגוּרוּ עָלַי עַזִּים, לֹא־פִשְׁעִי וְלֹא־חַטָּאתִי יְהוָה: בְּלִי־עָוֹן יְרוּצוּן וְיִכּוֹנָנוּ, עוּרָה לִקְרָאתִי וּרְאֵה: וְאַתָּה יְהוָה־אֱלֹהִים צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל, הָקִיצָה לִפְקֹד כָּל־הַגּוֹיִם אַל־תָּחֹן כָּל־בֹּגְדֵי אָוֶן סֶלָה: יָשׁוּבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הִנֵּה יַבִּיעוּן בְּפִיהֶם, חֲרָבוֹת בְּשִׂפְתוֹתֵיהֶם, כִּי־מִי שֹׁמֵעַ: וְאַתָּה יְהוָה תִּשְׂחַק־לָמוֹ, תִּלְעַג לְכָל־גּוֹיִם: עֻזּוֹ, אֵלֶיךָ אֶשְׁמֹרָה, כִּי אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי: אֱלֹהֵי חַסְדִּי יְקַדְּמֵנִי אֱלֹהִים יַרְאֵנִי בְשֹׁרְרָי: אַל־תַּהַרְגֵם פֶּן־יִשְׁכְּחוּ עַמִּי, הֲנִיעֵמוֹ בְחֵילְךָ וְהוֹרִידֵמוֹ, מָגִנֵּנוּ אֲדֹנָי: חַטַּאת־פִּימוֹ דְּבַר־שְׂפָתֵימוֹ וְיִלָּכְדוּ בִגְאוֹנָם, וּמֵאָלָה וּמִכַּחַשׁ יְסַפֵּרוּ: כַּלֵּה בְחֵמָה, כַּלֵּה וְאֵינֵמוֹ וְיֵדְעוּ כִּי־אֱלֹהִים מֹשֵׁל בְּיַעֲקֹב, לְאַפְסֵי הָאָרֶץ סֶלָה: וְיָשֻׁבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הֵמָּה יְנִיעוּן לֶאֱכֹל, אִם־לֹא יִשְׂבְּעוּ וַיָּלִינוּ: וַאֲנִי אָשִׁיר עֻזֶּךָ, וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ, כִּי־הָיִיתָ מִשְׂגָּב לִי, וּמָנוֹס, בְּיוֹם צַר־לִי: עֻזִּי אֵלֶיךָ אֲזַמֵּרָה, כִּי־אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי אֱלֹהֵי חַסְדִּי:

# עז.

לַמְנַצֵּחַ עַל־יְדוּתוּן לְאָסָף מִזְמוֹר: קוֹלִי*) אֶל־אֱלֹהִים וְאֶצְעָקָה, קוֹלִי אֶל־אֱלֹהִים וְהַאֲזִין אֵלָי: בְּיוֹם צָרָתִי אֲדֹנָי דָּרָשְׁתִּי,

באמרך ׳אל אלהים׳ תכוון המילוי כזה: אל״ף למ״ד אל״ף למ״ד ה״י יו״ד מ״ם

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

יָדִי לַיְלָה נִגְּרָה וְלֹא תָפוּג מֵאֲנָה הִנָּחֵם נַפְשִׁי: אֶזְכְּרָה אֱלֹהִים וְאֶהֱמָיָה, אָשִׂיחָה, וְתִתְעַטֵּף רוּחִי סֶלָה: אָחַזְתָּ שְׁמֻרוֹת עֵינָי, נִפְעַמְתִּי וְלֹא אֲדַבֵּר: חִשַּׁבְתִּי יָמִים מִקֶּדֶם, שְׁנוֹת עוֹלָמִים: אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה, עִם־לְבָבִי אָשִׂיחָה, וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי: הַלְעוֹלָמִים יִזְנַח אֲדֹנָי וְלֹא־יֹסִיף לִרְצוֹת עוֹד: הֶאָפֵס לָנֶצַח חַסְדּוֹ, גָּמַר אֹמֶר לְדֹר וָדֹר: הֲשָׁכַח חַנּוֹת אֵל, אִם־קָפַץ בְּאַף רַחֲמָיו סֶלָה: וָאֹמַר חַלּוֹתִי הִיא, שְׁנוֹת יְמִין עֶלְיוֹן: אֶזְכּוֹר מַעַלְלֵי יָהּ, כִּי אֶזְכְּרָה מִקֶּדֶם פִּלְאֶךָ: וְהָגִיתִי בְכָל־פָּעֳלֶךָ וּבַעֲלִילוֹתֶיךָ אָשִׂיחָה: אֱלֹהִים בַּקֹּדֶשׁ דַּרְכֶּךָ, מִי־אֵל גָּדוֹל כֵּאלֹהִים: אַתָּה הָאֵל עֹשֵׂה פֶלֶא הוֹדַעְתָּ בָעַמִּים עֻזֶּךָ: גָּאַלְתָּ בִּזְרוֹעַ עַמֶּךָ, בְּנֵי יַעֲקֹב וְיוֹסֵף סֶלָה: רָאוּךָ מַּיִם אֱלֹהִים, רָאוּךָ מַּיִם יָחִילוּ אַף יִרְגְּזוּ תְהֹמוֹת: זֹרְמוּ מַיִם עָבוֹת קוֹל נָתְנוּ שְׁחָקִים, אַף־חֲצָצֶיךָ יִתְהַלָּכוּ: קוֹל רַעַמְךָ בַּגַּלְגַּל, הֵאִירוּ בְרָקִים תֵּבֵל, רָגְזָה וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ: בַּיָּם דַּרְכֶּךָ וּשְׁבִילְךָ בְּמַיִם רַבִּים, וְעִקְּבוֹתֶיךָ לֹא נֹדָעוּ: נָחִיתָ כַצֹּאן עַמֶּךָ, בְּיַד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן:

## צ.

תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה אִישׁ הָאֱלֹהִים אֲדֹנָי מָעוֹן אַתָּה הָיִיתָ לָּנוּ בְּדֹר וָדֹר: בְּטֶרֶם הָרִים יֻלָּדוּ וַתְּחוֹלֵל אֶרֶץ וְתֵבֵל, וּמֵעוֹלָם עַד־עוֹלָם אַתָּה אֵל: תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד־דַּכָּא, וַתֹּאמֶר שׁוּבוּ בְנֵי־אָדָם: כִּי אֶלֶף שָׁנִים בְּעֵינֶיךָ כְּיוֹם אֶתְמוֹל כִּי יַעֲבֹר, וְאַשְׁמוּרָה בַלָּיְלָה: זְרַמְתָּם, שֵׁנָה יִהְיוּ, בַּבֹּקֶר כֶּחָצִיר יַחֲלֹף: בַּבֹּקֶר יָצִיץ וְחָלָף, לָעֶרֶב יְמוֹלֵל וְיָבֵשׁ: כִּי כָלִינוּ בְאַפֶּךָ, וּבַחֲמָתְךָ נִבְהָלְנוּ: שַׁתָּ עֲוֹנֹתֵינוּ לְנֶגְדֶּךָ עֲלֻמֵנוּ לִמְאוֹר פָּנֶיךָ:

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

כִּי כָל־יָמֵינוּ פָּנוּ בְעֶבְרָתֶךָ כִּלִּינוּ שָׁנֵינוּ כְמוֹ־הֶגֶה: יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה, וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה, וְרָהְבָּם עָמָל וָאָוֶן, כִּי גָז חִישׁ וַנָּעֻפָה: מִי יוֹדֵעַ עֹז אַפֶּךָ, וּכְיִרְאָתְךָ עֶבְרָתֶךָ: לִמְנוֹת יָמֵינוּ כֵּן הוֹדַע, וְנָבִא לְבַב חָכְמָה: שׁוּבָה יְהֹוָה עַד־מָתָי וְהִנָּחֵם עַל עֲבָדֶיךָ: שַׂבְּעֵנוּ בַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ, וּנְרַנְּנָה וְנִשְׂמְחָה בְּכָל־יָמֵינוּ: שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ, שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה: יֵרָאֶה אֶל־עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ וַהֲדָרְךָ עַל בְּנֵיהֶם: וִיהִי נֹעַם אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ:

# קה.

הוֹדוּ לַיהֹוָה קִרְאוּ בִּשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו: שִׁירוּ לוֹ זַמְּרוּ־לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו: הִתְהַלְלוּ בְּשֵׁם קָדְשׁוֹ יִשְׂמַח לֵב מְבַקְשֵׁי יְהֹוָה: דִּרְשׁוּ יְהֹוָה וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד: זִכְרוּ נִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה, מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי־פִיו: זֶרַע אַבְרָהָם עַבְדּוֹ בְּנֵי יַעֲקֹב בְּחִירָיו: הוּא יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ בְּכָל־הָאָרֶץ מִשְׁפָּטָיו: זָכַר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה לְאֶלֶף דּוֹר: אֲשֶׁר כָּרַת אֶת אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִשְׂחָק: וַיַּעֲמִידֶהָ לְיַעֲקֹב לְחֹק לְיִשְׂרָאֵל בְּרִית עוֹלָם: לֵאמֹר לְךָ אֶתֵּן אֶת אֶרֶץ כְּנָעַן חֶבֶל נַחֲלַתְכֶם: בִּהְיוֹתָם מְתֵי מִסְפָּר כִּמְעַט וְגָרִים בָּהּ: וַיִּתְהַלְּכוּ מִגּוֹי אֶל גּוֹי מִמַּמְלָכָה אֶל־עַם אַחֵר: לֹא הִנִּיחַ אָדָם לְעָשְׁקָם וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים: אַל תִּגְּעוּ בִמְשִׁיחָי וְלִנְבִיאַי אַל תָּרֵעוּ: וַיִּקְרָא רָעָב עַל־הָאָרֶץ כָּל מַטֵּה־לֶחֶם שָׁבָר: שָׁלַח לִפְנֵיהֶם אִישׁ לְעֶבֶד נִמְכַּר יוֹסֵף: עִנּוּ בַכֶּבֶל רַגְלוֹ בַּרְזֶל בָּאָה נַפְשׁוֹ: עַד עֵת בֹּא דְבָרוֹ אִמְרַת יְהֹוָה צְרָפָתְהוּ: שָׁלַח מֶלֶךְ וַיַּתִּירֵהוּ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

מֹשֵׁל עַמִּים וַיְפַתְּחֵהוּ׃ שָׂמוֹ אָדוֹן לְבֵיתוֹ וּמֹשֵׁל בְּכָל־קִנְיָנוֹ׃
לֶאְסֹר שָׂרָיו בְּנַפְשׁוֹ וּזְקֵנָיו יְחַכֵּם׃ וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם וְיַעֲקֹב
גָּר בְּאֶרֶץ־חָם׃ וַיֶּפֶר אֶת־עַמּוֹ מְאֹד וַיַּעֲצִמֵהוּ מִצָּרָיו׃ הָפַךְ
לִבָּם לִשְׂנֹא עַמּוֹ לְהִתְנַכֵּל בַּעֲבָדָיו׃ שָׁלַח מֹשֶׁה עַבְדּוֹ אַהֲרֹן
אֲשֶׁר בָּחַר בּוֹ׃ שָׂמוּ־בָם דִּבְרֵי אֹתוֹתָיו, וּמֹפְתִים בְּאֶרֶץ חָם׃
שָׁלַח חֹשֶׁךְ וַיַּחְשִׁךְ וְלֹא מָרוּ אֶת דְּבָרוֹ׃ הָפַךְ אֶת מֵימֵיהֶם
לְדָם וַיָּמֶת אֶת דְּגָתָם׃ שָׁרַץ אַרְצָם צְפַרְדְּעִים בְּחַדְרֵי מַלְכֵיהֶם׃
אָמַר וַיָּבֹא עָרֹב כִּנִּים בְּכָל גְּבוּלָם׃ נָתַן גִּשְׁמֵיהֶם בָּרָד, אֵשׁ
לֶהָבוֹת בְּאַרְצָם׃ וַיַּךְ גַּפְנָם וּתְאֵנָתָם, וַיְשַׁבֵּר עֵץ גְּבוּלָם׃ אָמַר
וַיָּבֹא אַרְבֶּה, וְיֶלֶק וְאֵין מִסְפָּר׃ וַיֹּאכַל כָּל־עֵשֶׂב בְּאַרְצָם,
וַיֹּאכַל פְּרִי אַדְמָתָם׃ וַיַּךְ כָּל בְּכוֹר בְּאַרְצָם, רֵאשִׁית לְכָל־אוֹנָם׃
וַיּוֹצִיאֵם בְּכֶסֶף וְזָהָב וְאֵין בִּשְׁבָטָיו כּוֹשֵׁל׃ שָׂמַח מִצְרַיִם
בְּצֵאתָם, כִּי־נָפַל פַּחְדָּם עֲלֵיהֶם׃ פָּרַשׂ עָנָן לְמָסָךְ, וְאֵשׁ לְהָאִיר
לָיְלָה׃ שָׁאַל וַיָּבֵא שְׂלָו וְלֶחֶם שָׁמַיִם יַשְׂבִּיעֵם׃ פָּתַח צוּר
וַיָּזוּבוּ מָיִם, הָלְכוּ בַּצִּיּוֹת נָהָר׃ כִּי זָכַר אֶת־דְּבַר קָדְשׁוֹ,
אֶת־אַבְרָהָם עַבְדּוֹ׃ וַיּוֹצִא עַמּוֹ בְשָׂשׂוֹן, בְּרִנָּה אֶת בְּחִירָיו׃
וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם, וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ׃ בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ
חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ, הַלְלוּיָהּ׃

# קלז.

עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל שָׁם יָשַׁבְנוּ, גַּם־בָּכִינוּ בְּזָכְרֵנוּ אֶת־צִיּוֹן׃ עַל
עֲרָבִים בְּתוֹכָהּ תָּלִינוּ כִּנֹּרוֹתֵינוּ׃ כִּי שָׁם שְׁאֵלוּנוּ שׁוֹבֵינוּ
דִּבְרֵי־שִׁיר, וְתוֹלָלֵינוּ שִׂמְחָה, שִׁירוּ לָנוּ מִשִּׁיר צִיּוֹן׃ אֵיךְ נָשִׁיר
אֶת־שִׁיר יְהוָה, עַל אַדְמַת נֵכָר׃ אִם־אֶשְׁכָּחֵךְ יְרוּשָׁלָיִם תִּשְׁכַּח

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

יְמִינִי: תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי לְחִכִּי, אִם לֹא אֶזְכְּרֵכִי, אִם־לֹא אַעֲלֶה אֶת יְרוּשָׁלַיִם עַל רֹאשׁ שִׂמְחָתִי: זְכֹר יְהֹוָה לִבְנֵי אֱדוֹם אֶת יוֹם יְרוּשָׁלָיִם, הָאֹמְרִים עָרוּ עָרוּ עַד הַיְסוֹד בָּהּ: בַּת־בָּבֶל הַשְּׁדוּדָה, אַשְׁרֵי שֶׁיְּשַׁלֶּם־לָךְ אֶת־גְּמוּלֵךְ שֶׁגָּמַלְתְּ לָנוּ: אַשְׁרֵי, שֶׁיֹּאחֵז וְנִפֵּץ אֶת־עֹלָלַיִךְ אֶל הַסָּלַע:

# קנ.

הַלְלוּיָהּ, הַלְלוּ־אֵל בְּקָדְשׁוֹ, הַלְלוּהוּ בִּרְקִיעַ עֻזּוֹ: הַלְלוּהוּ בִגְבוּרֹתָיו, הַלְלוּהוּ כְּרֹב גֻּדְלוֹ: הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר הַלְלוּהוּ בְּנֵבֶל וְכִנּוֹר: הַלְלוּהוּ בְּתֹף וּמָחוֹל, הַלְלוּהוּ בְּמִנִּים וְעֻגָב: הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי־שָׁמַע, הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי תְרוּעָה: כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ, הַלְלוּיָהּ:

אחר שסיים תהלים, יאמר שלשה פסוקים אלו:

מִי יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּב יְהֹוָה שְׁבוּת עַמּוֹ יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל: וּתְשׁוּעַת צַדִּיקִים מֵיְהֹוָה מָעוּזָּם בְּעֵת צָרָה: וַיַּעְזְרֵם יְהֹוָה וַיְפַלְּטֵם, יְפַלְּטֵם מֵרְשָׁעִים וְיוֹשִׁיעֵם כִּי חָסוּ בוֹ:

# מהדורת דעפריס

זכות מהדורת
הספר הקדוש הזה
יקרא על שם הנדיב היקר
**חיים ישעיה דעפריס**
נרו יאיר ויזרח
וזוגתו **חינקא חיה באבא** תחי'
ובנם **יחזקאל שרגא** נ"י

הקדוש ברוך הוא ימלא
כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא
וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים
יגן וימליץ בעדם תמיד,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

יעקב יוחנן איידליס

וזוגתו

רבקה מירל

ובתם

חי' אסתר

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

אברהם יצחק
אייזנער

וזוגתו

בילא

וילדיהם

יואל, פיגא

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

יקותיאל יהודה
איינהארן

וזוגתו

אידל לאה

וילדיהם

חנני' יום טוב ליפא, חי'
גנעסא, רחל, ישראל דוד

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

משה מרדכי
איינהארן

וזוגתו

בלומא יוכבד

ובנם

נחמן נתן

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אשר דוב אינדארסקי**

וזוגתו

**טויבא רבקה**

וילדיהם

**אליעזר שלמה, שמעון,**
**אדל, חי' דבורה, נפתלי**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יואל** בן **דבורה אסתר**

הקדוש ברוך הוא ישלח לו
רפואה שלימה לכל רמ"ח
איבריו ושס"ה גידיו,
ויאריך ימים בבריאות השלמה
בטוב ובנעימים

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מנשה איצקאוויטש**

וזוגתו **חיה שבע**

וילדיהם **שמואל דוד, ישראל יוסף,**
**רויזא בלומא, פיגא, צבי דוב,**
**אברהם קלונימוס**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני
חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת
דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

יזכור אלקים את נשמת אבי מורי
ר' צבי דוב בן ר' אברהם משה הלוי
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**משה גראס**

וזוגתו

**שרה זלאטע**

ובנם

**שמעון**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל
משאלות לבם לטובה ויתברכו
מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**נחמי' דייטש**

וזוגתו

**חי' זעלדא**

וילדיהם

**ליבא, בנימין זאב**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יעקב אברהם יודא האלצער**

וזוגתו

**חנה**

וילדיהם

**שלמה, פעשא אײדלא, יואל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מרדכי אהרן חיים היילפרין**

וזוגתו

**יוטא פערל**

וילדיהם

**נתנאל, יחזקאל שרגא, חי' אסתר, נחמן נתן**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מרדכי היימליך**

וזוגתו

**מרים**

וילדיהם

**חיה שיינדל, יהושע, אדל, אסתר, נחמן נתן**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**ישראל דוד העסקל**

וזוגתו

**שרה**

וילדיהם

**נפתלי, מרדכי, יהודית**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני
רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**הלל ווייס**

וזוגתו

**שרה רבקה**

וילדיהם

**סאביל, נחמן נתן, אליעזר שלמה**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל
משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי
עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות
רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**אברהם יהושע וועבערמאן**

וזוגתו

**בילא**

וילדיהם

**נחמן נתן, חיים יחזקאל,
טשארנא, יוטא**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל
משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי
עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות
רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**אברהם צבי וועבערמאן**

וזוגתו

**לאה שעניא**

וילדיהם

**רייזל, חיה, רבקה, יוטא, אליעזר
שלמה, נחמן יואל, חיים, פראדל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל
משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי
עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות
רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס

**ברוך יאקאבאוויטש**

וזוגתו

**הדס אדל**

וילדיהם

**אליעזר שלמה, נחמן ישראל, אברהם מאיר**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**נחמן שמואל יאקאבאוויטש**

וזוגתו

**אסתר**

וילדיהם

**שלום, חיים מאיר, לאה, מלכה, פיגא, הינדא רחל, אברהם יהודה, איידל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יהודה ארי' לייב ליבערמאן**

וזוגתו

**אסתר דאבה**

וילדיהם

**מלכה רבקה, משה טובי', עמנואל צבי אלימלך, שמחה בונים**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שבתי דוד מארקוס**

וזוגתו

**רבקה**

ובניהם

**יואל, יצחק יעקב, יהודית**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

## שמעון עוזר מיטלמאן

ומשפחתו

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

## הרוצה בעילום שמו

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

## יואל מענדלאוויטש

וזוגתו

**נעמי יהודית**

וילדיהם

**מנחם מענדל, פייגא, מאליא צירל, אליעזר שלמה, נחמן נתן**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

## דוד ניישטיין

וזוגתו

**חי'**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**ישראל יחיאל**
**סאמעט**
וזוגתו
**מלכה**
וילדיהם
**יואל, לאה , הערשל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**זאב סרולאוויטש**
וזוגתו
**מרים**
וילדיהם
**חנה חי', מרדכי, פיגא**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**משולם נחמן פינטער**
וזוגתו
**תמר**
וילדיהם
**פיגא, אסתר, אדל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**אברהם מרדכי**
**פיש**
וזוגתו
**שרה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יעקב שאול פיש**

וזוגתו

**שרה**

וילדיהם

**אליעזר שלמה, מירל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אפרים פעלדמאן**

וזוגתו

**טשארנא מלכה**

ובתם

**יוטא**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אליהו פערל**

וזוגתו

**רייזל**

וילדיהם

**אדל, רבקה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**ברוך משולם זושא
פריעדמאן**

וזוגתו

**חי' שרה**

וילדיהם

**אלעזר ישעי', שלום יעקב יהושע,
ישראל מנחם, יוסף אליהו**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

אברהם אליהו פריעדריך

וזוגתו

שרה הענטשא

וילדיהם

ישראל, יוסף, חי' פיגא,

נחמן נתן

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

אליהו ציג

וזוגתו

מלכה

וילדיהם

יכט, יוסף, שרה פיגא

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

אברהם אליהו קנאלל

וזוגתו

פיגא

וילדיהם

מלכה, ישראל, אליעזר שלמה

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

ישראל מנחם

ראזענבערג

וזוגתו

לאה

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יואל שרגא פייוול**
**ראזענוואסער**

וזוגתו

**רבקה**

וילדיהם

**יוסף, משה, אלטר ישעי'**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מרדכי ישראל משה**
**ראזענפעלד**

וזוגתו

**רויזא רבקה**

וילדיהם

**יוסף אשר, חנה, יקותיאל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יהודה ארי' ראטה**

וזוגתו

**רחל**

ובנם

**יוסף**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יצחק אייזיק ראטה**

וזוגתו

**ברכה ריזל**

ובנם

**יעקב יהודה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יואל אברהם ראטענבערג**
וזוגתו
**גאלדא**
וילדיהם
**ארי', נפתלי נטע, יעקב שלום**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אלחנן חיים רוטה**
וזוגתו
**נחמה אסתר**
ובתם
**בלומא**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל
משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי
ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת
דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שלמה רוטה**
וזוגתו
**פריידא הענדל גיטל**
וילדיהם
**נחמן נתן, מלכה, יחזקאל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אהרן שלמה שווארץ**
וזוגתו
**מרים ברכה**
וילדיהם
**אלכסנדר, שרה לאה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יוסף מאיר יהושע**
**שטיין**
וזוגתו
**שרה חנה**
וילדיהם
**משה, ישעי'**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מנחם שטיינבערג**
וזוגתו
**חי'**
וילדיהם
**אדל, אליעזר שלמה, יוטא,**
**שרה, יהושע, פנחס דוד**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**משה שמואל**
**שטעסל**
וזוגתו
**שרה חוה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מנחם זאב שטערן**
וזוגתו
**עטל**
וילדיהם
**מלכה** ומשפ',
**שמואל מרדכי, יכט,**
**חיים יושע, אסתר פראדל, פייגא,**
**חי' דבורה, שלמה אליהו, רוזא**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות
אלעזר צבי שניצלער
וזוגתו
מלכה הינדא
וילדיהם
נחמן נתן, יואל, יוטא, בת שבע
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות
הרוצה בעילום שמו
הקדוש ברוך הוא ימלא
כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות
יואל מנחם גרשון שניצלער
וזוגתו
מלכה מאטל מינדל
וילדיהם
שרה גיטל, גאלדא
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות
שמואל דוב שניצלער
וזוגתו
אסתר פראדל פערל
ובתם
פיגא
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.